STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07330

A GAST FUN AMERIKE

Z. Weinper

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַ גאַסט פון אַמעריקע

3 ביכער

לכבוד

ז. וויינפּערס

60־יאָריקן יובּילײ

באַנד 1 — ראָמאַן

אַ גאַסט פון אַמעריקע

באַנד 2 — פּאָעזיע

לייד און פרייד

באַנד 3 — עסייען

יידישע שריפטשטעלער און קינסטלער

ניו־יאָרק, 1953

אַ גאַסט פון אַמעריקע

ראָמאַן

פון

ז. ווײַנפּער

אַרויסגעגעבן דורך די
ז. ווײַנפּער יובּילײ־קאָמיטעט
לכבוד זײַנע 60 יאָר

ביים פאַרלאַג

נױ־יאָרק 1953

A GAST FUN AMERICA
(A VISITOR FROM AMERICA)

Copyright 1953
by
Z. WEINPER

PRINTED IN THE U.S.A.
209

די ז. ווײַנפּער יובליי־קאָמיטעט איבער אונדזער לאַנד און אין די שכנהשע לענדער, — קאַנאַדע און מעקסיקע וואָלטן אַוודאי געוואָלט באַווייזן אַרויסצוגעבן צו דעם זעכציק־יאָריקן געבוירנטאָג פון אונדזער באַליבטן דיכטער אַלע זיינע ווערק — סיי די, וואָס זיינען דערשינען דורך די יאָרן פון זיין שאַפן און זיינען שוין איצט נישט צו קריגן און סיי אַלע מאַנוסקריפּטן, וואָס געפינען זיך אין זיינע טיש־קעסטלעך.

מיר וואָלטן דורך אַזאַ אויפטו געבראַכט צו אונדזער בעסערן לייענער די גאַנצע פאַרביקייט און פילזייטיקייט פון אונדזער פרוכטבאַרן ז. ווײַנפּער.

זיינע לידער וועגן וואָלין — דאָס געבורט־אָרט, וואו ער האָט פאַרבראַכט זיין פריע יוגנט, וואָס האָבן געעפנט פאַר דעם דעמאָלט נאָך זייער יונגן ז. ווײַנפּערן די טירן צו די הערצער פון די בעסטע ליטעראַטור־געניסער. זיינע ערלעכע, בילדערישע פּאָעמען וועגן ישראל, וואו ער איז געווען אַ מיטקעמפער אינעם דעמאָלטדיקן „יידישן לעגיאָן", זיין ווערטפולע פּאָעמע „פּיניע", וואָס האָט ביי דער דערשיינונג אַרויסגערופן דעם ענטוזיאַזם פון אַ גרויסע צאָל קריטיקער און לייענער. זיין „גאָלדענער האָן" — דאָס פּרעכטיקע בוך פאַר קינדער, פון וועלכן עס שעפּן די בעסטע שול־ביכער איבער גאָר דער ערד, וואו אונדזער יידיש ווערט געלערנט, און וואָס איז געוואָרן אַן אינספּיראַציע פאַר די בעסטע יידישע קאָמפּאָזיטאָרס. זיין ווערטפול בוך „דאָס געזאַנג פונעם גלויביקן", דורך וועלכן עס קומען צום אויסדרוק די פאַרביקע פּייזאַזשן פון אונדזער אַמעריקע און דער גראַנגל פון דער צייט. דאָס פאַרטיפטע בוך „ביים גרענד־קעניאָן", דורך וועלכן מיר דערזעען נישט נאָר די מאַיעסטעטישקייט פון דעם נאַטור־וואונדער, נאָר אויך די מאַיעסטעטישקייט פון ז. ווײַנפּערס דיכטונג. נו, און אַוודאי דאָס אייגנאַרטיק בוך „פּאָעמען וועגן די נביאים", וואָס איז גאָר אַ באַזונדערע דערגרייכונג אין דעם דיכטערס שאַפן.

און אויך וואָלטן מיר געהאַט אין אַזאַ קאָמפּלעט די פּראָזע־ווערק פון ז. ווײַנפּער. דאָס בוך „מיטן יידישן לעגיאָן", דעם ראָמאַן „אויף די זאַמדן פון יהודה" און די דריי ביכער „פּאָרטרעטן פון יידישע שרייבער", — דאָס זיינען אַלץ ביכער פון וויכטיקער באַדייטונג.

די יובליי־קאָמיטעטן וואָלטן אַוודאי געוואָלט דאָס באַווייזן, אָבער רעכענענדיק זיך מיט די מעגלעכקייטן, האָט מען זיך געמוזט באַנוגענען אינעם איצטיקן מאָמענט בלויז מיט דריי ביכער, אין וועלכע עס ווערן אַריינגענומען אַ טייל פון די מאַנוסקריפּטן, וואָס ליגן אין דעם דיכטערס טישקעסטלעך.

די דריי ביכער דערשיינען מיט דער הילף פון ביישטייערער, וואָס דריקן אַזוי־אַרום אויס זייער אָנערקענונג צום דיכטער. די נעמען פון אַ טייל, וואָס האָבן זיך בייגעשטייערט, זיינען געדרוקט ביים סוף פון אַט־דעם באַנד. מער נעמען פון די ווייטערדיקע ביישטייערער וועלן אַריין אין דעם בוך: „יידישע שריפטשטעלער און קינסטלער", און אין דעם בוך: „לייד און פרייד", וואָס גייט אַרויס מיט דער הילף פון דעם חשובן אַל. ראַיער פון לאָס־אַנגעלעס, וועלכער האָט מיט אַ צייט צוריק מעגלעך געמאַכט די דערשיינונג פון ז. ווײַנפּערס וויכטיק בוך „ביים גרענד קעניאָן".

אין אונדזערע אייגענע נעמען און אין נאָמען פון דעם חשובן יובילאַר באַדאַנקען מיר אַלע ביישטייערער. לאָמיר אַלע דערלעבן צו יום־טובן אונדזער באַליבטן ז. ווײַנפּערס זיבעציק־יאָריקן געבוירנטאָג אין אַ וועלט פון שלום און מנוחה.

די ז. ווײַנפּער יובליי־קאָמיטעטן

דער קאָמאַנדאַנט פאַן שווענסקי

אַ הייסער אויגוסט נאָכמיטאָג. די לופט, אַ צעפּאַרעטע און אַ קלעפּיקע, איז געהאַנגען אַ פאַרחלשטע און האָט אַליין קוים, קוים גע־אָטעמט. די אַלטע, סוקעוואַטע דעמבעס אַרום די צוויי קלויסטערס, — דעם פּראַוואָסלאַווונעם און דעם קאַטוילישן — זיינען געשטאַנען, ווי אויס־געמאַלענע אין זייער גרינקייט.

די פיר רייען קלייטלעך אין דער מיט פונעם מאַרק זיינען געשטאַנען פאַרגליווערטע. ביי דער רעכטער זייט פונעם הילצערנעם בריקל, וואָס האָט צוזאַמענגעבונדן דעם שאָסיי מיטן מאַרק איז געלעגן אַ געלער קוד־לעוואַטער הונט מיטן צונג אַרויסגעשטעקט און שטיל און פאַרמאַטערט געהעשעט.

ביים אָפענעם פענצטער פון דעם ווייס־געקאַלעכטן הויז מיט די גרינע, צעעפנטע לאַדנס, וואָס האָט געהערט צו דער פּוילישער קאָמענדאַטור, איז געזעסן דער פאָליציי־קאָמענדאַנט פאַן שווענסקי און זיך געפאָכעט איבער דעם שווייסיק־פייכטן, אָנגעפּולטן פּנים מיט אַ צונויפגעלייגטער צייטונג. דאָס פאָכעניש האָט דאָס מאָל געהאַט פאַר אים אַ טאָפּלטיקן צוועק. ערשטנס, דאָס קילע לופטעלע, וואָס האָט געגלעט זיין פּנים און זיין האַלדז. און צווייטנס, האָט דאָס זעלבע פאָכעניש דערווייל אויך אָפּגעטריבן די פליגן, וואָס האָבן עפּעס אין יענעם נאָכמיטאָג זיך באַזונדער אָנגעזעצט אויף אים און בשום אופן אים נישט געוואָלט צורו לאָזן.

פאָכנדיק זיך האָט פון צייט־צו־צייט די צייטונג אין זיין האַנט זיך איבערגעוואַנדלט פון אַ פאָכער אין אַ בייזן פאַטשער. אַ פאַטש דאָ און באַלד נאָך אַ שטאַרקערן פאַטש אויף אַן אַנדער אָרט פון זיין האַלדז און זיין פּנים און מיט יעדן פאַטש איז געקומען אַ בייזער מרוק פון זיין מויל דורך די געדיכטע, בלאָנדע וואָנצעס אין דער הייסער, פאַרחלשטער לופט אַריין:

— „זשידזשי!"

— „זשידזשי פאַרשיווע!"

— „יאַק באַגאַ קאָכאַם זשידזשי פאַרשיווע!"

דאָס בייזע מרוקען פון זיין מויל איז נישט דערגאַנגען צום דרויסן. אָבער דאָס פאַטשן זיך מיט דער צייטונג איז אויפגעכאַפּט געוואָרן דורך די אויגן פון שלמה קאָוואַל און זיין אַרבעטער ירחמיאל, וואָס זיינען גע־שטאַנען אין דרויסן פון דער קוזניע אַנטקעגנאיבער און געהאַלטן אין

דער מיטן פון אַרויפציען אַ הייסע, איזערנע רייף אויף אַ הילצערנער ראָד פון אַ נייעם פויערישן וואָגן.

דער באַלעבאָס מיטן אַרבעטער האָבן זיך איבערגעוואונקען וועגן דעם קאָמענדאַנט ביים אָפענעם פענצטער און שטיל זיך דורכגעוואָרפן מיט אַ באַמערקונג וועגן אים:

— זיצט און שלאָגט זיך מלקות, אַז די כאָליערע זאָל אים נעמען, — האָט ירחמיאל אַרויסגעלאָזט פון זיין מויל נישט אויפהערנדיק בשעת מעשה צו האַמערן מיטן האַמער איבער דער רייף.

— עס זאָל אים נאָר נישט זיין קיין אָפּקומעניש פאַר זיינע זינד, רבונו של עולם, — האָט שלמה קאָוואַל געענטפערט, דריקנדיק מיט דער צוואַנג איבער דעם אָבוד פון דער ראָד.

— אָנשטאָט מיט דער צייטונג וואָלט איך אים מיטן האַמער אָט אַזוי, — האָט ירחמיאל אויסגעדריקט זיין באַגער און ווי דער אָנגעגליטער טשוואָק איבער דער רייף וואָלט געווען דער קאָפּ פונעם קאָמענדאַנט, האָט זיך זיין האַמער מיט אַ באַזונדער הנאהדיקן שוואונג צעפּאָכעט איבער אים.

— קלינג! קלאַנג! קלינג! — האָט זיך צעקלונגען ירחמיאלס האַמער און דער קאָמענדאַנט פאַן שווענסקי איז זיך געזעסן ביים אָפענעם פענצ־טער און זיך געטאָן זיינס מיט דער צונויפגעלייגטער צייטונג, טראַכטנ־דיק בשעת מעשה פונעם אַרטיקל, וואָס ער האָט פריער איבערגעלייענט טאָקע אין אָט דער צייטונג, אַז די יידן זיינען פּיאַווקעס.

— פּיאַווקעס! כע, כע, כע! די יידן זיינען פּיאַווקעס! — האָט ער איבערגעחזרט מיט גרויס הנאה דעם אויסדרוק פון יענעם אַרטיקל.

אין דעם מאָמענט האָט זיך אַ פליג פאַרגנבעט איבער זיין שווייסיקן נאַקן ביים זוים פון זיין צעכראַסטעטן העמד־קאָלנער. ער האָט אַ שטאַרקן פּאַטש געטאָן מיט דער צייטונג אויף יענעם אָרט און בייז אַ מרוקע געטאָן:

— ניין, נישט קיין פּיאַווקעס זיינען זיי! „יאַק באָגאַ קאָכאַם", נישט קיין פּיאַווקעס! פליגן זיינען זיי! זלידנע פליגן, אָט וואָס זיי זיינען!

אַרויסשפּייענדיק אָט די ווערטער פון מויל, האָט ער זיך פּלוצלינג געכאַפּט, אַז אָט דאָס זיינען נישט גלאַט אַזוי ווערטער, נאָר אַז אַ זייער טיפער געדאַנק ליגט אין זיי און ער האָט זיך זייער ערנסט פאַרטראַכט וועגן אָט די ווערטער, וואָס זיינען אַזוי צופעליק אַרויסגעשפּיגן געוואָרן פון זיין מויל.

ער איז וואָס ווייטער אַלץ מער זיכערער געוואָרן, אַז ער האָט מיט אָט די ווערטער אַרויסגעבראַכט פאַר דער וועלט אַ זייער טיפן און ביז גאָר אָריגינעלן געדאַנק.

— פליגן, כע, כע, כע, פליגן! — האָט ער זיך צעכיכיקעט מיט אַ דריבנעם און זייער צופרידענעם קול.

דאָס דריבנע געלעכטער זיינס האָט זיך צעקייקלט און געבראַכט צו זיין אייגענעם געהער אַ זעלבסטצופרידנקייט, וואָס האָט אים געגעבן אַ שטאַרקן הויב אויף אין זיינע אייגענע אויגן.

— מען דאַרף זען, אַז אָט דער געדאַנק מיינער זאָל נישט פאַרגעסן ווערן! — האָט ער זיך אַליין אַ באַפעל געגעבן און בשעת מעשה זיך גענומען אויסרעדן הלמאי ער פאַרצייכנט נישט זיינע געדאַנקען.

— וויפל פון זיי זיינען שוין אין גיוועץ אַוועק! — האָט ער זיך שטאַרק אויסגערעדט.

ער האָט אויפסניי זיך צעפּאַכעט מיט דער צונויפגעלייגטער צייטונג איבערן פּנים און האַלדז און גענומען ערנסט זיך אַריינטראַכטן אינעם געדאַנק, וואָס איז אַזוי צופעליק געקומען צו אים, אַז יידן זיינען זלידנע פליגן. אויף אַ מאָמענט האָט ער אַפילו דערפילט אַ דאַנקבאַרקייט צו די פליגן, וואָס האָבן זיך היינט אַזוי צוגעטשעפּעט צו אים און אַזוי אַרום אים אַרויפגעפירט אויף אָט דעם זייער אָריגינעלן געדאַנק און דעמאָלט איז אַפילו דאָס פּאַטשעניש זיינס מיט דער צייטונג געוואָרן אַביסל מילדער.

— יאָ, פליגן! אומבאַדינגט פליגן! וואָס דען, פּיאַווקעס? כע, כע, כע, נאַ דיר גאָר פּיאַווקעס אויף די זשידזשיס!

ער האָט פון גרויס צופרידנקייט זיך אַזש אַ דריי געטאָן אין דעם ווייכן שטול, אין וועלכן ער איז געזעסן:

— כע, כע, כע, נאַ דיר גאָר פּיאַווקעס!

דאָ האָט ער זיך צעברומט מיט אַזאַ אַזאַרט, אַז ער האָט אַזש אָנגעהויבן צו לעקן מיטן צונג די געדיכטע וואָנצעס זיינע איבערן מויל, ווי נישט קיין געדאַנק וואָלט פון הינטער זיי אַרויס, נאָר ווי אַ שוימיקע גלאָז ביר, וואָלט זיי נאָר־וואָס געהאַט באַנעצט און איצט פּאַסמאַקעוועט זיך אַזוי דער צונג מיט דער קילער, שוימיקער פייכטקייט, וואָס איז אויף זיי פאַרבליבן.

ער האָט זיך פאַרטראַכט וועגן דעם שרייבער פונעם אַרטיקל אין דער צייטונג, וואָס האָט פאַרגליכן די יידן צו פּיאַווקעס און ער האָט באַשלאָסן, אַז ער איז מסתמא זייער אַ גוטער פּאָליאַק, אָבער קיין איבערגעשפּיצטער איז ער זיכער נישט.

— אַ שוטה, אָט וואָס ער איז!

אויף פּאַן שווענסקיס פּנים האָט זיך באַוויזן אַ מילדקייט, וואָס איז געפלאָסן פון זיין באַוואוסטזיין וועגן זיך, אַז ער איז דאַנקען דעם „פּאַן באָג" נישט פון די מענטשן, וואָס לעבן בלויז מיט די געדאַנקען, וואָס זיי

הערן, אָדער לייענען פון עמיצן אַנדערש.

— אָט אַשטייגער דער געדאַנק מיט די פּיאַווקעס. אַן אַנדערער וואָלט דאָס גענומען און שוין! אָבער איך? כע, כע, כע, נישט איך!

ער האָט זייער צערטלעך אָנגעהויבן צו גלעטן זיינע וואָנצעס און זיך גענומען אַריינלאָזן אין אַ שמועס מיט זיך אַליין:

— יידן זיינען בלוטזויגער? נו, יאָ, אַוודאי זיינען זיי און פּיאַווקעס זיינען זיי אויך. נו, יאָ, אַוודאי איז דאָס אַזוי! דאָס איז אַ באַקאַנטע זאַך. נישט בלויז אַדאָלף היטלער ווייסט עס. מיר, אַלע גוטע און פּאַטריאָטישע פּאָליאַקן ווייסן דאָס שוין פון לאַנג. און דאָך קאָן מען זיי נישט פאַרגלייכן צו קיין פּיאַווקעס! וואָרים פּיאַווקעס, ווייסן מיר, אַז זיי זויגן זיך אָן ווערן זיי פאַרגליווערט און פאַלן אַרונטער, אָבער יידן?

— עס איז גאָרנישט קיין פאַרגלייך! יידן זויגן ווי די פליגן און פונקט, ווי די פליגן ווערן זיי קיינמאָל נישט מיד. זויגן און זויגן און זשוזשען נאָך דערצו, פשאַקרעוו, כע, כע, כע.

איצט איז דאָס פּאָכעניש מיט דער צונויפגעלייגטער צייטונג אין זיין האַנט געוואָרן נאָך שטאַרקער, אָבער געווען איז דאָס שוין נישט מער קיין פּאָכעניש און אַוודאי שוין נישט קיין פּאַטשעניש, נאָר אַ מין טענצלען פון אָנערקענונג צו זיך אַליין.

דורך זיין אָפענעם פענצטער איז געלעגן אויסגעשפּרייט פאַר זיינע אויגן דער מאַרק, וואָס האָט אויסגעקוקט, ווי אַ פאַרגליווערטער געניץ פון אַן אַלט מויל אין וועלכן עס זעט זיך קוים אָן דאָ און דאָרטן אַן איבערגעבליבענער צאָן, וואָס איז שוין לאַנג צוגעפוילט און קאַליע. די מערסטע קלייטלעך זיינען געווען פאַרשלאָסענע. די גרויע, אָפּגעשיילטע טירן און לאָדנס האָבן איבער דעם ברוינלעך־קרישלענדיק־ציגלנעם הינטערגרונט אויסגעקוקט, ווי פאַרבאַנדאַזשירטע אויגן און די עטלעכע אָפענע קלייטלעך האָבן אויסגעקוקט, ווי רינענדיקע אויגן, וואָס מען וועט סוף כל סוף אויך מוזן פאַרבאַנדאַזשירן. פון צייט צו צייט האָט זיך פּאַמעלעך, נישט געאיילט דורכגעוויגט אַ ייד מיט די הענט פאַרלייגט אַהינטער זיך. דאָס האָט זיך איין יידישער קרעמער צוגערוקט פון זיין קלייטל צו אַ שכנס, כדי אויסצורעדן אַ וואָרט וועגן וואָס עס זאָל נישט זיין.

פון אַ הינטערגעסל האָט זיך באַוויזן אַ רויטלעך־אויסגעדאַרטע קו מיט אירע צוויי אויסגעבויגענע הערנער איינער קעגן דעם אַנדערן. זי האָט זיך געצויגן צום מאַרק מיט פּאַמעלעכדיקע, געציילטע און פוילע טריט, ווי זי וואָלט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז איילן זיך איז סיי־ווי נישטאָ צו וואָס.

— מהו־הו!!! — האָט זי פונדעסטוועגן געלאָזט וויסן דעם מאַרק, אַז זי דערנעענטערט זיך צו אים.

— מהו־הו!!! — האָט זי נאָכאַמאָל אַרויסגעלאָזט דעם מרוק פון איר צעעפנט מויל, און ווער ווייס? אפשר איז אָט דער מרוק אירער געווען אַ קרעכץ אַזאַ ביי איר, דערזעענדיק, אַז אויפן מאַרק איז נישטאָ קיין סימן פון קיין פויעריש פורל פון וועלכן מען זאָל קאָנען אַ ציִ טאָן מיט דער מאָרדע אַ הייעלע, אָדער כאַטש אַ פריש שטרויעלע.

— מהו־הו!!!

ביים דריטן מרוק האָט זי זיך געגעבן אַ שמיצל מיטן עק איבער איר אויסגעדאַרטן רוקן.

דאָס שמיצל האָט געקאָנט זיין איבער אַ פליג, וואָס האָט געזוכט אַ נאַש צו טאָן פון איר אויסגעדאַרטער און פאַרטריקנטער פעל, אָדער ווער ווייסט? אפשר האָט זי זיך גאָר אַ שמיצל געטאָן הלמאי זי האָט פאַרלאָזן דאָס שטעלכל מיט דער האָפענונג עפּעס פאָרט צו קריגן אויפן מאַרק און איצט באַשטראָפט זי זיך אַזוי פאַר איר אייגענער נאַרישקייט.

זי איז געבליבן שטיין. אַ וויל האָט זי געקוקט פאַר זיך מיט פינטל־דיקע בליקן. שפּעטער האָט זי אַ הויב געטאָן די מאָרדע אירע אין דער לופט אַריין, ווי זי וואָלט געזוכט עפּעס דאָרטן צו דערשמעקן, אָבער דער־שפּירנדיק בלויז די הייסע, צעפּאַרעטע לופט, האָט זי צוריק אַרונטער־געלאָזט די מאָרדע און געקוקט פאַר זיך מיט אַ רעזיגנירטן בליק, וואָס האָט געקאָנט מיינען:

— נו, מילא, אַז מען איז שוין יאָ אַרויסגעקומען, וועט מען שוין שטיין אַביסל און קוקן גלאַט אַזוי זיך.

אָט אַזוי האָט מסתמא געטראַכט די קו, אָבער נישט אַזוי האָט גע־טראַכט דער קאָמענדאַנט פאַן שווענסקי, ווען זיינע קאָמענדאַנטישע בליקן זיינען געפאַלן אויף איר.

— אָט אַ חוצפה! — האָט ער זיך צעברומט און געפילט, ווי עס הויבט אים ממש פון זיין אָרט.

— אפילו אַ קו, אַזוי גיך, ווי זי ווערט דאָס אייגנטום פון אַ יידן, איז זי אַליין שוין אַ יידישקע!

אַוודאי האָט ער געפילט, אַז עס איז זיין קאָמענדאַנטישע פליכט זיך אויפצוהויבן און אַריבערגיין אויפן מאַרק אויסצוגעפינען וועמענס אָט די חוצפהדיקע קו איז, וואָס האָט געוואָגט אינמיטן העלן טאָג זיך אַוועק־צושטעלן מיט אַזאַ ברייטקייט אויפן מאַרק פון אַ פויליש שטעטל, אָבער ער האָט זיך פונדעסטוועגן נישט אויפגעהויבן.

ערשטנס, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז פאַר אַזוינס וואָלט געדאַרפט

אַריבערגיין אַ פּשוטער פּאַליציאַנט, וואָרים איז עס דען פּאַרן כבוד פון פּוילן, אַז ער, אַ קאָמענדאַנט, זאָל זיך אָפּגעבן מיט אַ קו?; צווייטנס, איז אים געווען צו־באַקוועם אין דער ווייכער שטול און גיי הויב זיך אויף פון אַזאַ וואוילטאָג.

— פּשאַקרעוו! — האָט ער זיך צעבייזערט און פאַר אים אַליין איז נישט קלאָר געווען אויפן מאָמענט אויף וועמענס אַדרעס אָט־דער „פּשאַ־קרעוו" איז אַרויס פון זיין מויל. איז עס געווען אויפן אַדרעס פון זיינע צוויי פּאַליציאַנטן, וואָס זיינען נאָך קאַיאָר אַוועק אין יענעם נאָענטן דערפל קאַלטשין, כדי צו אַרעסטירן אַן אוקראַיינישן יונג? צי איז ער גאָר געווען אויפן אַדרעס פון אים אַליין, הלמאַי ער פוילט זיך אויפצוהויבן און ער זוכט דערפאַר זיך צו פאַרענטפערן מיטן כבוד פון פּוילן?

און אַז אין מוח זיינעם איז שוין געקומען דער כבוד פון זיין פּוילן, האָט ער זיך דערמאָנט אַן דעם איבערבייס, וואָס ער האָט טאַקע היינט קאַיאָר אַריינגעכאַפּט ביי די יאַסנע וועלמאַזשנע קאַשענסקיס אויפן הויף.

— געשמאַק געווען! — האָט ער מיט צופרידנקייט געטראַכט. אָבער איינס איז אים געווען, ווי אַ ביין אין האַלדז, און דאָס איז געווען, וואָס דעם איבערבייס האָט מען אים געגעבן נישט אינעם עס־צימער צוזאַמען מיט די פּאַנאָוויעס, נאָר אין אַ באַזונדער צימער, וואָס אַז מען וויל איז דאָס כמעט, ווי לעבן דער קיך, ווי ער וואָלט נאָך אַלץ געווען אַ פּראָסטער פּאַליציאַנט און נישט געטראָגן אויף זיך דעם צייכן פון אַ קאָמענדאַנט.

— אָבער די פּאַקאַיאָווע, ווי הייסט זי דאָרט? — האָט ער זיך אָנ־געשטרענגט צו דערמאָנען.

ער האָט זיך שמאַלציק צעשמייכלט, ווען ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אַזוי די פּאַקאַיאָווע איז אים אַנטקעגן געקומען נישט נאָר מיט דעם בראָנ־פּען און די געשמאַקע מאכלים, נאָר אויך מיט די בליקעלעך אירע, ווען ער האָט צו איר שטום צוגעוואונקען.

— היינט אָוונט קומט זי אַריבער, כע, כע, כע, — האָט ער זיך צע־פּרעפּלט מיט גרויס הנאה און נאָך טיפער זיך אַריינגערוקט אין דער ווייכער שטול אַריין.

איצט האָט ער זיך דערפילט אַזוי גוט, אַז אפילו דאָס טשעפּען זיך פון די פליגן צו זיין לייב, האָט אים שוין נישט אַזוי געאַרט.

— פליגן, באַ! — האָט ער פליוכע געטאָן פונעם מויל און צעפּאָ־כענדיק די צייטונג איז אים געקומען נאָך אַ געדאַנק אין מוח אַריין.

— אַ פּאַטש מיט דער צייטונג און אויס מיט דער פליג!

— כע, כע, אַ נייער געדאַנק! — האָט ער זיך געפרייט, וואָס אים גייט עס היינט אַזוי מיט די נייע געדאַנקען.

— אַ פּאַטש מיט דער צייטונג און אויס מיט דער פֿליג!

דאָ איז ווידער געפֿאַלן זיין בליק אויף דער קו, וואָס איז זיך געשטאַנען אויפֿן מאַרק און געשמיצלט מיטן עק.

— זע, נאָר זע, ווי חוצפּהדיק זי שטייט זיך דאָס אַזוי! — האָט ער אַ בייזן ברום געטאָן צו זיך.

— זי שטייט זיך, אַזוי ווי זי וואָלט געווען דעם יאַסנע וועלמאַזשנע קאַשעגסקיס און נישט עפּעס דאָרטן אַ פּאַרשיווע זשידזשיס!

ער האָט זיך באַמיט צו באַרואיקן, אַז יעדע מינוט וועלן זיך אומקערן די פּאַליציאַנטן פֿון דעם דערפֿל קאַלטשין און דעמאָלט...

— נו, יאָ, דעמאָלט, — האָט ער זיך געפֿילט אַביסל באַרואיקט.

איצט איז אים גאָר איינגעפֿאַלן, אַז עס איז געווען אַ גאָלדענע געלעגנהייט, וואָס מען האָט אים איבערגעשיקט פֿון קרוינפּוילן אַהער אין דער געגנט.

— וואָס פֿאַר אַ פֿרייד וואָלט איך געהאַט, ווען מען גיט מיר די קאָמענדאַטור אין אַ ישוב פֿון פּאַליאַקן?

ער האָט זיך געפֿרעגט אָט די פֿראַגע און גענומען זיך ענטפֿערן מיט גרויס פֿאַרגעניגן אין זיין קול:

— דאָ איז עפּעס אַנדערש! דאָ בין איך אַ קאָמענדאַנט, ווי אַ קאָמענדאַנט דאַרף צו זיין! זיי ווייסן, אַז מען האָט זיי פֿיינט און זיי ציטערן! עס איז אַ מחיה צו זען, ווי זיי ציטערן!

ער האָט זיך פֿאַרטראַכט וועגן דעם צופֿלוס פֿון פּאַליאַקן אין אָט־דער געגנט, און כאָטש זיין פּוילישער פּאַטריאָטיזם האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז אַזוי איז גוט, אַז אַזוי דאַרף צו זיין, האָט ער דאָך געפֿילט, אַז טיף אין זיך איז ער נישט זייער שטאַרק צופֿרידן פֿון אָט דעם כסדרדיקן פּוילישן צופֿלוס.

— באַלד, באַלד און דאָ וועלן שוין זיין אַזוי פֿיל פּאַליאַקן, אַז...

ער האָט איינגעהאַלטן אין זיך די ווערטער, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין אַרויסרייסן אויפֿן אַדרעס פֿון די פּאַליאַקן וואָס האַלטן כסדר אין איין אָנקומען אַהער, און געזאָגט האָט ער גאָר עפּעס אַנדערש:

— יעדע וואָך אַלץ נייע און וואָס מער זיי קומען, אַלץ מער פּאַליציאַנטן, וואָס קוקן מיר צופֿיל אין די הענט אַריין.

— פּשאַקרעוו! — האָט ער אַ שיק געטאָן אין דער לופֿט אַריין און זיך דערמאָנט, אַז דער יאַסנע וועלמאַזשנע קאַשעגסקי קוקט אים שוין אויך אַביסל צופֿיל נאָך:

— לעבסט נישט שלעכט דאָ, האַ?

ער האָט געטראַכט מיט פּאַרדרוס, וואָס אָט דער יאַסנע וועלמאַזשנע

פרעגט שוין ביי אים אַביסל צו אָפּט אָט די פראַגע. און עס איז נישט אַזוי די פראַגע אַליין, ווי עס איז דאָס שמייכעלע אין זיינע אויגן, וואָס קומט ביי אים געוויינלעך שטענדיק צוזאַמען מיט דער פראַגע.

— וואָס־זשע, איך נעם עפּעס ביי אים? — האָט ער זיך געפרעגט מיט טיפער באַליידיקונג.

דאָ האָט ער זיך דערמאָנט אָן דער פּאַקאַיאָווע, וואָס האָט צוגעזאָגט היינט אָוונט אַריבערצוקומען און עס איז אים ווידער געוואָרן ווייך אויפן געמיט.

— אַ פּאָר ברייטע קליבעס, — כע, כע, כע. אַ געשמאַקער ביסן, אָט די הינטישע טאַכטער!

פּלוצלינג האָט ער זיך ווידער דערמאָנט, אַז ער געדענקט נישט, ווי מען רופט זי ביים נאָמען:

— פּשאַקרעוו! איז ווי זשע הייסט זי טאַקע, אָט די הינטישע נקבה מיט די ברייטע קליבעס, האַ?

— האָט זי מיר געזאָגט און איך האָב פאַרגעסן?

באַלד האָט ער זיך באַרואיקט. לאָזנדיק אַ שמאַלציקן בליק אין די וואָנצעס אַריין, האָט ער זיך צעשמייכלט:

— מען וועט שוין אויסגעפינען...כע, כע, כע. מען וועט שוין אויסגעפינען...זאָל זי נאָר קומען, די הינטישע נקבה!...

פּלוצלינג איז אים איבערגעלאָפן אַ כמאַרעלע איבערן שטערן און ער האָט זיך ערנסט פאַרטראַכט:

— און וואָס, אַז זי וועט מיר ברענגען שפּעטער אַ ממזר און פאָדערן אַ „שליוב" מיט מיר, האַ?

ער האָט אויפגעציטערט פונעם געדאַנק, אַז עס קאָן דערפירט ווערן צו אָט אַזוינס.

— גיי האָב חתונה מיט דעם יאָסנע וועלמאָזשנעס אַ פּאָקאָיאָווע! איך, אַ קאָמענדאַנט, מיט אַ פּאָקאָיאָווע!

— פּשאַקרעוו!

ער האָט זיך אַריינגערוקט טיפער אין דער ווייכער שטול און גענומען דורכטראַכטן אָט די פּראָבלעמע, וואָס איז פּלוצלינג אויפגעשטאַנען אין זיין מוח. ער האָט זיך געקליבן דורכצוטראַכטן און געפינען אַ פּאַרטל, ווי אַזוי ער זאָל קאָנען אי הנאה האָבן און אי אויסמיידן די גע־פאַר פון אומאָנגענעמלעכקייט, אָבער דאָ איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אים דאָך געגעבן אַ הויב פון דער ווייכער שטול.

פונעם לודמירער וועג, וואָס פירט פון דער באַן־סטאַנציע, איז אַריינ־געפאָרן באַנטשי בעל־עגלה מיט אַ גאַנצן טאַראַראַם, וויגנדיק די צעפּאַ־

כעטע בייטש איבער די רוקנס פון זיינע צוויי פערדלעך און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן מאַרק אַנטקעגן חיים אייזנקרעמערס קלייט מיט עפּעס אַן אויסטערלישן פאַרשוין, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרונטערצוקריכן פון׳עם וואָגן.

— ווער איז דאָס אַט דער גראַף? — האָט זיך אַ רודער געטאָן ביי דעם קאָמענדאַנט פאַן שווענסקין אין מוח.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס וואָרט „גראַף״ האָט זיך אַרונטערגעגליטשט פון זיין מויל בדרך הלצה, וואָרים ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דאָס איז נישט קיין גראַף, וואָרים וועלכער גראַף וועט זיך דאָס לאָזן אַריינפירן אויף אַ וואָגן פון אַ יידישן בעל־עגלה, און דערצו נאָך זיך אָפּשטעלן אויפן מאַרק ביי חיים אייזנקרעמערס קלייט?

— אָבער דאָך איז דאָס נישט קיין געוויינלעכער פאַרשוין, — האָט ער ביי זיך באַשלאָסן.

— זע נאָר, זע, ווי עס בלענדט פונדערווייטנס זיין העלער קאַפּעליוש?

— האָט ער זיך צעברומט.

— היינט די לענטאַטשקע אַרום דעם קאַפּעליוש!

איצט האָט דער קאָמענדאַנט פאַן שווענסקי זיך אויפגעהויבן פון דער ווייכער שטול. ער האָט אַ צי געטאָן די שווערע, איינגעזעסענע גלידער, אַוועקגעלייגט אויפן טישל די צונויפגעלייגטע צייטונג מיט וועלכער ער האָט זיך די גאַנצע צייט געפאָכעט און מיט נייגעריקע, אויפגעריסענע בליקן געקוקט אין דער ריכטונג פונעם מאַרק.

— לעבן חיים אייזנקרעמערס קלייט, המ...? — האָט ער מיט אַ שטייגנדיקן נייגער געברומט צו זיך.

— ווער־זשע איז ער טאַקע פאָרט אָט דער פאַרשוין?

ער האָט דערווייל שוין אויך דערזען, ווי אויפן מאַרק האָט זיך אַ רודער געטאָן. עס האָבן זיך פּלוצלינג אָנגעהויבן צו באַווייזן מענטשן. באַלד איז געוואָרן אַ געלויף. מען איז געלאָפן פון די קלייטן, פון די שטיבער, פון אַלע הינטערגעסלעך האָט מען זיך באַוויזן און אין איילעניש זיך געלאָזט צום מאַרק.

— ווער־זשע קאָן דאָס טאַקע זיין, הא?

דער קאָמענדאַנט האָט דערפילט, אַז איצט בלייבן זיצן אין דער קאָמענדאַטור און נישט אַרויסגיין אויפן מאַרק, וואָלט בפירוש געהייסן, אַז ער האָלט נישט קיין וואַכיק אויג אויף זיין פוילישער מלוכה, וואָס האָט דאָ אַזוי פיל שונאים צווישן די אוקראַינער פאַמיליעס און די פאַרשיווע זשידזשיס, מיט וועלכע די גאַנצע געגנט איז אָנגעפילט.

— אַז דער שד זאָל זיי אַלע נעמען!

ברומענדיק און שעלטנדיק אויפן קול, האָט ער אָנגעהויבן שטייפער צו פּאַרציען דעם ברוינעם, לעדערנעם רימען אַרום זיך, אויף וועלכן עס איז געהאַנגען ביי דער לינקער זייט דער רעוואָלווער זיינער אינעם לע־דערנעם שיידל.

אין זיין ברענענדיקער בייגעריקייט האָט ער דערווייל אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורכן אָפענעם פענצטער.

— העי, איצקאָ!

איציע סטעלמאַך, וואָס איז גראָדע אין יענעם מאָמענט פאַרבייגע־געלאָפן צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע יידן הענדום־פּענדום צום מאַרק צו, איז אין זיין אימפּעטיק געלויף געבליבן שטיין אַן איבערגעשראָקענער מיט איין פוס אַרויף אין דער לופט אַריין.

— האַ? וואָס? ווער איצקעט עס מיך פּלוצלינג?

ער האָט זיך אומגעקוקט מיט צעשראָקענע אויגן און דערזעענדיק דעם קאָמענדאַנטס פּנים, האָט ער געטאָן אַ לאָז אַרונטער דעם פוס און אַרונטערגעצויגן דאָס היטל.

— האַ? וואָס?

איציע סטעלמאַך האָט זיך געקליבן נאָך עפּעס צו זאָגן, אָבער אין דעם מאָמענט איז אָנגעלאָפן אַ פאַרשמייעטער שלמה שטריקנדרייער, און דער קאָמענדאַנט האָט זיך שוין געווענדט צו אים מיט דער זעלבער פראַגע:

— וואוהין איז, שליאָמקע, האַ?

שלמה שטריקנדרייער איז געבליבן שטיין פונקט אַזוי צעשראָקן, ווי איציע סטעלמאַך און נאָכטוענדיק איציען מיטן אַרונטערציען דאָס היטל, האָט ער אָנגעהויבן צו שטאַמלען:

— אָט פּאַני קאָמענדאַנטשע! מען זאָגט, אַז אַן אַמעריקאַנער! אַזש פון אַמעריקע אַהער געקומען!

— יאָ, יאָ, — האָט שוין אַ דריטער זיך אָפּגעשטעלט אין זיין לוי־פעניש און פאַרזיכערט:

— אַ גאַסט צו אונדז אַזש פון אַמעריקע!

— פּשאַקרעוו! — האָט דער קאָמענדאַנט פאַן שווענסקי אויסגעשפּיגן דאָס וואָרט דורכן פענצטער צו די איבערעגשראָקענע יידן און גענומען זוכן דאָס היטל, כדי זיך אַ לאָז צו טאָן אין מאַרק אַריין.

שלום עליכם, יונגערמאַן!

אַרום היים אייזנקרעמערס קלייט האָט זיך געקליבן אַ היפּשער עולם, וואָס איז מינוטנווייז געוואָרן גרעסער און געדיכטער. עס האָבן זיך געשטופּט יידן מיט אַלערליי בערד און כאַלאַטלעך און אָן כאַלאַטלעך, יידענעס אויך. באַפּאַטשיילעטע און באַטשופּיקטע. אפילו אַ פּאָר היימישע אוקראַיִנישע „מעשטשאַנעס" האָבן זיך באַוויזן און עס האָט זיך געהערט, ווי זיי האָבן זיך איבערגערופן:

— „עטיע ביילאַהאַ־סינקאַ פּריעכאַוו איז אַמעריציע"!

דער עולם האָט זיך געשטופּט אַרום באַנטשי בעל־עגלהס פּערד און וואָגן און דער יונגערמאַן פון אַמעריקע האָט געהאַלטן אין איין דריקן די הענט, וואָס האָבן זיך געשטרעקט צו אים.

— שלום עליכם.

— עליכם שלום.

— עטיע ביילעס זון?

— יאָ, — האָט דער יונגערמאַן באַשטעטיקט.

— טאָקע משה עטיע ביילעס?

— יאָ, משה עטיע ביילעס.

— קיין עין־הרע!

משה עטיע ביילעס קיילעכדיק גלאַט־ראַזירט פּנים האָט גוטמוטיק געשמייכלט צו די שלום־עליכם־אָפּגעבער און אַנדערע האָט ער אָנגערופן ביי די נעמען:

— שלמה קאָוואַל?

— און איר זענט דאָך איציע סטעלמאַך.

— וואָס הייסט איך געדענק נישט נחום מעל־קרעמער?

— אַהאַ, און איר זענט דאָך שלמה שטריקנדרייער!

— זע נאָר, זע, — ער געדענקט דאָך מיך! — האָט שלמה שטריקנדרייער זיך געפרייט.

— און איך ווער בין, האַ?

— שאַט, מיך וועט ער זיכער דערקאָנען, וואָרים זיין מאַמע עטיע ביילע, עליה השלום, איז דאָך...

— וועמענס, זאָגט ער, איז ער, האַ? — האָט זיך געצאַפּלט פון אויפרעגונג דער האַלב־בלינדער שמואל וואָלף קצב, און שטרעקנדיק די רעכטע האַנט אין דער לופטן מקבל שלום צו זיין, האָט ער אַלץ נישט אויפגעהערט

נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל איבערצוחזרן די זעלבע פּראַגע:

— ווועמענס, זאָגט ער, איז ער, האַ?

— עטיע ביילעס! עטיע ביילעס! — האָט עמיצער געזוכט צו באַ־רואיקן זיין נייגיר.

— עטיע ביילעס איז ער!

— עטיע ביילעס? — האָט אַלץ דער האַלב־בלינדער שמואל וואָלף קצב זיך נישט געקאָנט באַרואיקן.

— נו, יאָ, אַוודאי עטיע ביילעס! וואָס דען, נישט עטיע ביילעס? מען זאָגט אים, אַז עטיע ביילעס און ער! . . .

נאָטל שייעס, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין שטופּן צווישן דעם עולם און זיך בשום אופן נישט געקאָנט דערשטופּן אָפּצוגעבן שלום עליכם דעם גאַסט פון אַמעריקע, האָט זיך געריבן אַן אויפגערעגטער דאָס גרויע, שיטערע בערדל און מיט גרויס פאַרדרוס אין קול זיך נישט אויפגעהערט צו וואונדערן:

— צו חיימען גאַר? פאַרוואָס עפּעס צו חיימען גאַר? וואָס־זשע, חיים איז אים מער, ווי איך?

אָט אַזוי האָט ער זיך נישט אויפגעהערט צו וואונדערן און געהאַלטן אין מיטן שטופּעניש אין איין פרעגן ביי די אַרומיקע:

— איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס עפּעס צו חיימען גאַר! פון ווען אַן איז עס חיים מער קרוב צו אים, ווי איך?

פון וואונדערן זיך איז ער ביסלעכווייז איבערגעגאַנגען אין באַקלאָגן זיך פאַר די אַרומיקע, וואָס האָבן אויך, פונקט ווי ער, זיך געשטופּט און נישט געקאָנט זיך דערשטופּן.

— נו, נחום, האַ? — האָט נאָטל שייעס זיך געווענדט צו נחום מעל־קרעמער אויף זיין רעכטער זייט.

נחום מעל־קרעמער האָט אַ הויב געטאָן די אַקסל און אויף זיין פּנים האָט זיך באַוויזן אַ מינע, וואָס אַז מען האָט געוואָלט האָט זי געקאָנט מיינען, אַז דער גאַנצער ענין גייט אים נישט אָן, און אַז מען האָט גע־וואָלט, האָט זי אויך געקאָנט מיינען מיטגעפיל.

נאָטל שייעס האָט אויסגעטייטשט דאָס לעצטע און ער האָט גערופן נחומען פאַר אַן עדות:

— ווער, ווער, נאָר דו געדענקסט אַוודאי, וואָס עטיע ביילע האָט גע־מיינט פאַר מיינער, עליה השלום.

— נו, יאָ, אַוודאי, אַוודאי, — האָט נחום געברומט, ציענדיק בשעת מעשה דעם קאָפּ איבער די קעפּ פונעם עולם.

— איך האָב געוואוסט, אַז דו ווייסט, — האָט זיך נאָטל שייעס אָנ־

געכאַפּט אַן נחומס מיטגעפיל, און כדי מער צו פאַרשטאַרקן דעם מיט־געפיל צו זיך, האָט ער זיך אויך געווענדט צו הערשל דעם דאָרפסגייער, וואָס האָט זיך געשטופּט אויף זיין לינקער זייט:

— און דו, הערשל, האַ? דו ביסט דאָך אַלע יאָרן אַ שכן, און דו ווייסט דאָך אַוודאי און אַוודאי.

— האַ? וואָס? — האָט הערשל איבערגעפרעגט, און כאַפּנדיק זיך וואָס נאַטל שייעס פרעגט ביי אים, האָט ער אַ גלאָץ געטאָן מיט די אויגן:

— אַ שאלה צי איך ווייס? וואָס דען איך ווייס נישט?

דאָ האָט זיך עמיצער געטאָן אַ מיש־אַריין פון אַ זייט און אַ זאָג געטאָן:

— נו, יאָ, עס איז טאַקע אמת, — האָט ער מסכים געווען, אָבער דאָך געפונען פאַר נויטיק צו באַמערקן:

— אויסער אַן אייגן שוועסטער־קינד איז אסתר מלכה שטענדיק געווען פאַר עטיעביילען אַ גרויסע הילף.

— אַ פּאַקרישקע צו איר פרייטיקדיקן ראָסלפלייש! — האָט זיך נאַטל שייעס צעבייזערט און זיך אויסגעדרייט אַן אָנגעדרודלטער צו יענעם מיטן רוקן.

דערווייל איז דאָס שטופּעניש געוואָרן, וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער און נאַטל שייעס האָט זיך אַלץ נישט באַוויזן צו דערשטופּן.

פּלוצלינג האָט זיך דערהערט דאָס וויינענדיקע קול פון דער אַלטער אסתר מלכהן, וואָס איז אָנגעלאָפן פון איר שטוב אַנטקעגן איבער דעם מאַרק:

— משהלע! אוי, משהלע! אַ ווייטיק איז מיר אַ גרויסער! — האָט זי געשריגן, און דורכרייסנדיק זיך צווישן דעם עולם, האָט זי זיך ערשט צעטענהט אויפן קול:

— עטיע ביילע! אַ גוטע מליצה זאָל זי זיין פאַר איר בן־יחיד און פאַר אונדז אַלע!

— מומע! — האָט דער יונגערמאַן אַ שטרעק־געטאָן צו איר די הענט און זי, אַריינפאַלנדיק אין זיינע אָרעמס, האָט זיך צעכליפּעט:

— משהלע! אַ ווייטיק איז מיר! ערשט פאַראַיאָרן!

זי האָט אים געקושט, און ווישנדיק זיך מיט די שפּיצן פון איר קאָפּטיכל די אויגן, האָט זי זיך צעטענהט:

— געוואַרט און געהאָפט... געהאָפט און געוואַרט... אוי ווי איז מיר! עטיע ביילע אַ גוטע מליצה זאָל זי זיין פאַר אונדז אַלע...

— נו, שאַ! זאָל שוין זיין גענוג, — האָט זיך חיים אייזנקרעמער גוטמוטיק זיך צעבייזערט אויף זיין ווייב.

— איצט איז ער געקומען אַ מצבה שטעלן! — האָט עמיצער אַ ברום געטאָן און באַלד האָט אַן אַנדערער אָפּגעענטפערט:

— אַזוי דינען זיי די קינדער, — מען פאָרט אַוועק קיין אַמעריקע, און וואָס?...

אין דעם מאָמענט האָט זיך אויפן בריקל, וואָס פירט פונעם שאָסיי צום מאַרק באַוויזן אַ שפּאַנענדיקער דער קאָמענדאַנט.

— יידן, דער אדון רוקט זיך, — האָט עמיצער אַ זאָג געטאָן און דאָס איז געווען גענוג, אַז דער עולם זאָל זיך אַ וויג טאָן און זיך אָנהויבן פאַנאַנדערצושאָרן.

אין יענעם מאָמענט האָט דער עולם דערמאָנט אַן אַ סטייע געבדז, וואָס האָט דערפילט הינטער זיך אַ פּאַך פון אַ רוט. פאַלעס און שירצן האָבן זיך צעוויגט און צעווייעט און ווער עס האָט נישט באַוויזן זיך צו דערוויטערן איז געבליבן שטיין אין דער יאַרמולקע און ווער מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ.

באַזונדערס האָט זיך גערוקט נאָטל שייעס אַ דערשראָקענער אויף הינטערוויילעכס, ברומענדיק פאַרדראָסיק אונטער דער נאָז:

— אָט האָסטו דיר! זיך געשטופּט און געשטופּט און זיך נישט באַוויזן צו דערשטופּן שלום עליכם אפילו אָפּצוגעבן.

אָט אַזוי האָט נאָטל שייעס געברומט, אָבער עס איז אים דאָך אין יענעם מאָמענט איינגעפאַלן אַ שטיקל טרייסט, און געווען איז זיין טרייסט אין דעם, וואָס ער דאַרף נישט האָבן צו טאָן מיטן קאָמענדאַנט.

— ווען ער פאָרט צו צו מיר, וואָלט איך געדאַרפט האָבן צו טאָן מיט דעם רשע, — האָט ער זיך געטרייסט.

— זאָל שוין בעסער חיים פאַרזוכן דעם טעם!

אַקוראַט, וואָס דער קאָמענדאַנט וואָלט אים געטאָן, ווען דער אַמעריקאַנער קומט צו אים, האָט ער נישט געוואוסט, אָבער אַז ער וואָלט געהאַט אויסצושטיין צרות איז ער געווען זיכער, וואָרים מיט וואָס איז דער אַמעריקאַנער חשובער ביים קאָמענדאַנט, ווי זיין אייגן שוועסטערקינד, וואָס איז אַריבערגעקומען פון מאַציעוו און איז ביי אים געשטאַנען אַ פּאָר טעג?

— געווען געדאַרפט איינמעלדן אין מאַגיסטראַט! — האָט דער רשע געדונערט און די מעשה האָט געקאָסט צען גילדן שטראָף.

— אַז צען מכות זאָלן זיך אים שטעלן אין האַלדז, — האָט נאָטל שייעס אים געשאָלטן.

ווען דער קאָמענדאַנט איז צוגעקומען האָט באַנטשי בעל-עגלה אַ וואָרף

געטאָן די בייטש פון דער לינקער האַנט אין דער רעכטער אַריין און אַרונ־טערגענומען דאָס היטל:

— פּאַני קאָמענדאַנט, אַן אַמעריקאַנער!

אַט אַזוי האָט באַנטשי בעל־עגלה ראַפּאָרטירט, אָבער דער קאָמענ־דאַנט האָט זיך אפילו נישט אומגעקוקט אויף אים און זיך געווענדט דירעקט צום יונגערמאַן:

— און ווער ביסטו דאָס אַזוינער? און וואָס ברענגט דיך אַהער צו אונדז קיין פּוילן?

דער עולם איז געשטאַנען מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, אָבער דאָ איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אַלעמען ממש געפּלעפּט.

משה עטיע ביילעס האָט רואיק און אינגאַנצן אומדערשראָקן אַ קוק געטאָן דעם קאָמענדאַנט גלייך אין פּנים אַריין, ווי פאַר אים וואָלט נישט געשטאַנען קיין פּוילישער פּאָליציי־באַאַמטער, נאָר עמיצער, וואָס איז זיינס גלייכן.

— יעס? — האָט משה ביילעס אַ פרעג געטאָן ביי אים אויף זיין אַמעריקאַניש לשון.

— איך פרעג, ווער דו ביסט, און וואָס אַזוינס האָט דיך געבראַכט אַהער צו אונדז קיין פּוילן? — האָט דער קאָמענדאַנט איבערגעחזרט זיין פראַגע.

דעם יונגערמאַן איז, אַפּנים, געפעלן געוואָרן זיך אַביסל אַ שפּיל צו טאָן מיט דעם קאָמענדאַנט און ער האָט זיך געמאַכט טאַמעוואַטע.

— יעס? — האָט ער נאָכאַמאָל געפרעגט אויף דעם אַמעריקאַנישן לשון און אַרויסנעמענדיק פון קעשענע אַן אַמעריקאַנער פּעקל פּאַפּיראָסן, האָט ער קודם גענומען איינעם פאַר זיך און דערנאָך אין אַ זייער רואיקער מאַנירלעכקייט פאָרגעשלאָגן דעם קאָמענדאַנט:

— אַן אַמעריקאַנער פּאַפּיראָס?

אַט אַזוי האָט משה עטיע ביילעס באַגעגנט דעם פּוילישן קאָמענ־דאַנט פונעם שטעטל און יענער איז אַזוי צעטומלט געוואָרן, אַז ער איז געבליבן שטיין, ווי אַ באָק.

— אַמעריקאַנסקי? — איז דער קאָמענדאַנט ענדלעך געקומען צו זיך.

ער האָט געפרעגט אָט־די פראַגע אין אַ זייער רואיקן טאָן און גע־נומען אַ פּאַפּיראָס.

— אַן אַמעריקאַנסקי, — האָט משה געענטפערט אַ שמייכלענדיקער און אָנגעצונדן אַ שוועבעלע.

האָט דער פּוילישער קאָמענדאַנט פאַן שווענסקי אַזוי געהאַנדלט, ווייל דאָס וואָרט „אַמעריקאַנסקי" האָט אויף אים אַזאַ איינדרוק געמאַכט, אָדער

עס איז געווען דערפאַר, ווייל ער איז ביז דעמאָלט נישט געוואוינט געווען זיך צו באַגעגענען פּנים אל פּנים מיט אַזאַ רואיקן און נישט איבערגע־שראָקענעם יידן? אַזוי צי אַזוי, נישט נאָר האָט ער גענומען פון משה עטיע ביילעס דעם פּאַפּיראָס און אים פאַררויכערט, נאָר גלייך נאָכדעם, האָט ער אויך אַ הויב געטאָן צוויי פינגער צום מעשענעם רייפעלע פון דעם דאַשעק.

— כבוד צו אַמעריקע, — האָט עמיצער פון די אַרומיקע שטיל אַ מורמל געטאָן.

— כבוד צו אַמעריקע, — האָבן די אַרומיקע שטיל און צופרידן איבערגעחזרט.

און ווען משה עטיע ביילעס האָט אויף דעם קאָמענדאַנטס באַגריסונג פון זיין זייט אַ הויב געטאָן זיין קאַפּעלוש צום קאָמענדאַנט, האָט אַן אַנדערער פון די אַרומיקע גאָר גליקלעך אַ ברום געטאָן צום ערשטן:

— אַ דאַנק פאַרן כבוד.

דער עולם אַרום איז געשטאַנען אַ ווייל אַ געפּלעפּטער פון דעם וואָס איז געשען.

עס איז געווען, ווי אַ שווערע, שוואַרצע כמאַרע, וואָס האָט זיך אַנגערוקט און געדראָט מיט אַ פליוכיקן רעגן, איז פּלוצלינג פון זיך אַליין צעריסן געוואָרן און די זון האָט אַ שיין געטאָן.

אַוודאי איז מען נאָך אַלץ געשטאַנען מיט די היטלען אין די הענט, אָבער די שרעק איז פאַרשוואונדן געוואָרן און פון די בליקן האָט שוין איצט אַרויסגעקוקט אַ דערלייכטערונג.

יאַנקל שרייבער, דער געלערנטער ייד פונעם עלטערן דור אינעם שטעטל, וואָס איז אויך געווען צווישן דעם עולם, האָט אַ קוועטש געטאָן די פּענסנע צו דער האָרבאַטער נאָז זיינער און שטיל באַמערקט מער צו זיך, ווי צו די אַרומיקע:

— די כמאַרע צעגייט זיך, עס וועט שוין נישט רעגענען.

און דאָך האָט אַ דונער געטאָן

הכלל, דאַנקען דעם רבונו של עולם, עס איז געוואָרן אַביסל גרינגער און דער עולם האָט פרייער אָפּגעאָטעמט.

עס איז אפילו געשען אַ סך בעסער, ווי מען האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווען די כמאַרע איז צעריסן געוואָרן.

נאָכן אָפּגעבן כבוד איינער דעם אַנדערן, האָט דער קאָמענדאַנט פאַן שוועבסקי אַ ווייל שווייגנדיק געצויגן דעם אַמעריקאַנעם פּאַפּיראָס צווישן זיינע געדיכטע בלאָנדע וואָנצעס און דערנאָך געגעבן אַ צייכן, אַז מען זאָל זיך דערנעענטערן צו אים און אים דערקלערן, ווער און וואָס דער אַמעריקאַנער יונגערמאַן איז, וואָרום משה עטיע ביילעס האָט אויף יעדער פראַגע זיינער געענטפערט אָדער אויף ענגליש, אָדער אויף יידיש און בשום אופן נישט אויף פויליש.

און אַז דער קאָמענדאַנט פאַן שוועבסקי האָט שוין בכבודו ובעצמו באַוויליקט, איז צוגעטראָטן חיים אייזנקרעמער נעענטער צו אים מיטן היטל אין דער האַנט און האָט אָנגעהויבן צו דערקלערן אויפן ביסל פויליש, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין זיין יידישן מויל:

— אַ קרוב מיינער פון אַמעריקע, פּאַני קאָמענדאַנטשע, — האָט חיים אָנגעהויבן צו שטאַמלען, און כדי זיך קלאָרער מאַכן, וואָס פאַר אַ מין קרוב אָט דער יונגערמאַן איז צו אים, האָט ער גענומען דערציילן אויף זיין צעבראָכענעם פויליש:

— די מאַמע זיינע עטיע ביילע, וואָס איז פאַראַיאָרן געשטאָרבן טאַקע דאָ אין שטעטל און מיין ווייב אסתר מלכה זיינען געווען לייבלעכע שוועסטער־קינדער.

דערהערט, ווי חיים אייזנקרעמער שטייט אַזוי און דערציילט דעם קאָמענדאַנט וועגן דער קרובהשאַפט, האָט נאָטל שייעס זיך אָנגענומען מיט מוט און זיך אויך צוגערוקט, אָבער מעשה שטן, האָט ער פאַרגעסן אַרונטערצונעמען דאָס היטל פון קאָפּ.

— פּאַני קאָמענדאַנטזשע, פּאַני קאָמענדאַנטזשע, — האָט ער אָנגעהויבן, אָבער דער קאָמענדאַנט האָט געטאָן אַ שטעל אָן אויף אים אַ פּאָר בייזע אויגן און ער האָט אַ הוקע געטאָן אויף אים:

— און ווער פרעגט ביי דיר?!

נאָטל שייעס האָט שוין אָבער געפילט צו שטאַרק אין זיך דעם באַגער צו דערקלערן, אַז וואָס שייך קרובהשאַפט, איז ער נאָך אַ נאָענטערער

קרוב, ווערים אַלע, וואָס שטייען דאָ קאָנען עדות זאָגן, אַז זיין ווייב ריילע און ער אַליין אפילו, זיינען געווען מיט עטיע ביילען . . .

ער האָט זיך אַזוי פאַרכלינעט מיט זיינע אייגענע ווערטער, אַז אַרויס־געקומען איז:

— עטיע ביילע... זיין מאַמע עטיע ביילע און מיין ווייב ריילע.. עטיע ביילע איז געשטאָרבן... מיין ווייב ריילע אויך...

— לע! לע! לע! — האָט דער קאָמענדאַנט אים איבערגעקרומט און זיין פּנים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט אַזאַ רויטקייט, אַז עס האָט זיך אויס־געדאַכט, אַז אָט, אָט און עס וועט צעטראַסקעט ווערן.

נאָטל שייעס וואָלט אפשר געווען געכאַפּט גאָר אַ שטאַרקן אָפּשניט, ווען עס פעדערט זיך נישט דער אַמעריקאַנער און בעט ביי אים נישט, דורך צייכנס, אַז ער זאָל צולאָזן אַן איבערזעצער.

— דאַבזשע, — האָט דער קאָמענדאַנט מסכים געווען און אַ רוף געטאָן מיטן פינגער יאַנקל שרייבער.

— פראָשע, יאַנקל!

יאַנקל שרייבער האָט זיך דערנענטערט מיטן היטל אין דער האַנט, און דריקנדיק די פענסנע מיט נערוועזע פינגער צו דער נאָז, האָט ער אויסגערופן:

— אָושעם, פּאַני קאָמענדאַנט.

און אַז דער קאָמענדאַנט פאַן שווענסקי איז ענדלעך מיט דער הילף פון יאַנקל שרייבער געוואָר געוואָרן ווער און וואָס דער אַמעריקאַנער איז און אַז געקומען איז ער אַזש פון אַמעריקע, כדי צו שטעלן אַ מצבה אויף זיין מאַמעס קבר, האָט ער נאָכאַמאָל אויפגעהויבן זיינע צוויי פינגער צו דעם מעשענעם רייפעלע אויף זיין שפּיציקן דאַשעק, אויף וואָס משה עטיע ביילעס האָט גלייך ווידער אָפּגעענטפערט מיט אַ הויב מיט זיין קאַפּעליוש און דעמאָלט איז די זון העלער געוואָרען איבערן מאַרק, דער שפּיץ פונעם קאַטוילישן קלויסטער האָט זיך געטאָן אַ צעבלענד אַזוי שטאַרק, אַז ער איז אַזש ברייטהאַרציק געוואָרן און איבערגעוואָרפן אַ היפש ביסל פון זיין בלענד דעם שפּיץ פונעם פּראַוואָסלאַוונעם קלויסטער, און ביידע האָבן שוין אויך באַוויליקט, ווי אַ נדבה פון זייער איבערגעשוימטן פאַרמעגן, צו דעם שינדלדיקן דאַך פונעם שטעטלדיקן בית־המדרש. אַ רגע האָט זיך געפילט, ווי אַ ווייסע טויב האָט זיך צעפלאַטערט אין דער אָנגע־פאַרעטער לופט מיט אַ זיס־בשורהדיקן וואָרקע:

— שלום על כל העמים ושלום על ישראל.

אַלע אַרומיקע האָבן זיך אָנגעהויבן צו דערנענטערן און ביי דעם און ביי יענעם צווישן דעם עולם האָט זיך שוין באַוויזן אפילו אַ גרינגע

מילדקייט אין די בליקן.

דער קאַמענדאַנט איז געשטאַנען אַ ווייל אַ שווייגנדיקער, ציענדיק דעם אַמעריקאַנישן פּאַפּיראָס צווישן די וואַנצעס, ווי ער וואָלט געהאַט אַ שטיקל פּראָבלעמע פאַר זיך און אים איז נאָך נישט אינגאַנצן קלאָר, ווי אַזוי ער זאָל זי לייזן.

ענדלעך האָט ער רואיק אַרונטערגעלאָזט דעם שפּיץ פונעם פּאַפּיראָס אויף דער ערד און אַ קוק־טוענדיק אויף חיימען, האָט ער געוואָלט וויסן:

— דער גאַסט וועט שטיין ביי דיר?

— ביי מיר, — האָט חיים איינקרעמער באַשטעטיקט מיט אַ שאָקל פונעם קאָפּ און אסתר מלכה האָט צוגעלייגט:

— ביי אונדז, אַוודאי ביי אונדז.

— ער וועט זיך דאַרפן מעלדן אין מאַגיסטראַט, — האָט ער דער־מאָנט חיימען.

— אַוודאי, ווי דען? דאָס איז דאָך געזעץ, — האָט חיים געענטפערט און שוין בשעת מעשה געפרעגט:

— מוז דאָס געטאָן ווערן נאָך היינט?

— מען קאָן דאָס טאָן מארגן, — האָט דער קאָמענדאַנט באַוויליקט זייער ברייטהאַרציק, אָבער דערביי צוגעלייגט אין אַ זייער שטרענגן טאָן:

— אָבער איבערמאָרגן אומבאַדינגט!

— דאָבזשע, — האָט חיים געזאָגט און אַ קוק־טוענדיק אויף באַנטשי בעל־עגלה, וואָס איז געשטאַנען די גאַנצע צייט מיט דער בייטש אין די הענט, האָט אַ שטיל אַ מורמל געטאָן:

— נו, דאַנקען גאָט, איבערגעקומען בשלום.

— נו, יאָ, מיר האָבן אַ גרויסן גאָט אויף דער וועלט, — האָט באַנטשי אים געענטפערט נאָך מיט אַ שטילערן מורמל און ווענדנדיק זיך צו אסתר מלכהן, האָט ער שוין געפרעגט מיט אַ פולן קול, אַזוי אַז אַלע זאָלן הערן:

— איז הייסט עס ביי אייך אסתר מלכה לעבן?

— ביי מיר! ביי מיר! וואָס דען נישט ביי מיר? — האָט אסתר מלכה אויסגעשריגן און זיך געלאָזט העגדום־פּענדום צו איר קלייט.

באַנטשי בעל־עגלה איז ראַשיק אַרויף אויף דער קעלניע און אַ נעם געטאָן די לייצעס.

די צוויי פערדלעך, וואָס זיינען געשטאַנען די גאַנצע צייט מיט אַרונ־טערגעלאָזטע מאָרדעס און אונטערגעדרימלט, האָבן זיך געטאָן אַ כאַפּ אויף, זיך פאַנאַנדערגעטרייסלט און אַ צי געטאָן ראַפּטאָם דעם וואָגן פון אָרט.

— אסתר מלכה! האַ? אסתר מלכה! — האָט חיים גענומען רופן זיין ווייב אויפן קול.

— באַלד! באַלד! — האָט זיך דערהערט אסתר מלכהס קול פון דער קלייט, וואָס זי האָט געהאַלטן אין פאַרשליסן.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי צו אסתר־מלכהוועט? — האָט זי ברוגזלעך זיך געבלאָזן, ווען זי האָט זיך דערנעענטערט מיטן גרויסן שליסל אין האַנט.

— נו, שאַ, שאַ, — האָט חיים זי גענומען באַרואיקן און צוזאַמען מיטן גאַסט האָט מען זיך געלאָזט גיין הינטער באַנטשי בעל־עגלהס געשפּאַן צו דער שטוב, וואָס איז געשטאַנען לינקס אויף יענער זייט מאַרק.

דער צונויפגעקליבענער עולם האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן זיך צו פאַנאַנדערגיין איבערלאָזנדיק דעם קאָמענדאַנט אויף זיין אָרט. די קרעמער האָבן זיך צעשאַרט אין זייערע קלייטלעך אַריין. דאָ און דאָרט האָט זיך געזעגן, ווי עמיצער שפּאַנט און בלייבט אַלע ווייַלע שטיין, ווי ער וואָלט זיך מיט זיך אַליין מיישב געווען צי ער זאָל גיין אַהיים, צי ער זאָל בלייבן דאָ אויפן מאַרק ביז מען וועט דאַרפן גיין מנחה דאַווענען אין בית־מדרש אַריין. ווער עס איז דאָך מיט פאַמעלעכדיקע טריט אַוועק אַהיים און ווער עס האָט זיך צוריקגעקערט און איז געבליבן שטיין ביי דער שוועל פון אַ קלייט גלאַט אַזוי זיך. גערעדט האָט מען צווישן זיך נישט, ערשטנס דערפאַר, ווייל אינמיטן מאַרק איז נאָך אַלץ געשטאַנען דער קאָמענדאַנט און דאָס זען אים בלויז מיט די אויגן האָט אָפּגענומען דעם אַפּעטיט צו נוצן דאָס לשון, און צווייטנס, האָט דאָס פּלוצלינגדיקע באַווייזן זיך פון דעם אַמעריקאַנער אויפגעוועקט ביי יעדן איינעם עפּעס אַזוינס אין געמיט, וואָס האָט סיי־ווי אָפּגענומען דאָס לשון אויף אַ ווייַלע.

עס האָט אַ וויַיע געטאָן מיט אַזאַ שטילקייט איבער דעם גאַנצן מאַרק, וואָס איז נאָכן פריערדיקן טומל נאָך שטילער געווען, ווי די געוויינלעכע שטילקייט. עס האָט אויסגעקוקט, ווי די לופט אַפילו וואָלט פאַרזונקען געווען אין עפּעס זייער וויכטיקע מחשבות.

און טאַקע, ווייל עס איז געווען אַזוי שטיל האָט דער פּלוצלינגדיקער ריטשע פון דעם קאָמענדאַנט אַ שלאָג געטאָן אין אַלעמענס אויערן אַריין, ווי אַ דונער:

— פשאַקרעוו!

די יידן אויפן מאַרק האָבן אַ ציטער געטאָן. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט מיט צעשראָקענע בליקן, וואָס האָבן שטום געפרעגט אין זייער צעשראָקנקייט איינער דעם אַנדערן:

— וואָס איז געשען?

דער קאָמענדאַנט פאַן שווענסקי איז געשטאַנען אויפן זעלבן אָרט, ווי אַ צוגעשמידעטער צו דער ערד, און אַלע האָבן געוואוסט, אַז באַלד וועט קומען נאָך עפּעס. די איבערגעבליבענע יידן האָבן זיך שטום אַריינגע־

שאַרט אין די קלייטן און צוזאַמען מיט די קרעמער אין זיי, געקוקט איינער אויפן אַנדערן אין שטילשווייגעניש.

באַלד איז געקומען אַ צווייטער ריטשע און דאָס מאָל איז שוין צו דעם פריערדיקן „פשאַקרעוו" צוגעקומען אַ צולאָג:

— זשידזשי פּאַרשיווי.

דאָס ריטשנדיקע קול האָט געשניטן די לופט, ווי אַ שטומפּיק מעסער, וואָס שניידט זיך אין עפּעס און עס איז דעם שווערלעך צו דערשניידן ביזן סוף:

— וואָס־זשע פּאַרט?

די פראַגע האָט אַרונטערגעקוקט פון אַלעמענס פּנימער און מען איז געשטאַנען, ווי פאַרגליווערטע און געוואַרט, וואָס אַזוינס וועט נאָכקומען.

האָט דעם פּוילישן קאָמענדאַנט פאַרדראָסן הלמאי ער האָט אַרויסגע־וויזן שוואַכקייט ביים באַגעגענען פּנים אל פּנים אַ יידן פון אַמעריקע?

אַט־דער געדאַנק איז איינגעפאַלן נחום דעם מעל־קרעמער און ער האָט שטיל באַמערקט צו די פּאָר יידן, וואָס זיינען געשטאַנען שוויגנדיקע אין זיין קלייט.

— עס פרעסט אים הלמאי ער איז געווען אַביסל מענטשלעך צו אַ יידן, — האָט ער שטיל אַ מורמל געטאָן.

מען האָט געוואַרט, וואָס עס וועט קומען ווייטער, וואָרים אַז עפּעס וועט באַלד קומען איז יעדער איינער געווען ביי זיך זיכער.

אפילו דער מאַרק אַליין איז געווען געשפּאַנט פון גרויסער דערוואַר־טונג אויף דעם, וואָס דאַרף קומען.

און עס איז געקומען!

אָבער געקומען איז דאָס ניט וועגן דעם גאַסט פון אַמעריקע, ווי מען האָט דערוואַרט, נאָר וועגן דער ידישער קו, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויפן מאַרק, איז דאָס געקומען.

— וועמענס קו איז דאָ, האַ?

די יידן אין די קלייטלעך האָבן זיך ניט גערירט פון זייערע ערטער, און זייערע מיילער זיינען געווען פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער.

— וועמענס קו איז דאָ, האַ?

דאָס פּנים פונעם קאָמענדאַנט איז געווען רויט און די אויגן ביי אים ווי צוויי רויטיקע האַלאָועשקעס.

— אָבי יאַנקל שרייבער האָט געזאָגט, אַז עס וועט ניט רעגענען, — האָט איינער אין נחום מעל־קרעמערס קלייט שטיל באַמערקט, אויף וואָס נחום האָט שטיל געענטפערט:

— און דאָך האָט אַ דונער געטאָן.

ברכו את אדוני המבורך

אינעם זעלבן פאַרנאַכט בין מנחה למעריב האָט זיך אינעם שטעטלדיקן בית־המדרש היפש געטומלט.

יידן האָבן דאָס מאָל אָפּגעכאַפּט די מנחה אויף גיך, ווייל יעדערנס געמיט איז געווען פול מיט דער היינטיקער געשעעניש און עס האָט זיך זייער שטאַרק געוואָלט כאַפּן אַ שמועס וועגן איר.

עס איז טאַקע באַלד נאָך מנחה אויסגעוואַקסן אַ גרויסער קרייז און מען האָט זיך גענומען טיילן מיט די איינדרוקן. ווער עס איז געווען דערביי האָט דערציילט און איבערדערציילט, און ווער עס איז נישט געווען איז געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל און אָנגעשפּיצטע אויערן.

— אױ־װאָ! הערט נאָר, הערט! — האָבן זיך געהערט די אויסרופע־ניש פון די, וואָס האָבן ניט בייגעוואוינט די געשעעניש, בשעת די, וואָס האָבן יאָ בייגעוואוינט, האָבן זיך ממש פאַרכלינעט פון זייערע רייד:

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, איר הערט?

— זאָל מיך אַזוי גאָט העלפן, אַז ווען איך פאַרדין אַן אוצר מיט געלט, וואָלט איך ניט געהאַט אַזאַ נחת, ווי איך האָב היינט געהאַט!

— איר האָט געזען, ווי דער רשע האָט זיך געהאַלטן?

— וואָס רעדט איר, איך האָב דאָך ניט אַרונטערגענומען די אויגן פון זיין טריפהנעם פּנים!

— איך האָב ערשט היינט משיג געווען, וואָס דאָס אַמעריקע מיינט אויף דער וועלט.

— אַ קלייניקייט, אַמעריקע!

אַט אַזעלכע און אַנדערע ענלעכע מינים אויסדרוקן האָבן זיך געשאָטן פון די מיילער און יעדער איינער האָט געהויבן די אַקסלען, בשעת ביי אַלעמען האָבן ממש די אויגן געבליצט.

יונה שוחט האָט פונדעסטוועגן געוואָלט האָבן אַזוי פיל גוטע יאָר וויפל דאָלאַרן דער קאַמענדאַנט וועט אַרויסשלעפּן פון אַט דעם אַמעריקאַנער.

— וואָרים, פאַרשטייט איר מיך, — האָט ער גערדרשנט, אָננעמענדיק מיט די פינגער אַ שפּיץ פון זיין געל בערדל.

ער האָט געלערנט פּשט מיטן ניגון פון דער גמרא און ד'ערביי גע־דרייט אין דער לופטן מיט זיין גראָבן פינגער.

— אַן אַמעריקאַנער איז טאַקע אַן אַמעריקאַנער! — האָט ער באַ־שטעטיקט, — אָבער מען דאַרף נישט פאַרגעסן...

— וואָס אָבער? וואָס דאַרף מען ניט פאַרגעסן? — האָט מען אים פּרובירט איבערשלאָגן, אָבער עס האָט גאָרניט געהאָלפן און ער האָט עקשנותדיק זיך געהאַלטן ביי זיינעם:

— אַז מען איז אַ ייד און מען איז איצט אונטער זיין רשות, איז גיי שריי חי־וקיים!

— איך זאָל דאָס פאַרדינען כאָטש אַלע חודש! — האָט זיך יונה שוחט געוואונטשן.

נחום מעל־קרעמער האָט בשום אופן ניט געוואָלט מסכים זיין מיט יונהן.

— ווייסעך וואָס ער דערציילט מיר דאַרטן! — האָט נחום מעל־קרעמער זיך צעקאָכט און אַנבעמענדיק יונה שוחט ביים לאַץ פון זיין כאַלאַטל, האָט ער נאָר געוואָלט וויסן:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס הייסט דער אַמעריקאַנער איז אונטער זיין רשות, האַ?

אָט אַזוי האָט ער זיך געקאָכט און בשום אופן ניט געוואָלט מסכים זיין:

— ממה־נפשך, איז ער אַן אַמעריקאַנער איז ער דאָך...

— ווען איך בין דער אַמעריקאַנער, וואָלט איך אים געגעבן מכות און נישט קיין דאָלאַרן! — האָט זיך עמיצער פון די אַרומיקע אַריינגעריסן אין נחום מעל־קרעמערס רייד אַריין.

— נו, יאָ, — האָט יונה שוחט מסכים געווען מיט די מכות פאַר דעם קאָמענדאַנט, אָבער פון זיין פשט האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט אָפּטרעטן.

— אַ גרויסער רשע, נו, ווען מען אים מוזן פאַרשטאָפּן דאָס טריפהנע מויל, — האָט ער זיך געהאַלטן ביים זייניקן.

נחום מעל־קרעמער, וואָס האָט זיך ניט געקאָנט דערשלאָגן צו קיין תירוץ אויף זיין פריערדיקע קשיא ביי יונה שוחט, האָט אים שוין איצט געפרעגט גאָר אַן אַנדער קשיא:

— איר זאָלט מיר געזונט זיין, ר' יונה, וואָס קאָן אַ פּוילישער קאָמענדאַנט טאָן צו אַן אַמעריקאַנער, ווען ער וויל אים נישט פאַרשטאָפּן דאָס מויל, האַ? איר זאָלט מיר געזונט זיין, ר' יונה, האַ?

דאָ האָט זיך אַריינגעמישט יאַנקל שרייבער, וואָס איז געשטאַנען די גאַנצע צייט אין אַ זייט און זיך צוגעהערט מיט אַ מינע פון אַ דערוואָקסענעם, וואָס הערט זיך צו, ווי קינדער שמועסן צווישן זיך.

יאַנקל שרייבער האָט אַ דריק געטאָן די פענסנע שטייפער צו דער נאָז און מיט גרויס אויטאָריטעט אין זיין קול געזאָגט:

— וואָס שייך דעם אַמעריקאַנעם גופא, האָט ער טאַקע אַ פּוילישן קאָמענדאַנט טיף אין דער אדמה, ווארים אַן אַמעריקאַנער בירגער איז דיר ניט קיין קלייניקייט, נאָר וואָס־זשע דען?

— נאָר וואָס־זשע דען? — איז נחום מעל־קרעמער געוואָרן אַזוי נייגעריק, אַז ער האָט זיך אַזש אַ כאַפּ געטאָן ביי דער באָרד.

יאַנקל שרייבער האָט זיך געקליבן קלאָר צו מאַכן פאַרן עולם, וואָס אַזוינס ער האָט געמיינט מיט זיין „נאָר וואָס־זשע דען", אָבער יונה שוחט האָט בשום אופן ניט געקאָנט מסכים זיין, אַז אַ ייד, וואָס איז אפילו אַ בירגער פון אַמעריקע, קאָן זיך פאַרגינען צו האָבן אַ פּוילישן קאָמענ־דאַנט אין דער אדמה און ער האָט אַ מאַך געטאָן אין דער לופטן מיט זיין האַנט און אומגעדולדיק אויסגערופן:

— ווייסעך וואָס מען וועט מיר דאָרטן דערציילן אַ מעשה!

דאָס האָט יאַנקל שרייבער, אַפּנים, זייער שטאַרק פאַרדראָסן און ער האָט אָנגעהויבן זייער נערוועז צו דריקן די פּענסנע צו זיין נאָז.

— אַז איר לאָזט נישט אויסריידן אַ מענטשן קיין וואָרט! — האָט ער אַ ברום געטאָן.

— וואָס הייסט, איך לאָז נישט?

יונה שוחט האָט זיך אַפּנים געכאַפּט, אַז ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס, ווארים יאַנקל שרייבער איז דאָך דיר נישט אַ נחום מעל־קרעמער, נאָר ער איז יאַנקל שרייבער, האָט ער אים אָנגעהויבן איבערצובעטן:

— איר זאָלט מיר געזונט זיין, ר׳ יאַנקל, איך ווייס, אַז איר פאַרשטייט זיך אויף אַזעלכע זאַכן בעסער ווי איך.

אָט אַזוי האָט ער אָנגעהויבן, אָט דער יונה שוחט, אָבער זעענדיק, אַז דאָס איז נישט גענוג אים איבערצובעטן, האָט ער פשוט ביי אים גע־בעטן מחילה:

— זייט מוחל, ר׳ יאַנקל, און אדרבא, לאָמיך הערן, וואָס איר האָט צו זאָגן וועגן דעם.

יאַנקל שרייבער האָט אַ ווייל געשוויגן, נאָר זעענדיק, ווי אַלעמענס אויגן זיינען אָנגעשטעלט אויף אים, האָט ער געזאָגט מיט פיל באַדייטונג אין זיין קול:

— וואָס־זשע, אין וואַרשע זיצט, חלילה, נישט קיין קאָנסול פון אַמע־ריקע, וואָס זאָל באַשיצן זיינע בירגער?

דערהערנדיק דאָס וואָרט „קאָנסול", האָבן אַלע אַרום אים דערפילט אַ גרויסן יראת־הכבוד פאַר אָט־דעם וואָרט.

— אַ קלייניקייט, אַ קאָנסול! — האָט אימיצער אַ זאָג געטאָן אין דעם עולם אריין.

— און נאָך אַן אַמעריקאַנישער קאָנסול! — האָט אַ צווייטער אַרויס־געהאָלפן דעם ערשטן.

אַ ווייל איז שטיל געוואָרן. עס איז געווען צו מערקן, אַז יאַנקל שרייבערס וואָרט „קאָנסול" האָט געטראָפן אין פּינטל אַריין. אפילו יונה שוחט איז געשטאַנען אַ ווייל אַ געפּלעפטער, און ווען ער איז ענדלעך גע־קומען צו זיך און ווידער געעפנט דאָס מויל, האָט ער געמוזט צוגעבן, אַז אַוודאי איז אַ קאָנסול דיר נישט קיין קלייניקייט, בפרט נאָך אַן אַמע־ריקאַנער קאָנסול, נאָר וואָס־זשע דען?

— וואָס־זשע דען? — איז ווידער נחום מעל־קרעמער זייער שטאַרק נייגעריק געוואָרן.

— ביז וואָס און ווען, — האָט יונה שוחט זיך דאָך געהאַלטן ביים זייניקן, און גלעטנדיק זיך די באָרד, האָט ער שוין דאָס מאָל געזאָגט אין אַ רואיקערן טאָן:

— אַביסל מזומן וועט דער רשע פון אים דאָך, ווי סע נישט איז אַרויסצאָפּן.

— אָט, אָט איז דאָך דאָס, וואָס איך האָב פריער געוואָלט מסביר זיין און איר האָט מיך איבערגעשלאָגן, — האָט יאַנקל שרייבער אויסגערופן און ער האָט אָנגעהויבן אויפסניי:

— דער אַמעריקאַנער האָט טאַקע, פאַרשטייט איר מיך, דעם קאָ־מענדאַנט טיף אין דער אדמה, וואָרים אַ בירגער פון אַמעריקע איז דיר נישט קיין קלייניקייט, נאָר וואָס־זשע דען? אַז מען שטייט ביי חיים אייזנקרעמערן אין שטוב, וואָס איז נעבעך אַ היגער תושב, איז די מעשה שוין גאָר אַן אַנדערע.

מיט דעם האָבן אַלע מסכים געווען און אימיצער האָט שטיל אַ טיפן קרעכץ געטאָן:

— נו, יאָ, אָך און ווי איז דעם היגן.

איציע סטעלמאַך, וואָס האָט געהאַט אַ טבע שטענדיק צו פאַרשפּע־טיקן דעם מנין צו מנחה, איז אַריינגעפאַלן און געטאָן אַ כאַפּ אָפּ דאָס דאַוונען ביחידות. ער איז געשטאַנען ביי אַ וואַנט און זיך געשאָקלט גיך, גיך, ווי ער וואָלט מיט זיין שאָקלעניש געוואָלט אונטערטרייבן די עברי, וואָס האָט זיך געשאָטן פון זיין מויל און, ווי נאָר ער האָט געטאָן אַ שפּיי אויס דעם „עלינו לשבח", האָט ער זיך געטאָן אַ לאָז אַריין אין דעם קרייז אַריין און אויסגערופן:

— הערט, יידן, האָט דאָס דער רשע מיך היינט איבערגעשראָקן!

אָט אַזוי האָט ער געטאָן אַ פאָר אַריין מיט זיין אויסרוף, און זייענ־דיק ביי זיך זיכער, אַפנים, אַז אַלע זיינען זייער שטאַרק פאַראינטערעסירט

אין זײַן איבערשרעק, האָט ער אָנגעהויבן גיך, גיך צו דערציילן, וואָס עס האָט היינט מיט אים געטראָפן:

— איך שטיי זיך אַזוי, שטיי איך זיך אַזוי, און פּאַרטעסע זיך אַ שפּיציע, כאָטש ווייסט דער שוואַרצער יאָר, וועגן דעם גאַנצן טעסעניש, וואָרים ווער קויפט עס היינט אַ נייעם וואָגן ווער? איז שטיי איך זיך אַזוי טעסע און פּלוצלינג דערזע איך, מען לויפט.

— וואָס איז דאָס געלויפעניש?! — פרעג איך אויפן קול, אָבער ווער ענטפערט דיר דען? מען לויפט און מען לויפט און קיינער קוקט זיך נישט אום. איך פרעג און זיי לויפן, ווי אימיצער וואָלט זיי נאָכגעיאָגט פון הינטן. איך שריי און מען הערט מיך, ווי די לינקע פּיאה! טראַכט איך, ווער ווייסט, אפשר אַ שריפה, חלילה, און איך וואַרף אַוועק דעם טעסען און לויף אויך. און ווי איך לויף אַזוי...

— הכלל? — ווערט שוין אימיצער אומגעדולדיק.

— הכלל? — כאַפּט אויף איציע סטעלמאַך דעם „הכלל“, וואָס איז אים אַריינגעפאַרן אין וועג אַריין, און קוקנדיק אַרום זיך פרעגט ער:

— הכלל? איז וואָר־זשע האַלט איך? נו, יאָ, איך זע מען לויפט, נעם איך און לויף אויך...

— און איך מעג שווערן, אַז איך בין געווען דער ערשטער, וואָס האָב אים דערזען אָנקומען אויף באַנטשיס פערד און וואָגן פון דער לודמירער זייט! — רייסט זיך אַריין שלמה שטריקנדרייער אין יענעמס רייד אַריין, און הויבט טאַקע גלייך אָן צו דערציילן, ווי אַזוי עס איז געקומען דערצו, אַז גראָדע ער זאָל זײַן דער ערשטער, וואָס זאָל דערזען דעם אַמעריקאַנער אָנקומען אויף באַנטשיס פערד און וואָגן.

און דערציילן, דערציילט ער גיך, גיך, גיך, אַזוי ווי זײַן צונג וואָלט געווען אַ שטיקל קליאַטשע, פון וועלכן ער האָט בדעה טאַקע איצט אָט דאָ אויסדרייען אַ שטריקל.

— שטיי איך זיך אַזוי ביים אָפענעם טויער פון מיין שטאַל, שטיי איך זיך אַזוי, און ווי איך שטיי זיך אַזוי ביים אָפענעם טויער פון מיין שטאַל, און צי זיך אויס דאָס ביסל קליאַטשע, וואָס איך האָב קוים אַריינגעקראָגן, דאָס הארץ ביי מיר איז אויך היינטיקע צייטן, ווי קליאַטשע. עס איז ווייך און שטעכעדיק. היינטיקע צייטן איידער מען קריגט דאָס ביסל קליאַטשע, קריכט אַרויס די גרינע גאַל, איר הערט, די גרינע גאַל. וואָסיל קאַראַלטשיקן קאָנט איר דאָך אַלע! אַ גוי אַ רשע! אַן אמתער שונא ישראל אָט דער וואַסיל קאַראַלטשיק. איר הערט, יידן? נאָך ערגער פון המנען איז ער! — הערט־זשע, וואָס אָט דער שונא ישראל „אַטוואַזשעט“ זיך מיר צו זאָגן. ווי איך בין אַ ייד, ווי איך האָב געפילט, — איר הערט,

יידן? די „ליאכעס״, זאָגט ער צו מיר, זיינען צו־גוט צו אייך יידן. אַט אַזוי טוט ער אַ זאָג צו מיר, און דערציילט מיר עפּעס וועגן איינעם אַ „פּעטליורע״, וועמען מיר האָבן דערהרגעט. זאָל איך אַזוי וויסן פון אים, ווי איך ווייס ווער אַט דער פּעטליורע איז דאָס געווען. — נישט גענוג, זאָגט ער צו מיר, וואָס איר האָט דערהרגעט כריסטאָסן, האָט איר נאָך איצט דערהרגעט פּעטליורען...

— הכלל? — שלאָגט עמיצער איבער און ער כאַפּט איבער דעם „הכלל״, ווי נישט אים מיינט מען און הויבט אָן טאַקע פונעם זעלבן ביים סאַמע אָנהויב:

— הכלל, שטיי איך זיך אַזוי ביים אָפענעם טויער פון מיין שטאָל, שטיי איך זיך און...

— הכלל? — שלאָגט אים שוין איבער אַ צווייטער און אַ דריטער טוט אים אַ נעם ביים לאַץ פונעם כאַלאַט און צעבייזערט זיך אויף אים:

— טאָמער וואָלט איר שוין אויפגעהערט מיט דער קליאַטשע און מיט דעם שונא ישראל, האַ?

שלמה שטריקנדרייער איז געבליבן שטיין אַ דערשראָקענער און אָנגעהויבן צו שטאַמלען:

— המ...יאָ. אַז דער קאָפּ איז אַזוי דערשלאָגן, איז דער צונג אַ בלאָנדזשנדיקער אין דער מדבר.

אַט אַזוי האָט ער זיך גענומען פאַרענטפערן אין אַ גוט־מוטיקן טאָן און ביי זיך אַליין געפרעגט:

— איז יאָ? איז וואָר־זשע האָלט איך?

— איז הערט־זשע! הערט־זשע! — האָט איציע סטעלמאַך זיך דער־מאָנט, אַז שלמה שטריקנדרייער האָט אים איבערגעשלאָגן און ער האָט זיך גענומען אַ שפּאַר אַריין מיט זיין מעשה, שפּאַרנדיק די ווערטער פון זיין מויל מיט אַזאַ אימפּעט, ווי זיי וואָלטן נישט געווען קיין ווערטער, נאָר שפּיציעס, וואָס ער האָלט איינמיטן אַריינשפּאַרן מיטן גאַנצן כוח אין אַן אָנגעוואָרעמטן „אָבוד״ אַריין.

— לויף איך אַזוי אויפן שאָסיי און ווייס ניט, וואָס דאָס לויפעניש איז, און פּלוצלינג אין מיצקע דרינען דערהער איך אַ רעווע, וואָס דער־לאַנגט מיר איבערן קאָפּ, ווי אַ דובינע.

— העי, איצקע! — דערהער איך אַ רעוו, ווי פון אַן אָקס און איך בלייב שטיין, ווי אַ גולם.

— ווער־זשע איצקעט עס מיך? — פרעג איך ביי זיך. דאָס האַרץ האָט מיך אפילו געזאָגט, אַז דאָס מוז זיין דער רשע, און כך־הווה: איך גיב אַ קוק, עס איז ער! ער שטייט מיטן קאָפּ אַרויסגעשטעקט דורכן

פענצטער, אַז שטיין זאָל ער אויף קוליעס, און דאָס פּנים איז ביי אים רויט, ווי אַן אָפּגעשאָבענער בוראַק, כאַטש נעם און וואַרף דאָס אַריין אין אַ טאָפּ מיט זודיקן וואַסער און קאָך דערפון אָפּ אַ באַרשט אויף אָנבייסן.

— טרפהנער באַרשט וואָלט דאָס געווען! — האָט שלמה שטריקנ־דרייער אַ מורמל געטאָן און שאָקלענדיק טרויעריק מיט זיין קאָפּ, האָט ער צוגעלייגט:

— וואָלט גוט געווען פאַר וואַסיל קאַראַלטשיקן און זיינס גלייכן, די שונאי־ישראל!

איציע סטעלמאַך איז אַ וויילע שטיל געבליבן. דאָס וואָס שלמה שטריקנ־דרייער האָט אַ זאָג געטאָן איז אים געווען אַזוי שטאַרק צום האַרצן, אַז ער איז אַזש געוואָרן מוכן ומזומן אים ווידער לאָזן דערציילן דאָס זייניקע פאַרן עולם. אָבער זעענדיק, אַז שלמה שטריקנדרייער האָט זיך בלויז באַנוגנט מיט דעם אָפּגעזאָגטן, און מער קלייבט ער זיך נישט צו דער־ציילן, האָט ער ווייטער אַ צי געטאָן זיינע רייד.

— אוי, יידן, יידן, איר הערט יידן? איך זאָג אייך דעם אמת, אַז איך האָב היינט געזען, וואָס פאַר אַ גרויסן גאָט אויף דער וועלט מיר האָבן!

— האָט ער זיך פאַרכלינעט פון גרויס פאַרגעניגן און גלייך צוגעלייגט:

— ווען איך האָב שפּעטער געזען, ווי דער רשע שטייט זיך אַזוי פאַר דעם אַמעריקאַנעם, ווי אַ ניונקעלע, איז איר הערט, יידן?

ער איז ענדלעך אַנטשוויגן געוואָרן, אָבער זיינע טונקעלע אויגן האָבן געפלעמלט, ווי די ברענענדיקע ליכט אויפן עמוד.

— נו, יאָ, אַוודאי, — האָט עמיצער זיך צעמורמלט און פאַרטראַכט געגלעט די באָרד.

— ערשט היינט האָב איך באמת מראה געווען, — האָט אַ צווייטער שטיל צוגעלייגט.

— מיט אַן אַמעריקאַנעם איז גאָר עפּעס אַנדערש!

— אַ קלייניקייט, אַמעריקע!

— אָבער וואָס קומט אַרויס? — האָט זיך געהערט אַ שטיל־פאַר־שטיקטער קרעכץ פון עמיצנס טיפעניש.

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת . . .

— אין פוילן איז דער אמתער גלות . . .

— אַז ווי איז דעם היגן . . .

— עד! אַך! אַך!

פלוצלינג האָט זיך יאַנקל שרייבער צעלאַכט אויף אַ הויכן קול. גע־וואָלט עפּעס זאָגן, אָבער דאָס געלעכטער, האָט די ווערטער זיינע נישט אַרויסגעלאָזט פון מויל:

— כאַ! כאַ! כאַ!

ווען ער איז ענדלעך געקומען צו זיך פון געלעכטער, האָט ער אַ שטייפן דריק געטאָן די פענסנע צו זיין נאָז און געזאָגט:

— איר האָט געזען, ווי אונדזער פוילישע מדינה האָט היינט אָפּגעגעבן כבוד צו אַמעריקע, האַ?

— אַ „סאַלוט!", ווי איך בין אַ ייד, אַ „סאַלוט!" — האָט ער זיך פריילעך געשוואָרן.

נישט אַלע אַרומיקע האָבן פאַרשטאַנען וואָס אַזוינס דאָס וואָרט „סאַלוט" האָט געמיינט, אָבער פון יאַנקל שרייבערס טאָן האָט מען באַנומען, אַז דאָס וואָרט איז עפּעס אַזוינס, וואָס איז גוט פאַר יידן און מען האָט הנאה געהאַט:

— כאַ! כאַ! כאַ! — האָבן שוין אַנדערע זיך צעלאַכט און יאַנקל שרייבער האָט איצט נאָכאַמאָל מיט גרויס פאַרגעניגן מיטגעלאַכט מיט זיי צוזאַמען:

— אַ „סאַלוט!", ווי איך בין אַ ייד, אַ „סאַלוט!"

— כאַ! כאַ! כאַ!

עמיצער האָט געפרעגט פאַרהידושט הלמאי חיים אייזנקרעמער איז היינט נישט געקומען אין בית־המדרש אַריין:

— אַז מען האָט אַ גאַסט פון אַמעריקע איז?...

— נו, אַ גאַסט פון אַמעריקע איז דיר נישט קיין קלייניקייט! — האָט אַן אַנדער געפונען אַ זכות און צוגעלייגט:

— דאַוונט היינט אין שטוב ביחידות.

דער עולם האָט זיך געכאַפּט, אַז דער אָוונט קוקט שוין אַריין דורך די בית־המדרש פענצטער מיט פינקלדיקע שטערן און אַז די קליינע, ברענענדיקע חלבנע ליכטלעך איבערן עמוד זיינען שוין היפּש אַרונטערגעזונקען אין די מעשענע רערלעך.

— צייט מעריב צו דאַוונען!

עמיצער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט איבערן שולחן, וואָס אויף דער בימה און דערמיט געלאָזט וויסן, אַז עס איז שוין בפירוש צייט און טאַקע גלייך נאָכדעם, האָט זיך דערהערט יונה שוחטס קול:

— „ברכו את אדוני המבורך!"

דער עולם האָט זיך אַ וויג געטאָן און די לופט פונעם בית־המדרש איז אָנגעפילט געוואָרן מיט אַלעמענס ענטפער:

— „ברוך אדוני המבורך לעולם ועד!"

דער אויסגעשטערנטער אָוונטדיקער הימל האָט אַריינגעקוקט דורך די פענצטער און געזען יידישע, פאַרבויגענע קעפּ, וואָס האָבן געדאַנקט

און געלויבט דעם אויבערשטן, וואָס ערגעץ־וואו איז דאָ אַ כוח פאַר וועלכן אפילו דער רשעותדיקער פוילישער קאָמענדאַנט מוז איינבויגן דעם קאָפּ פאַר מורא.

דער עולם האָט זיך אין יענעם אָוונט אָוועקגעלאָזט מיט גאָר אַ באַזונדער געשמאַק אינעם דאַוונען אַריין.

די מומע אסתר־מלכה און דער פעטער חיים

לויט אַלע דעות האָט משה עטיע־ביילעס געווען געדאַרפט גיכער צופאָרן צו נאָטל שייעס אין שטוב אַריין איידער צו דער מומע אסתר־מלכהן און דעם פעטער חיימען. איז דאָך נאָטל שייעס ווייב, ריילע, עליה השלום, געווען דאָס זעלבע שוועסטער־קינד צו זיין מאַמען, ווי די מומע אסתר־מלכה. און דערצו איז נאָטל אַליין אויך געווען אַ שטיקל משפחה־ניק פון טאַטנס צד, בשעת חיים אייזנקרעמער איז געווען אַ פעטער בלויז דערפאַר, ווייל אסתר־מלכה איז געווען אַ מומע. דערצו איז נאָך געווען דאָס, וואָס די שטוב אין וועלכער ער איז געבוירן און אויסגעהאָדעוועט געוואָרן איז געווען די זעלבע, וואָס דעם פעטער באָטלס און דער מומע ריילעס. בלויז אַן איבערגעצוימטע וואַנט האָט אָפּגעטיילט די שטוב.

נישט אומזיסט האָט זיך נאָטל שייעס געקלאָגט פאַר די אַרומיקע, אָבער פאַר די אַלע אַרומיקע איז דאָס געווען נאַטירלעך, וואָס דער גאַסט איז צוגעפאָרן צו חיימען און אסתר מלכהן, וואָרים סיי אסתר־מלכה און סיי חיים זיינען געווען גאָר, גאָר עפּעס אַנדערש, ווי נאָטל שייעס.

— אָט די שטוב איז דאָך אַן אָפּענע, — איז מען געווען געוואוינט צו זאָגן איבעם גאַנצן שטעטל שוין פון יאָרן.

און אָט־די שטוב, וואָס איז געווען אַן אָפּענע פאַרן גאַנצן שטעטל, איז פון משהן, ווען ער איז נאָך אַ טריסקער געווען, פאַר זיין אמתע היים באַטראַכט געוואָרן.

זינט ער געדענקט זיך איז די שטוב פון דער מומע אסתר־מלכהן און דעם פעטער חיימען געווען פאַר אים מער „היים", ווי זיין אייגענע.

דער טאַטע זיינער, אליהו, וואָס איז געווען אַ גרויסער למדן און אַ פרומער ייד, איז איבעם שפּייז־קרעמל, וואָס די מאַמע האָט דעמאָלט געהאַט, געווען בלויז אַ מין אַכטונג־געבער אין די מאַרק־טעג און אין יאַרידים. די איבעריקע טעג זיינע איז ער געווען אַ תושב איבעם הויפּישן בית־המדרש. שטענדיק איבערן ספר, אָדער גלאָט אַזוי פאַרטראַגן אין עולמות העליונים. אַז ער האָט אַמאָל געקראָגן אַ באַגער נאָך אַביסל עולם־הזה, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ הייס גלעזל טיי, איז ער נישט געגאַנגען צו זיך אַהיים, נאָר אין שטוב אַריין צו דער מומע אסתר־מלכהן, וואו דער סאַמאָוואָר האָט שטענדיק געזאָטן.

— משהלע, איך וואָלט היינט זייער געדאַרפט האָבן דעם טאַטן, — פלעגט אַמאָל עטיע־ביילע אַ זאָג טאָן צו איר בן־יחיד, און ער האָט שטענ־

דיק געהאַט די זעלבע פֿראַגע:

— אין בית־המדרש, צי ביי דער מומען?

ווען ער האָט דערמאָנט דאָס וואָרט „מומע" האָט דאָס געווײנלעך נישט געהייסן ביי דער מומע ריילען, נאָר ביי דער מומע אסתר־מלכהן.

אין די שבתדיקע פֿרימאָרגנס פֿלעגט מען אין אַלע שטיבער טרינקען ציקאָריע מיט מילך פֿאַרן גיין דאַווענען.

אָט די ציקאָריע מיט מילך יעדן שבת אינדערפֿרי איז געווען אין שטעטל אַ מנהג פֿון קדמונים.

יעדן פֿרייטאָג גלייך נאָכן פֿאַררוקן דעם טשאָלנט, פֿלעגן די ווייבער אָנפֿילן עטלעכע פֿלעשער מיט ציקאָריע־וואַסער, אַ טעפּל מילך און דאָס אַלץ אַרײַנפּאַקן אויפֿן פּיעקאַלאָק אין אַן אויסגעהוילטן אָרט, וואָס מען האָט איבערגעדעקט מיט אַלטע בגדים, כדי די היץ זאָל דאָרטן געהאַלטן ווערן ביז מאָרגן אינדערפֿרי. אינעווייניק פֿונעם אויוון האָט זיך גע־פֿרייעט דער טשאָלנט אונטערן אויפֿזיכט פֿון מלאכים, און די זעלבע מלאכים האָבן שוין דערווייל געוואָרפֿן אַן אויג אויך איבער אים אויפֿן פּיעקאַלאָק צו דער ציקאָריע מיט מילך. אַ סימן, אַז ניט קיין אַנדערע ווי נאָר מלאכים האָבן אָפּגעהיט איז געווען דער טעם גן־עדן סיי פֿונעם טשאָלנט און סיי פֿון דער ציקאָריע מיט מילך.

— אדרבא, פּרובירט מאַכן אינמיטן דער וואָך ציקאָריע מיט מילך און איר וועט אַליין זען צי דער טעם איז דאָ, — פֿלעגן פֿרומע ווייבער זאָגן, ווען עמיצער האָט פּרובירט צווייפֿלען אין די מלאכים.

אַלע, אַלע אינעם שטעטל האָבן פֿרייטאָג פֿאַרנאַכט צוגעגרייט אַזאַ ציקאָריע מיט מילך, נאָר נישט זיין מאַמע, וואָרים וואָס הייסט מען וועט צוגרייטן? וואָס וועט זאָגן דערצו די מומע אסתר־מלכה?

— משהלע, טו זיך אָן אַביסעלע גיכער, — פֿלעגט אים די מאַמע אונטעראײַלן יעדן שבת אין דערפֿרי און שטענדיק האָט זי דערביי צו־געלייגט די זעלבע ווערטער:

— מען וואַרט שוין אוודאי דאָרטן מיט דער ציקאָריע.

פֿאַרוואָס דאָס איז אַזוי געווען האָט משה זיך קיינמאָל ניט אָפּגעגעבן קיין חשבון. עס איז אים אפֿילו ניט געקומען אויפֿן זינען צו טראַכטן וועגן דעם, ווייל עס איז געווען סיי פֿאַר אים אַליין און אויך פֿאַר זיין טאַטע־מאַמען אַ זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקייט, אַז אַזוי באַדאַרף צו זיין. עס איז פֿאַר אים געווען אַ נאַטירלעכקייט, אַז בלויז דער פֿעטער חיים זאָל אים דאָך יעדן פֿרייטאָג געבן אַ קאָפּיקע אויף שבת־אויבס. בלויז דער פֿעטער חיים און ניט קיין אַנדערער. אפֿילו חנוכה האָט ער ניט דער־וואַרט פֿון קיינעם קיין חנוכה־געלט אויסער פֿונעם פֿעטער חיימען. און

עס איז טאַקע געווען בלויז דעם פעטער חיים, און ניט דער פעטער נאַטל, וואָס האָט אים געגעבן. אפילו פונעם טאַטן האָט ער ניט דערוואַרט און טאַקע ניט געקראַגן. עס אזוי פאַר אים געווען אין די קינדערישע יאָרן אַ נאַטירלעכקייט, אַז בלויז דער פעטער חיים דאַרף געבן און ווייטער קיינער נישט, פונקט ווי עס איז פאַר אים געווען אַ נאַטירלעכקייט, אַז בלויז די מומע אסתר־מלכה זאָל אים געבן זיסע מאָן־קיכעלעך און קנישעקלעך.

— אַי ביסטו אַ נאַשערל, — פלעגט די מומע אסתר־מלכה זיך ליב האָבן צו רייצן מיט אים, ווען זי האָט געזען מיט וואָס פאַר אַן אַפּעטיט ער פלעגט דאָס טאָן אַ שלינג אַריין אַ קנישעקל, אָדער אַ מאָן־קיכל און גיטעלע, וואָס פלעגט דערביי זיין, האָט אַ טבע געהאַט אַ צי טאָן דאָס היטעלע איבער זיינע אויגן.

— נאַשערל, וואָס האָסטו בעסער ליב: אַ מאָן־קיכל, צי אַ קנישעקל?

— ביידע, — פלעגט ער ענטפערן און סיי אסתר־מלכה און סיי גיטעלע האָבן אַנגעקוואָלן פון זיין אַפּעטיט.

גיטעלע, די געצערטלטע בת־יחידה אין הויז, וואָס איז אין זיינע אויגן געווען שוין גאַר אַ גרויסע, פלעגט זיך אָפּגעבן מיט אים, ווי ער וואָלט געווען אירס אַ יונג ברודערל.

— אַי האָט מען דאָס דיר אָפּגעשוירן? — פלעגט זיך איר שיין פּנים פאַרקרימען אויף די טרעפּעלעך איבער זיין קעפּל, און דערביי נעמען אַ שערל מיט אַ קעמל און פּרובירן פאַרריכטן.

— טשעפּע זיך נאָר ניט צו זיינע פּיאות, — פלעגט די מוטער וואָרענען דער טאָכטער און דערביי צולייגן:

— אליהו וועט דיך נעמען ביי די צעפּלעך!

ווען דער טאַטע איז געשטאָרבן און דאָס קלייטל איז צעריננען געוואָרן איז שוין זיין היים כמעט אינגאַנצן געוואָרן ביי דער מומע אסתר־מלכהן און דעם פעטער חיימען. די אייגענע שטוב האָט מען פאַרדונגען צו איציקל דעם טאַנדעטניק און זיין גראָבער שרה לאהן און פאַר זיך האָט מען אין דער גרויסער קיך, וואָס ביי זיי איז געווען, אָפּגעשאָליעוועט אַן אַלקערל, וואו עס זיינען געשטאַנען די צוויי בעטן פאַר אים און דער מאַמען. דאָס איינציקע, וואָס זיי האָבן געקאָנט נוצן ביי זיך אין שטוב אַחוץ'ן אַלקערל איז געווען דער אויון, און די מאַמע פלעגט זונטיק באַקן ברויטלעך און פּלעצלעך פאַרן מאַנטיקדיקן מאַרק־טאָג.

פונעם אַלקערל פלעגט ער אַנטלויפן גלייך אין דער פרי נאָכן אויפשטיין, ווייל דורכן דינעם ווענטל האָט זיך שטענדיק געהערט דער שטענדיקער טומל אין די צוויי צימערן פון זייערע שכנים. עס איז געווען ניט אַזוי דאָס קלאַפּן פונעם שטעפּ־מאַשין, אָדער דאָס זעצן מיטן פּרעסל, ווי

דאָס שטענדיקע קריגן זיך צווישן מאַן און ווייב, איציקל דעם טאַנדעטניק און דער גראָבער שרה לאהן.

אים האָט מען גערופן איציקל טאַנדעטניק. איציקל דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ קליינגעוויקסיקער, אָבער אַ זשוואַווער, און טאַנדעטניק דערפאַר, ווייל ער איז געווען זייער אַ שלעכטער שניידער. זיין ווייב שרה לאה דערקעגן איז ניט געווען פיל העכער פון אים, אָבער דערפאַר אין דער ברייט, — אַ גאַנצע אינסטיטוציע. אין זייערע מחלוקתן האָט זי אים גערופן „ווערעמדיקער איציק" און ער זי — „קיילעכדיקע פאַס".

משה עטיע ביילעס לאַכט נאָך ביז היינט, ווען ער דערמאָנט זיך אָן אַ סצענע, וואָס ער האָט געזען און געהערט איין מאָל בשעת אַזאַ מחלוקת.

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן. עס האָט אַוודאי געמוזט זיין אין אַ מאָנ־טיק, ווארים די מאַמע זיינע איז שוין געווען אַוועק אין מאַרק אַריין מיט איר ביסל געבעקס. די קולות פון דעם יונגן פאָר פאָלק האָבן אים אויפ־געוועקט פון שלאָף. ער האָט געהערט, ווי איציקל שרייט:

— וואָס־זשע, ביסט קאַרג קיילעכדיק? ביסט דאָך שוין, ווי דאָס פסחדיקע פעסל מיט דעם בוראַקעס־ראָסל, דאַרפסטו נאָך אָט־אַ דאָס?

— אַ בראָך זאָל איך האָבן נאָך דיין קאָפּ! — האָט זיך געהערט שרה לאַהס ברוסטיק קול, און באַלד איז געקומען אַ געקלאַג:

— וואָס־זשע, איך עס דען פאַר מיינעט וועגן? איך עס דאָך פאַרן שעפּעלע, עס איך!

דערהערט דאָס וואָרט „שעפּעלע" איז ער אַרונטער פון בעט, אַריין אין די הייזלעך, און אַרויס אין קיך. ערשט ער זעט, ווי שרה לאה זיצט אויף אַ באַנק מיט אַ טאָפּ קאַלטע טייגלעך מיט בעבלעך, וואָס איז גע־בליבן פון דער בעכטיקער וועטשערע און אַנטקעגן איר שטייט איציקל און גלעט איר אויפן בויך מיט אַ גליקלעך, פאַרכלינעט פנימל:

— שרה לאהניו, אַ שעפּעלע, זאָגסטו?

— יאָ, איציקל, אַ שעפּעלע.

— ווער זאָל אַזוי לעבן? — פרעגט ער און גלעט איר אויפן בויך, ווי ער וואָלט מיט דעם געוואָלט דערגרונטעווען צי זי זאָגט אים טאַקע דעם אמת.

— אוי, שרה לאָהניו!

— דו פילסט, ווי עס וואַרפט זיך? — פרעגט זי ביי אים און איר צעגאָסן פנים קריגט דעם אויסדרוק פון אַ שטיק אויפגעיוירן טייג, כאָטש שנייד דערפון שטיקלעך און וואַרף זיי אין טאָפּ אַריין.

— נו, עס, עס, שרה לאהניו, עס! — האָט ער אַ גליקלעכער געגנו־מען זי פיעשטשען.

און אַז אין עטלעכע חדשים שפּעטער איז צוגעקומען אַ קוויטשערל איז דאָך אַוודאי שוין נישט געווען מעגלעך צו בלייבן אין אַלקער.

דעמאָלט איז זיין היים צעטיילט געוואָרן אין גאַנצע דריי היימען.

געשלאָפן איז ער אינעם אַלקערל, געלערנט אין בית־המדרש, און די איבעריקע צייט ביי דער מומע אסתר מלכהן.

און עס איז געווען ניט אַזוי די מומע אסתר־מלכה, ווי גיטעלע צו וועלכער ער האָט געפילט אַ טיפע צוגעבונדנקייט.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז ער געווען זיכער, אַז גיטעלע איז געווען די ערשטע פרוי אין וועלכער ער איז פאַרליבט געווען. ער האָט גוט געדענקט, אַז ווען גיטעלע פלעגט אים אונטערשערן די פּיאהלעך און אים אויסגלעטן דאָס קעפּל איז אים זייער גוט געווען און אַז זי פלעגט אים אַמאָל אַ דריק טאָן צום האַרצן, האָט ער געפילט אַ ציטער אין אַלע זיינע גלידער.

ער האָט שטענדיק פאַרגעדענקט דעם שפּאַס, וואָס גיטעלע האָט איין מאָל געמאַכט צו זיין מאַמען:

— מומע עטיעביילע, איך וועל גאָר וואַרטן אויף משהלען.

אָט אַזוי האָט זי איין מאָל שפּאַסיק אַ זאָג געטאָן צו זיין מאַמען און ביי אים אַליין האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— וואָס זאָגסטו, משהלע, וועסט חתונה האָבן מיט אַן אַלטער מויד, האַ?

ער האָט שטענדיק פאַרגעדענקט, ווי פאַרשעמט ער איז דעמאָלט געוואָרן און ער האָט געקאָנט שווערן, אַז ער איז דעמאָלט זייער שטאַרק רויט געוואָרן פון גיטעלעס חכמה.

פון וואַנען גיטעלע האָט זיך אויסגעלערנט צו לייענען רוסישע ביכ־לעך, האָט קיינער ניט געוואוסט. דער פעטער חיים פלעגט זאָגן מיט שטאָלץ אויף איר:

— אַ ייִנגלישער קאָפּ!

אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען משה האָט שוין געלעבט אין ניו־יאָרק, פלעגט ער טראַכטן וועגן אָט־דער שטוב מער, ווי וועגן זיין אייגענער. ביי אים איז אויסגעקומען, אַז אָט די שטוב איז געווען ניט נאָר אַ היים פאַר אים, נאָר אויך פאַר זיין טאַטע־מאַמען.

באַזונדער איז אויסגעוואַקסן אין זיינע אויגן אין די שפּעטערדיקע יאָרן דער פעטער חיים.

— אַ געזונטער און קאַליר־פולער ייִד, דער פעטער חיים, — פלעגט ער טראַכטן וועגן אים און ניט איין מאָל גערעדט וועגן אים מיט באַ־וואונדערונג.

ניט קיין עושר איז דער פעטער חיים געווען, אָבער עפּעס אַזאַ זי־

כערער. עס האָט שטענדיק געשלאָגן פון אים מיט געזונטער באַלעבאַ־טישקייט, וואָס האָט אַרויסגערופן צוטרוי.

— מען וועט זיך שואל עצה זיין מיט ר׳ חיימען, — האָט יעדער איי־נער געזאָגט אינעם שטעטל.

אויסער די איינקראָם, וואָס האָט געגעבן פּרנסה בהרחבה, האָט ער נאָך אונטערגעהאַנדלט מיט וואַלד, וואָס ער פלעגט נעמען אין אַרענדע ביי די פּריצים פון דער סביבה. ניט פון די גרויסע וואַלד־סוחרים, אָבער דאָך. אין שטוב אַריין פלעגן אַמאָל פאַרבלאָנדזשען יידן פון טיף־ראָסיי, וואָס האָבן גערעדט אַ מאָדנעם יידיש־לשון. עס איז געווען אַ יידיש גע־מישט מיט רוסישע ווערטער, ווי „שטאָ קאַסאַיעטסיאַ“, „פּאַנימאַיעטע לי ווי“ און אפילו די יידישע ווערטער גופא האָבן געקלונגען מער רוסיש, ווי יידיש. פון צייט צו צייט איז אפילו אַריינגעפאַלן אויך אַזעלכער, וואָס האָט גערעדט בלויז רוסיש און אָנגעטאָן זיינען זיי געווען אויך ביז גאָר מאָדנע און אויסטערליש, כאָטש אַז עס האָט זיך געטראָפן, אַז אַזאַ איינער איז געבליבן אויף אַ שבת, איז ער געקומען אין בית־המדרש אַריין דאַווענען.

און ניט נאָר דאַווענען, נאָר אפילו אויפגערופן ווערן צו קריאת־התורה און זייער פיין זיך לאָזן קאָסטן ביים „בעבור שנדר“.

מען האָט זעלטן געהערט, אַז אַזאַ איינער זאָל גיין צום רבין מיט אַ קוויטל, אָבער קומען צום רבינס טיש און שטעלן וויין יאָ. אין אַזאַ פאַל פלעגן אַמאָל די חסידים זיך וויצלען:

— ווען „ער זאָל לעבן“ וואָלט ניט מסכים געווען, וואָלט מען אפשר געקאָנט האָבן אַ חשד אויף יין נסך, וואָרים איר האָט געזען דאָס בערדל?

— נו, יאָ, אַז עס איז צוגעשוירן איז קיין שום ספק נישטאָ.

אָט־די סאָרטן יידישע סוחרים פון טיף „ראָסיי“ האָבן אַריינגעבראַכט אַן אַטמאָספערע פון אַביסל אַנדערשקייט אין שטוב אַריין און עס איז געווען אָט־דאָס ביסל אַנדערשקייט, וואָס האָט געמאַכט גיטעלען היפּש אַנדערש פון אַלע באַלעבאַטישע מיידלעך אין שטעטל.

קיין למדן איז דער פעטער חיים אויך ניט געווען. בלויז אַ שטיקל יודע ספר. אויף אים פלעגט מען אָפטמאָל זאָגן אין שטעטל:

— אַ ייד, וואָס קאָן אַלצדינג צוביסלעך!

און עס איז ווירקלעך געווען אַזוי. ער האָט קיינמאָל זיך ניט געלערנט קיין פּויליש און דאָך געווען אויסגעבונדן מיט אַלע פּריצים פון דער געגנט. ניט געקאָנט קיין רוסיש און דאָך געקאָנט צוטרעטן צום „מיראָוואָי“ גריג־גער אפילו פון יאַנקל שרייבער, וואָס האָט געקאָנט גראַמאַטיקע, ווי אַ וואַסער.

אין דעם פעטער חיימס פּערזענלעכער האַלטונג האָט זיך אויך גע־פילט אַביסל אַנדערשקייט.

דאַכט זיך אַנגעטאָן, ווי יעדער ייד אין שטעטל און דאָך האָט יעדער מלבוש פון אים אַראָפּגעשפּיגלט. די געלבלעך־בלאָנדע באָרד און פּיאות צוגעקעמט און שטענדיק אָן אויסגעוואַשענער.

משה האָט זיך אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון זיין לעבן אין ניו־יאָרק ליב געהאַט צו דערמאָנען אָן דעם, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין שטוב, ווען גיטעלע האָט זיך איינמאָל אומגעקערט פון קאָולע, וואוהין זי פלעגט אָפטמאָל פאָרן צו דער מומע סימען און געלאָזט וויסן טאַטע־מאַמען, אַז זי איז אַ כלה געוואָרן.

— אַ כלה? — האָט די מומע אסתר מלכה געפרעגט גאַנץ רואיק און גוטמוטיק, אַנגעמענדיק, אַפּנים, אַז איר בת־יחידה חכמהעט זיך אַזוי, אָבער ווען גיטעלע האָט אפילו אָנגערופן דעם נאָמען פונעם חתן און דערביי דערציילט, אַז ער דינט אין דעם קעניגסבערגער קאַוואַלערייסקן פּאָלק, וואָס שטייט אין קאָולע איז שוין ניט נאָר די מומע אסתר מלכה אַליין צערודערט געוואָרן, נאָר אויך דער פעטער חיים, וואָס האָט זיך פריער כמעט ווי ניט צוגעהערט, וואָס די טאָכטער זיינע פּלאַפּלט, איז געוואָרן אַזוי צעטומלט, אַז ער האָט אַזש אָנגעהויבן צו פינטלען מיט די אויגן.

— האַ? וואָס?

ער האָט אָנגעשטעלט זיינע אויגן אויף אסתר מלכהן און געפרעגט נאָכאַמאָל די פריערדיקע פראַגע:

— האַ? וואָס? וואָס האָט זי געזאָגט?

— וואָס־זשע, האָסט נישט געהערט? — האָט אסתר מלכה, פאַר־ציענדיק שטייפער די שפּיצן פונעם קאָפּטיכל אונטער איר גאָמבע זיך צעבייזערט, און אַ פּאַטש טוענדיק מיט די הענט, האָט זי זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדער טענהן אין אויפרעגונג.

— אָט האָסטו דיר אונדזער טאָכטער! נאָדיר גאָר אַ כלה אין מיצקע דרינען! האָסטו געהערט אַ מעשה! פאָרט זיך דורך קיין קאָולע צו סימען און קומט צוריק אַ . . . וואָס־זשע?

— נו, שאַ! שאַ! — האָט חיים מיט אַ בייזערדיקן קול אַ זאָג גע־טאָן צו זיין ווייב און מיט געמאַכטער רואיקייט זיך אָוועקגעזעצט, אָנגע־הויבן צו פאַרדרייען אַ ציגאַרל צווישן די פינגער און גענומען זיך פאַ־נאַנדערפרעגן ביי גיטעלען:

— אַזוי, אַזוי, אַליין אָפּגעזוכט אַ חתן? און פרעגן ביי טאַטע־מאַ־מען איז נישט נויטיק, האַ?

— ער וועט אייך ביידן זייער געפעלן, — האָט גיטעלע געזאָגט מיט רואיקייט אין טאָן.

— זאָג־זשע מיר, טאָכטער, ווי אַזוי? וואו האָסטו אים געטראָפן? און ווער איז ער? — האָט דער טאַטע מיט געמאַכטער רואיקייט אויף זיין פּנים, געפרעגט.

גיטעלע האָט זיך געזעצט ביים טיש און דערציילט, ווי אַזוי אין איינעם אַן אָוונט האָט זי אירע אַ חבר׳טע געבומען אינעם קאָולער „אַדעאַן".

— וואָס איז דאָס אַזוינס? — האָט חיים געפרעגט און דערביי פאַר־רויכערט זיין ציגאַרל.

— דאָס איז אַזאַ מין טעאַטער, וואו מען זעט לעבעדיקע מענטשן אויף דער וואַנט, — האָט גיטעלע געגעבן צו פאַרשטיין.

— אויף דער וואַנט? — האָט זיך דער פאָטער געוואונדערט און זיך געוויצלט:

— לעבעדיקע מענטשן קריכן דאָרט אויף די גלייכע ווענט?

גיטעלע האָט זיך צעלאַכט און פאַרזיכערט, אַז אַזוי איז דאָס טאַקע.

— נו? — האָט דער פאָטער געוואָלט וויסן און זיך אַלץ נישט אויפ־געהערט צו וויצלען:

— האָסטו, הייסט עס, דעם חתן דיינעם אַרונטערגעצויגן פון דער וואַנט, האַ?

די טאָכטער האָט נישט אויפגעהערט צו לאַכן פונעם טאַטנס הומאָר און לאַכנדיק דערציילט, אַז איר חברטעס חתן איז אויך אַ סאָלדאַט אינעם קעניגסבערגער פאָלק און אַז אין יענעם אָוונט האָט ער מיטגעבראַכט מיט זיך . . .

— אַ חבר פונעם זעלבן פאָלק? — האָט דער פאָטער אַרויסגעהאָלפן דער טאָכטער.

— יאָ, פונעם זעלבן פאָלק, — האָט גיטעלע באַשטעטיקט.

— נו?

— נו, האָבן מיר זיך באַקאַנט.

— און גלייך חתן־כלה?

גיטעלע האָט אַ קוק געטאָן אויפן פאָטער מיט אַ באַליידיקטן בליק און געזאָגט:

— אַן חוזק, טאַטע.

— אָבער ווי אַזוי־זשע? — האָט חיים אַ קוק געטאָן אויף דער טאָכ־טער מיט אַן ערנסט פּנים.

— איז ווי־זשע און ווי אַזוי־זשע? — האָט אויך אסתר מלכה גע־פרעגט, גליענדיק פון נייגעריקייט, און גיטעלע האָט אָנגעהויבן צו דער־

ציילן, ווי אַזוי אַט דער סאָלדאַט האָט זי אַפּגעפירט פון „אַדעאַן" צו דער מומע סימעס שטוב, ווי אַזוי ער האָט ביי איר געבעטן די דערלויבעניש זי קומען זען, ווי אַזוי זי האָט מיט אַ פּאָר אָונטן שפּעטער געשפּאַצירט מיט אים אין „גאַראַדסקאָי סאַד" און ווי אַזוי ער איז געקומען סוף כל סוף צו דער מומע סימען אין שטוב אַריין און איר געזאָגט, אַז ער איז זייער שטאַרק פאַרליבט אין איר פּלימעניצע, און אַז ער וואָלט זיך געשעצט איבער גליקלעך זי זאָל ווערן זיין כלה.

— איז הייסט עס „פּאַ ליובווי" ? — האָט חיים ווידער הלצהדיק אַ מורמל געטאָן, אָבער דאָס מאָל האָט זיך גיטעלע נישט באַליידיקט און געענטפערט :

— יאָ, טאַטע, „פּאַ ליובווי" . . .

— איז ווער־זשע איז ער ? איז אסתר מלכה שוין ביי־געריק געוואָרן.

— ער איז פון לויצק.

— פון לויצק ?

— יאָ, פון לויצק. זיין טאַטע איז דאָרטן אַן אַדוואָקאַט, און ער אַליין איז אַ געענדיקטער.

— אַזוי ? אַ געענדיקטער ? אויך אַן אַדוואָקאַט ? — האָט חיים גע־פרעגט אין אַ טאָן, וואָס אַז מען האָט געוואָלט איז אין אים געווען איראָ־ניע, און אַז מען האָט געוואָלט איז אין אים געווען אַ פּשוטער באַגער טאַקע אויסצוגעפינען.

אסתר מלכה האָט זיך געקליבן פּאַנאַנדערצו׳טענה׳ן, אָבער חיים האָט איר געגעבן אַ צייכן, אַז זי זאָל לאָזן דער טאָכטער אינגאַנצן צו אים און זי איז אַנטשוויגן געוואָרן.

אויף מאָרגן האָט חיים אייזנקרעמער געלאָזט וויסן, אַז ער פאָרט קיין קאָוועל נאָך סחורה און אַזוי ווי ער דאַרף דאָרטן פאַרהאַנדלען עפּעס אַן עניין וועגן דעם ווענדל לעבן דאַברינסק, וועט ער זיך אפשר פאַרזאַמען אַ פּאָר טעג.

ווען ער האָט זיך אויפן פערטן טאָג אומגעקערט, האָט זיין פּנים געשמייכלט.

— אַ גרוס דיר פון דיין חתן, — האָט ער אין אָונט ביי דער ווע־טשערע געזאָגט צו גיטעלען.

— אַ דאַנק, טאַטע, — האָט זי שמייכלענדיק געזאָגט און דערביי צוגעלייגט :

— באָריס האָט מיר געשריבן.

— הייסט עס, אַז דו ווייסט שוין, — האָט חיים געפרעגט און קוקנ־דיק אויף אסתר מלכהן, האָט ער געזאָגט :

— איך, איך . . .

— און וואָס פּאַר אַ שווער און שוויגער וועל איך האָבן? — האָט גיטעלע לאַכנדיק געוואָלט וויסן.

— וואָס־זשע, דאָס ווייסטו שוין אויך? — האָט חיים געפרעגט אַרונ־טערלאָזנדיק דאָס לעפל אויפן טיש.

אסתר מלכה, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן ביים טיש און זיך צוגעהערט דעם שמועס, וואָס פאָטער און טאָכטער האָבן געפירט צווישן זיך האָט פלוצלינג געטאָן אַ שאָס אַרויס מיט גרויס פאַרדרוס אין איר קול:

— צו מיינע שונאים! זע, נאַר, זע! — מען זיצט און מען רעדט און מען רעדט צווישן זיך, און איך, — עס איז דאָך עפּעס, ווי איך וואָלט דאָ אַ שטיפמאַמע, חלילה, געווען!

— נו, שאַ, שאַ, — האָט חיים געגומען באַרואיקן זיין ווייב און איצט שוין אָנגעהויבן דערציילן פאַר איר, ווי אַזוי ער האָט זיך ביי סימען גע־זען מיטן יונגענמאַן, וואָס איז דווקא זייער און זייער אַ וואוילער יונגער־מאַן, ווי אַזוי אָט דער יונגערמאַן האָט אים געגעבן אַ בריוו צו זיינע על־טערן קיין לויצק, וואוהין ער איז גלייך אַריבערגעפאָרן, און אַז די על־טערן זיינען אדרבא ואדרבא.

— די משפחה איז גאָר, גאָר... פאָטערס צד איז גאָר פון רבנים און מוטערס צד איז אויך זייער און זייער.

— ביסט געווען אין לויצק? — איז אסתר מלכה געוואָרן אויפגע־שרויפט ביז גאָר.

— נו, יאָ, ווי ווייט איז דאָס לויצק פון קאָוולע? — האָט חיים אויסגע־געמאַכט איר פראַגע און ווייטער דערציילט:

— דער פאָטער, דער אַדוואָקאַט אפילו, נו, ווי זאָל איך דיר זאָגן? נו, ווי אַן אַדוואָקאַט, אָבער אַ באָרד האָט ער דווקא אַ שיינע און אַ יידישלעכע. שבת אין שול אַריין גייט ער. מיר דאַכט זיך, אַז ער איז גאָר דער גבאי פון דער דאָרטיקער שול. און די מוטער? הערסטו, זי איז גאָר אַ כשרע יידישע טאָכטער . . . אין שטוב ווערט אָפּגעהיט כשרות. אפילו מזוזות אויף די טירן . . .

— איז הייסט עס? — האָט אסתר מלכה געפרעגט און איר פנים האָט זיך צעפלאַמט, ווי זי וואָלט געשטאַנען ביים אויוון ערב שבת ביים טשאָלנט פאַררוקן.

— עס הייסט! — האָט חיים געזאָגט און עס איז געווען קאָנטיק, אַז ווען ער האָט אַ גלעט געטאָן די באָרד, האָט ממש אַ שלאָג געטאָן מיט גרויס צופרידנקייט פון אָט־דעם גלעט.

אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז דאָס גאַנצע שטעטל זייער שטאַרק אויפגערודערט געוואָרן.

— געהערט וועגן גיטעלען?

— נו, יאָ, מען זאָגט, אַז פון לויצק איז ער.

— אַ געענדיקטער!

— דאָקטאָר?

— ניין, מען זאָגט אַ „דיזשעניער״!

— אַ וואָס?

— אַן אינזשעניער! — בעסערט אויס אַ דריטער, און לייגט דערביי צו, כדי צו ווייזן זיין אינטעליגענטישקייט:

— אַזאַ, וואָס בויעט!

די מיידלעך פון שטעטל האָבן נאָכגעקוקט, ווי גיטעלע האָט געשפּאַצירט מיט דעם שיינעם קאַוואַלעריסט פון דעם קעניגסבורגער פּאָלק אי־בערן שאָסיי און זיך געשושקעט:

— מען זאָגט „פּאַ ליובווי״.

— „פּאַ ליובווי״?

— יאָ, מען האָט זיך באַגעגנט אין קאָוולע און גלייך האָט דאָס געטראָפן.

— אוי־וואַ! „פּאַ ליובווי״!....

אָבער די יידן אין בית־המדרש האָבן שבת ביי קריאת־התורה ממש געגאַפט:

— געהערט אַ לשון?

— ער יכולט, דער בחור!

— שוין לאַנג אַזאַ מפטיר נישט געהערט און אַזעלכע ברכות!...

מען האָט אויך נישט אַראָפּגענומען די אויגן פונעם פּאָטער, וואָס איז געשטאַנען ביים מזרח מיטן טלית אויף די אַקסל און מיט דעם גלאַנ־ציקן צילינדער אויפן קאָפּ.

— אַן אַדוואָקאַט, — האָט מען זיך איבערגעשושקעט.

— אמתער אַדוואָקאַט?

— אַ „פּריסאַזשנע״, — האָט יאַנקל שרייבער פאַרזיכערט און דער אופן, ווי ער האָט אַרויסגעבראַכט דאָס וואָרט „פּריסאַזשנע״ איז שוין געווען גענוג, אַז אַלע אַרומיקע זאָלן בלייבן ממש געפּלעפּטע.

אין אַ קורצער צייט שפּעטער, ווען באָריס איז באַפרייט געוואָרן פון דער אַרמיי, איז געווען אַ חתונה אין שטעטל.

נישט איין מאָל האָט משה, שוין לעבנדיק אין ניו יאָרק, זיך דער־מאָנט אין אָט דער חתונה און דערציילט וועגן איר.

— שטעלט זיך פאָר, איין מחותן מיט אַ ברייטן סאַמעטענעם קאַשקעט

אויפן קאָפּ און דער צווייטער מיט הויכן גלאַנציקן צילינדער!

— דער ייד מיטן גלאַנציקן קוימען אויפן קאָפּ, — האָט מען זיך געוויצלט איבערן גאַנצן שטעטל.

ווען גיטעלע מיט באַריסן האָבן זיך באַזעצט אין לויצק איז די שטוב עפּעס ווי ליידיק געוואָרן: טאַטע־מאַמע זיינען שווייגנדיק געוואָרן. אסתר מלכה פלעגט ווייטער באַקן יעדן פרייטאָג קנישעקלעך און זיסע מאָנ־קיכלעך, אָבער יעדעס מאָל, ווען זי האָט אים מיט זיי מכבד געווען, פלעגט זי אַרויסלאָזן אַ טיפן זיפץ:

— גיטעלע האָט זיי אַזוי ליב געהאַט.

עס איז אפילו פון צייט צו צייט געווען אַ שטילער שמועס, אַז מען זאָל גאָר פאַרקויפן די שטוב און די קלייט און זיך איבערציען צו די קינדער קיין לויצק, אָבער יעדעס מאָל פלעגט זיך דאָס אויסלאָזן מיט חיימס אַ קרעכץ:

— איבערלאָזן טאַטע־מאַמע אויפן בית־עולם און זיך אַוועקציען אין אַ מקום, וואו מיינע אבות־אבותינו האָבן נישט געוואוינט, און וואו קיינער קאָן מיך נישט.

אָט אַזוי פלעגט ער אַ קרעכץ טאָן און דערביי שטענדיק צוגעלייגט כלומרשט מיט הלצה:

— אַז משיח וועט זיך באַווייזן וויל איך אויפשטיין פון קבר אינאיי־נעם מיט מייניקע.

נאָך אַזעלכע שמועסן פלעגט אסתר מלכה איבערלאָזן איר חיימען און אַוועקגעפאָרן אַמאָל אויף אַ גאַנצע וואָך צו די קינדער קיין לויצק.

חיים אַליין איז געפאָרן זעלטענער. די ערשטע צייט איז ער גאָר געווען אָנגעבלאָזן אויף דער טאָכטער הלמאי זי האָט זיך נישט געלאָזט אָפּגאָלן די האָר און זי טראָגט נישט קיין שייטל. שפּעטער האָט ער זיך איבערגעבעטן, אָבער דאָך איז ער נישט געפאָרן אַזוי אָפט, ווי אסתר מלכה.

— כשרע יידן, אָבער דאָך, — פלעגט ער זאָגן יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך אומגעקערט.

מען איז געבליבן אין שטעטל, אָבער דאָך איז דאָס שוין נישט גע־ווען, וואָס אין די פריערדיקע יאָרן.

ביסלעכווייז האָט ער אויפגעגעבן דעם זייטיקן האַנדל מיט וואַלד און געלעבט בלויז פון דער קלייט. און אפילו די קלייט איז שוין אויך נישט געווען דאָס, וואָס פריער.

דאָס איינציקע, וואָס מען האָט זיך באַמיט איז געווען, אַז די שטוב זאָל בלייבן שטוב, ווי אַלע מאָל. אמת, עס האָט נישט נאָר געפעלט גיטעלע, נאָר אויך די אַמאָליקע סוחרים פון טיף „ראָסעי“ האָבן זיך שוין מער

נישט געוויזן. אָבער דערפאַר האָט חיים אייזנקרעמער זיך אָנגעהויבן צו פּאַראינטערעסירן מער מיט כּלל זאַכן אינעם שטעטל, און אין דער שטוב האָבן אָנגעהויבן דורכגעפירט ווערן אַלע אַסיפהלעך והעגן קהלשע ענינים.

דער בייכיקער סאַמאָוואַר האָט שטענדיק געזאָטן און נישט נאָר האָט יעדער איינער געקאָנט אַריינקומען אויסטרינקען אַ גלאָז טיי, נאָר טאָמער האָט אַ קרעמער, אָדער אַ קרעמערין זיך געפילט אין די ווינטערדיקע טעג אָנגעפרוירן אויפן מאַרק, האָט מען געוואוסט, אַז מען קאָן זיך אַריינכאַפּן צו אסתּר מלכּהן אין שטוב אַריין מיט אַ טשייניקל נאָך הייסע וואַסער און אין איינוועגס שוין טאַקע די הייסע וואַסער פאַרפאַרבן מיט אַביסל וויסאָצקיס טיי.

פּאַר משהן זיינען די לעצטע יאָרן, וואָס ער האָט געלעבט אין שטעטל, געווען יאָרן ביי דער מומע אסתּר מלכּהן אין שטוב. גיטעלעס חדרל איז ביסלעכווייז געוואָרן זיינס. ער האָט אפילו זיך באַנוצט מיט גיטעלעס רוסישע לערנביכער, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט, און ווייל זיי זיינען געווען גיטעלעס, האָט אפילו דער פעטער חיים נישט פאַראיבל געהאַט אויף אים הלמאי ער קוקט אַריין אין זיי און נישט אין קיין גמרא.

איצט איז משה צוריק אין אַט־דער שטוב. באַנטשי האָט אָוועקגעשטעלט זיינע דריי רענצלעך ביי דער טיר און משה איז געשטאַנען און זיך אַרומגעקוקט.

— זע נאָר, זע, דער זעלבער בליצלאָמפּ! — האָט ער אַ מורמל געטאָן צו זיך און אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, האָט ער צוגעלייגט:

— דער זעלבער טשוואַק אינמיטן דער סטעליע!

די איינציקע נייקייטן אין דעם גרויסן עס־צימער זיינען געווען עטלעכע פאָטאָגראַפישע בילדער אויף אַ וואַנט.

— גיטעלע מיט דער משפּחה, — האָט משה אויסגערופן, און אסתּר מלכּה האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— אירע צוויי טעכטערלעך.

פון קיך האָט זיך באַוויזן אַ יונג, שיין, בלאָנד מיידל און משה האָט געקאָנט שווערן, אַז אויך אָט־דאָס מיידל איז ענלעך אויף גיטעלען:

— געדענקסט דאָך סימען, האַ? — האָט אסתּר מלכּה ביי אים געפרעגט.

— נו, יאָ, אַוודאי.

— דאָס איז סימעס טאָכטער, בתיה, — האָט זי געזאָגט, און משה האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו איר:

— סימע האָט שוין אַזאַ טאָכטער?

גילדן? צי דאָלאַרן?

די פּאַרוואַלטונג פון דער יידיש־וועלטלעכער קינדער־שול איז זיך צונויפגעקומען אויף אַ ספּעציעלער זיצונג וועגן דעם גאַסט, וואָס געפינט זיך שוין אין שטעטל עטלעכע טעג.

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן זייער אַ דעליקאַטן ענין, וואָס מען האָט געמוזט זייער פאַרזיכטיק און גרינטלעך אויפנעמען און קומען צו אַ באַ־שלוס, ווי אַזוי מען זאָל האַנדלען.

אמת, אַז אויף דער פריערדיקער זיצונג האָט דער שול־דירעקטאָר פּיוול ביליצקי, געהאַלטן, אַז דער ענין איז גאָרנישט קיין דעליקאַטער און אַז מען דאַרף זיך איינגאַנצן מיט אים נישט באַשעפטיקן. לויט זיין מיינונג האָט מען געדאַרפט צו דעם גאַסט פּשוט אַפּשיקן אַן איינלאַדונגס־בריוול ווי מען טוט צו יעדן אַנדער גאַסט, וואָס קומט פון מרחקים אין שטעטל אַריין, אָבער די פאַרוואַלטונג האָט מיט אים נישט מסכים געווען און באַשלאָסן צו רופן אַ ברייטערע ספּעציעלע זיצונג.

— פון משה עטיע ביילעס האָבן מיר געהאַט אַ רעכט צו דערוואַרטן גאָר עפּעס אַנדערש, ווי פון יעדן אַנדער גאַסט! — האָט מען זיך אויס־געדריקט און מען האָט זיך געחידושט אויף פּיוול ביליצקי הלמאי ער מאַכט אַוועק דעם גאַנצן ענין אַזוי גרינג.

בכלל איז צו אַט־דעם שול־דירעקטאָר פּיוול ביליצקי געווען אַ מאָדנע באַציאונג מצד דער פאַרוואַלטונג.

פון איין זייט איז מען געווען ביז גאָר שטאָלץ מיט אים, און מען האָט ווירקלעך געהאַט אויף וואָס שטאָלץ צו זיין.

אויפן געביט פון יידישער פּעדאַגאָגיק האָט פּיוול ביליצקי געהאַט אַ נאָמען, ווי איינער צווישן די אַנגעזעענע. מיט אַזאַ נאָמען, ווי זיינער, האָט ער געקאָנט פאַרנעמען אַ דירעקטאָר־פּאָזיציע אין אַ פיל גרעסערער שטאָט ווי דאָ אין שטעטל. מען האָט זיך אויך איבערגענומען מיט דעם, וואָס ער איז אַ באַוועליסט, וועמענס דערציילונגען ווערן געדרוקט אין די חשובסטע ליטעראַרישע אויסגאַבן און דערצו איז ער נאָך געווען אַ בן־עיר — געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן אין שטעטל.

איז מען טאַקע ביז גאָר שטאָלץ געווען מיט פּיוול ביליצקי. נאָר וואָס־זשע דען?

— אַ געפּערלעכער עקשן אונדזער פּיוול!

— אַז ער שפּאַרט זיך איין איז . . .

— קאָן נישט פאַרגעסן, אַז ער איז הערש מאירס אַן אייניקל!

דאָס לעצטע פלעגט געוויינלעך קומען פון די עטלעכע פאַרטייער אינעם שטעטל און פאָליטיש האָט מען געהאַלטן אַ וואַכזאַם אויג אויף אים.

פּיזול ביליצקין האָט ווי געטאָן אָט דאָס האַלטן אַן אויג אויף אים און ער פלעגט דערפאַר זייער אָפט זיין שטעכעדיק מיט זיין צונג צו דער פאַרוואַלטונג פון דער שול.

ספּעציעל איז ער שטעכעדיק געווען, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ גרעזעלשאַפטלעכן ענין און מען איז מיט אים נישט מסכים געווען בנוגע אָט־דעם ענין.

אין אַזאַ פאַל פלעגט ער שוויגנדיק ווערן און אָנהויבן צו קוקן זייער אויפמערקזאַם אויפן זייגער.

— וואָס פרעגט איר ביי מיר? — פלעגט ער האָבן אַ טבע אין אַזאַ פאַל צו ענטפערן, ווען מען האָט זיך געווענדט צו אים און דערביי מיט קאַלטקייט אין טאָן אַ זאָג טאָן:

— איך בין בלויז דער דירעקטאָר פון דער שול. און וועגן אַלע אַנדערע ענינים האַנדלט אַליין ווי איר פאַרשטייט.

דאָס מאָל איז ער גאָר אינגאַנצן צו דער זיצונג נישט געקומען, כאָטש מען האָט זיך בפירוש ביי אים געבעטן, אַז ער זאָל ביי זיין.

— הער אַ מעשה, ער איז דאָך טאַקע נישטאָ! — האָט יהודה לייב סטאָליאַר אויסגערופן, ווען ער האָט, ווי דער פאַרזיצער פון דער פאַר־וואַלטונג, געעפנט די זיצונג.

— אַ געפערלעכער עקשן אונדזער פּיזול!

— אַז ער שפּאַרט זיך איין איז . . .

— קאָן נישט פאַרגעסן, אַז ער איז הערש מאירס אַן אייניקל!

אָט אַזוי האָט מען זיך דורכגערופן אַרום טיש און שיינדל, די סעקרע־טאַרין, האָט אַ דריי געטאָן איר שווערן קאָפּ אַהין און צוריק און אַ ברום געטאָן:

— אַן איינפאַל פון אַ מענטשן אָוועקצומאַכן דעם גאַנצן ענין!

פאַר דער גאַנצער פאַרוואַלטונג איז געווען קלאָר, אַז צו דעם איצ־טיקן גאַסט קאָן מען נישט צוגיין, ווי צו יעדן אַנדערן, וואָס קומט פון מרחקים אין שטעטל אַריין.

— וואָס הייסט?

— ווי קאָן מען?

צו יעדן אַנדערן געוועזענעם בן־עיר, וואָס קומט צו גאַסט שרייבט מען געוויינלעך אַ בריוול, וואָס לייענט זיך אַזוי:

— מיר האָבן דעם כבוד אייך איינצולאַדן . . .

אַט אַזוי שרײַבט מען און אַז עס טרעפט הער געלאַדענער באַוױיזט זיך נישט, ווייסט מען שוין, אַז די כלי־קודש פון שטעטל האָט געווירקט:

— וואָס וועט איר גיין אַהין? עס איז דאָך כפירה!

אין די מערסטע פאַלן זיינען די געסט דווקא יאָ געקומען, כאָטש נישט מיט אַלע געקומענע האָט מען זיך דערבעענטערט.

איינער איז געקומען אויס פשוטער נייגעריקייט. עס איז געווען קענ־טיק, אַז ער באַנעמט נישט דעם גאַנצן ענין פון אַט אַזאַ מין דערציאונג:

— נו, מילא, אַז מען האָט געלאַדן, איז, אדרבא, לאָמיך זען.

אַן אַנדערער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי איינער, וואָס איז זייער פאַרוואונדערט:

— זע, זע נאָר, שוין דאָ אויך?

די מערסטע זיינען אַוועקגעגאַנגען און גאָרנישט. עס האָבן זיך אָבער געטראָפן אויך אַזעלכע, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַביסל אינטערעס און אפילו איבערגעלאָזט אַביסל מזומן, זאָגנדיק דערביי:

— אַזוי, אַזוי! פון די אַמאָליקע חדרים ביז אַט־אָ דעם איז אַ שטיקל חילוק!

אַ פּאָר פון אַט אַזעלכע האָבן אפילו אויסגעדריקט באַוואונדערונג פאַר דער שול, זאָגנדיק:

— אַ דאַנק, עס איז געווען אַ פאַרגעניגן.

איז שוין טאַקע געוואָרן אַ מנהג ביי דער פאַרוואַלטונג איינצולאַדן יעדן איינעם:

— ממה נפשך, וועט אים געפעלן איז מהיכי תיתי, און אַז נישט, איז וואָס־זשע ליגט מען צו?

מיט משה עטיע ביילעס איז אָבער געווען גאָר עפּעס אַנדערש, ווי מיט יעדן אַנדערן.

וועגן אים האָט די פאַרוואַלטונג פון דער שול געקראָגן אַ בריוו פון דעם דיכטער און בן־עיר זעליג וויינבערגן, וואָס לעבט שוין זיבט יאָרן אין ניו יאָרק. דאָס איז נישט געווען דער ערשטער בריוו פון אַט־דעם זעליג וויינבערגן, אין וועלכן עס איז דערמאָנט געוואָרן אַט־דער משה עטיע ביילעס, אָדער משה פינקלשטיין, ווי זעליג וויינבערג האָט אים אָנגערופן. אָבער דער לעצטער בריוו איז געווען גאָר אַ באַזונדערער. אין אים איז אַט דער גאַסט דערמאָנט געוואָרן, ווי דער איינציקער בן־עיר אין ניו יאָרק, וואָס העלפט זעליג וויינבערגן קריגן הילף פאַר דער יידי־שער קינדער־שול אינעם שטעטל ביי די בני־עיר אין ניו יאָרק, און עס איז בפירוש באַטאָנט געוואָרן, אַז מען זאָל אים אויפנעמען אויף אַ זייער חשובן אופן.

אַט אַזוי האָט בפירוש געשריבן ער אַליין, דער חשובער דיכטער און בן־עיר, וואָס איז פאַר דער גאַנצער שטעטלדיקער אינטעליגענץ דער גרעסטער אויטאָריטעט.

א קלייניקייט, זעליג ווײַנבערג!

זיינס אַ בילד הענגט דאָך צוזאַמען מיט די בילדער פון די יידישע קלאַסיקער אויף דער וואַנט פונעם פאַרזאַמלונגס־צימער אין דער שול. אַז ער שרייבט אַמאָל אַ בריוו איז עס דאָך אַ געשעעניש. מען לייענט אים דאָך פאַר אויף דער פאַרזאַמלונג פון די עלטערן אין דער שול און פראַגמענטן פון אים לייענט מען דאָך אפילו פאַר אין די קלאַסן פאַר די קינדער.

— אדרבא, זאָלן טאַקע אַלע הערן!

אַז עס קומט אַמאָל אַן אַביסל מזומן פון ניו יאָרק פאַר דער שול, רעדט מען צווישן זיך געוויינלעך:

— אונדזער זעליג ווײַנבערג האָט זיך שוין ווידער מטריח געווען צו די בני־עיר דאָרטן.

— טשיקאַווע צו וויסן, צי זיי דאָרטן ווייסן כאָטש, ווער און וואָס ער איז.

— נו, דאָס וויסן זיי.

— פון וואַנען איז געדרונגען?

— וואָס הייסט נישט וויסן, אַז אַ וועלט...

— גיין שוין, גיי, זיי דאָרטן וויסן, וואָס ליטעראַטור איז?

אַט אַזוי רעדט מען זיך דורך, און אַז מען לייענט איבער דעם בריוו פונעם פאַראיין־סעקרעטאַר, שמייכלט מען זיך איבער איינער צום אַנ־דערן גוטמוטיק:

— האָסט געהערט?

— נו, יאָ, יעדער בריוו איז ביי זיי מיטן זעלבן נוסח, — זאָגט עמי־צער און הויבט אָן לייענען אויסנווייניק:

— נאָכדעם, ווי מיר האָבן אויסגעהערט דעם אַפּיל פון זעליג יצחק לייב דעם חזנס איז באַשלאָסן געוואָרן אויפן מיטינג פון די לאַנדסלייט מיט אַ מערהייט...

— הערט נאָר, הערט! זעליג יצחק לייב דעם חזנס הייסט ער נאָך אַלץ ביי זיי! — צעבייזערט זיך יענער, וואָס האָט פריער געזאָגט, אַז זיי דאָרטן וויסן נישט וואָס ליטעראַטור איז.

— זיי וויסן זיכער נישט ווער און וואָס זעליג ווײַנבערג איז! — חזרט ער איבער.

נאָך יעדן בריוו אַזאַ פון די בני־עיר דאָרטן אין ניו יאָרק לויפט

אויך אַן אַ בריוו פון זעליג וויינבערגן אַליין אין וועלכן ער פרעגט אַן צי אַזאַ און אַזאַ סומע איז אָריינגעקומען און אין יעדן בריוו אַזעלכן בעט ער צו באַדאַנקען, ערשטנס, טאַקע די בני־עיר, כדי עס זאָל אים גרינגער זיין צו קומען צו זיי נאָכאַמאָל, און דער עיקר, בעט ער, צו באַדאַנקען משה פינקלשטיינען.

— ער איז דער איינציקער, וואָס העלפט מיר שטאַרק צו אַרויס־קריגן פון זיי, וואָס מער.

דער לעצטער בריוו איז געווען אינגאַנצן וועגן אַט דעם משה פינקל־שטיינען. דער בריוו איז אָנגעקומען פון פּאַריז, וואו עס איז פאָרגעקומען דער ערשטער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס, אויף וועלכן זעליג וויינבערג איז געווען איינער פון די אַמעריקאַנער דעלעגאַטן.

— איך וועל בקרוב אַריבערקומען אין שטעטל אַריין אויף אַ פּאָר וואָכן זיך זען מיט מיין משפחה און מיט אייך אַלעמען, — האָט זעליג וויינבערג געלאָזט וויסן און דערביי אויך געשריבן:

— מיט מיר געפינט זיך דאָ אין פּאַריז מיין פריינט, דער בן־עיר משה פינקלשטיין. ער איז אייך באַקאַנט פון מיינע פריערדיקע בריוו, ווי דער איינציקער, וואָס העלפט מיר קריגן הילף פאַר דער קינדער־שול. ער פאָרט איצט אין שטעטל, כדי צו שטעלן אַ מצבה אויף זיין מוטערס קבר. ער וועט אייך אָפּגעבן אַ גרוס פון די בני־עיר אין ניו יאָרק, ווי אויך דעם ערשטן גרוס פונעם קולטור־קאָנגרעס, וואָס ער האָט בייגעוואוינט.

אַט אַזוי האָט זעליג וויינבערג געשריבן און דערביי באַטאָנט אין קלאָרע ווערטער:

— נעמט אים גוט אויף. ער פאַרדינט דאָס.

אַוודאי האָט די גאַנצע שול־פּאַרוואַלטונג געמאַכט אַלע צוגרייטונגען אויפצונעמען משה עטיע ביילעס אויף אַ געהעריקן און חשובן אופן. ערשטנס, האָט מען דאָך געוואוסט וועגן אים, און צווייטנס:

— אַז זעליג וויינבערג אַליין רעקאָמענדירט איז דאָך נישט שייך צו רעדן.

האָט מען זיך טאַקע געריכט אויפצונעמען משה עטיע ביילעס, ווי עס באַדאַרף צו זיין:

— דאָס וועט זיין אַ מין פאָרשפּיל צו דעם גרויסאַרטיקן קבלת־פּנים פאַר אונדזער זעליג וויינבערגן אַליין, — האָט מען צווישן זיך גערעדט און מען האָט געוואַרט אויף אַ ידיעה פון אים, אַז מען זאָל אים קומען באַגעגענען ביי דער באַן.

פּלוצלינג ווערט מען געוואויר, אַז משה איז שוין דאָ אין שטעטל און גאַרנישט מיט גאַרנישט. אַריינגעקומען אַן אַ וואָרט צו לאָזן וויסן וועגן

זיך און שטיין שטייט ער גאָר ביי חיים אייזנקרעמער, וואָס כאָטש ער האָט אַ טאָכטער אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז ער דאָך צווישן די קעגנער פון דער שול.

גלייך, ווי יהודה לייב סטאָליאַר, דער פאָרזיצער פון דער שול־פאַר־וואַלטונג האָט געעפנט די זיצונג, האָט עמיצער אַ ברום געטאָן:

— וואָס רעדט איר, מיט אים איז דאָך די גאַנצע צייט בתיה סימעס, די תרבותניצע פון קאָוולע!

— פאַרלאָזט זיך שוין אויף אָט דער בתיהן! — האָט בייז אַ מורמל געטאָן שיינדל די סעקרעטאַרין.

— דאָס ביסל מזומן, וואָס האָט געדאַרפט קומען צו אונדז וועט גיין צו די תרבותניקעס, — האָט עמיצער צוגעלייגט.

— און פּיזול האַלט, אַז מיר דאַרפן אים שיקן אַן איינלאַדונג, ווי יעדן גאַסט, — האָט דער פאָרזיצער יהודה לייב סטאָליאַר זיך צעברומט, און פאַר גרויס עגמת־נפש זיך גענומען רייבן די צעקאַשמערטע באָרד זיינע.

אָט דער צוגאַנג מצד די הויפּט־וואָרט־זאָגער פון דער פאַרוואַלטונג צום ענין האָט אויף אַ ווייל אָפּגענומען דאָס לשון ביי אַלע איבעריקע.

— זאָל דער תרבות אים מקבל־פנים זיין, — האָט ענדלעך דער לערער פון תנ״ך און העברייאיש שלמה זלמן שטיל אַ זאָג געטאָן.

און אַז שלמה זלמן האָט שוין איבערגעריסן דאָס שווייגעניש, האָט שוין אַן אַנדערער אויך אַריינגעוואָרפן עטלעכע ווערטער.

— און אָט דער איז עס אונדזער זעליג וויינבערגס אַ פריינט!

די לערערין פון פוילישׁ און מוזיק ביילע גיטל, וואָס האָט זעלטן גענומען אַ וואָרט ביי זיצונגען, האָט דאָס מאָל זיך אָנגעשטרענגט און גענומען רעדן מיט איר ווייכן קול:

— פונדעסטוועגן, — האָט זי אָנגעהויבן און פירנדיק מיט איר דינער, שמאָלער האַנט איבער איר אויסגעבליכטן פּנים, האָט זי מיט נאָך גרעסערער אָנשטרענגונג אָנגעהויבן נאָכאַמאָל:

— פונדעסטוועגן גלויב איך, אַז . . .

דאָ האָט איר, זעט אויס, נישט געקלעקט מער קיין כוחות אויף אַרויס־צוברענגען מער ווערטער פונעם מויל און זי האָט אָנגעקוקט דעם פאָר־זיצער מיט אירע שטיל בלויע אויגן.

— פונדעסטוועגן, וואָס? — האָט יהודה לייב סטאָליאַר געפרעגט ביי איר.

די אויסגעבלייכטע ביילע גיטל האָט זיך אַ שטאַרקן וויג געטאָן אויף איר שטול און מיט גרויס אָנשטרענגונג אַרויסגערעדט:

— פונדעסטוועגן מיין איך, אַז מען דאַרף פאָרט געפינען עפּעס אַ

וועג צו ברענגען דעם גאַסט אין שול אַרײַן.

אַט אַזוי האָט זי זיך אַרויסגעזאָגט, און ווײַל עס איז געקומען פֿון ביילע גיטלען, וואָס רעדט אויף זיצונגען אַזוי זעלטן, האָט דאָס געמאַכט אויף די צוהערער אַ באַזונדערן אײַנדרוק, און ווײַל עס האָט געמאַכט אַזאַ באַזונדערן אײַנדרוק, האָט זיך יהודה לייב סטאָליאַר, דער פּאַרזיצער, שוין אָנגעבלאָזן אויף דער אמתן:

— איז אפשר ברענגען מיר אים אַהער מיט אַ קאַפּעליע, האַ?

יהודה לייב האָט געפֿרעגט אָט די פֿראַגע מיט היפּשער בייזקייט אין זײַן קול, און גלײַך נאָכדעם איז שיינדל, די סעקרעטאַרין, אַרויס מיט אַ צווייטע פֿראַגע:

— אָדער אפשר זיך ווענדן מיט אַ בקשה צו בתיהן, דער תרבותניצע, אַז זי זאָל באַוויליקן?

ביילע גיטל, וואָס איז שוין אַרײַן אין דער ראָלע, האָט געפּרובירט אָוועקמאַכן די פֿראַגן מיט דער האַנט, און זי האָט געזאָגט מיט שטילער אויפֿרעגונג:

— איך ווייס נישט, וואָס מען מישט דאָ אַרײַן בתיה סימעס, — אַ קרובֿה, נו, איז זי אַריבערגעקומען זיך זען מיט אַ קרובֿ!

אַט אַזוי איז געפֿירט געוואָרן דער שמועס ביי דער שול־פֿאַרוואַלטונג אויף דער ספּעציעלער זיצונג און עס האָט אויסגעקוקט, אַז עס וועט זײַן שווער זיך צו דעררעדן צו עפּעס.

— און פּיזול איז טאַקע נישט געקומען, — האָט יהודה לייב מיט רוגזה שטיל באַמערקט.

— אַז ער שפּאַרט זיך אײַן!

— אַן עקשן אַ מענטש!

— דעם זיידנס אייניקל!

דערווײַל האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אַזעלכע, וואָס כאָטש זיי זײַנען גערעכנט געווען פֿאַר אייגענע מענטשן, זײַנען זיי אָבער קיין מיט־גלידער אין דער שול־פֿאַרוואַלטונג נישט געווען.

עס איז געווען שבת־צו־נאַכטס. אין די שבת־צו־נאַכטסן איז שוין געוואָרן אַ מנהג אַרײַנצוקומען אין דער שול אַרײַן זיך טרעפֿן מיט מענטשן און אַביסל זיצן.

אין די שבת־צו־נאַכטסן זײַנען די שול־צימערן געווען באַלויכטן און זיי האָבן געדינט, ווי אַ מין קלוב פֿאַר די וועלטלעכע יוגנטלעכע זיך צו־נויפֿצוקומען.

זעלטן ווען איז אין אַ שבת־צו־נאַכטס פֿאַרגעקומען אַ זיצונג אין דער שול־געביידע. אין אָט די אָונטן האָט מען פֿאַרבראַכט צווישן זיך אין

שמועסן וועגן פּראָבלעמען פונעם יידישן און וועלט־לעבן. אָפטמאָל פלעגט פון אָט־די שמועסן אַרויסוואַקסן אַ לעבעדיקע דיסקוסיע, אין וועלכער עס האָט אָנטיילגענומען ווער נאָר עס האָט געהאַט עפּעס צו זאָגן. אין אַזעלכע אָוונטן פלעגט אַ גרופּע נישט איין מאָל פאַרברענגען אין זינגען לידער. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל ביי אַ טישל און געשפּילט אַ שאַך, אָדער אַ דאַמינאָ. צו טרעפן אין שבת־צו־באַכטס אַ זיצונג איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע דערשיינונג, און ווייל דאָס איז געווען אַזוי אויסערגעוויינלעך, האָט שוין יעדער אַריינקומער געהאַט די נייגעריקייט בייצוזיין.

— זע נאָר, זע, אַ זיצונג גאָר היינט? — פלעגט געוויינלעך יעדער אַריינקומער אויסרופן און אין איין וועגס שוין אַ פרעג טאָן:

— מען קאָן בייזיין?

— מיטן שענסטן כבוד, — ענטפערט מען געוויינלעך זייער פריינטלעך און מען לייגט דערביי צו:

— ביי אונדז זיינען קיין קאָנספּיראַציעס נישטאָ.

דער ערשטער, וואָס זיך באַוויזן יענעם שבת־צו־באַכטס איז געווען יאַנקל שפּיגל.

אָט־דער יאַנקל שפּיגל איז געווען גאָר אַ באַזונדער מין איינעם שטעטל.

ער איז געווען פון יענע מינים מענטשן, וואָס זיינען, דאַכט זיך, אין ערגעץ נישט, און דאָך זיינען זיי דאָ אומעטום, וואו עס ווערט עפּעס געטאָן.

— אַבי עס טוט זיך עפּעס! — פלעגט אָט דער יאַנקל שפּיגל האָבן אַ טבע צו זאָגן.

אַ הויכער, שלאַנקער יונג מיט קלייענדלעך אויף ביידע זייטן פון זיין פיינגעשניצטער און זייער אָנזעענדיקער נאָז, איז געווען, ווי אָט די קלייענדלעך טאָקע וואָלטן גערעדט ווערטער צו יעדן איינעם און געזאָגט מיט אַ פולן קול:

— אדרבא, זעט און קוקט, ווי חנעוודיק מיר זיינען!

און נישט נאָר די קלייענדלעך זיינע, נאָר זיין גאַנצע פיגור און יעדע באַוועגונג זיינע, האָט גערעדט מיטן זעלבן לשון, ווי די קלייענדלעך זיינע:

— קוקט מיך אָן וויפל איר ווילט אַליין, נאָר, למען השם, גיט מיר נישט קיין עין־הרע.

אַלע אין שטעטל האָבן געהאַט צו אים אַ טאָפּלטע באַציאונג און אַ טאָפּלטן צונאָנג:

— אַן אויסרייסעניש זאָל קומען אויף אים! — האָט מען אים געשאָלטן, און דערביי צוגעלייגט:

— אַ האָרץ פון גאָלד און אַ דורכגעטריבענער!

די מיידלעך פון שטעטל האָבן אים פּיינט געהאַט אויפן קול, נאָר שטילערהייט האָבן זיי פון אים געחלומט מיט גרויס בענקשאַפט אין זייערע געמיטער:

— קוקט אים נאָר אָן דעם פּראַנט! — האָט געזאָגט וועגן אים איינע צו דער אַנדערער, און שטילערהייט האָט מען אַ זיפץ געטאָן:

— ווי שיין ער איז, אָט דער פּאַסקודניאַק!

טאַטעס און מאַמעס פון דערוואַקסענע מיידלעך האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ וועגן אים:

— דרייט זיך אַרום אַ בחור, ווי אַן אָגער, און וואָס? — האָט מען פאַרענדיקט מיט אַ פראַגע.

— גאָרנישט מיט גאָרנישט! — האָט מען וועגן אים געברומט, און דאָך אים שטענדיק פריינטלעך געגריסט.

— נישט קיין שלעכטער יונג, אַז די כאָלעריע זאָל אים בעמען!

— און אַ פּאָרדינער אויך, אין דער ערד זאָל ער זיין!

— נאָר אַ חידוש, וואָס די מאַמע זיינע זעט־צו און שווייגט!

— וואָס רעדט איר, זי גיט דאָך אים נאָך די שמד!

— אַי גייט שוין, גייט. וואָס זאָל זי נעבעך טאָן, די מאַמע זיינע, אַז ער וויל דווקא זיין אָט אַזאַ!

אָט אַזוי האָט מען גערעדט וועגן אים הינטער די אויגן, און אין די אויגן:

— יאַנקעלע, וואָס וועט זיין דער תּכלית פון דיר, האַ?

— אַז מען וועט, אם ירצה השם, דערלעבן דאָס הונדערט און צוואַנציקסטע יאָר, וועט דער תכלית שוין אַליין קומען, — פלעגט ער גוט־מוטיק ענטפערן.

— נו, און חתונה האָבן דאַרף מען נישט?

אויף אָט־דער פראַגע פלעגט ער ענטפערן לויט דעם, ווער דער פרעגער איז געווען.

אַ שיינעם באַלעבאַטישן יידן, וואָס האָט געהאַט אַ דערוואַקסענע בתולה פלעגט ער ענטפערן מיט אַ פראַגע אויף דער פראַגע און דערביי מאַכן זייער אַן ערנסטן פּנים:

— וואָס־זשע, איר האָט עפּעס אַ גרויסן נדן צוגעגרייט פאַר אייער געראָטענער טאָכטער, האַ?

גאַנץ אַנדערש איז געווען, ווען איינער פון זיין עלטער, וואָס איז שוין געווען אַ באַווייבטער, פלעגט צושטיין אַמאָל צו אים:

— יאַנקל, הער, מען דאַרף חתונה האָבן.

— צו וואָס? — פלעגט ער פרעגן טאַמעוואַטע.

— וואָס הייסט, צו וואָס? טראַכסט גאָר נישט וועגן קיום־האומה?

— העע, — פלעגט יאַנקל אַ ברום טאָן, און ציענדיק דעם קאַרטאָנענעם מונדשטיק פון זיין פאַפּיראָסל זאָגן זייער ערנסט:

— עס איז עפּעס דאָ אין דעם...להכעיס די אַנטיסעמיטן וואָלט מען דאָס טאַקע געדאַרפט טאָן...חתונה האָבן און געבערן אַ היפּשע צאָל נייע יידן זיי אויף צו צוזעצעניש, אָבער . . .

— אָבער? — האָט דער פרעגער געוואָלט וויסן.

דעמאָלט האָט יאַנקל אָנגעשטעלט זיינע ברוינע אויגן אויף זיין פריינט און אַ זיפץ געטאָן:

— עס איז מיר אַזאַ רחמנות אויף מיינע קינדער.

שווער געווען צו באַשטימען די באַציאונג פון די שטעטלדיקע יידן צו אָט דעם יאַנקלען.

מען האָט שטענדיק געהאַט צו אים טענות, און דאָך האָבן אים אַלע זייער גערן געהאַט.

אָפט מאָל האָט מען אפילו אין שמועסן צווישן זיך וועגן אים נאָכ־געזאָגט זיינע ווערטלעך און דערביי אים גוטמוטיק געשאָלטן:

— וואָס, וואָס, נאָר אַ קאָפּ ביי אים, אַז צעזעצט זאָל ער ווערן!

— און פון וואַנען קומט דאָס צו אים? — פלעגט זיך עמיצער פאַר־וואונדערן און דערביי צולייגן:

— אַ פּראָסטער ייד זיין טאַטע געווען און גיי וויס!

— אָבער אַ מוצלח איז ער פונקט, ווי זיין טאַטע איז געווען, — האָט מען צוגעלייגט מיט קנאה.

און ווירקלעך איז אָט דער יאַנקל געווען אַ מוצלח. קיינער האָט נישט געקאָנט באַשטימט זאָגן מיט וואָס אַקוראַט יאַנקל האָט געהאַנדלט, ווייל זיינע געשעפטן זיינען געווען פאַרשיידענע. היינט האָט ער אָפּגע־קויפט ביי אַ פּריץ אַ שטיקל וואַלד, מאָרגן ביי אַ פּויער זיין תבואה. אָט איז ער גאָר געוואָרן אַ פּי־שותף און איבערמאָרגן האָט מער דערציילט, אַז ער בויעט אַ פּאַראָווע מיל אין דעם דאָרף מעלניצע, וואָס ליגט צווישן טריסק און מאַצעוו.

וויפל ער האָט פאַרמאָגט האָט קיינער נישט געוואוסט, אָבער אַ גמילת־חסד האָט יעדער קרעמער ביי אים געקאָנט שטענדיק קריגן, און טאָמער האָט אים עמיצער פאָרגעשלאָגן פּראָצענט, פלעגט ער גוטמוטיק זיך צעשמייכלען און זאָגן:

— הערט, קיין פּראָצענטניק בין איך נישט, אָבער אויב אייער גע־שעפט איז אַ גוטס, וועל איך זיין מיט אייך אַ שותף.

אויך פאַר די צרכי־ציבור אינעם שטעטל האָט ער געגעבן מיט אַן אָפענער האַנט, און געגעבן האָט ער אויף אַלץ. ער אַליין האָט שוין לאַנג קיין תפילין נישט געלייגט, אָבער געהאַלטן האָט ער, אַז אויב יידן ווילן דאַווענען, דאַרף מען, אַז דער בית־המדרש זאָל אויסקוקן לייטיש. העבּ־רייאיסטן ווילן דווקא אַ תרבות־שול, דאַרף מען זיי העלפן, און אַז עס איז דאָ אַ יידישע שול, וואו עס לערנען זיך די מערסטע קינדער פון שטעטל, איז דאָך נישט שייך צו שטיין פונדערווייטנס.

זיין מאַמע, שעווע, די אלמנה, פלעגט זיך נישט איין מאָל באַקלאָגן אויף איר זון:

— ביי מיין יאַנקלען זיינען שיטערע פינגער, — עס רינט זייער גרינג אַרויס צווישן זיי.

בלויז אויף איין זאַך האָט ער זיך אָפּגעזאָגט געבן הילף, און דאָס איז געווען ווען מען איז געקומען צו אים אויף דער מקוה.

— צו וואָס עפּעס אַ מקוה? — האָט ער געפרעגט און דערביי אָנ־געהויבן צו אַגיטירן, אַז מען זאָל איבערבויען די באָד.

— האָסטו געהערט אַ מעשה? פאַרריכטן אַ מקוה, אין אַ באָד וואָס איז אַ חורבה.

— אָבער די נשים? — האָט מען זיך מיט אים געפּרואווט אַ דינג טאָן וועגן דער נויטיקייט פון אַ מקוה אין אַ כשר יידיש שטעטל.

— ווען זיין וויניקער יידן זיך צו מאַטערן, — האָט ער געענטפערט און טאַקע נישט געגעבן.

אָט אַזוי איז ער געווען אָט־דער יאַנקל, און יעדערער אין שטעטל האָט געהאַט צו אים אַ טאָפּלטע באַציאונג.

דער דיין, ר׳ מרדכילע, האָט אים אַמאָל אָפּגעשטעלט אינמיטן גאַס און גוטמוטיק אים געגומען אַביסל אויסשטראָפן:

— אַ בחור קיין עין־הרע, ווי דו, שוין אין די יאָרן, און וואָס, האַ?

אין ר׳ מרדכילעס ווערטער זיינען אַריינגענומען געוואָרן אַלע טענות, וואָס מען האָט געהאַט צו אים אין שטעטל. עס האָט געמיינט הלמאי ער האָט נישט חתונה, הלמאי ער קוקט נישט אַריין אַמאָל אין אַ ספר, הלמאי מען זעט אים זעלטן אין בית־המדרש ביים דאַווענען און אַוודאי אויך הלמאי ער חברט זיך מיט די כופרים, רחמנא לצלן.

— מען וועט אַ טראַכט טאָן, — האָט ער געענטפערט, און כדי אויס־צודריקן זיין דרך־ארץ צום דיין, האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעחזרט מיט באַטאָנונג:

— מען וועט אַ טראַכט טאָן.

מיכל נח, דער מורה־עברית פון דער תרבות־שול, פלעגט אים מוסרן

הלמאי ער חברט זיך מיט די „רויטע" אַרום דער זשאַרגאָנישער שול און שטיצט זיי נאָך דערצו מיט געלט, און די גרופּע אַרום דער יידישער שול פלעגט אים שפּילקעווען הלמאי ער שטיצט די תרבותניקעס:

— נו, שוין ווידער צוגעלייגט אַן אַקסל צו דער רעאַקציע, האַ?

יאַנקל שפּיגל פלעגט אויסהערן אַלעמען מיט דער זעלבער גוטמוטיקייט און זיך ווייטער געגאַנגען זיין דרך.

און זיין דרך איז געווען צו אַלעמען און אומעטום האָט ער זיך געפילט, ווי אַן אייגענער.

אַז עס פלעגט זיך אים אַמאָל פאַרגליסטן אין אַ שבת אריינצוגיין אין בית־המדרש אַריין צום דאַווענען, האָט ער שטענדיק געדאַרפט דורכגיין עטלעכע באַגעגענישן:

— אַזוי, אַזוי, יאַנקל, — פלעגט אים אַנטקעגנגיין מיט אַ שמייכל שלמה קאָוואַל, וועמעס פּנים און הענט האָבן געגלאַנצט פונעם נעכטיקן מרחץ, און דערביי אים זאָגן מיט גרויס נחת אין זיינע שוואַרצע גלאַנציקע אויגן:

— דעם טאַטן דיינעם אין גן־עדן איז דאָס אַוודאי ניחא.

דאָס אייגענע פלעגט אים זאָגן זעליג פּייעס, אַ געלבאָבערדלטער היכער ייד, וואָס האָט זיך אַליין באַשטימט אין בית־המדרש, ווי אַ מין משגיח, אַז מען זאָל נישט רעדן ביים דאַווענען:

— שיין, זייער שיין, יאַנקל, — פלעגט זעליג פּייעס מורמלען צו אים, און נאָך זעליגן זיינען געקומען נאָך.

און איצט, אַז מען האָט דערזען אָט דעם יאַנקלען אריינקומען אין דער ביוראָ פון דער שול, וואו די ספּעציעלע זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג איז פאַרגעקומען, האָט יהודה לייב אויסגערופן:

— שאַט, אָט איז יאַנקל. ער איז אַוודאי היינט געווען אין בית־המדרש און ער וועט אונדז דערציילן, וואָס עס האָט זיך היינט אָפּגעטאָן דאָרטן מיט אונדזער חשובן גאַסט פון אַמעריקע.

יאַנקל האָט פאַרשטאַנען, וואָס אַזוינס מען וויל ביי אים געוואויר ווערן און ער האָט דאָס מאָל צוליב געטאָן:

— איר האָט שוין געמעגט הערן סאַראַ מפטיר אָט דער משה עטיע ביילעס האָט היינט דערלאַנגט! — האָט ער אָנגעהויבן און, ווי וועלנדיק זיך אַ רייץ טאָן מיט די אַרומיקע, האָט ער אין אַ פריילעכן טאָן דערציילט:

— דער עולם האָט ממש געגאַפט, און אַזאַ שטילקייט און דערהויבנקייט האָט געהערשט אין בית־המדרש.

ער איז געבליבן שטיל אויף אַ רגע, אָבער באַלד האָט ער אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ מינע פון שטעטלדיקער באַלעבאַטישקייט און געזאָגט

מיט לירישער באַדויערונג אין זיין קול:

— איר הערט? עס איז נאָר געווען אַ שאָד, וואָס זיין מאַמע עטיעביילע איז נישט געזעסן אין דער ווייבערישער שול.

אָט אַזוי האָט ער געזאָגט און אַרויסלאָזנדיק אַ זיפצל פון מויל צוגעלייגט:

— אָרעמע עטיע ביילע, נישט באַשערט געווען איר צו דערלעבן אַביסל נחת.

פאַרוואָס האָט גראָדע יאַנקל שפּיגל דערציילט אין אַזאַ טאָן? מסתמא האָט זיך אים געוואָלט אַ שפּיל טאָן אַביסל מיט די געפילן פון די פאַרזאַמלטע, אָדער אפשר איז דאָס געווען דערפאַר ווייל אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אינעם גאַסט פון אַמעריקע האָט ער געפונען אַ מענטשן, וואָס איז אַביסל ענלעך צו אים אַליין. ווער קאָן וויסן? אָבער אַריינגייענדיק אין דער ראָלע, האָט ער זיך אַזש פאַרכליבעט:

— נו, אַ מפטיר! שוין איין מאָל אַ מפטיר! — האָט ער נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן און דערביי צוגעלייגט מיט גרויס פאַרגעניגן אין קול:

— מען מוז צוגעבן, אַז אונדזערער אַ טריסקער איז...

— נו, און וואָס איז געווען ביים „מי שברך?" — האָט שלמה זלמן, דער לערער פון העברעיאיש און תנ"ך, הלצהדיק געפרעגט.

— עס איז געווען נישט אַזוי דער „מי שברך", ווי דער „בעבור שנדר", — האָט יאַנקל לאַכנדיק געזאָגט און דערביי גענומען נאָכמאַכן שמחה בעל־קוראס קול. און ער האָט אַרויסגעציקלט דעם „בעבור שנדר".

— גילדן, צי דאָלאַרן? — האָט יהודה לייב סטאָליאַר, דער פאַרזיצער, געפרעגט.

— כאַ! כאַ! כאַ! — האָט זיך יאַנקל צעלאַכט אויפן קול און לאַכנדיק דערציילט, אַז פונקט אַזוי האָט שמחה בעל־קורא געפרעגט ביים גאַסט פון אַמעריקע.

דער עולם האָט מיטגעלאַכט און יאַנקל שפּיגל האָט זיך געטאָן אַ שטעל אויף מעשה אַקטיאָר און אָנגעהויבן נאָכמאַכן שמחה בעל־קוראס קול:

— בע־ע־ע־בור שנד־ד־ד־ר? — האָט יאַנקל זיך צעגאָרגלט אויף שמחהס קול, נאָכמאַכנדיק דערביי אויך דעם בליק פונעם בעל־קורא דורך זיינע מעשענע ברילן.

— אַ צענערל, — איז ער איבערגעגאַנגען צום טאָן מיט וועלכן משה עטיע ביילעס האָט געענטפערט דעם בעל־קורא.

דער עולם האָט פריילעך געלאַכט און גאָר אָנגעקוואָלן פון יאַנקל שפּיגלס אימיטירונג.

— נו, נו? — האָט יהודה לייב סטאָליאַר, דער פּאַרזיצער, אַ לאַכנ־דיקער געוואָלט וויסן דעם רעזולטאַט, אָבער יאַנקל האָט זיך נישט גע־אײַלט מיט זײַן ענטפער.

דערפילנדיק, אַז ער איז אַ גרעסערער דערפאָלג מיט זײַן אימיטירן איז ער ערשט אַרײַן אין דער אמתער ראָלע:

— זהובים אָדער דאָלאַרים? — איז ער זיך ווידער פאַרגאַנגען אויף שמחה בעל־קוראס קול.

— און? — האָט שוין אַלע אָנגעהויבן צו גליען פון נײַגעריקייט צו וויסן וויפל דער אַמעריקאַנער האָט געגעבן.

— דאָלאַרן! אַוודאי דאָלאַרן! — האָט יאַנקל אַרויסגעשאָסן פון מויל זיך וואונדערנדיק אויף די אַרומיקע, וואָס פרעגן נאָר אַזאַ פראַגע.

— אין אַמעריקע ווייסט מען דיר נישט פון קיין גילדן! — האָט ער באַטאָנט.

— דאָרטן גייט אַלץ נאָר אויף דאָלאַרן! — האָט ער ערנסט צוגעלייגט.

אַלע אויף דער זיצונג זײַנען געבליבן זיצן, ווי דערשלאָגענע. יעדן איינעמס פּנים האָט געקראָגן דעם אויסדרוק, ווי ער וואָלט פּערזענלעך אָפּגענאַרט און באַליידיקט געוואָרן פון איינעם אויף וועמען ער האָט זיך אַמווייניקסטנס געריכט. יהודה לייב סטאָליאַר, דער פּאַרזיצער, האָט זיך געריבן מיט אַ פויסט אונטער דער צעקאָשמעטערטער באָרד, און שיינדל, די סעקרעטאַרין, האָט זיך אויפגערעגט געדרייט אויף איר שטול.

אַ ווײַל איז געווען שטיל. אַזוי שטיל, אַז דאָס איינציקע עלעקטרישע לעמפּל אין צימער, וואָס איז געהאַנגען אַרונטער פון דער סטעליע צום מיטן פונעם טיש אויף אַ שנור, האָט געקראָגן דעם אויסדרוק פון אַ קילבלעך פאַרגליווערט, צעעפנט אויג אויפן פּנים פון אַ נאַר־וואָס דער־שלאָגענעם מענטשן.

— המ... — האָט יהודה לייב איבערגעריסן אַ פּאָר מאָל דאָס פּיינ־לעכע שטיל־שווייגעניש.

ענדלעך האָט שיינדל, אָנשטאָט דרייען דעם גאַנצן גוף איבערן שטול, אַ דריי געטאָן איר מאַסיוון טונקעלן קאָפּ צווישן אירע שולטערס און מער אַרויסגעזיפצט, ווי געזאָגט:

— אָט אויף וואָס מען וואַרפט זיך מיט צענדליקער אַמעריקאַנער דאָלאַרן ביי אונדזערע ראַדיקאַלן!

דאָ האָט זיך שלמה זלמן, ווי אויפגעכאַפּט פון אַ טיפן דרימל און אַ דריק טוענדיק די ברילן צו די אויגן, האָט ער מיט גרויס פאַרוואונ־דערונג געזאָגט:

— עס איז מיר גאָר אַ חידוש אויף אונדזער זעליג ווייבבערגן, וואָס האָט . . .

שלמה זלמן האָט נישט פאַרענדיקט און איז אַנטשוויגן געוואָרן איב־דערמיטן. צופיל איז די אַנטוישונג, זעט אויס, געווען פאַר אים, אַז ער זאָל זי קאָנען אַרויסברענגען דורך ווערטער.

— מיין פריינט און מיין חבר! — האָט יהודה לייב איראָניש אַ ברום געטאָן, איבערזאָגנדיק זעליג ווייבבערגס ווערטער אין זיין לעצטן בריוו צו דער שול־פאַרוואַלטונג וועגן אָט דעם משה עטיע ביילעס.

— און איך זאָג, אַז פונדעסטוועגן, — האָט די אויסגעבלייכטע ביילע גיטל ווידער אָנגעהויבן מלמד זכות צו זיין אויף דעם גאַסט פון אַמעריקע. אָבער שיינדל, די סעקרעטאַרין, האָט אָנגעשטעלט אויף איר אַ פּאָר בייזע בליקן:

— פונדעסטוועגן! פונדעסטוועגן! — האָט זיך שיינדל צעשריגן און בייז געפרעגט:

— פונדעסטוועגן וואָס? פונדעסטוועגן וואָס?

עס איז ווידער אַריינגעטראָטן אַ געשפּאַנטע שטילשווייגעניש אויף אַ ווייל.

— הכלל, — האָט שלמה זלמן געוואָלט וויסן צו וואָס פאַר אַ באַ־שלוסן מען וועט פאַרט קומען.

— און פּיזול איז טאָקע נישט געקומען! — האָט יהודה לייב אַרויס־געבורמעט מיט גרויס ווייטיק אין קול.

ער האָט אַ שפּרייט געטאָן זיינע מאַזאָליעוואַטע הענט, ווי ער וואָלט געוואָלט דערמיט לאָזן וויסן, אַז מער איז וועגן דעם ענין נישטאָ וואָס צו רעדן און ער האָט געזאָגט:

— די זיצונג איז געשלאָסן!

אַ שטיין, צי אַ הילצערנער „ציון"?

דעם זעלבן שבת צונאַכטס, ווען עס איז פאַרגעקומען די זיצונג פון דער שול־פאַרוואַלטונג אויף וועלכער מען האָט פאַרהאַנדלט די פראַגע וועגן דעם גאַסט פון אַמעריקע, איז דער גאַסט געזעסן מיט זיין פעטער חיים אייזנקרעמער ביים דיין ר׳ מרדכילען אין שטוב.

געהאַנדלט האָט זיך וועגן דער מצבה אויף עטיעביילעס קבר, און די פראַגע איז געשטאַנען, צי זאָל מען שטעלן אַ שטיין, ווי דער זון האָט אומבאַדינגט געוואָלט, אָדער אַ הילצערנעם „ציון", אויף וואָס דער פעטער חיים איז באַשטאַנען.

משה האָט גאָר אַנדערש נישט געטראַכט, ווי נאָר צו שטעלן אַ שיינעם, בכבודיקן שטיין אויף דער מאַמעס קבר, אָבער דער פעטער חיים האָט געהאַלטן, אַז אַ שטיין איז נישט יידיש, אַז אַ הילצערנער „ציון" איז יידישער און אַז בכלל פּירט מען זיך אין שטעטל פון קדמונים.

— אַ שטיין איז להבדיל, ווי ביי זיי, — האָט חיים אייזנקרעמער זיך עקשנותדיק געשטעלט קעגן משהן און מיטן „זיי", האָט ער, פאַרשטייט זיך, געמיינט דעם גויאישן צווינטער.

די מומע אסתר מלכה איז אויך געווען מיט דער מיינונג, אַז עס איז עפּעס נישט און זי האָט געזאָגט:

— דער מאַמען דיינער, עליה השלום, וואָלט דאָס אַוודאי נישט ניחא געווען, זייער נישט ניחא געווען.

בתיה, וואָס איז אַריבערגעקומען פון קאָוולע צו גאַסט, האָט זיך געפּרובירט אַריינמישן:

— ביי אונדז אין קאָוולע שטעלט מען דווקא נאָר שטיינערנע מצבות און נישט קיין הילצערנע, — האָט זי געזאָגט, אָבער חיים האָט אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט:

— מאַלע וואָס קאָוולער יידן! — האָט ער אויסגעשריגן און גענומען פאַרדרייען אַ ציגאַרל.

— אָך, סאַראַ אַן עקשן אַ ייד, אָט דער חיים! — פלעגט מען זאָגן אויף אים אין שטעטל.

— אַז ער שפּאַרט זיך איין, איז דאָך שוין נישט שייך!

הכלל, עס איז געבליבן, אַז מען זאָל אַריבערגיין און זיך שואל־עצה זיין מיט ר׳ מרדכילע דעם דיין.

— און לאָמיר טאַקע הערן, וואָס ער האָט צו זאָגן.

— אַז קיין דיין איז נישטאָ קעגן שטיינער, בין איך זיכער, — האָט משה געזאָגט. אָבער חיים איז באַשטאַנען, אַז מען זאָל דאָך אַריבערגיין צו ר׳ מרדכילען.

— גיין וועל איך, — האָט משה געזאָגט, נאָר דערביי האָט ער אַלץ נישט אויפגעהערט צו טענהן:

— אפילו רבנים אין ניו יאָרק.

— מאַלע די רבנים אייערע דאָרטן אין ניו־יאָרק! — האָט אים חיים איבערגעשלאָגן מיט אַ מינע, וואָס האָט געזאָגט:

— ניו־יאָרקער רבנים!

משה עטיע ביילעס איז צופרידן געווען אַריבערצוגיין צו ר׳ מרדכילע דעם דיין, וואָרים סיי־ווי האָט ער בדעה געהאַט אים צו געבן אַ וויזיט, וייל, ערשטנס, ווי קומט מען דאָס צוריק קיין ניו־יאָרק צו די לאַנדס־לייט און מען ברענגט זיי נישט קיין גרוס פונעם דיין אינעם שטעטל, און צווייטנס, האָט ער דאָך טאַקע געהאַט עפּעס איבערצוגעבן דעם דיין פון די בני־העיר אין ניו־יאָרק.

— הכלל, מיר גייען, — האָט משה געזאָגט צו חיימען און מען איז אַהין אַוועקגעגאַנגען.

— דער דיין, ר׳ מרדכילע, וואָס האָט שוין אפילו געהאַט געזען משה עטיע ביילעס אין דער פרי אין בית־המדרש ביים דאַוונען, האָט זיך פונ־דעסטוועגן זייער שטאַרק דערפרייט, ווען דער גאַסט פון אַמעריקע האָט זיך באַוויזן ביי אים אין שטוב.

— שיין, זייער שיין, — האָט ר׳ מרדכילע זיך דערפרייט, אויפנעמענ־דיק משה מיט חיימען ביי זיך אין דער סאַליע, וואָס איז אויך געווען דאָס בית־דין־שטיבל.

מיט דער יאַרמעלקע אויפן קאָפּ און דעם קאַלירנדיקן כאַלאַט, האָט די איינגעבויגענע פיגור פון ר׳ מרדכילען איצט ביי זיך אין שטוב, אויס־געקוקט עלטער, ווי ער האָט אויסגעקוקט היינט אין דער פרי אין דעם עטרהדיקן טלית אין בית־המדרש ביים דאַוונען.

— זיצט, זיצט, — האָט ער געבעטן די געסט און מיט אַ סאַמעטענער ווייכקייט אין קול האָט ער איבערגעחזרט דאָס פריערדיקע:

— שיין, זייער שיין, — האָט ער איבערגעחזרט און דערביי אויך מוסיף געווען:

— אַ זון קומט פון מרחקים אויף קבר־אבות, איז דאָס בפירוש כיבוד אב ואם.

משה האָט אָנגעהויבן אַריינצונעמען די סאַליע מיט זיינע בליקן, וואָס איז אים געווען גוט באַקאַנט נאָך פון זיינע פריע יינגלשע יאָרן.

די זעלבע סאַליע האָט מיטאַמאָל צוריקגעבראַכט אין זיין זכרון דאָס געשטאַלט פונעם פאָטער זיינעם, וואָס פלעגט אים אָפט מיטנעמען אַהער, און זי האָט אויך צוריקגעבראַכט פאַר אים דעם דיין ר׳ יהושע, וועמענס ממלא מקום דער איצטיקער רב, ר׳ מרדכילע, איז.

ער האָט געקוקט און איז געווען שטאַרק פאַרגאַפט פון דעם, וואָס אַלצדינג האָט אויסגעקוקט אַקוראַט, ווי דעמאָלט, ווען ר׳ מרדכילעס שווער ר׳ יהושע האָט נאָך געלעבט.

— גאָרנישט, גאָרנישט זיך געביטן דאָ, — האָט ער אין זיין גרויסער פאַרגאַפונג געטראַכט צו זיך.

ער וואָלט געקאָנט שווערן, אַז נישט נאָר זיינען די שאַפעס די זעלבע ווי געווען, נאָר אַז אויך די ספרים, און זיי שטייען און ליגן אין דער זעלבער אָרדענונג, ווי אַמאָל. די זעלבע זיינען אויך דער טיש, די שטולן, די זאָפע מיט דער געלער־צעראַטענער איבערציעכץ. די לעצטע אַביסל אָפּגעריבענער און אַ פּאָר לעכער זעען זיך שוין אויך, אָבער די זעלבע איז זי סיי ווי סיי.

— די גאַנצע וועלט האָט אָנגענומען אַן אַנדער אויסזען, און דאָ?

משה עטיע ביילעס האָט זיך געכאַפּט, אַז עס איז דאָ עפּעס אַזוינס, וואָס איז ענלעך צו הנאה אין אים הלמאי דאָ האָט זיך גאָרנישט געענ־דערט, און ער האָט זיך שטאַרק פאַרוואונדערט אויף אָט־דעם הנאה־גע־פיל אין זיך.

— איז וואָס־זשע איז עס אַזאַ גדולה אויף מיר, וואָס אַלץ איז דאָ פונקט אַזוי, ווי עס איז געווען מיט יאָרן צוריק?

די פראַגע, וואָס ער האָט ביי זיך געפרעגט, איז געווען סיי פון גרויס פאַרוואונדערונג אויף זיך אַליין און סיי אויך אַ מין אויסשייגעצן די סענ־טימענטאַליטעט אין זיך, אָבער די הנאה אין זיך האָט ער דאָך נישט געקאָנט פאַרטרייבן אפילו פון דעם, וואָס כאָטש ר׳ יהושע איז שוין נישטאָ, איז איצט ר׳ מרדכילע זיין איידעם עפּעס פונקט אַזוי ווי ער וואָלט איצט געווען ר׳ יהושע אַליין.

— גאָרנישט, גאָרנישט, האָט זיך דאָ געענדערט, — האָט ער שטיל צו זיך געמורמלט און איז אפילו אומרואיק געוואָרן פון דער הנאה, וואָס ער האָט אַלץ געפילט אין זיך דערפון.

ער האָט געקוקט אויף ר׳ מרדכילען און נישט אויפגעהערט צו זען אין אים ר׳ יהושען. דאָס וואָס זיין באָרד איז געלבלעך־גרוי און ר׳ יהושעס איז געווען שוואַרצלעך־גרוי האָט דאָ גאָרנישט געענדערט, וואָרים פאַר זיינע אויגן האָבן די תנועות און דער דרך פון ר׳ יהושען זיך דורכאויס געזען אין ר׳ מרדכילען. אפילו די רייד זיינען געווען די זעלבע, אַזוי אַז

ווען ער וואָלט צוגעמאַכט די אויגן, וואָלט ער געקאָנט שווערן, אַז דאָ אין סאַליע איז דער זעלבער ר׳ יהושע, וואָס ער האָט אים איבערגעלאָזן מיט יאָרן צוריק, ווען ער האָט פאַרלאָזט דאָס שטעטל.

— אַזוי, אַזוי, הייסט עס, אַז אין אַמעריקע זיינען אויך דאָ יידן, ברוך השם, וואָס . . .

ר׳ מרדכילע האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווארים אַקוראַט, וואָס ער האָט געוואָלט ווייטער זאָגן איז אים אַליין נישט קלאָר געווען, און עס האָט זיך דערפאַר באַוויזן אויף זיין אויסגעבלייכט פנים אַ צופרידנקייט, ווען חיים האָט אים איבערגעשלאָגן:

— נו, ר׳ מרדכילע, לאָמיר צוגיין צום ענין, — האָט חיים איבער־געשלאָגן די רייד פונעם דיין, און כדי זיך צו פאַרענטפערן הלמאי ער האָט איבערגעשלאָגן, האָט ער אַ הוסטל געטאָן און געזאָגט:

— אין שטוב וואַרטן איצט שוין אַוודאי יידן אָפּצונעמען גרוסן פון קרובים אין אַמעריקע.

חיים אייזנקרעמער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, אָבער דאָ האָט שוין משה אים איבערגעשלאָגן.

ער האָט אַרויסגענומען פון בוזעם־קעשענע צוויי פאַרמאַכטע קאָנ־ווערטן און אַוועקלייגנדיק זיי פאַר ר׳ מרדכילען, האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָן צו אים:

— איינער איז פאַר אייך פערזענלעך, און דער צווייטער איז פאַר צרכי־ציבור אינעם שטעטל, — האָט ער באַטאָנט און דערביי צוגעלייגט:

— דאָס האָבן געשיקט די בני־העיר.

אַ ווייל איז משה אַנטשוויגן געוואָרן, אָבער באַלד האָט ער זיך, ווי אָן עפּעס דערמאָנט און געלאָזט וויסן:

— אינאיינעם מיטן געלט, וואָס איר וועט געפינען אין די קאָנווערטן, זיינען אויך בריוולעך דאָרטן דאָ פאַר אייך.

ר׳ מרדכילעס אויגן האָבן זיך צעפינטלט פון אויפרעגונג. ער האָט אַ ריר געטאָן די קאָנווערטן מיט דער רעכטער האַנט און אין טיפער גערירטקייט זיך צעשטאַמלט:

— אַזוי, אַזוי... נו, יאָ... איז וואָס־זשע איז דאָ שייך... אַוודאי איז דאָס... נו, יאָ... איז ווי זאָגט מען דאָס?...

אין זיין טיפער גערירטקייט האָט ער נישט געקאָנט געפינען די פּאַ־סיקע ווערטער, און עס איז ווידער געווען חיים אייזנקרעמער, וואָס האָט אים אַרויסגעראַטעוועט.

— נו, נו, — האָט חיים אַ ברום געטאָן, און אַ הויב טוענדיק די אַקסל, האָט ער געזאָגט:

— די ברייוועלעך וועט שוין ר׳ מרדכילע אַזוי גוט זיין און לייענען פאַר זיך שפּעטער ביחידות.

אַט אַזוי האָט ער געזאָגט און אַ גלעט טוענדיק זיך מיט אַ האַנט אונטער דער באָרד, האָט ער מוסיף געווען:

— און טאָמער איז עפּעס דאָ פאַר קהל, וועט דאָך ר׳ מרדכילע לאָזן וויסן דעם עולם.

ר׳ מרדכילע האָט זיך ממש אָנגעכאַפּט אָן חיימס ווערטער און ער האָט שטיל געזאָגט:

— יאָ, יאָ, אַוודאי, ווי דען?

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף חיימען און איבערפירנדיק די בליקן אויף משהן, האָט ער געפרעגט:

— איז וואָס־זשע איז דאָס פאַר אַן ענין?

— מיר זיינען געקומען זיך שואל־עצה זיין וועגן דער מצבה אויף עטיע ביילעס קבר, — האָט חיים געלאָזט וויסן.

— וועגן דער מצבה? — האָט ר׳ מרדכילע איבערגעפרעגט און זיך שטאַרק פאַרוואונדערט.

— וואָס־זשע איז דאָ שייך?

פרעגנדיק דאָס, האָט ער זיך פּלוצלינג גענומען פאַרען מיטן שרויף פונעם לאָמפּ, וואָס איז געשטאַנען אין אַ צינערנעם פוס אינדערמיט פונעם טיש.

— שרה ליבע! האַ? שרה ליבע! — האָט ער גענומען רופן צו דער אָפענער טיר אין דעם אַנדערן חדר אַריין, און דערביי זיך פאַרענטפערט פאַר די זיצנדיקע:

— עפּעס איז דער לאָמפּ היינט...

עס האָט זיך באַוויזן שרה ליבע די דיינטע, זיך ווישנדיק די הענט מיטן פאַרטוך, און משה וואָלט געקאָנט שווערן, אַז זי האָט געטראָגן די זעלבע געבלימלטע פּאַטשיילע אויפן קאָפּ, וואָס איר מוטער, רבקה די דיינטע, פלעגט טראָגן און אפילו די תנועות זיינען געווען די זעלבע.

— מאָדנע, — האָט ער מורמל געטאָן צו זיך שטילערהייט, וואָרים פאַר זיינע אויגן האָט זיך אויף אַ רגע פאַרגעשטעלט אָט די זעלבע שרה ליבע, ווען זי איז נאָך געווען גאָר אַ יונג ווייבל.

— עטיע ביילעס זון? — האָט זי געפרעגט ביים אַריינקומען און מיט אַ פרומער נחתדיקייט אין איר קול, האָט זי אַרויסגערעדט:

— קיין עין הרע, עטיע ביילעס בן־יחיד.

משה האָט זיך אויפגעשטעלט איר אַנטקעגן און דרך־ארצדיק ביי איר געפרעגט:

— איז וואָס־זשע מאַכט די דיינטע?

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט פינטלדיקע אויגן און איר פּנים איז דער־מאָלט געוואָרן אַקוראַט, ווי איר מוטערס איז געווען:

— נו, וואָס־זשע זאָל מען מאַכן? אַ דאַנק דעם אייבערשטן, אַט ווי דו זעסט, מען לעבט יאַקאַש.

זי האָט נאָכאַמאָל אָנגעשטעלט אירע צעפּינטלטע בליקן אויף משהן און זיך צעזיפצט:

— ווײַ, ווײַ, עטיע ביילע . . . אַ גוטע מליצה זאָל זי זיין פאַר אונדז אַלע... וואָלט זי איצט געלעבט און געזען איר בן־יחיד, קיין עין־הרע. ווײַ, ווײַ, נישט דערלעבט, עטיע ביילע...

זי האָט אַ וויש געטאָן מיט איר פאַרטוך די אויגן און זיך געקליבן אויפסניי אָנצוהויבן, אָבער דאָ האָט זיך אַריינגעמישט ר׳ מרדכילע און זי איבערגעשלאָגן:

— נו, נו, — האָט זיך אַריינגעמישט ר׳ מרדכילע, און גענומען אויס־שטראָפן, זאָגנדיק מיט באַטאָנונג:

— מען טאָר זיך נישט גריבלען אין גאָטס דרכים.

שרה ליבע האָט זיך צוגעבויגן צום טיש, און פאַרקענדיק זיך מיטן קנויט פונעם לאָמפּ, האָט זי געפרעגט:

— אפשר אַ שטעל טאָן דעם סאַמאָוואַר, האַ?

— אדרבא, — האָט ר׳ מרדכילע מסכים געווען מיט זיין ווייב, און גלעטנדיק די באָרד אויסגערופן:

— אַזעלכע געסט! באמת זייער אָנגעלייגטע געסט!

חיים אייזנקרעמער האָט פון אומגעדולד זיך אַזש אַ הויב געטאָן פון שטול. אַ רגע איז ער געשטאַנען, רייבנדיק מיט דער האַנט זיך אונטער דער באָרד. באַלד האָט ער זיך צוריק אַוועקגעזעצט און אַ קוק טוענדיק אויף דעם דיין מיט געבעט, האָט ער געזאָגט:

— אי, אי, ר׳ מרדכילע!

ער האָט אויסגערופן אָט די ווערטער, און באַלד נאָכאַמאָל דערמאָנט:

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז אין שטוב וואַרטן שוין אַודאי יידן, וואָס ווילן...

— האָט נישט קיין פאַראיבל, איך האָב גאָר פאַרגעסן, — האָט זיך ר׳ מרדכילע פאַרענטפערט, און קוקנדיק אויף דער דיינטע, האָט ער מוסיף געווען:

— זיי זיינען אין איילעניש, מענטשן אין שטוב.

— אָבער אַ גלאָז טיי, — האָט זיך שרה ליבע גענומען דינגען מיט איר מאַן.

— מיר וועלן קומען אַן אַנדערש מאָל, — האָט חיים אייזנקרעמער געזאָגט צו דער דיינטע, און כדי עס זאָל מער שוין קיין שום רייד נישט זיין וועגן טיי, האָט ער גלייך אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם ענין:

— הערט נאָר אַ מעשה, ער וויל דאָך שטעלן אַ שטיין אויף דער מאַמעס קבר, וויל ער דאָך!

די ווערטער זיינען אַרויסגעקומען פון חיימס מויל גיך און שטאַרק און באַלד איז נאָך זיי געקומען נאָך אין אַ שטאַרקערן טאָן דער צוגאָב:

— ווי להבדיל ביי זיי!

— אוי ווײ איז מיר נישט געשען! — האָט די דיינטע אויסגעשריגן מיט שרעק אין איר קול, און קוקנדיק אויף משהן מיט גרויס פאַרוואונדערונג, האָט זי געפרעגט:

— אויף דיין מאַמען, דער צדיקת, אַ שטיין גאָר? אוי ווײ איז מיר, משהלע, וואָס רעדסטו?!

די ווערטער זיינען אַרויס פון איר מויל מיט אַזאַ ציטערניש און צאַפּלעניש, אַזוי ווי עטיע ביילע וואָלט דאָ געשטאַנען אַ לעבעדיקע און איר אייגענער זון וואָלט זיך חלילה פאַרמאָסטן אויף איר קאָפּ מיט אַ שטיין אין דער האַנט.

פּלוצלינג האָט זי געטאָן אַ לאָז איבער דעם לאָמפּ אַרום וועלכן זי האָט זיך געפּאָרקעט, און פאַרברעכנדיק די הענט, האָט זי זיך צעשליקערצט אויפן קול:

— עטיע ביילע, אַ גוטע מליצה זאָל זי זיין פאַר אונדז אַלעמען. אַ צדיקת געווען, עטיע ביילע... מעשטיינס־געזאָגט איר עולם־הזה... ווײ, ווײ, אַזאַ צדקת ווי זי איז געווען...

שרה ליבע די דיינטע האָט געשלוקערצט, געריעדט און זיך געהאַלטן אין איין ווישן מיטן פאַרטוך דאָס פּנים, איבער וועלכן עס זיינען גערונען טרערן פון אירע אויגן. פון צייט צו צייט האָט זי פאַרביטן דאָס פאַרטוך אויף די שפּיצן פון איר געבלימלטער פאַטשיילכל און דערביי האָט זיך דאָס מויל ביי איר נישט צוגעמאַכט:

— אַן עולה... אַן עולה... כ׳לעבן אַן עולה... ווי פאַלט דיר גאָר איין, משה, צו טראַכטן וועגן אַזוינס... ווײ איז מיר, ווען עס וועט קומען די ריכטיקע צייט, און אַלע וועלן זיך אויפהויבן, זאָל זיך די מאַמע דיינע דאַרפן רייסן פון אונטער אַ שטיין?...

דאָ האָט זיך ר׳ מרדכילע אומגעדולדיק אַ גלעט געטאָן די באָרד און זיך גוטמוטיק צעבייזערט:

— נו, נו, שטות... קיין שטותים דאַרף מען נישט!... — האָט ער זיך געבייזערט און דערביי געזאָגט:

— קיין דין קעגן שטיינער איז נישטאָ. אין ארץ אבותינו איז מען זיך דווקא נוהג מיט שטיינער. עס שטייט בפירוש געשריבן ביי אונדזערע אבות...

— אַלע ווייסן, אַז אויף דער מוטער רחלס קבר שטייט אַ שטיין און אפילו אַ גרויסער שטיין, — האָט משה איבערגעשלאָגן די רייד פון ר׳ מרדכילען.

— נו, יאָ, — האָט ר׳ מרדכילע מסכים געווען מיט משהן, אָבער דערביי האָט ער אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ סך מילדקייט אין זיינע בליקן און ער האָט אים אָנגעהויבן מסביר צו זיין.

— דאָס איז גערעדט געוואָרן וועגן ארץ אבותינו, אָבער אין גלות איז גאָר עפּעס אַנדערש.

— פאַרשטייסט, משה? אין חוץ לארץ איז דער ענין גאָר אַן אַנ־דערער, — האָט ר׳ מרדכילע געזאָגט מיט אַ ניגון פון דער גמרא, און קוקנדיק אויף משהן מיט נאָך מער מילדקייט, האָט ער מוסיף געווען:

— חוץ לארץ איז גלות, און גלות איז פאַר יידן אין דער בחינה פון אַן אכסניא, פאַרשטייסט?

משה האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער ר׳ מרדכילע האָט אים אָנגע־נומען ווייך ביי דער האַנט:

— חוץ לזה איז ביי אונדז אַט אַזוינס נאָך נישט געווען.

— עס וואָלט דאָך געווען ממש, ווי, להבדיל, ביי זיי אויף די צווינ־טערס! — האָט חיים זיך צעקאָכט, און שרה ליבע די דינטע האָט זיך גאָרנישט געקאָנט באַרויקן פון אויפרעגונג:

— ווי, ווי איז מיר און ווינד, — פאַרוואָס קומט אַזאַ צדקת, ווי עטיע ביילען אַ שטיין?

משה האָט געקוקט אַט אויף ר׳ מרדכילען, אַט אויף זיין פעטער חיימען און איבערגייענדיק מיט די בליקן אויף שרה ליבע דער דינטעס פאַרווינט פנים, האָט ער דערפילט, אַז דער גאַנצער ענין איז פאַר אים שוין אַן איבעריקער.

— אַ גרויסער חילוק דער מאַמען! — איז אים אָנגעלאָפן אין גע־דאַנק אריין, און ער האָט שטיל געזאָגט:

— נו, מילא, זאָל שוין זיין ווי איר זאָגט.

ר׳ מרדכילע האָט אַ גלעט געטאָן משהן איבער דער האַנט און חיים איז אַזוי ווייך געוואָרן, אַז ער האָט דערפילט אין זיך די נויטיקייט מיט עפּעס משהן צו פאַרגיטיקן, און ער האָט, אויפשטעלנדיק זיך פון זיין שטול, אַ זאָג געטאָן צו אים:

— מיר וועלן שטעלן אַ שיינעם הילצערנעם „ציון״, — אַ געפּאַרבטן און מיט אַ בלעכן דעכל.

— שיין, זייער שיין, — האָט ר׳ מרדכילע מסכים געווען מיט דער פּשרה, און שרה ליבע די דייגטע איז געווען איבערגליקלעך, וואָס משה איז ענדלעך איינגעגאַנגען און זי האָט געזאָגט:

— וואָס דען? נאַ דיר גאָר אַ שטיין!

אָט אַזוי האָט זי צופרידן געזאָגט, און פאַרציענדיק שטייפער די שפּיצן פון איר פאַטשיילע האָט זי צוגעלייגט:

— אַ שיינע מעשה, כ׳לעבן: אויף עטיע ביילען, דער צדקת, עליה השלום, גאָר אַ שטיין!

מען האָט זיך אָנגעהויבן צו געזעגענען, צוזאָגנדיק, אַז מען וועט אַריינקומען נאָכאַמאָל.

— אפילו קיין גלאָז טיי נישט אויסגעטרונקען, — האָט שרה ליבע זיך נישט געקאָנט באַרואיקן.

— הער אַ מעשה! — האָט זי נישט אויפגעהערט אָבער און ווידער איבערצוחזרן.

— נו, נו, — האָט ר׳ מרדכילע געזוכט צו באַרואיקן זיין ווייב, און דערביי זי געטרייסט:

— זיי זאָגן דאָך, אַז מען וועט קומען נאָכאַמאָל!

— אָבער טאָקע גאָר בקרוב? — האָט די דייגטע געוואָלט אומבאַדינגט, אַז מען זאָל איר פאַרזיכערן.

— בקרוב! גאָר בקרוב! — האָט חיים פאַרזיכערט און גענומען ציען משהן מיט זיך צו דער טיר.

אָבער טאָקע ביי דער טיר שוין האָט ר׳ מרדכילע נאָכאַמאָל אָפּגעשטעלט משהן מיט אַ ריר אויף זיין אַרבל:

— יאָ, משה, איך האָב נאָך געוואָלט ביי דיר עפּעס פרעגן.

— וואָס איז, ר׳ מרדכילע? — האָט משה זיך אָפּגעשטעלט און אַ קוק געטאָן אויפן דיין.

— אפשר אָן אַנדערש מאָל? — איז חיים געווען אומגעדולדיק און געצויגן משהן נאָך זיך.

— אַ קלייניקייט, אַ קלייניקייט, — האָט ר׳ מרדכילע געזאָגט, אויסגלייכנדיק די יאַרמעלקע אויפן קאָפּ.

— איז וואָס־זשע? — איז משה דאָך געבליבן שטיין.

— עס איז וועגן דער נתינה פאַר צרכי־ציבור, — האָט ר׳ מרדכילע זיך צעשטאַמלט.

— איז וואָס־זשע איז וועגן אַט דער נתינה? — האָט שוין חיים געוואָלט וויסן.

ר׳ מרדכילע האָט אַ הוסטל געטאָן, זיך נאָכאַמאָל אַ נעם געטאָן צו זיין יאַרמעלקע און געפרעגט:

— איך האָב געוואָלט וויסן, צי קאָן מען דאָס ניצן אויף תלמוד־תורה, צי איז דאָס פאַר עפּעס אַנדערש.

משה האָט אַ קוק געטאָן אויפן דיין. געוואָלט האָט ער אים זאָגן עפּעס אַנדערש, אָבער דערפילנדיק דעם פעטער חיימס אומגעדולד, האָט ער געזאָגט:

— אויף תלמוד־תורה? נו, זאָל זיין אויף תלמוד־תורה.

שיין, זייער שיין, — האָט אים נאָכגעקלונגען ר׳ מרדכילעס ווערטער ביים פאַרלאָזן די שוועל.

דאָלאַרן, אַוודאי דאָלאַרן!

אויפן וועג צוריק פונעם דיינס שטוב האָט משה געהאַט אַ שטאַרקן באַגער זיך צו באַפרייען פון חיימען און זיך אַוועקלאָזן אַליין איבער די געסלעך פון שטעטל.

פאַר די עטלעכע טעג, וואָס ער איז אין שטעטל, האָט מען אים נאָך אויף קיין מינוט נישט געלאָזט אַליין, און ער האָט פּלוצלינג דערפילט די שווערקייט פון דעם.

דער אָוונט האָט זיך געטונקלט צווישן די געסלעך. בלויז אויף דעם מאָנאַסטירנעם געסל אויף יענער זייט פון די בוימער איבערעם גלחס סעדל האָט זיך געזען אַ בלייכער סימן, אַז די לבנה איז אויפן וועג און באַלד, באַלד וועט זי זיך באַווייזן. דער באַשטערנטער הימל איז געווען באַדעקט מיט אָפּגעריסענע שטיקער וואָלקנס, וואָס האָבן זיך געצויגן, זיך צונויפ־געגאָסן און זיך ווידער פאַנאַנדערגעריסן, ווי זיי וואָלטן בשום אופן נישט געקאָנט ביי זיך אָפּמאַכן צי זיי זאָלן זיך פאַראייניקן, אָדער גיין יעדער איינער פון זיי זיין באַזונדערן וועג.

אינמיטן פונעם מאַרק האָט זיך געוויגט אויף אַ שפּיץ פון אַ דינעם דרענגל אַן איין־און־איינציק קליין עלעקטריש לעמפּל. דער שפּיץ פונעם דרענגל האָט זיך געבויגן צום לייכטן ווילן פונעם זומערדיקן ווינטל און ביי יעדן בויג איז דאָס לעמפּל טונקל געוואָרן און ביי יעדן אויסגלייך צוריק העל געוואָרן.

— אויך דאָס לעמפּל קאָן ביי זיך נישט אָפּמאַכן אַזוי, צי אַזוי, — איז משהן דורכגעלאָפן אין געדאַנק.

ער האָט געקוקט אויף דעם, און אים האָט זיך געגומען אויסדאַכטן מאָמענטנווייז, אַז אָט דאָס לעמפּל ווינקט צו אים, און אַז איזן איז עס דאָס אויג פונעם שטעטל און מיינען מיינט דאָס צו פרעגן ביי אים:

— נו, משה, וואָס זאָגסטו נישט אויף מיר נאָך אַזוי פיל יאָרן אַוועק פון מיר, האַ?

און עס איז געווען, ווי אָט דאָס ווינקעניש צו אים האָט אים פּלוצ־לינג דערמאָנט, אַז ער האָט אייגנטלעך דאָס שטעטל גאָרנישט געזען. זיך נאָך נישט באַגעגנט מיט די מענטשן, וואָס ער וואָלט געוואָלט באַגעגענען און אויך מיט דעם איינעם שטעטל, וואָס אינטערעסירט אים אַזוי שטאַרק.

— נאָך אפילו זיך נישט געזען מיט זעליג וויינבערגס מוטער און דער משפחה, — האָט ער זיך אויסגערעדט אין געדאַנק.

— אַ שיינע מעשה, ב׳לעבן! — האָט ער אַ מורמל געטאָן צו זיך, שפּאַנענדיק לעבן דעם שווייגנדיקן חיימען.

— נו, און די ברידער ביליצקי? — איז אים געקומען אויפן זינען, און ער איז ממש אומרואיק געוואָרן דערפון.

— שוין געוועזן געדאַרפט זען די יידישע קינדער־שול! — האָט ער זיך דערמאָנט.

— זיינען דאָך די ברידער ביליצקי פאַרבונדן מיט דער יידישער קינדער־שול!

טראַכטנדיק וועגן דער יידישער קינדער־שול, האָט ער זיך גענומען וואונדערן:

— פאַרוואָס איז קיינער פון די לערער, אָדער פאַרוואַלטער נישט אַריבערגעקומען אים זען?

— שייך צו זאָגן, אַז מען ווייסט נישט, אַז ער איז דאָ? האָט דאָך זעליג וויינבערג געלאָזט וויסן!

אַ וויילע האָט ער געשפּאַנט שווייגנדיק ביי דער זייט פון חיימען, אָבער פּלוצלינג האָט ער אַ הויב געטאָן צו אים דעם קאָפּ און געפרעגט:

— איז נישט פּיווול הערש מאירס אייניקל דער דירעקטאָר פון דער יידישער קינדער־שול?

— פון דער יידישער? — האָט חיים איראָניש אַ ברום געטאָן און אַ מאַך טוענדיק מיט אַ האַנט אין דער טונקעלער לופט אַריין, האָט ער זיך צעבייזערט:

— אַ יידישע קינדער־שול? זי איז אַזוי יידיש, ווי הערש מאירס אייניקלעך זיינען בכלל יידן!

— איר מיינט צו זאָגן, אַז זיי זיינען נישט קיין יידן?

— אויך מיר יידן!

— פעטער חיים, — האָט משה נישט ווילנדיק אָנגעהויבן צו פאַר־פירן אַ וויכוח מיט אים, אָבער באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אַז עס האָט נישט קיין זינען און ער האָט בלויז געזאָגט:

— אָבער די שול איז דאָך אַ יידישע!

— משטיינס־געזאָגט דאָס יידישקייט!

— ווי איך פאַרשטיי, לערנט מען דאָרט דאָך אפילו...

— יאָ, יאָ, — האָט חיים אים איבערגעריסן מיט אויפרעגונג אין טאָן און געזאָגט:

— מען לערנט דאָרט אפילו לשון קודש און תנ״ך אויך, אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז אַלץ איז דאָרט כפירה!

— כפירה?

— וואָס דען, נישט קיין כפירה?

חיים אייזנקרעמער האָט פון אויפרעגונג זיך צעשפּאַנט מיט אַ שנעל־לערן טראָט, ווי ער וואָלט פון עפּעס געוואָלט אַנטלויפן און יאָגנדיק זיך, האָט ער אַ שפּריץ געטאָן פון מויל:

— עס איז דאָך ערגער ווי אין רוסלאַנד!

— ערגער, ווי אין רוסלאַנד?

פּלוצלינג איז חיים געבליבן שטיין און קוקנדיק אויף משהן, האָט ער זיך צעקרעכצט:

— אין די בריוו פון מיין גיטעלען מיט באַריסן, וואָס איך קריג פון דאָרטן, ווערט שטענדיק דערמאָנט גאָטס נאָמען. דו הערסט? גאָטס נאָמען איז אין די בריוו דערמאָנט. „גאָט צו דאַנקען" שרייבן זיי, און דאָ, אין אָט־דער שול? דאָ איז דאָך דער נאָמען „גאָט" הס מלהזכיר! פאַרשטייסט, וואָס מען זאָגט דיר? הס מלהזכיר!

ער האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, ווי אַן אַלטער סוקוואַטער בוים פון אַ פּלוצלינגדיקן ווינט און שפּאַנענדיק ווייטער, האָט ער נישט אויפגעהערט צו קרעכצן צו זיך:

— הערש מאירס אייניקלעך! ווען הערש מאיר וואָלט אויפגעשטאַנען פון קבר, און אַ קוק געטאָן אויף זיי, וואָלט ער באַלד נאָכאַמאָל געשטאָרבן.

משה האָט שפּאַנענדיק לעבן זיין פעטער חיימען אָנגעהויבן צו באַנעמען פאַרוואָס ער האָט ביז איצט נישט געקראָגן קיין קאָנטאַקט מיט קיינעם פון אָרום דער קינדער־שול:

— עס איז די שטוב, — האָט ער זיך געכאַפּט.

— פאַרוואָס האָב איך דאָס גלייך נישט באַנומען? — האָט ער זיך גענומען אויסרעדן.

— איך וועל באַלד אַריינקומען, — האָט ער געזאָגט דעם פעטער, און גענומען פאַררויכערן אַ פּאַפּיראָס.

אַ קיל ווינטל האָט אַ גלעט געטאָן זיין פּנים מיט אַ ווייכקייט פון זייער אַ נאָענטער און אייגענער האַנט. פון צווישן די צווי קלויסטערס האָט אַ גרויסער שטערן געבלינצלט און אים גערופן אויף אַ שפּאַציר איבער דעם שאָסיי צו דעם לודמירער וועג, וואו ער פלעגט אַזוי אָפט שפּאַצירן מיט יאָרן צוריק אין אָט אַזעלכע טונקל־אויסגעשטערנטע זומער־אָוונטן.

— יענע שפּאַציר־שעהן! — האָט ער אַ טראַכט געטאָן צו זיך און זיינע בליקן זיינען געוואָרן געווענדט צום שאָסיי, וואָס האָט געפירט צו דעם לודמירער וועג.

אויפן גאַניקל האָט זיך באַוויזן די אַלטע אסתר מלכה און אים אויפ־געוועקט פון זיינע מחשבות.

— נו, משהלע, וואָס־זשע איז דאָס פאַר אַ שטייעניש אָט אַזוי אינעם דרויסן? — האָט זי געפרעגט.

משה האָט אַ ציטער געטאָן. ער האָט איר געוואָלט זאָגן, אַז אים ווילט זיך אַביסל דורכשפּאַצירן און אַז ער וועט אַריינקומען אין שטוב אַריין אַביסל שפּעטער, אָבער אין דעם מאָמענט האָט זיך דערנענטערט צום גאַניקל בערל סטאָליאַר.

— אַ גוטע וואָך, אסתר מלכהניו, — האָט בערל סטאָליאַר געזאָגט, אויסשטרעקנדיק אַ דאַרע האַנט צו משהן, האָט ער זיך מיט ווייכקייט געווענדט צו אים:

— שלום־עליכם, משהלע. געדענקסט נאָך בערל דעם סטאָליאַר?

משה האָט אים געענטפערט דעם „עליכם־שלום" און מיט רעזיגנירט־קייט אין קול אַ מורמל געטאָן צו זיך:

— המ...

אַפּנים, אַז דער פעטער חיים האָט פון אָנהויב אָן געוואוסט, אַז אויס־פירן וועט ער און ער האָט באַצייטנס אָפּגעמאַכט מיט בערל סטאָליאַר, אַז ער זאָל אַריינקומען אין שטוב אַריין וועגן דעם הילצערנעם ציון. אַ סימן, אַז ער האָט מיט אים אָפּגעמאַכט איז געווען, וואָס ווי נאָר עס האָט זיך דערהערט בערלס קול איז שוין דער פעטער חיים געווען אויפן גאַניקל.

— אַ גוטע וואָך, בערל. נו, זאָל מען אַריינקומען אין שטוב אַריין און אָפּפטרן, — האָט ער געזאָגט.

משה האָט אין אַ געדריקטער שטימונג זיך געלאָזט צוזאַמען מיט בערל סטאָליאַר איבער די טרעפּלעך פונעם גאַניקל אין שטוב אַריין:

— אַ גרויסע מצווה צו קומען אַזש פון מרחקים, — האָט בערל גע־זאָגט צו משהן.

— נו, נו, — האָט חיים אונטערגעצייטלט, און ציענדיק בערלען מיט משהן צום טיש, האָט ער גלייך אָנגעהויבן:

— אָט וועלן מיר גלייך זיך דורכרעדן וועגן וואָס און ווען, — האָט ער אָנגעהויבן.

אסתר מלכה איז דערוויל אַרויס מיט טענות הלמאי מען האָט זיך אַזוי לאַנג געזאַמט ביים דיין.

— וואָס איז דאָרטן געווען אַזאַ פאַרזיצעניש? — האָט זי געפרעגט און זיך צעלאָזן אויפן גאַנצן קול מיט אַ געבייזער:

— מען האָט געקאָנט מיינען, אַז מען איז געגאַנגען צום דיין מיט אַ לאַדעניש וועגן עפּעס אַ גרויסער ירושה!

אַט אַזוי האָט זי זיך געבייזערט און אַפּווישנדיק דאָס מויל מיט די שפּיצן פון איר פאַטשיילע, האָט זי אויסגערופן נאָך מיט אַ שטאַרקערן פאַרדראָס:

— האָסטו געהערט אַ מעשה!

— נו, נו, — האָט חיים זי געפּרובירט איינשטילן, און זי, שוין ווייכער אַביסל, האָט זיך געווענדט צו משהן:

— געווען דאָ ייִדן, געוואָלט גריסן אָפּנעמען. אַ רחמנות. מען האָט אייגן פלייש און בלוט אַזוי ווייט, האָט מען געוואָלט הערן.

בתיה, וואָס איז ביי אָט־דעם מאָמענט אַריינגעקומען פון קיך האָט צוגעלייגט:

— געווען דאָ ברכה הינדעס מיט איר טאָכטער כאַנקע.

— ברכה הינדעס דאָ געווען? — האָט משה אויפגעהויבן די אויגן צו בתיהן.

ער האָט געפרעגט אָט די פראַגע מיט גרויס באַדויער אין זיין קול און צוגעלייגט:

— אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד, זעליג ווייַנבערגס מוטער?

— נו, נו, — האָט חיים געזוכט צו באַרואיקן משהן און אים גע־טרייסט מיט דער פאַרזיכערונג:

— זיי וועלן קומען נאָכאַמאָל.

בתיה, וואָס איז געווען אַריין אין קיך, איז צוריקגעקומען און גע־לאָזט וויסן:

— אונטערגעשאָטן קוילן אין סאַמאָוואַר אַריין, וועט באַלד זיין פאַר־טיק די טיי.

משה האָט געפילט, ווי נאָכפרעגן זיך ביי איר וועגן ברכה הינדעס מיט איר טאָכטער, אָבער זי האָט אין דעם מאָמענט זיך צוגעבויגן צום טיש, אַרונטערגעצויגן דעם בליי־לאָמפּ ביי די קייטלעך און זיך גענומען פאַרען מיטן גלעזל:

— נישט געגנוג אויסגעפּוצט, איז נישט קיין חידוש, וואָס עס איז אַזוי טונקל, — האָט זי געריעדט צו זיך.

און עס איז געווען אין יענעם מאָמענט, ווען משה איז פּלוצלינג באַ־וואוסטזיניק געוואָרן, אַז אין שטוב, וואו ער געפינט זיך שוין עטלעכע טעג איז מיט אים אינאיינעם דאָ אָט־די יונגע, שיינע בתיה.

— מאָדנע, — האָט ער אַ שטילן מורמל געטאָן צו זיך און זיך שטאַרק פאַרוואונדערט.

ער האָט זיך שטיל צעשמייכלט צו זיך וועגן אָט־דעם פּלוצלינגדיקן

באַוואַוסטזיין און נאָכאַמאָל אַ מורמל געטאָן צו זיך נאָך מיט שטאַר־קערער פאַרוואַונדערונג:

— מאַדנע.

ער האָט נאָכגעפּאָלגט אירע שלאַנקע, ווייסע אָרעמס ביי איר פאַרעגן זיך מיטן גלעזל און געטראַכט צו זיך:

— זי איז אין שטוב די גאַנצע צייט, און איך, גולם וואָס איך בין, האָב זיך גאָרנישט אָפּגעגעבן מיט איר.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן סימען, די מוטער פון אָט־דער שיינער, יונגער בתיהן.

— אינגאַנצן ווי איר מאַמע, ווען זי איז אַ מיידל געווען.

טראַכטנדיק וועגן איר מוטער סימען איז אים געקומען אויפן זינען, אַז עס איז ביז גאָר מאַדנע אָט דאָס, וואָס, כאָטש סימע איז אסתר מלכהס אַ שוועסטער, איז זי פאַר אים שטענדיק געווען נישט קיין מומע, ווי די מומע אסתר מלכה, נאָר פּשוט סימע.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן סימעס חתונה דאָ טאַקע ביי דער מומע אסתר מלכהן אין שטוב פאַר אַ בחור פון קאָוולע. דאָס אויסזען פונעם חתן געדענקט זיך אים קוים, אָבער סימען געדענקט ער, אַז זי האָט אויסגעזען זייער שיין אין איר ווייסער כלה־גאַלאַנדערע אונטער דער חופּה, וואָס מען האָט געשטעלט אין דרויסן פונעם שטעטלדיקן בית־המדרש. ער געדענקט אפילו, וואָס עס האָט זיך דעמאָלט אָפּגעטאָן אין שטעטל מיט די צוויי קאַפּעליעס קלעזמער. חתנס צד האָט באַשטעלט אשרס קאַפּעליע, בשעת כלהס צד האָט נישט וויסנדיק דערפון באַשטעלט סענדערן מיט זיין קאַפּעליע.

— אַ מזל פון אַ יתומה, — האָט מען גערעדט אינעם גאַנצן שטעטל וועגן סימעס חתונה:

— ביי וועמען עס איז אַ חתונה אינגאַנצן אָן קלעזמער, און ביי איר זיינען דאָ גאַנצע צוויי קאַפּעליעס.

משה האָט זיך צעשמייכלט פון אָט־דער דערמאָנונג און זיך פּלוצלינג אַ ווענד געטאָן בתיהן:

— ווי אַלט ביסטו, בתיהקע?

בתיה האָט אַ דריי געטאָן דאָס פּנים צו משהן. אין איר בליק איז געווען איבערראַשונג:

— שוין אַלט גענוג, — האָט זי געענטפערט און זיך צעשמייכלט מיט אַ שטילן שמייכל.

זי האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין קיך אַריין מיט אַ מינע פון עפּעס זייער וויכטיקס, אָבער באַלד האָט זי זיך אומגעקערט פון דאָרטן און געזאָגט:

— יאָ, משה, איך האָב געזאָגט ברכה הינדעס און כאַנקען, אַז איר וועט זיין ביי זיי.

— גוט האָסטו געטאָן, — האָט ער געזאָגט שמייכלענדיק צו איר און צוגעלייגט:

— אַ דאַנק, בתיהקע.

חיים, וואָס איז, ווען בתיה האָט זיך גענומען פאַרען ביים לאָמפּ, אַרויס־געגאַנגען, האָט זיך איצט אומגעקערט, דרייענדיק אַ ציגאַרל אין אַ שטיקל פּאַפּיראָס־פּאַפּיר. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, אַ לעק געטאָן דאָס פּאַ־פּיראָס־פּאַפּיר מיטן צונג, אַז עס זאָל זיך פאַרקלעפּן און אָנצינדנדיק דאָס ציגאַרל, האָט ער זיך געווענדט צו בערלען:

— נו, אַ סוף, בערל. מיר האָבן דאָ עפּעס אַן עסק, איז לאָמיר זען וואָס און ווען.

— יאָ, לאָמיר, — האָט משה אונטערגעהאָלפן מיט אַ מינע אויפן פּנים, ווי ער וואָלט זיך וואָס שנעלער געוואָלט באַפרייען.

בערל סטאָליאַר, וואָס איז פאַר דער צייט פון חיימס אַרויסגיין געווען פאַרנומען מיט אַרונטערדעדן זיך דאָס האַרץ פאַר אסתר מלכהן וועגן זיין ווייב, וואָס איז אים לעצטנס, נישט פאַר אייך געדאַכט, עפּעס נישט מיט אַלעמען אויף די לונגען, האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און זיך צעמורמלט:

— נו, יאָ, לאָמיר.

מען האָט זיך אַרומגעזעצט אַרום דעם באַלויכטענעם טיש, וואָס איז געווען פאַרדעקט מיט דעם שבתדיקן טישטוך, און חיים האָט געפרעגט:

— נו, נו, הכלל?

בערל סטאָליאַר האָט אַ קראַץ געטאָן דאָס שפּיציקע ציגנבערדל זיינס מיט דער רעכטער האַנט, אויף וועלכער אַ האַלב פונעם ווייזפינגער האָט געפעלט, און אַ ברום געטאָן:

— נו, יאָ.

— וואָס דאַרף דאָס קאָסטן? — האָט חיים, מעשה סוחר, געוואָלט וויסן, און אַ שטאַרקן ציִ טוענדיק דאָס ציגאַרל מיט די ליפּן, וואָס זיינען געווען ביי אים אינגאַנצן פאַרשטעלט מיט וואָנצעס און באָרד, האָט ער צוגעאיילט:

— נו, יאָ, אדרבא?

— שייך? — האָט בערל געענטפערט מיט אַ פראַגע אויף דער פראַגע, אָבער באַלד פונדעסטוועגן צוגעלייגט:

— עס ווענדט זיך.

— וואָס הייסט עס ווענדט זיך?

— עס ווענדט זיך וואָס מען וויל, — האָט בערל סטאָליאַר זיך שוין קלאָרער געמאַכט.

משה איז געזעסן אַ גליקגילטיקער. אַפּנים, אַז איצט האָט ער שוין איבערגעלאָזט דעם גאַנצן עסק צום פעטער.

און דער פעטער האָט ווירקלעך איבערגענומען דעם עסק אין זיינע הענט אַריין. וואָרום ער האָט שוין געברומט מיט אויפרעגונג:

— וואָס מען וויל! וואָס מען וויל!

חיים האָט זיך צעברומט און קוקנדיק אויף בערלען, האָט ער באַטאָנט!

— מען וויל אַ פּאַלאַץ פאַר דער מלכת שבא!

— ר׳ חיים? — האָט בערל סטאָליאַר אויסגערופן מיט באַליידיקונג אין זיין קול.

דאָ איז חיים אייזנקרעמער געוואָרן אַביסל מילדער און ער האָט שוין געזאָגט אַ רואיקער:

— מען וויל אַ הילצערנעם „ציון“, ווי אַלע הילצערנע „ציונס“, וואָס דו מאַכסט, הלוואי זאָל מען זיי נישט באַדאַרפן.

פון געוואוינהייט מסתמא, האָט משה גענומען זיין פעקל אַמעריקאַנער פּאַפּיראָסן און פאַררויכערנדיק אַליין, האָט ער פאַרגעלייגט די אַרומיקע.

חיים האָט אַ קנייטש געטאָן זיין ציגאַרל איגעם שעלעכל פאַר אים און נעמענדיק, האָט ער באַמערקט צו משהן:

— פאַר מיר זיינען דיינע אַמעריקאַנער פּאַפּיראָסן אַביסל צו־לייכט.

— אַן אמת אַמעריקאַנער פּאַפּיראָסל? — האָט בערל סטאָליאַר זיך געחידושט און פאַררויכערנדיק געברומט:

— אַזוי, אַזוי, אַזש פון אַמעריקע...

— נישט מסוכן, — האָט חיים אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט און דערביי באַמערקט:

— דער רוסישער פון אַמאָל איז געווען בעסער.

— אַ קלייניקייט דער אַמאָליקער רוסישער! — האָט בערל מסכים געווען מיט חיימען.

— אַ ציגאַרל פון באַיאַרסקיס טיטון! — האָט חיים פאַרבענקט אַרויסגעברומט.

— אַ קלייניקייט, באַיאַרסקיס! — האָט בערל געטיילט חיימס בענקשאַפט.

בערל האָט געוואָלט עפּעס זאָגן וועגן דעם אַמעריקאַנער, וואָס ער האָט געצויגן מיט די ליפּן, אָבער חיים איז שוין ווידער געוואָרן אומגעדולדיק:

— נו, נו, הכלל?

— יאָ, יאָ, — האָט משה אויך צוגעאײלט און קוקנדיק אויף בערלען, געוואָרט אויף זײן וואָרט.

בערל סטאָליאַר האָט רואיק אַ ציי געטאָן דאָס פּאַפּיראָסל, זיך צע־הוסטלט אַביסעלע און אָנגעהויבן:

— אַז מען וויל קאָן מען מאַכן פון אַלשענע.

— זאָל זײן אַלשענע.

— איז אָבער די מעשה, וואָס אַלשענע פוילט גיך, — האָט בערל גע־האַלטן פאַר זײן חוב צו לאָזן וויסן.

— און אַנדערע האָלצן פוילן נישט? — האָט חיים געפרעגט מיט איראָניע אין קול.

— דעמבענע האַלט זיך לענגער.

— זאָל זײן דעמבענע.

— מען קאָן אויך מאַכן פון בערעזענע.

— זאָל זײן בערעזענע.

— און אפשר גאָר סאָסנע?

— מיך אַרט נישט, אַז סאָסנע.

— איז וואָס־זשע פאַר אַ האָלץ פאָרט?

— מיך אַרט נישט וואָס פאַר אַ האָלץ!

— געפאַרבט?

— געפאַרבט! געפאַרבט! וואָס דען נישט געפאַרבט?

— אַנדערע האָבן ליב נאַטור.

— וועלכע אַנדערע? די מתים? — איז שוין חיים אײזנקרעמער גע־וואָרן אומגעדולדיק.

בערל סטאָליאַר האָט זיך דערפילט געטראָפן פון חיימס טאָן און ער האָט זיך גענומען באַקלאָגן:

— איר זאָלט מיר געזונט זײן, ר׳ חיים, מיט אײך איז דאָך עפּעס, ווי זאָגט מען דאָס?

— נו, הכלל? הכלל? — האָט אים חיים איבערגעריסן, און באַ־הערשנדיק אין זיך זײן אומגעדולדיקײט, האָט ער געפּרובירט רעדן ווייכער, אָבער אַרויסגעקומען איז דאָס ביי אים:

— געפאַרבט! אוודאי געפאַרבט! ווי דען, נישט געפאַרבט? מען האָט דאָך שוין אָפּגערעדט, אַז געפאַרבט!

— נו, און דאָס דעכל? — האָט בערל ווידער געהאַט אַ פראַגע צו חיימען.

— דאָס דעכל? וואָס הייסט דאָס דעכל? אַ דעכל, ווי אַלע דעכלעך אויף „ציונס“ מתים.

בערל סטאָליאַר האָט ווידער אָנגעשטעלט אויף חיימען אַ באַלײדיקטן בליק און שוין אין אַ זייער שטילן טאָן געפרעגט:

— איך מיין פון האָלץ צי פון בלעך?

— פון בלעך! אַוודאי פון בלעך! וואָס דען, נישט פון בלעך? מען האָט דאָך גערעדט, אַז פון בלעך!

— איז וואָס־זשע שרייט איר, ר׳ חיים? — האָט בערל זיך אַזש צע־ציטערט פון אויפרעגונג, און רייבנדיק נערוועז זיינע דאַרע הענט, האָט ער זיך גענומען באַקלאָגן:

— איך האָב פיינט, אַז מען שרייט. וואָס איז דאָס פאַר אַ יאַגעניש, האַ? עס איז נישטאָ, וואָס צו שרייען. הער אַ מעשה: איך פרעג און ער שרייט. וואָס איז דאָס פאַר אַ שרייעניש, האַ?

אָט אַזוי האָט בערל סטאָליאַר זיך באַקלאָגט און חיים אייזנקרעמערס באָרד האָט געציטערט:

— ווער שרייט, — האָט חיים געפרעגט, און קוקנדיק אויף משהן האָט ער זיך גענומען קלאָגן:

— אָט האָסטו דיר, איך שריי?

ער האָט זיך אַ הויב געטאָן פון דער שטול און גענומען משהן פאַר אַן עדות:

— אדרבא, דו זיצסט דאָך, משה, און דו הערסט? האָסט מיך גע־הערט שרייען?

אין דעם מאָמענט האָט בתיה אַריינגעטראָגן דעם מעשענעם, בייכיקן סאַמאָוואַר, וואָס האָט געזעצט פון זיך מיט הייסער פאַרע, און פאַראויס איר מיט אַ ברייטער, מעשענער טאַץ איז געלאָפן אסתר מלכה.

— אָט־דאָ, אָט־דאָ, בתיהקע, — האָט די אַלטע געזאָגט, שטעלנדיק די טאַץ אין דער מיט פונעם טיש און העלפנדיק בתיהן מיטן סאַמאָוואַר אינמיטן פון דער טאַץ.

— אָט־דאָ, אָט־אָ, בתיהקע, — האָט זי נישט אויפגעהערט איבער־חזרן.

מען האָט אויף אַ ווייל איבערגעלאָזט דעם עסק מיט דעם „ציון“ און זיך גענומען אָנצאַפּן הייסע טיי אין די גלעזער, וואָס זיינען שוין פון פריער געווען אָנגעגרייט אויפן טיש.

די טיר האָט זיך געעפנט און עס האָט זיך באַוויזן יאַנקל דער שרייבער:

— אַ גוטע וואָך, יידן!

— אַ גוט יאָר, יאַנקל, — האָט אים חיים געענטפערט, און אַריינפאַלנ־דיק פּלוצלינג אין גוטמוטיקייט, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו משהן אַגוויינ־דיק אויף יאַנקלען:

— אָט דאָס איז אַ ייד ביי מיר! דאַכט זיך, אַ קענער פון אַלע לשונות, און דאָך אַ ייד, ווי אַ ייד דאַרף זיין!

אָט אַזוי האָט חיים געזאָגט וועגן יאַנקל שרייבער, און משה האָט געוואוסט, אַז אָט די פריינטלעכקייט צום אַריינגעקומענעם האָט היפּש צו טאָן מיט דעם, וואָס אויף יענער האָט אַ טאָכטער אינעם ראַטנפאַרבאַנד.

— זיץ, יאַנקל, זיץ, — האָט חיים אים פריינטלעך איינגעלאַדן, און אַנווייזנדיק אויף אַ ליידיקער שטול, האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעחזרט צו אים:

— זיץ, יאַנקל, זיץ.

— אַ דאַנק, ר' חיים, — האָט יאַנקל געזאָגט, און זעצנדיק זיך אַנ־געהויבן פאַרענטפערן הלמאי ער איז אַזוי שפּעט אין אָונט אַריינגעפאַלן אין שטוב אַריין:

— איך גיי זיך אַזוי פאַרביי און זע, עס איז ליכטיק און יידן זיצן, טראַכט איך ביי זיך, אָט וועט מען אַריינגיין און אויך אַביסל שמועסן.

אָפּזאָגנדיק די ווערטער, און פּרעסנדיק די פּענסנע שטייפער צו דער נאָז, האָט ער געוואָלט נאָך עפּעס צולייגן, אָבער חיים האָט אים איבערגעשלאָגן:

— נו, נו, — האָט חיים אים איבערגעשלאָגן אין אַ גוטמוטיקן טאָן, און אויפכאַפּנדיק בתיהס בליק, האָט ער נאָך ווייכער צו איר אַ זאָג געטאָן:

— אַ גלאָז פאַר יאַנקלען, זיי מוחל.

משה האָט געקוקט אויף דער ענדערונג אין חיימען מיט יאַנקלס אַריינקומען און זיך פאַרטראַכט וועגן דעם, וואָס ער רעדט אַזוי זעלטן וועגן זיין טאָכטער און איידעם מיט די אייניקלעך, וואָס זיינען דאָרטן אויף יענער זייט גרעניץ אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

— אַ מאָדנער ייד, — האָט משה געטראַכט וועגן אים, און זיך עפּעס ווי דערפרייט מיט דער ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין אים מיט דעם באַווייזן זיך פון יאַנקל דעם שרייבער.

— אַ ייד אַן עקשן און דאָך איז דאָ אַ סך וואַרעמקייט אין אים.

יאַנקל, וואָס האָט שוין איצט געמישט מיטן לעפעלע אין דער גלאָז, האָט זייער שטאַרק געוואָלט, אַז משה זאָל אים אומבאַדינגט זאָגן צי זיינע געוועזענע „אוטשעניקעס" אין אַמעריקע געדענקען אים נאָך.

— האַ, משה? זיי געדענקען נאָך? — האָט ער אים געפרעגט, און

דריקנדיק די פענסנע צו דער נאז, האט ער געווענדט זיין בייגער אויף זעליג וויינבערגן.

— אט דער זעליג וויינבערג, וואס איז איצט אזא שם־דבר, איז דאך אויך געווען מיינער אן „אוטשעניק״. טשיקאווע צו וויסן צי ער געדענקט נאך, הא?

קוקנדיק דורך די פענסנע אויף די ארומיקע, האט יאנקל אויסגערופן מיט גרויס חידוש:

— זעליג ברכה הינדעס, א שיבעניק א ייגגל געווען, און קיין באזונדערע פייאיקייטן האב איך דעמאלט נישט געזען. איך האב זיך דאס גארנישט פארגעשטעלט!

און קוקנדיק אויף משהן, האט ער ווייטער גערעדט:

— גיי וויס, אז אט דאס זעליגל, וואס איז געווען אזוי שוועד אויף גראמאטיקע, וועט אויסוואקסן אזא כלי!

משה האט זיך צעלאכט, און לאכנדיק געוואלט עפעס זאגן צו יאנקלען, אבער חיים איז גראדע אין דעם מאמענט געקומען צו זיין פריערדיקן שמועס מיט בערלען:

— בערל, בערל, לאמיר שוין ענדלעך קומען צו א שטיקל טאלק מיטן „ציון״.

— נו, נו, — האט בערל געשאקלט מיטן קאפ, נישט אוועקבעמענדיק די ליפן פון דער גלאז טיי.

— איז זאג־זשע מיר שוין מה יקר?

בערל האט אוועקגעשטעלט די גלאז א האלב נישט דערטרונקען און אנגעהויבן צו שטאמלען:

— איך וויים? — האט ער געפרעגט, און שטאמלענדיק מער צו זיך ווי צו חיימען, האט ער געגומען רעכענען מיט א פארקנייטשטן שטערן:

— דעמב הייסט עס... נו, יא, מען וועט מאכן פון דעמבענע... און דאס דעכל, זאגט איר, זאל זיין פון בלעך... נו, יא, בלעך איז דיר נישט קיין האלץ... איז הייסט עס...

ער האט א קוק געטאן אויף חיימען און ארויסגעשטאמלט מיט א האלבן קול:

— א פינף־און־צוואנציקער וועט, דאכט זיך, נישט זיין קיין סך, הא?

דער אופן, ווי ער האט ארויסגעזאגט די סומע האט קלאר געוויזן, אז מען קאן זיך נאך א דינג טאן מיט אים וועגן איר, אויב מען טראכט, פארשטייט זיך, אז ער האט געבעטן אביסל צופיל פאר אט דעם שטיקל ארבעט.

חיים האט א קוק געטאן אויף משהן מיט א בליק, וואס האט קלאר

געפרעגט זיין הסכמה.

— נו, משה, וואָס טראַכסטו, האַ?

משה האָט זיך אַ וויג געטאָן אויף דער שטול. די סומע אַ פינף־און־צוואַנציקער האָט אים דערמאָנט אָן שמחה דעם בעל־קורא אין דער פרי ביים „בעבור שנדר" אין בית־המדרש, און ער האָט אַ פרעג געטאָן ביי בערלען:

— גילדן? צי דאָלאַרן?

דערהערט דאָלאַרן איז בערל סטאָליאַר אַזש דערציטערט געוואָרן. ער האָט זיך אַ הויב געטאָן פונעם שטול און זיך גענומען קראַצן דאָס בערדל:

— האַ? וואָס? דאָלאַרן?

אַלע אַרום האָבן זיך הילכיק צעלאַכט. אפילו חיים האָט זיך אַ נעם געטאָן פאַרן מויל, כדי איינצוהאַלטן דאָס געלעכטער, וואָס האָט זיך דער־פון אַ ריס געטאָן.

— כאַ־כאַ־כאַ, דאָלאַרן!

— אַ קלייניקייט, דאָלאַרן!

— פאַר אַזוי פיל דאָלאַרן וואָלט בערל געקאָנט חתונה מאַכן זיין בתולה, — האָט יאַנקל שרייבער זיך צעוויצלט און דערביי אויך באַמערקט:

— און טאָן אַ גוטן שידוך אויך!

— נו, נו, — האָט חיים שוין דאָס מאָל גוטמוטיק אַ ברום געטאָן און מיט אַ שאָקל פונעם קאָפּ געלאָזט וויסן בערלען, אַז דער עסק איז געשלאָסן.

— איז, הייסט עס, מסכים? — האָט פונדעסטוועגן בערל געוואָלט, אַז מען זאָל באַשטעטיקן.

— מסכים! — האָט משה אים באַמערקט.

— נאָר זע, אַז עס זאָל זיין פאַרטיק דאָנערשטיק, — האָט חיים גע־וואָרנט בערלען:

— דו הערסט? למען השם, דאָנערשטיק.

— דאָנערשטיק! אַוודאי דאָנערשטיק! וואָס דען, איך ווייס נישט, אַז עס דאַרף זיין פאַרטיק דאָנערשטיק? — האָט בערל פאַרזיכערט מיט אַ קול פון אַ מענטשן, וואָס איז צופרידן פון אָן אָפּגעטאָנענעם עסק.

יאַנקל שרייבער האָט זיך אָנגעצאַפּט אַ פרישע גלאָז טיי פונעם סאַ־מאָוואַר און איבערגענומען דעם שמועס.

— איך מיין, אַז מיר האָבן איצט אויף יענער זייט ים אַ סך מער טריסקער, ווי דאָ אין טריסק גופא.

ער האָט אַריינגעוואָרפן צוקער אין גלאָז און דרייענדיק מיטן לע־פעלע געפרעגט ביי משהן:

— און דו אַליין האָסט דאָך אויך געלערנט ביי מיר, נישט אפשר?

אויב איך האָב קיין טעות נישט ביסטו דאָך...

— אַוודאי געלערנט, — האָט משה שמייכלענדיק אים איבערגעריסן, און דערביי אפילו דערמאָנט דעם „שער־גריסל", וואָס יאַנקל שרייבער פלעגט אים פאַרגעבן נאָכצושרייבן און איבערצושרייבן אויף אַ גאַנצן זייטל פון זיין העפט.

— מיין טאַטע איז געפאָרן קיין קאָוולע קויפן סחורה פאַר דער קלייט און איז געקומען צוריק געזונטערהייט, — האָט משה איבערגעזאָגט הויך אויפן קול דאָס שער־גריסל.

יאַנקל שרייבערס פנים האָט אויפגעלויכטן אַזוי העל, אַז די פענסנע האָט זיך צעציטערט אויף זיין נאָז. ער האָט זי צוגעדריקט שטייפער און קוקנדיק מיט אַ פריידיקן שטאָלץ אויף די אַרומיקע האָט ער אויסגערופן מיט פרייד:

— אַלע, אַלע האָבן זיי ביי מיר געלערנט! אַלע!

משה האָט זיך פריילעך צעלאַכט. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער פראַגע, וואָס ער האָט איינמאָל געפרעגט ביי אָט דעם יאַנקלען וועגן דעם שער־גריס:

— ר׳ יאַנקל, מיין טאַטע פאָרט דאָך קיינמאָל נישט קיין קאָוולע. עס פאָרט דאָך נאָר מיין מאַמע?

— שרייב! שרייב! — האָט ער מיר שטרענג געענטפערט, און דער־ביי פאַרריכט אַ „צאַדיק" ביי איין ייִנגל, דעם לאַנגן „פיי" ביי אַן אַנדערן און ביי אַ מיידעלע האָט ער פאַרריכט דעם „קוף", וואָס איז ביי איר אַרויס־געקומען, ווי אַ „כוף".

— אָבער ר׳ יאַנקל! — בין איך נישט אָפגעשטאַנען מיט מיין פראַגע צו אים.

— הער מיך אויף צו ר׳ יאַנקלען! — האָט ער זיך אויף מיר צע־שריגן און דערביי אַ בייזן פאַכע געטאָן אויף מיר מיט דער ווירע אין זיין האַנט.

די אַרומיקע האָבן פריילעך געלאַכט בשעת משה האָט געשילדערט זיין לערנען זיך ביי יאַנקל שרייבער און דער עיקר האָט זיך געהערט בתיהס הילכיק געלעכטער.

— כאַ, כאַ, כאַ! — האָט בתיה הילכיק געלאַכט אויף איר קול און די אַרומיקע האָבן מיט איר מיטגעלאַכט.

משה האָט באַמערקט, ווי יאַנקל שרייבער איז געבליבן זיצן אַביסל אַ פאַרשעמטער פון דעם געלעכטער, וואָס זיין שילדערונג האָט אַרויסגע־רופן, און ער האָט אָנגעהויבן צו זוכן אַ וועג, ווי אַזוי דאָס אָפגעטאַנענע צו פאַרגיטיקן.

ער האָט אַנגעשטעלט זיינע אויגן אויף בתיהן און אָנגעהויבן צו פאַרענטפערן זיין אַמאָליקן לערער:

— פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט העלפן. דאָס איז געווען די מעטאָדע פון לערנען ביי אַלע לערער פון יענער צייט, און דאָס שער־גריסל איז דאָך געווען פאַר אַלע קינדער אין קלאַס אויף איבער־צושרייבן.

משה האָט זיך באַמיט צו פאַרגיטיקן יאַנקל שרייבער און הערביי זיך געווענדט דירעקט צו אים:

— נישקשה, נישקשה, ר׳ יאַנקל, — האָט ער ווייך און פריינטלעך אַ זאָג געטאָן צו אים און דערביי צוגעלייגט:

— אַזאַ, ווי איך, בין איך שולדיק אַ היפשן חוב.

— אַ חוב? — האָט יאַנקל שרייבער זיך פאַראינטערעסירט, מיינענ־דיק אַפּנים, אַז משה האָט אים טאַקע אפשר עפּעס גאַרנישט דערצאָלט אין יענע יאָרן.

— יאָ, אַ חוב, — האָט משה איבערגעחזרט דאָס פריערדיקע.

— דהיינו? — איז שוין יאַנקל שרייבער אויף אַן אמת פאַראינטע־רעסירט געוואָרן.

דאָ האָט משה אַ ציִ געטאָן דעם רויך פון זיין ציגאַרעטל און דער־קלערט:

— מיין פּראָפעסיע איז דאָך אַזאַ, וואָס איר האָט אין איר אַ היפּש ביסל פון אייער האַראָוואַניע.

— אייער פּראָפעסיע?

— נו, יאָ, איך בין אַ קאָרעקטאָר אין איינער פון די גרויסע יידישע צייטונגען אין ניו־יאָרק.

— אַ וואָס? — האָט חיים איבערגעפרעגט, נישט פאַרשטייענדיק, וואָס דאָס איז אַזוינס.

— אַ וואָס? — האָט אויך אסתר מלכה געוואָלט, אַז משה זאָל איר דערקלערן, וואָס אַזוינס ער טוט עס דאָרטן אין זיין ניו־יאָרק פאַר פרנסה.

— אַ בעל מגיה אין אַ יידישער בלאַט, — האָט יאַנקל שרייבער גע־געבן צו פאַרשטיין, און אַרויסווייזנדיק זיין גרויס קאָנטשאַפט, האָט ער דאָס גענומען נאָך קלאָרער מסביר צו זיין פאַר די אַרומיקע, וואָס האָבן אַנגעשטעלט מויל און אויערן:

— ער זעט, אַז עס זאָלן נישט אַריין אין דער בלאַט קיין טעותים און אַז דאָס, וואָס די שרייבער שרייבן דאָרטן אַריין זאָל זיך לייענען קלאָר און גלאַטיק.

— אַזוי, אַזוי! — האָט חיים געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי אַ סימן, אַז

ער באַנעמט, אָבער אסתר מלכּה איז נאָך נישט געווען צופרידן. איר איז באַזונדער געגאַנגען אין לעבן גאָר עפּעס אַנדערש:

— איז וויפל־זשע פאַרדינט מען ביי אָט־אַ דעם, וואָס דו טוסט דאָרטן אין דער בלאַט? — האָט זי אומבאַדינגט געוואָלט וויסן.

משה האָט אַ קוק געטאָן אויף אסתר מלכּהן און שמייכלענדיק צו איר געזאָגט:

— מען מאַכט אַ לעבן.

— מען מאַכט אַ וואָס? — האָט חיים געפרעגט, נישט באַנעמענדיק משהס ווערטער.

משה האָט זיך פריילעך צעלאַכט, און יאַנקל שרייבער האָט ווידער געקראָגן די געלעגנהייט אַרויסצואווייזן זיין קאָנטשאַפּט.

— מען מאַכט אַ לעבן — הייסט אין אַמעריקע, אַז מען האָט, דאַנקען גאָט, שיין פּרנסה, — האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין.

— הער נאָר, הער! — האָט חיים זיך שטאַרק געוואונדערט און שמייכלענדיק איראָניש אין דער באָרד אַריין, האָט ער געזאָגט:

— נאָ דיר אַ נייעס! דער רבונו של עולם קאָן מאַכן אַ לעבן, אָבער אַ מענטש? הער נאָר, הער!

אָט אַזוי האָט ער געזאָגט און זיך נישט אויפגעהערט צו וואונדערן, אָבער אסתר מלכּה, וואָס איז געווען פאַראינטערעסירט אין גאָר עפּעס אַנדערש, האָט זיך געהאַלטן ביי דאָס אירעקע און זי האָט אומבאַדינגט געוואָלט וויסן גענוי:

— איז וויפל־זשע פאַרדינט מען דאָס ביי אָט־דעם, וואָס דו טוסט דאָרטן אין דער בלאַט? — האָט זי געפרעגט.

— זיבעציק... אַכציק... — האָט משה שמייכלענדיק גענומען צופרידנשטעלן איר נייגעריקייט, און אַרויסלאָזנדיק אַ רינג רויך פון מויל, האָט ער אָפּשאָקלענדיק דעם אַש פונעם פּאַפּיראָס אינעם שעלעכל, צוגעלייגט:

— און אַז מען אַרבעט אַמאָל אַביסל אַריבער דער צייט, דערגייט אפילו צו אַ גאַנצן הונדערטער אויך.

— אַזוי, אַזוי, אַ בעל־מגיה, — האָט חיים אָנגעהויבן. אָבער אסתר מלכּה איז נאָך נישט פאַרטיק געווען.

— גילדן, צי דאָלאַרן? — האָט זי אומבאַדינגט געוואָלט, אַז משה זאָל איר דערקלערן.

— דאָלאַרן, — האָט משה איר צוליב געטאָן.

— וואָס דען, גילדן? — האָט יאַנקל שרייבער זיך אַריינגעמישט, און קוקנדיק אויף בערלען, האָט ער זיך פריילעך אַ וויצל געטאָן מיט אים:

— בערל, דו הערסט? ביי לייטן פֿאַרדינט מען נאָר דאָלאַרן...דו הערסט, בערל?

— אַזוי, אַזוי, דאָלאַרן, הייסט עס! — האָט אסתּר מלכּה מיט גרויס צופֿרידנקייט געזאָגט, שאָקלענדיק דעם קאָפּ.

ווען בתיה האָט זיך אויפֿגעשטעלט און גענומען אָפּרוימען דעם טיש, האָט אסתּר מלכּה געקוקט אויף איר מיט גרויס צופֿרידנקייט אין די בליקן און דערביי נחתדיק אַ מורמל געטאָן:

— אַזוי, אַזוי, דאָלאַרן! אַוודאי דאָלאַרן!

אַ שפּאַציר אין דער פאַרגאַנגענהייט

ווען בערל סטאָליאַר און יאַנקל שרייבער האָבן ענדלעך געזאָגט אַ גוטע נאַכט און פאַרלאָזט די שטוב, האָט חיים אַ צי געטאָן די גלידער און געזאָגט:

— צייט זיך לייגן אָפּרוען.

משה איז אַרויס אויפן גאַניקל און אַנגעשטעלט די בליקן צו דער לבנה, וואָס האָט זיך געשיפּלט צווישן די אָפּגעריסענע וואָלקנס.

— אָט איז זי דאָך, — האָט ער שטיל אַ מורמל געטאָן צו זיך, קוקנדיק אויף דער לבנה.

דאָס לעמפּל אויפן שפּיץ פונעם דרענגל אינמיטן פונעם מאַרק האָט איצט פונקט, ווי פריער זיך געצונדן און געלאָשן, געלאָשן און געצונדן, אָבער אינעם שיין פון דער לבנה האָט דאָס שוין מער גאָר נישט סו־געסטירט און דאָס האָט דערפאַר איצט שוין געהאַט נישט מער, ווי אַ פּנים פון נעבעכדיקער עלנדקייט און אפילו ווי חוזק.

משה האָט געקוקט אויף דער בלייכער לבנה און זיך פאַרטראַכט מיט בענקשאַפט וועגן זיין טעכטערל:

— גאָטס לעמפּעלע הייסט ביי איר לבנה, — האָט ער שטיל גע־שמייכלט צו זיך אין זיין בענקשאַפט...

— גאָטס לעמפּעלע?

ער האָט זיך צעשמייכלט נאָך מיט פיל מער בענקשאַפט נאָך זיין קינד, וואָס איז איצט מיט זיין שוואָגער און שוועגערין אין ברוקלין.

— וואָס טוסטו איצט, מיידעלע מיינס? קוקסטו איצט אויך אויף גאָטס לעמפּעלע, ווי דיין טאַטע?

ער האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און בדעה געהאַט זיך אַרונטער־צולאָזן איבער די טרעפּלעך פונעם גאַניקל אין דער לבנהדיקער נאַכט אַריין, כאָטש וואוהין עס וועלן אים פירן זיינע טריט, האָט ער נאָך אַקו־ראַט נישט געוווּסט געגנוי.

בתיה איז אַרויסגעקומען מיט שטילע טריט, זיך געשטעלט לעבן אים און שטיל געפרעגט:

— וואו זענט איר איצט, משה? אויף וואָס פאַר אַ וועלט?

ער האָט אַ דראָבענעם ציטער געטאָן פון איר פראַגע און שטיל גע־ענטפערט:

— אין דער פאַרגאַנגענהייט, בתיה.

זי האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, אָבער זי האָט דערפילט מיטן חוש, אַז עס איז בעסער איצט אים נישט צו שטערן, און זי האָט געשוויגן.

דורך די אָפענע פענצטער האָט זיך געהערט חיימס „קריאַת־שמע“ לייענען. די שטילע, תפילהדיקע ווערטער האָבן זיך ווייך אַוועקגעטראָגן איבער דעם שווייגנדיקן ווינטל אין דער נאַכט אַריין.

זיי זיינען ביידע געשטאַנען אויפן גאַניקל און געשוויגן, געקוקט אויף דער לבנה און געשוויגן. עס איז געווען, ווי זיי האָבן ביידע זיך צוגעהערט צו חיימס ווערטער און זיי אויפגעזונגען אין זיך. ערשט ווען חיימס ווערטער זיינען אַנטרינען געוואָרן פון דער סאַליע אין זיין שלאָפצימער אַריין, האָט משה זיך שטום אָנגעהויבן אַרונטערצולאָזן איבער די טרעפּלעך פונעם גאַניקל צום מאַרק צו.

— וואוהין אַזוי שפּעט, משה? — האָט בתיה מיט עפּעס אַ מאָדנעם ציטער אין איר קול געפרעגט.

ער איז געבליבן שטיין און אָנגעשטעלט אויף איר זיינע בליקן. דער לאָמפּ אין דער סאַליע האָט זיך אויסגעלאָשן און דאָס גאַנצע גאַניקל איז איצט געווען איינגעוויקלט אינעם שיין פון דער לבנה... אינעם שיין פון דער לבנה האָט בתיה אויסגעקוקט, ווי עפּעס אַ נישט־דאָאיקע שיינקייט, און ווען זי האָט אויפגעהויבן אירע הענט און גענומען מיט זיי אַרויפשאַרן די האָר, איז זי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יונג נאַר־וואָס צעצווייגט ביימל, וואָס ציטערט פון די פליסנדיקע זאַפטן אין דעם. אַ רגע האָט ער געהאַט אַ באַגער זי איינצולאָדן מיטצוגיין מיט אים אויפן שפּאַציר אין דער לבנהדיקער נאַכט אַריין, אָבער באַלד איז דער באַגער פאַרשוואונדן געוואָרן אין אים, וואָרום אַן אַנדער באַגער, אַ פיל שטאַרקערער איז אויפגעגאַנגען אין זיין געמיט און ער האָט שטיל געזאָגט:

— עס ווילט זיך מיר שפּאַצירן אַ ווייל אין דער פאַרגאַנגענהייט אַריין.

— איך פאַרשטיי, משה.

— אַ גוטע נאַכט, בתיה.

— אַ גוטע נאַכט, משה.

ער האָט זיך אַ שאַר געטאָן מיט שטילע טריט צום שאָסיי און ווען ער האָט דערגרייכט דאָס בריקל,האָט ער זיך פאַרקערעוועט צו דער לוד־מירער גאַס, וואו ער פלעגט אַזוי אָפט שפּאַצירן אין אַזעלכע אָוונטן אין זיינע פריערדיקע יאָרן.

דאָס שטעטל האָט שוין געהאַט אָפּגעלייענט קריאַת־שמע און איצט האָט עס געצויגן אַ פאַרשלאָפנס אויפן געלעגער אירע גלידער. די שטיבלעך האָבן אויסגעקוקט, ווי אַלטע, איינגעבויגענע „ציונס“ אויף אַ בית־עולם. די קרומלעכע נישט באַלאָדנטע פענצטער האָבן געקוקט, ווי פאַר־

שטאַרטע, נישט־צוגעמאַכטע אויגן ביי נאַר־וואָס אויסגעגאַנגענע. די קוי־מענדלעך, ווי צעקאַרטשעטע יאַרמולקעס אויף נישט געוואַשענע קעפּ פון מתים. דער איינציקער, לעבעדיקער אָטעם איז געקומען פון דעם שווער־סאָפּענדיקן מאָטאָר אין דער דאַמף־מיל אויפן געוועזענעם רבישן הויף.

— אַ פּוילישע דאַמף־מיל אויפן זעלבן אָרט, וואו עס איז געשטאַנען דעם רבינס הויז, — האָט ער מורמל געטאָן צו זיך.

שפּעטער, ווען ער איז געזעסן אין דרויסן פונעם שטעטל אויפן פּאַרענטש פונעם האַלצערנעם בריקל און זיך צוגעהערט צום אומאויפהערלעכן, ריטמישן סאָפּען פונעם דאַמף־מאָטאָר אין דער מיל, האָט ער געהאַט דאָס געפיל, אַז נישט קיין קערנער אויף מעל־ברויט ווערן דאָרטן געמאָלן, נאָר דורותדיקע תפילות און ניגונים פון זיין פאָלק ווערן דאָרטן צעשטויסן, און דאָס צעשטויסענע גייט אויף מיטן ווינט און לייזט זיך אויף אין דעם אייביקן גאָרנישט אַריין. ווי אַ צוגאָב צום מאָטאָרדיקן סאָפּען איז געווען דאָס פּאַלנדיקע וואַסער אונטערן בריקל, וואָס האָט זיך געיאָגט פון אײן זייט טייך אַריבער צו דער אַנדערער זייט דורך די אויפגעהויבענע „זאַסטאַווקעס", און אויסגעקומען איז אים, אַז דאָס פּאַלנדיקע וואַסער, וואָס ציט זיך פונעם היגן טייך „ספּיסט" אין דעם טוריע־טייך אַריין וואַשט אָפּ און נעמט מיט זיך מיט דעם שטויב פון דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס פּאַלט פון אונטער דעם שטויביקן מאָטאָר אויף דער ערד, כדי עס זאָל קיין שום סימן און קיין שום זכר ניט בלייבן.

און עס איז אים געווען ביז גאָר מאָדנע צו זען, ווי דער הימל, וואָס האָט אים אויסגעקוקט צו זיין דער זעלבער ווי אַמאָל, קוקט גלייכגילטיק זיך צו און עס זאָל אים אָנהויבן צו אַרן.

— די שטערן זיינען די זעלבע, די לבנה די זעלבע, און גאָרנישט, — האָט ער צו זיך געמורמלט.

ער האָט זיך איינגעקוקט אינעם פּנים פון דער לבנה און זיך שטאַרק געוואונדערט:

— דאָס זעלבע שוויגנדיקע און פאַרטראַכטע פּנים, ווי אַמאָל, — האָט ער צו זיך געזאָגט און דערביי באַמערקט צו זיך אַליין:

— און דאָך איז פּאַרט דאָ אַ שטיקל ענדערונג. אַמאָל האָט פון דער לבנה אַרונטערגעקוקט אויף אים דאָס פּנים פון יהושע בן נון און איצט וואָלט ער געקאָנט שווערן, אַז עס קוקט פון איר אויף אים דאָס פּנים פון זיין מאַמען:

— ברוך הבא, מיין זון! — זאָגט צו אים דאָס פּנים פון זיין ליבער מאַמען.

— אַ דאַנק, מאַמע, עס איז אַזוי גוט צו הערן דיין ליב קול.

— געוואָרט, געוואָרט, אָבער גוט וואָס דו ביסט געקומען צו דער מאַמען, — האָט ער געהערט ווי זי רעדט צו אים.

— געקומען שטעלן איבער דיר אַ שטיין...

— איך ווייס, מיין זון, איך ווייס...

— זאָגט דער פעטער חיים, אַז אַ האָלצערנער „ציון" איז מער יידי־שער, וויל שטיינער איז ווי ביי זיי.

— איך ווייס, איך ווייס, מיין זון.

— די מומע אסתר מלכה האַלט אויך אַזוי, און שרה ליבע די רביצין אויך דאָס זעלבע...

— איך ווייס, איך ווייס, מיין זון.

— איך האָב באַשטעלט ביי בערל סטאָליאַר אַ האָלצערנעם „ציון", אָן אָפּגעפאַרבטן מיט אַ בלעכן דעכל.

— זייער ניחא, מיין זון.

ער האָט בדעה געהאַט דערציילן דער מאַמען די מעשה מיטן פינף־און־צוואַנציקער און וועגן יאַנקל שרייבערס הכמענען זיך וועגן די דאָ־לאַרן, אָבער אַ וואָלקנדל האָט זיך פונקט אין יענעם מאָמענט פאַרצויגן איבער דער לבנה און דאָס פנים פון דער מאַמען איז פאַרשטעלט געוואָרן, האָט ער אָפּגעשטעלט דאָס רעדן צו איר.

רעכטס פונעם בריקל אויף יענער זייט פונעם טייך האָבן זיך געגאָל־דיקט אין דער נאַכט אַריין עטלעכע שויבן:

— פון וועמענס שטיבער זיינען זיי?

אַמאָל, אַמאָל איז דאָרטן, וואו עס גילדן זיך איצט די עטלעכע שויבן, געווען דעם מגידס הויף. געבויט האָט אים נאָך דער רבי אברהמעלע, דער „מגן אברהם". שפּעטער האָט דאָרטן געקיניגט זיין זון ר' יעקב לייבעניו, צו וועמען מען איז געפאָרן פון וואָלין, פאָדאָליע, פוילן און אפילו פון אַ שטיק גאַליציע. דעמאָלט פלעגן זיך פון דאָרטן אין אָט אַזאַ נאַכט גילדן אַהער צום בריקל אַ סך, אַ סך שויבן.

— ווער־זשע האָט אויסגעלאָשן יענע צעגילדעטע שויבן?

משה האָט זיך דערמאָנט אָן דער הזכרה נאָך ר' יעקב לייבעניו, וואָס די טריסקער אין ניו־יאָרק האָבן דורכגעפירט גלייך נאָך דער מלחמה, ווען עס איז געקומען די ידיעה, אַז דער רבי איז נפטר געוואָרן.

געווען איז דאָס אין אַ קליין שולעכל אויף פאַיק גאַס און געווען איז דאָס אָנגעפילט נישט נאָר פון טריסקער, וואָס געפינען זיך אין ניו־יאָרק, נאָר אויך פון אַנדערע יידן, וואָס זיינען טריסקער חסידים געבליבן אויך ווען זיי זיינען אַריבערגעפאָרן קיין אַמעריקע. די לופט אינעם שולעכל איז געווען געדיכט און הייס, אַלץ האָט זיך געשמאָלצן און געטריפט איב־

איינעם מיט די אומצייליקע חלבענע ליכט, וואָס האָבן ברענענדיק זיך גע־שמאָלצן און געטריפט, גיסנדיק פון זיך מיט פעטע, הייסע, זודיקע טרערן, ווען ר׳ אהרן דער לאַנגער האָט דעם „אל מלא רחמים" געמאַכט מיט זיין וויינענדיקן, צעבראָכן קול:

— הרב, הצדיק, הקדוש והטהור ר׳ יעקב לייבעניו מטריסק אשר הלך לעולמו בעיר הרובעשאָוו.

— אוי ווי, אוי ווי, אין הרובעשאָוו איז דאָס געשען, — האָט זיך געהערט, ווי איינער האָט דעם אַנדערן באַקרעכצט.

— אין דער דאָרטיקער מקווה פאַר שחרית האָט דאָס געטראָפן, — האָט עמיצער מיט אַ קרעכץ צוגעגעבן.

— אינמיטן טבילה?

— ביי דער זיבעטער, זאָגט מען.

— מיתה בנשיקה, אַוודאי.

— ווער ווייסט? ווער ווייסט?

דער אַלטער שמואל יאַניס, וואָס איז, נאָך יאָרן לעבן אין ניו־יאָרק, געבליבן דער זעלבער פרומער ייד, ווי ער איז געווען אין זיין געבורט־שטעטל, האָט זיך נישט געקאָנט באַרואיקן הלמאי דער רבי ר׳ יעקב לייבעניו איז נפטר געוואָרן נישט אין טריסק, נאָר אין הרובעשאָוו, וואוהין ער איז געקומען פּראַווען אַ שבת, מסתמא.

— ווי איז מיר, אין הרובעשאָוו גאָר? — האָט ער נישט אויפגעהערט צו קרעכצן, און ברעכנדיק די פינגער האָט ער געקלאָגט:

— פאַרשעמט טריסק מיינס! פאַרשעמט טריסק מיינס!

ביים פאַרלאָזן דאָס שולעכל, האָט ער זיך צעוויינט אויפן קול, און געזאָגט צו די אַרומיקע:

— נישט באַשערט געווען די אייגענע אויפן נייעם בית־עולם דאָרטן צו האָבן אַ צדיק צווישן זיך, ווי עס האָט דער אַלטער בית־עולם!

משה האָט זיך צוגעהערט צום ריטמישן סאָפּען פונעם מאָטאָר אין דער פּוילישער דאַמף־מיל, וואָס אויף יענער זייט טייך און זיך דערמאָנט, ווי דאָס געקלאָג פונעם אַלטן שמואל יאַניס האָט דעמאָלט אַרויסגערופן ביי אים געלעכטער. עס האָט זיך אים פאַרגעדענקט, ווי אין דעם זעלבן אָוונט פון דער הזכרה נאָך ר׳ יעקב לייבעניון, האָט ער צווישן די יינגערע טריסקער אין ניו־יאָרק נאָכגעמאַכט דעם אַלטן שמואל יאַניס קרעכצעניש.

— פאַרשעמט טריסק מיינס! פאַרשעמט טריסק מיינס!

אָט אַזוי האָט ער דעמאָלט אין אַ חוזק־טאָן זיך געוויצלט, און איצט אין דער נאַכט אָט דאָ ביים האַלצערנעם בריקל האָט ער געפילט, ווי דאָס דעמאָלטדיקע אָפּחוזקן זיינס נעמט פון אים נקמה.

— פאַרשעמט טריסק מיינס! פאַרשעמט טריסק מיינס! — האָט ער איצט איבערגעחזרט דעם אַלטן שמואל יאַניס ווערטער.

ער האָט זיך צוגעהערט צום ריטמישן סאָפּען פון דעם מאָטאָר אין דער מיל, און פאַר זיינע אויערן זיינען אויפגעגאַנגען די התלהבותדיקע טענער פון די חסידישע ניגונים, וואָס פלעגן זיך אַמאָל אין אָט אַזעלכע נעכט דורכרייסן פון דאָרטן אַהער צום בריקל.

און געווען זיינען דאָס טענער פון פריידיקן בטחון, וואָס האָבן זיך געראַנגלט אין ליכטיקער דערהויבונג, ווי גאַנצע סטייעס פליענדיקע פייגל פון קאַלטע אין די וואַרעמע לענדער.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז פאַר די פאַר טעג, וואָס ער געפינט זיך דאָ נאָך נישט אַרויפגעגאַנגען צום אַמאָליקן רבינס הויף, כדי אַ קוק צו טאָן מיט די אייגענע אויגן אויף דער גרויסער ענדערונג, וואָס דאָרטן איז געוואָרן.

— אַן עוולה, — האָט ער זיך אויסגערעדט.

פון זיין פעטער חיימס גאַניקל האָט ער שוין אפילו יאָ עפּעס געזען אויף וויפל מען קאָן זען פונדערווייטנס, אָבער דאָס איז נישט גענוג.

— מען וועט דאַרפן אַריבערגיין און זען פון דער נאָענט, — האָט ער צו זיך געזאָגט.

ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז עס וועט זיין יסורימדיק צו קוקן, ווי אויפן פלאַץ פונעם גרויסן בית־המדרש, שטייט איצט אַ גרויסער שטאַל פאַר פערד.

— דעם יאַסנע וועלמאַזשנעמס פערד־שטאַל!

פאַר זיינע אויגן איז אויפגעגאַנגען דעם רבינס גרויסער בית־המדרש, וואָס זיין הינטערשטער טייל איז געשטאַנען אויף דעמבענע פאַליעס אַ שטיק איבערן טייך.

— דער הויפישער בית־המדרש, — האָט ער געהייסן ביי יעדן איינעם אינעם שטעטל.

אין די ימים־נוראים איז ער געווען איבערגעפּאַקט. ביי אַלע פיר ווענט טרעפּ ביז צו דער סטעליע און אומעטום יידן, יידן, יידן. טליתים מיט גאָלדענע עטרות, זילבערנע עטרות און אָן עטרות. בערד און בערד־לעך אַלערלייעדיקע, ווייסע, גרויע, שוואַרצע, בלאָנדע און געלבלעכע אין איין גרויסן, וויגנדיקן געמיש. ביים מזרח־וואַנט די חסידים פון קרוין־פוילן, מיט וועלכע דער הויף האָט זיך געיחוסט. אָט איז ר׳ וועלוועלע וואַרשעווער. די באַגילדעטע יאַרמולקע אויף זיין קאָפּ, די גלעקלדיקע גרויליכע פיאות פון ביידע זייטן אויסגעקעמטער גרויער באָרד גיט אים אַליין דעם אויסזען פון אַ רבין, אָבער זיינע טונקעלע אויגן זיינען כסדר

צוגעשמידט צו דער אָפענער טיר פונעם יחוד־שטיבל אויף רעכטס פונעם ארון־קודש, וואו „ער, זאָל לעבן" שטייט אַן איינגעבויגענער אין זיין טלית און קיטל אין טיפער דבקות.

די זון שיינט אַריין דורך די גרויסע, צעעפנטע פיר־און־צוואַנציק פענצטער און איר בלענד מישט זיך אויס אין דעם שיין פון די אומציי־ליקע פלעמלעך איבער די חלבנע און וואַקסענע ליכט און די מעשענע לייכטער אויפן עמוד און איבער די טישן און אויך אין די רערן פון די קופערנע הענגלייכטער פון דער הויכער סטעליע אַרונטער.

דאָס קול פון ר' זיסיע חזן ביים עמוד לייזט זיך אויף אין דעם ברומען פון זיינע משוררים און דעם עולם.

— אי, אוי, אַך, אוך, אַך! — טראָגט זיך אין דער לופטן און גיסט זיך צונויף מיט דעם האַרצרייסנדיקן געוויין, וואָס רייסט זיך אַריין דורך די פענצטערלעך פון דער ווייבערשער שול.

— אָפגעווישט, — מורמלט איצט צו זיך משה עטיע ביילעס, טראַכטנ־דיק מיט וויטיק, אַז איצט שטייט אויפן אָרט פון יענעם בית־המדרש אַ שטאַל פאַר פערד.

— דעם יאַסנע וועלמאַזשנע פאַן קאשינסקיס פערד־שטאַל!

— און די מיל?

לויט, ווי ער האָט געקאָנט באַמערקן פונעם פעטער חיימס גאַניקל, שטייט די דאַמף־מיל אויפן אָרט, וואו עס איז געשטאַנען דאָס צווייגאָרנ־דיקע הויז פאַר דעם רבינס קינדער.

משה עטיע ביילעס האָט געטראַכט פון דעם, וואָס ר' יעקב לייבעניו רוט אין דער שטאָט הרובעשאָוו, די זין און די איידעמס זיינען צעזייט און צעשפּרייט, טראַגנדיק אומעטום, וואו זיי זיינען, אויף זיך דעם נאָ־מען „טריסקער", און נישט נאָר די זין און די איידעמס, נאָר אויך אפילו ווייטע קרובים, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אין אַנדערע מקומות, פראַוועען איצט טישן אין אַמעריקע און רופן זיך „טריסקער", בלויז טריסק אַליין איז . . .

— יאַסנע וועלמאַזשנע פאַן קאשינסקי מיט זיין פערד־שטאַל.

ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם אייניקל, וואָס ער קאָן אין ניו־יאָרק און אים איז איצט נישט געווען קלאָר צי עס איז גוט, וואָס ער איז אָט אַזאַ, ווי ער איז, צי אפשר נישט.

— פאַרפאַסער, ווייי איז מיר! — האָט ער געהערט נישט איין מאָל קרעכצן דעם אַלטן שמואל יאַניס וועגן אָט־דעם אייניקל אין ניו־יאָרק.

וויפל מאָל האָט ער געלאַכט פון שמואל יאַניס באַדויער? שטענדיק פלעגט ער לאַכן פון שמואל יאַניס קרעכצן, אָבער פאַרוואָס לאַכט זיך

אים נישט איצט דאָ ביים בריקל אין דער נאַכט ?

— אָפּגעווישט אַ מלוכה ! — האָט ער שטיל אַ קרעכץ געטאָן און געפּילט האָט ער אין זיך אַ גרויסן צער נישט אַזוי, וואָס אָט די מלוכה איז אָפּגעווישט געוואָרן, נאָר אויף דעם וואָס האָט די מלוכה אויסגעביטן אויף אַ פערד־שטאָל.

— וואָלט דאָ אַ מוזיאום פון יענער מלוכה געשטאַנען, וואָלט געווען גאָר, גאָר עפּעס אַנדערש !

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז זיין חבר זעליג וויינבערג קומט אין גיכן שוין צום צווייטן מאָל אַהער.

— ער וואָלט אַזוי פיל געדאַרפט פאַרצייכענען ! — האָט משה ביי זיך אַ טראַכט געטאָן.

— מען וועט אים דאַרפן דערמאָנען, — האָט ער צו זיך געזאָגט, און דערביי צוגעלייגט :

— און טאַקע ביי אים מאָנען אויך.

— יאָ, מען וועט דאַרפן מאָנען ביי זעליג וויינבערגן ! — האָט משה עטיע ביילעס, זיצנדיק אויפן פאַרענטש פונעם הילצערנעם בריקל, ביי זיך באַשלאָסן.

— אָט אַשטייגער אַזאַ פיגור, ווי ר' יעקב לייבעניו ! עס וואָלט דאָך געווען אַן אמתער פאַרלוסט, אַז אַזאַ פיגור זאָל נישט בלייבן אין אונדזער ליטעראַטור.

ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אַזוי זיין מאַמע האָט איין מאָל אין אַ פרימאָרגן צו אים געזאָגט :

— משהלע, מיין קינד, דו ווייסט, אַז היינטיקן פורים ווערסטו שוין מערצישעם אַ בר־מצוה ?

— היינטיקן פורים ווער איך בר־מצוה ?

— יאָ, מיין קינד ! — האָט די מאַמע באַשטעטיקט, און דערביי אים געגלעט אויפן קאָפּ מיט אירע פאַרהאָרעוועטע פינגער.

— אָבער, מאַמע . . . — האָט ער אַנגעהויבן און די מאַמע האָט אים איבערגעריסן און געזאָגט :

— יאָ, יאָ, איך וויס, אַז דו ביסט ערשט צוועלף יאָר, — האָט זי געזאָגט, און דערביי פאַר אים אַנטפּלעקט, אַז זי איז געווען ביים רבין, זאָל לעבן, און ער האָט געהייסן, אַז צו צוועלף.

— פאַרשטייסט, מיין קינד ? — האָט זי געזאָגט מיט אַן אויפגעלויכטענעם פנים, ווישנדיק דערביי זיך די טרערן מיט די שפּיצן פון איר געבלימטער פאַטשיילע.

— פאַרשטייסט? דער טאַטע דיינער, זיין זכות זאָל אונדז בײַשטיין, איז געווען אַ גרויסער צדיק.

די מאַמע האָט אַזוי צו אים גערעדט און אים דערציילט, אַז דער רבי האָלט, כדי עס זאָל דעם טאַטן גרינגער ווערן אויף יענער וועלט, איז כדאי, אַז ער זאָל אָנהויבן צו לייגן תפילין צו צוועלף און נישט צו דרייצן.

— עס איז פאַר דיר אַ גרויסע זכיה גרינגער צו מאַכן דעם טאַטן דיינעם, — האָט די מאַמע געזאָגט מיט שטאָלץ אין איר קול.

ער אַליין איז אויך ביז גאָר שטאָלץ געוואָרן מיט זיך, וואָס ער הייבט אָן צו לייגן תפילין מיט אַ יאָר פריער און נאָך שטאָלצער איז ער געווען מיט דעם, וואָס דער רבי האָט אין זינען דעם טאַטן זיינעם.

ער האָט זיך דערמאָנט מיט וואָס פאַר אַ התמדה ער האָט זיך אַ נעם געטאָן צו לערנען די הלכות־תפילין ביי דעם מלמד זיינעם ר׳ יעקל.

ער געדענקט, ווי עס וואָלט ערשט נעכטן געשען. שוין פורים אין דער פרי, פונקט צום יאָרצייט־טאָג נאָכן טאַטן, האָט טאַקע ר׳ יעקל אים געלייגט צום ערשטן מאָל די תפילין אינעם הויפישן בית־המדרש. די מאַמע זיינע האָט אָפּגעבאַקן און געשיקט אין בית־המדרש אַריין זיסע אייערקיכעלעך און דער פעטער זיסע משה, וואָס האָט געהאַלטן אינעם הויפישן בית־המדרש דאָס שענקל פאַר די חסידים, האָט אויף זיין איי־גענעם חשבון געשטעלט אַ גאַנצע פלאַש בראָנפן.

— דער פעטער זיסע משה, — האָט ער אין זיין פאַרטראַכטקייט זיך צעשמייכלט וועגן אַט־דעם פעטער זיינעם.

— זיסע משה מען וויסט שוין, — האָט מען אים גערופן אין גוטן מוט סיי צווישן די תושבים אין שטעטל און סיי צווישן די חסידים, וואָס פלעגן קומען פון דער פרעמד אויף די יום־טובים.

גערופן האָט מען אים מיט אָט דעם נאָמען דערפאַר, ווייל האַבנדיק דאָס שענקל אינעם הויפישן בית־המדרש, האָט ער געמוזט זייער אָפט איבערלאָזן דאָס ספר, וואָס איז שטענדיק געווען אָפן פאַר זיינע אויגן, ווען אַ חסיד האָט באַלד נאָכן אָפּלייגן די צווייטע פאַר תפילין זיך געווענדט צו אים:

— ר׳ זיסע משה, נו?

אָט דער „נו" האָט געמיינט, אַז ר׳ זיסע משה דאַרף איבערלאָזן דאָס ספר און עפענען דאָס שאַפּקעלע, וואָס איז ביי אים געשטאַנען אין ווינקל פון בית־המדרש.

— פאַר אַ זעקסער צי פאַר אַ צענער? — פלעגט ער פרעגן ביים חסיד, און געמיינט האָט עס מיט אַן אייער־קיכל, צי אַן אַן אייער־קיכל.

איז מילא, דאָס אָנגיסן אַ גלעזל בראָנפן, האָט ער שוין געטאָן. וואָרים דאָס איז געווען פון וואָס ער האָט געצויגן זיין ביסל חיונה פאַר ווייב און קינדער. אָבער אַז עס איז געקומען צום „לחיים" און גלייך נאָכן לחיים דאָס ווינטשעווען, פלעגט זיין שוואַרץ־גרוי בערדל אָנהויבן צו ציטערן פון אויפרעגונג. היימישע חסידים האָבן שוין געוואוסט און פלעגן אָפּ־קומען בלויז מיטן „לחיים", אָבער ניי־געקומענע פלעגן זיך צעלאָזן מיט זייערע ווינטשעוואַניעס:

— לחיים, ר' זיסע משה.

— לחיים, לחיים, — פלעגט ער ענטפערן מיט אַ שטיל געמורמל אין זיין באָרד אַריין, ווי איינער זאָגט:

— נו, טרינק אויס און לאָז מיך צוריק צו מיין ספר.

אָבער דער נישט־היימישער חסיד האָט דאָך נישט געוואוסט וועגן זיסע משהס אומגעדולדיקייט און ער פלעגט אָנהויבן:

— גאָט זאָל געבן ישועות ונחמות, און מיר זאָלן שוין טאַקע זוכה זיין...

— מען ווייסט שוין! מען ווייסט שוין! — פלעגט אַזאַ נישט־היי־מישער חסיד קריגן אַן ענטפער און בלייבן שטיין אַ צעטומלטער, נישט באַנעמענדיק פאַרוואָס אים קומט אַזאַ אָפּשניט.

נישט איין מאָל האָט געטראָפן, אַז אַזאַ חסיד האָט זיך פאַרקלאָגט שפּעטער פאַר אַנדערע חסידים:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ ייד אָט דער זיסע משה? הערט אַ מעשה, איך זאָג צו אים לחיים און ער...

— מען ווייסט שוין! מען ווייסט שוין! — פלעגן די חסידים זיך צעלאַכן און שטענדיק האָט זיך געפונען איינער, וואָס האָט געזאָגט:

— אַ ייד אַ תלמיד חכם, און מוז יעדן אָנגיסן דאָס גלעזל.

— און נישט נאָר אָנגיסן און דערלאַנגען דאָס אייער־קיכל, נאָר אויסהערן יעדנס ווינטשעוואַניעס, — פלעגט געווינלעך אַ צווייטער צו־לייגן, און דעמאָלט האָט שוין דער באַליידיקטער באַנומען, און שמייכלענ־דיק שוין אַליין איבערגעחזרט:

— מען ווייסט שוין! מען ווייסט שוין!

משה עטיע ביילעס האָט זיך דערמאָנט, ווי יענעם פורים אין דער פרי איז דאָס געווען גאָר אַן אַנדער זיסע משה. נישט נאָר האָט ער געשטעלט אַ פלאַש בראָנפן, נאָר זיך אפילו געפירט מעשה טאַטע:

— אליהו עליו השלומס קדיש, — האָט ער איבערגעחזרט אַ סך מאָל און געטרונקען מיט אַלעמען לחיים און גענומען אַלע ווינטשעוואַניעס.

דעם זעלבן פרימאָרגן, אַביסל שפּעטער, האָט דער פעטער זיסע משה

אים אַריינגעפירט אינעם יחוד־שטיבל פונעם רבין ר׳ יעקב לייבעניו.

משה האָט זיך צעשמייכלט אין דער נאַכט אַריין, ווען ער האָט זיך פאַרטראַכט וועגן אָט דעם יחוד־שטיבל אין וועלכן ער איז אין זיינע ייִנגלשע יאָרן געווען אַ סך מאָל. אָבער באַזונדער האָט ער געשמייכלט, דערמאָנענדיק זיך אָן די צוויי מאָמענטן אין אָט דעם רבינס יחוד־שטיבל, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט אים פּערזענלעך.

דער ערשטער איז געווען, ווען דער פעטער זיסע משה האָט אים נאָכן אָפּליינן צום ערשטן מאָל די תפילין אַריינגעפירט און ר׳ יעקב לייבעניו האָט אים די ברכה געגעבן, און דאָס צווייטע מאָל איז געווען, ווען דער גבאי ר׳ מאָטל בערקעס האָט אים מיט עטלעכע יאָר שפּעטער אַריינגעפירט אין דעם זעלבן יחוד־שטיבל צום רבין, ווי אַן אַרעסטירטן פאַר אַ ריכטער.

ביים ערשטן מאָל האָט דער רבי אים געגלעט אויף די באַקן און שטיל געזאָגט:

— אליהוס קינד? זייער ניחא, זייער ניחא.

ר׳ עקב לייבעניו האָט עס געזאָגט מט אַ סך ווייכקייט אין קול און דערנאָך די הענט אויף זיין זיידן קאַשקעטקעלע אַרויפגעלייגט און אים געבענטשט:

— יברכך הדושם וישמרך, — האָט ער פרום געזאָגט און דערביי מוסיף געווען:

— וועסט מערצעשעם אויסוואַקסן אַן ערלעכער ייד.

גאַנץ אַנדערש איז דאָס געווען מיט אַ פינף יאָר שפּעטער, ווען ער, שוין אַ זיבעצן־יאָריקער, איז געפירט געוואָרן דורך ר׳ מאָטל בערקעס, ווי מען פירט אַן אַרעסטירטן:

עס איז געווען אין אַ הושענא־רבה גלייך נאָכן דאַוונען, ווען ער, דער זיבעצן־יאָריקער, איז אַהין אַריינגעפירט געוואָרן.

ער געדענקט אַזוי קלאָר, אַז אויפן וועג אַהין איז ער געווען שטאַרק אין כעס אויף זיך, הלמאי ער איז גלייך נאָכן דאַוונען נישט אַהיים גע־גאַנגען.

— ווען איך גיי אָבער גלייך אַהיים, וואָלט איך איצט נישט געפירט געוואָרן, — האָט ער זיך אויסגערעדט.

איז ער אָבער נישט אַהיים געגאַנגען גלייך נאָכן דאַוונען, נאָר גע־שטאַנען און געקוקט, ווי דער גרויסער עולם יידן, סיי היימישע און סיי געקומענע פון דער פרעמד, ציט זיך פאַמעלעך, נישט געאיילט, מיט די צו־נויפגעלייגטע טליתים פאַרביי דער אָפענער טיר פונעם יחוד־שטיבל און ער, ר׳ יעקב לייבעניו, אינגאַנצן איינגעוויקלט אין ווייסן, ענטפערט יעדן

פאַרבייגייער אויף זיין „גוט יום־טוב" און ער לייגט דערביי צו:

— אַ חתימה טובה, אַ גמר חתימה טובה.

די לופט פונעם בית־המדרש איז געווען אָנגעפילט מיט דעם ריח פון די אָפּגעשלאָגענע הושענא־בלעטלעך און דעם ציטער פון דעם רבין ר' יעקב לייבעניוס „יסור יסרני יה ולמות לא נתנני", און ער, דער זיבעצן־יאָריקער, וואָס האָט שוין געהאַט איבערגעלייענט ליליענבוימס „חטאת נעורים", פייערבערגס „לאן", הלל צייטלינס „דאָס פּראָבלעם פון גוטס און שלעכטס" און נאָך און נאָך אַזעלכע ביכער און ביכלעך, איז גע־שטאַנען אין זיין ווינקל און זיך שטאַרק געוואונדערט הלמאי ער האָט אַזאַ הנאה געהאַט פון ר' יעקב לייבעניוס „הלל", פון דער דערהויבנקייט ביי די מתפללים און פון דעם ריח פון די הושענא־בלעטלעך. ער האָט זיך אויך זייער שטאַרק געוואונדערט הלמאי ער שטייט צוגעשמידט צום אָרט און קאָן נישט אָפּרייסן די אויגן פון דער תמימה ביי די חסידים, וואָס ציען זיך פאַרביי דער אָפענער טיר פונעם יחוד־שטיבל און פון אים אַליין, ר' יעקב לייבעניו, וואָס שטייט איינגעהילט אין זיין קיטל און טלית, וואָס זיינען באַזילבערט מיט די עטרות און פון דער זילבערנער יאַרמולקע אויף זיין קאָפּ.

ער איז געשטאַנען און זיך שטאַרק געוואונדערט און מיט דעם זעלבן וואונדער זיך געפרעגט:

— איז וואָס־זשע איז מיט די אַלע נייע געדאַנקען, וואָס די ביכער גיבן מיר?

פלוצלינג איז ער אויפגעוועקט געוואָרן פון זיין טיפער פאַרטראַכ־טעניש. ער האָט דערפילט אַ שווערע האַנט אויף זיין אַקסל און ער האָט זיך אומגעקערט.

לעבן אים איז געשטאַנען דער גבאי ר' מאָטל בערקעס מיט דער גרויסער סאַמעטענער היטל, וואָס איז געלעגן אויף זיין מאַסיוון גרויסן קאָפּ, ווי אַן איבערגעקערטע דייזשע:

— תכשיט, ווען־סט מיט מיר אַריינגיין צום רבין אין יחוד־שטיבל, — האָט ער פעסט געזאָגט.

— צום רבין?

— יאָ, צום רבין, — האָט ער איבערגעחזרט, און דאָס קול ביי אים איז געווען אַזוי פעסט. אַז עס האָט קלאָר געמאַכט, אַז וועגן אָפּזאָגן קאָן גאָר קיין רייד נישט זיין.

דער עולם ביי דער אָפענער טיר פונעם יחוד־שטיבל האָט שוין גע־האַלטן ביים סוף און ער, דער זיבעצן־יאָריקער אונטערן שאַרפן, וואַכזאַ־מען בליק פון ר' מאָטל בערקעס, האָט געמאַכט אַ באַוועגונג צו גיין אין

דער ריכטונג פונעם פאַרבייגייענדיקן עולם, אָבער ר׳ מאָטל בערקעס האָט אים אָפּגעשטעלט:

— ניין, ניין, אין דער אַנדערער זייט, — האָט דער אונטערפירער זייַנער אים געלאָזט וויסן און ער האָט זיך געלאָזט מיט דער אַנדערער זייט, וואָס האָט געפירט דורך אַ טונקעלען קאָרידאָר צו אַן אַנדער אַרייַנגאַנג אינעם יחוד־שטיבל אַרייַן.

ער איז געגאַנגען פאָראויס אין דער טונקלקייט, פילנדיק הינטער זיך ר׳ מאָטל בערקעס שווערן גוף, וואָס האָט אַלע ווייל אַרויסגעלאָזט פון זיך אַ געדיכטן כריפּ.

צווישן די גבאים איז ר׳ מאָטל בערקעס געווען מער משרת ווי אַ גבאי, און אויב מען האָט דאָך זיך באַצויגן צו אים מיט דעם דרך־ארץ, ווי צו אַ גבאי, איז דאָס געווען גיכער אויס פּחד פאַר זייַן מעכטיקן אויס־זען ווי פאַר עפּעס אַנדערש.

ער איז געווען דער לייב־וועכטער פונעם רבינס פּערזאָן, און שטענ־דיק איז ער געווען אין זייַן נאָענטקייט. ער איז געווען דער, וואָס פלעגט אָנטאָן און אויסטאָן דעם רבין די מלבושים סיי אין דער עפנטלעכקייט און סיי פּאַרמאַכט. ער פלעגט באַגלייטן דעם רבין אין זייַנע טאָג־טעגלעכע געברויכן, און אַוודאי אין דער מקווה אַרייַן. ביים טיש פלעגט ער צע־שניידן די חלה נאָכן מאַכן די „המוציא“, אַזוי די פיש, דאָס פליייש, אָנגיסן פאַר אים דעם בעכער מיט וויין און עס איז געווען ער, וואָס פלעגט דער־נאָך אויסטיילן די שריים, ברומענדיק דערביי מיט זייַן מעכטיקן קול, אַז מען זאָל האָבן דרך־ארץ און נישט כאַפּן.

מיט זייַן אויסזען איז ער געווען דורכאויס חומר. אפילו זייַנע פיאות און באָרד אַרום זייַן רויט־פלייישיקן פּנים זייַנען געווען חומרדיק. עס האָט געשלאָגן מיט גופישער גבורה פון זייַן יעדן ריר און קער.

— אַז מאָטל בערקעס דערלאַנגט אַ פּאַטש, ווערט פונעם געפּאַטשטן אַ פּלעצל, — פלעגט מען זאָגן, און דערביי איז געקומען אַ מעשה וועגן איינעם אַ מחוצף, וואָס האָט געוואָגט עפּעס זאָגן דעם רבין.

— מען האָט דאָך געדאַרפט באַלד ברענגען סראָלקע דעם רופא צו דעם מחוצף, — האָט אַן אַנדערער דערציילט.

און אָט איז ער אין דעם טונקעלן קאָרידאָר און הינטער אים איז דער זעלבער ר׳ מאָטל בערקעס, וואָס אַז ער גיט אַ פּאַטש ווערט פון דיר אַש און פּאָרך, אַ פּלעצל.

משה האָט זיך דערמאָנט, ווי צופרידן ער איז געווען, ווען עס האָט זיך ענדלעך געעפנט די טיר און ער האָט זיך שוין געפונען אין דעם יחוד־שטיבל.

די טיר צום בית־המדרש איז שוין געווען צוגעמאַכט און דער רבי ר׳ יעקב לייבעניו איז שוין געזעסן, ווי זיין שטייגער איז געווען נאָכן דאַ־ווענען, אויף דעם ברייטן גרין־סאַמעטענעם שטול מיט דעם קאָפּ פאַר־וואָרפן הינטער זיך אויפן אָנשפאַר. די אויגן זיינען געווען ביי אים צו־געמאַכט און די מיט גאָלד געראַמטע ברילן אויפן שטערן.

משה האָט זיך געזען אַ שוויגנדיקן שטיין פאַר דעם רבין און הינטער זיך האָט ער נישט אויפגעהערט צו פילן די מעכטיקע פיגור פון ר׳ מאָטל בערקעס און אַ צאָל פון די געהויבענע און זייער חשובע חסידים, וואָס זיינען געשטאַנען, ווי פאַרגליווערטע מיט די הענט אין די גאַרטלען. דורך די צוויי גרויסע פענצטער האָט אַריינגעקוקט די האַרבסטיקע זון, וואָס כאָטש זי איז שוין געווען קיל, האָט זי דאָך געשיינט מיט געשייערטן גאָלד. דער הימל, וואָס האָט זיך געזען דורך די פענצטער, איז געווען באַדעקט מיט שטיקער אָפּגעריסענע ווייס־גרויע וואָלקנס, וואָס זיינען גע־האָנגען אַזעלכע שוויגנדיקע און פאַרטראַכטע, ווי זיי וואָלטן געווען פאַר־נומען מיט אויפכאַפּן די רעיונות פונעם דרימלענדיקן צדיק. עס האָט זיך אויך געזען דאָס גלאַנציקע וואַסער פונעם טייך און אַ שטיק פון דער גאָלד־גרינער לאָנקע אויף יענער זייט ים.

אַוודאי האָט דאָס נישט געדויערט זייער לאַנג, אָבער די רגעס האָבן זיך געצויגן, ווי שעהען, ביז ר׳ יעקב לייבעניו האָט צעעפנט זיינע אויגן, אָבער ווען ער האָט זיי צעעפנט האָט דאָס סיי־ווי געגעבן דעם איינדרוק, אַז זיי זעען נישט די אַרומיקייט. אַ ווייל האָבן זיי געקוקט פאַר זיך, בשעת זיינע ווייסע פינגער האָבן אינסטינקטיוו צעעפנט דאָס גאָלדענע טאַבאַק־פּושקעלע, אָנגענומען אַ ביסעלע און צוגעטראָגן צו זיינע נאָז־לעכער:

— רבי, ער איז דאַ, — האָט ר׳ מאָטל בערקעס זיך צובויגנדיק גע־זאָגט מיט אַ שטילן כריפּ.

אָבער דער רבי האָט אויך דעמאָלט נישט דערהערט. צופיל געווען אַפּנים פאַרטראָגן ערגעץ אַנדערש, און ר׳ מאָטל בערקעס האָט איבער־געחזרט נאָכאַמאָל:

— רבי, איך האָב אים געבראַכט צו אייך.

— האַ? — האָט דער רבי ענדלעך באַווײַלט אַרויסצוברומען, און ר׳ מאָטל בערקעס האָט זיך נאָך נעענטער צוגעבויגן צו אים:

— איך האָב געבראַכט דעם תכשיט, אליהוס תכשיט.

משה האָט זיך דערמאָנט אָן דעם ציטער, וואָס ער האָט דערפילט, ווען ער האָט דערזען דעם רבינס בליקן אויף זיך. עס איז געווען, ווי ער וואָלט פּלוצלינג באַוואוסטזיניק געוואָרן אויף די אָפּגעשניטענע פּיאות

זײַנע; אױף דעם נישט־רבנישן קאַפּעליושל זײַנס אױפֿן קאָפּ, אױף די צװײ זײַדענע לאַצעלעך פֿון זײַן דײַטשמערישן סורדוטל.

— אליהוס, האַ? — האָט דער רבי שטיל געפֿרעגט, און זײַנע אױגן זײַנען געװאָרן ביז גאָר מילד.

משה געדענקט נאָך איצט די מילדקײט פֿון ר׳ יעקב לײבעניוס אױגן, אָבער דעמאָלט האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן אָט דער מילדקײט, װי אָן איבערגעשאָרקענער, װאָס דערזעט פּלוצלינגע הילף.

ר׳ יעקב לײבעניו האָט פּאַמעלעך אַרונטערגעלאָזט די באַגילדעטע ברילן פֿונעם שטערן צו זײַן נאָז, גענומען נישט געאײַלט אַ שמעק־טאַבאַק פֿון דעם גאָלדענעם פּושקעלע און צוטראָגנדיק צו דער נאָז, האָט ער מיט אַ דינער מילדער הלצה אין זײַן קוק געפֿרעגט בײַ אים:

— איז הײסט עס, אַז גאָרנישט, האַ?

ער האָט געפֿרעגט אָט־די פֿראַגע מיטן טאָן פֿון אַן עלטערן, אַ דער־פֿאַרענעם, בײַ אַ יונג נאַאיװ קינד און שמײכלענדיק מיט אַ סך גוטסקײט אױפֿן פּנים װײַטער געפֿרעגט:

— אָבער טאַקע לחלוטין גאָרנישט?

פֿון אָט־די פֿראַגן, װאָס האָבן װײך געקאַפּעט אױף אים, װי טראָפּנס פֿון אַן אָנקומענדיקן רעגן, האָט ער, דער זיבעצן־יאָריקער משה באַגומען, אַז עמיצער האָט צוגעשטעלט דעם רבין פּאַר אים אַ בענקעלע, אַז ער איז זיך עוסק אין ביכלעך, װאָס שלאָגן פֿון זיך מיט כּפֿירה, און אַז ער מוז זיך איצט באַמיען אָפּצולײקענען. װאָרום אַז נישט, װעט זײַן שלעכט. ער האָט צעעפֿנט דאָס מױל און געװאָלט עפּעס זאָגן, אָבער ר׳ יעקב לײבעניו האָט װײַטער גערעדט און איצט שױן מער צו זיך, װי צו אים, אליהוס תּכשיט.

— די װעלט איז אַ קדמה? בריאת־העולם איז געקומען פֿון זיך אַלײן? אַלץ, אַלץ, װאָס איז דאָ אַרום אונדז איז נישט מער װי אַ יש מאַין?

משה געדענקט, װי ער האָט זיך דעמאָלט צעציטערט פֿון ר׳ יעקב לײבעניוס רײד. און עס איז מאָדנע, װאָס ער װאָלט איצט געקאָנט שװערן, אַז דאָס דעמאָלטיקע ציטערניש איז שױן נישט געװען דערפֿאַר, װײל הינטער אים האָט געהױערט די גבֿורהדיקע פֿיגור פֿון ר׳ מאָטל בערקעס און דער ברום פֿון די חסידישע מײַלער אַרום אים. נאָר דאָס ציטערניש איז געװען פֿון דעם רבינס װערטער.

און עס איז געװען דאָס ציטערניש פֿון ר׳ יעקב לײבעניו װערטער, װאָס האָט זיך דערפֿילט אין זײַן אײגן קול, װען ער האָט אױפֿגעהױבן זײַנע אױגן צום רבין און געזאָגט מיט אַ שטילן מורמל:

— איך האָב דאָס נישט געזאָגט, רבי.

ער האָט עס אַ מורמל געטאָן און בשעת מעשה זיך אָנגעגורט מיט פרישן כוח אויף וויטערדיקע רייד, אָבער דאָ האָט ער דערהערט דעם רבינס אויפגעלויכטן קול:

— מאָטל, דו הערסט? עס איז דאָך שקר! ער האָט דאָך אַזוינס גאָר־נישט געזאָגט. דו הערסט, מאָטל, עס איז דאָך שקר!

ר׳ יעקב לייבעניו האָט זיך מיט די ווערטער געווענדט צו מאָטל בער־קעס און דערביי אַ הויב געטאָן זיינע הענט צו דעם הימל, וואָס האָט זיך געזען דורך די פענצטער, און זיך בתתדיק צערעדט מיט אַזוי פיל ווייכ־קייט אין זיין קול.

— וואָס הייסט ער וועט אַזוינס זאָגן? — האָט ער געפרעגט, און קוקנדיק צום הימל האָט ער גערעדט:

— וואָס־זשע, ער האָט חלילה קיין אויגן נישט און ער זעט נישט, אַז עס איז מלא כל הארץ כבודו!

אַ ווייל איז ער געבליבן שטיל. אַזוי שטיל, ווי דער כבוד פון דעם בורא העולם וואָלט אַלץ און אַלעמען באַהערשט אינעם יחוד־שטיבל און עס האָט זיך געפילט, ווי נישט נאָר ער אַליין איז זיך מתיחד מיט אָט־דעם כבוד, נאָר אויך אַלץ און אַלע, וואָס זיינען דאָרט געווען. משה גע־דענקט, ווי ער איז דעמאָלט געשטאַנען אַ פאַרגליווערטער, און אויפגע־כאַפּט האָט ער זיך ערשט דעמאָלט ווען ר׳ יעקב לייבעניו האָט זיך גע־ווענדט צו אים דירעקט מיט דער צווייטער קשיא.

— נו, און חלול שבת בפרהסיא, האַ?

— חלול־שבת בפרהסיא? — האָט ער געפרעגט מיט ציטערניש אין זיין קול ביים רבין.

— מען דערציילט, אַז אַ פּאַפּיראָסל אום שבת, האַ?

ביי אָט־דער קשיא האָט ער שוין געהערט אַ שטרענגקייט אין ר׳ יעקב לייבעניוס קול, און ער האָט זיך דערפרייט, וואָס אויף איר קאָן ער ענט־פערן דעם גאַנצן אמת:

— איך רויכער דאָך גאָרנישט, רבי.

— דו רויכערסט גאָרנישט?

— ניין, רבי, איך רויכער נישט.

— מאָטל, דו הערסט? ער רויכערט דאָך גאָרנישט! — האָט דעם רבינס קול אויפגעשלאָגן מיט טריומפירנדיקער פרייד, און צוטראָגנדיק מיט צוויי פינגער אַ שמעק־טאַבאַק צו זיינע נאָז־לעכער, האָט ער זיך צעבייזערט:

— מאָטל, דו הערסט? דאָס יינגל רויכערט גאָרנישט און... אוי, מאָטל, מאָטל, מען טראַכט אויס בלבולים אויף ערלעכע יידישע קינדער!

ר׳ יעקב לייבעניוס קול, וואָס האָט פריער געקלונגען שטרענג און אַביסל בייזלעך, איז איבערגעגאַנגען אין אַ ווייכער טאַטישער גוטסקייט. ער האָט פּאַמעלעך אויפגעהויבן בײדע הענט, איבערלאָזנדיק דאָס גאָל־דענע טאַבאַק־פּושקעלע אויפן שויס און אַ קרעכץ געטאָן:

— ווײ, ווײ, אויסטראַכטן אַזעלכע שקרים!

פּלוצלינג האָט ער אָנגעשטעלט זיינע אויגן, וואָס זיינען איצט געווען ביז גאָר מילד, אויף דעם זיבעצן־יאָריקן און ווייך געזאָגט:

— נו, און אַ קרקפתא דלא מונח תפילין איז דאָך אַוודאי און אַוודאי שקר וכזב, נישט אפשר, האַ?

אַט אַזוי האָט ער געפרעגט און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער האָט ער מוסיף געווען:

— וואָרים עס קאָן דאָך נישט געמאָלט זיין, — עס קומט דאָך בפירוש כרת פאַר אַט אַזוינס...

דאָ האָט ער אויפגעהויבן די אויגן צו מאָטל בערקעס און שטיל געזאָגט צו אים:

— גיס אָן פאַר אליהוס בן־יחיד וויין און גיב אים לעקאַך.

ר׳ מאָטל בערקעס האָט זיך צוגעבויגן צום טיש אויף וועלכן עס איז געשטאַנען אַ זילבערנע פלאַש, אַ צאָל זילבערנע בעכערלעך און אַ גרויסע זילבערנע טאַץ מיט אָנגעשניטענעם האָניק־לעקאַך. ער האָט אָנגעגאָסן אַ בעכערל און צוגערוקט אַ שטיקל לעקאַך.

— טרינק, אליהוס בן־יחיד, — האָט ר׳ יעקב לייבעניו ווייך און מילד געזאָגט צו אים, דעם ציטערדיקן בחורל.

משה האָט זיך דערמאָנט מיט וואָס פאַר אַ ציטער ער האָט געמאַכט די ברכה, ווי דאָס בעכערל האָט זיך געטרייסלט צווישן זיינע ליפּן, און מיט וואָס פאַר אַן אויפגעלויכטנקייט עס האָט געקלונגען דער אמן און דער לחיים סיי פונעם רבינס מויל און סיי פון די מיילער ביי די אַרומיקע חסידים.

צי ר׳ מאָטל בערקעס האָט אויך געענטפערט אויף זיין ברכה מיט אמן און אויף זיין לחיים מיט לחיים האָט ער דעמאָלט נישט געוואוסט און ווייסט עס נישט ביז איצט. גיכער נישט. וואָרום לויט דעם שטורך, וואָס ער האָט געקראָגן פון ר׳ מאָטל בערקעס גראָבן פינגער אין דער זייט אַריין שפּעטער ביים אַרויסגיין, איז צו גלויבן, אַז ער האָט קיין אמן נישט געזאָגט און אויף זיין לחיים נישט געענטפערט.

עס איז געווען, אַז ווען ער האָט אויסגעטרונקען אַ האַלבן כוס און אויסגעשטרעקט די האַנט צום רבין אויף לחיים, האָט ר׳ לייבעניו אָנגע־מען די האַנט און געזאָגט:

— לחיים, אליהוס בן־יחיד, — האָט ער ווייך געזאָגט צו אים, און צו די אַרומיקע האָט ער מוסיף געווען:

— איך האָב שוין איין מאָל געזאָגט, אַז ער וועט מערצישעם אויס־וואַקסן אַן ערלעכער ייד.

דער זיבעצן־יאָריקער האָט אָפּטרינקענדיק נאָך אַביסעלע ווין פונעם בעכער אָפּגעביסן אַ שטיקעלע פונעם לעקעך און געזאָגט:

— אַ גוטן יום־טוב, רבי.

— אַ גוטן יום־טוב, אליהוס בן־יחיד, — האָט ר׳ יעקב לייבעניו גע־ענטפערט און מוסיף געווען:

— אַ גמר חתימה טובה.

משה האָט זיך דערמאָנט, אַז ווען ער האָט זיך אויסגעדרייט אַרויס־צוגיין, האָט ער פּלוצלינג דערפילט אַ שאַרפן שטורך פון ר׳ מאָטל בערקעס גראָבן פינגער אין דער זייט אַריין:

— שייגעץ! — איז געקומען פון ר׳ מאָטלס מויל גלייך נאָכן שטורכע, און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז פונעם רבין גייט מען נישט אַרויס אָט אַזוי.

נישט קוקנדיק אויפן שאַרפן ווייטיק אין דער זייט, האָט ער זיך גלייך אויסגעדרייט און מיט אַ פאַרבויגענעם קאָפּ צום רבין האָט ער זיך גע־שאַרט מיטן רוקן צו דער טיר.

אין דרויסן אויפן וועג אַהיים האָט ער נאָך אַלץ געפילט דעם ווייטיק אין דער זייט, אָבער אויפן געמיט איז אים געווען עפּעס אַזוי ליכטיק, נאָך ליכטיקער פון דער האַרבסטיקער זון, וואָס האָט אים אַנטקעגן גע־שיינט מיטן גלאַנץ פון געשייערטן גאָלד.

און אפילו איצט, נאָך אַזוי פיל יאָרן, זיצנדיק אויף דעם פּאַרענטש ביים טייך אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט, פילט ער אויף זיך יענע ליכטיקייט.

אין אַ נעץ פון אומרו און אומעט

אַון דער ריטמישער „זיפ־זיפ״ פון דער דאַמף־מיל האָט זיך אַלץ געלאָזט הערן פון יענער זייט טייך. און דאָס גערויש פון דעם פאַלנדיקן וואַסער־שטראָם אונטערן בריקל האָט אַלץ נישט אויפגעהערט, און די שטערן האָבן געפינקלט און געפינקלט און די לבנה האָט אַלץ געקוקט אויף אים מיט דעם פנים פון זיין מאַמען.

שוין עטלעכע מאָל, אַז ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פונעם פאַרענטש, פאַררויכערט אַ ציגאַרעטל און זיך געקליבן צוריקצוגיין.

איין מאָל האָט ער זיך דערמאָנט, אַז דאָרטן אויפן גאַניקל איז הינטער אים געבליבן שטיין די יונגע, שיינע בתיה און אים נאָכגעקוקט ביים אַוועקשפּאַנען.

— געווען געדאַרפט זי מיטנעמען אַהער, — האָט ער זיך אויסגערעדט און געמאַכט אַ באַוועגונג צוריקצוגיין מיט אַ באַגער אין זיך זי דאָרטן צו טרעפן און זיצן מיט איר אַביסל אין אָט דער נאַכט אויפן גאַניקל.

אָבער טראַכטנדיק פון בתיהן האָט ער זיך דערמאָנט אָן זיין יונגער געשטאָרבענער פרוי בעלאַן און אים האָט אַרומגענומען אַ טיפער אומעט. אינעם נעץ פון אָט־דעם אומעט האָט ער זיך אינסטינקטיוו אַרויפגערוקט צוריק אויפן פאַרענטש פונעם הילצערנעם בריקל און איז געבליבן זיצן אַ לענגערע צייט אַ פאַרגליווערטער.

ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעלעבט די ערשטע עטלעכע יאָר פון זיין משפחה־לעבן מיט בעלאַן. דער עיקר זיינען אויפגעשטאַנען פאַר אים יענע אָוונטן, ווען ער פלעגט רעדן צו איר טאַקע וועגן אָט־דעם שטעטל, דער מאַמען זיינער, דעם טאַטן, דעם רבין און וועגן דער שטוב פון פעטער חיימען, דער מומע אסתר מלכהן און זיין קאַזינע, דער געראָטענער גיטעלען. בעלאַס טונקעלע אויגן האָבן דעמאָלט אַזוי מיטפילנדיק געקוקט אויף אים.

— מען וועט דאַרפן מאַכן אַ רייזע, — האָט בעלאַ שטענדיק צו אים געזאָגט אין איר פאַרטראַכטקייט.

די ערשטע צייט איז בעלאַס פּלאַן געווען אומבאַדינגט אַריבערצוברענגען די מאַמען קיין ניו־יאָרק.

— מיר וועלן זי האַלטן בכבוד, — פלעגט זי זאָגן צו אים, און דערביי שטענדיק צולייגן:

— עס וועט גאָרנישט זיין אַזוי שווער צו האָבן צווייערליי געשירן.

משה האָט זיך דערמאָנט, ווי שטאַרק ער פלעגט זיך פרייען, ווען ער האָט געהערט זיין בעלאַן אַזוי רעדן, און ווי שטאָלץ ער איז דאָס געווען מיט איר פאַרשטענדעניש.

— בעלאָטשקאַ, מיין טייערסטע, — פלעגט ער אין אַזאַ מאָמענט מורמלען צו איר און זי אַ נעם טאָן אין די אָרעמס.

אַריבערנעמען די מאַמען האָט מען נישט באַוויזן. די בריוו, וואָס זיינען אָנגעקומען פון איר דורך דעם פעטער חיימס כתב האָבן דערציילט, אַז זי האָט נישט קיין חשק איבערצולאָזן דעם טאַטן אַליין אויפן בית־עולם און אַוועקפאָרן אין אַ וויטן לאַנד. שפּעטער, ווען זי האָט שוין ענדלעך מסכים געווען יאָ צו פאָרן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אירע אויגן, וואָס זיינען געווען קראַנק, זיינען אַ שטער.

— מען וועט מוזן מאַכן אַ רייזע, — פלעגט בעלאַ צו אים זאָגן.

— יאָ, מען וועט, — האָט ער מסכים געווען.

אָבער אַ יאָר נאָך אַ יאָר איז פאַרגאַנגען און אָט זיצט ער דאָ און עס איז נישטאָ מער נישט די מאַמע און נישט בעלאַ.

איצט האָט ער געזען אין דער לבנה דאָס פּנים פון זיין פאַרשטאָרבענער בעלאַ. אַזאַ שווייגנדיקס איז דאָס פּנים געווען און אַזוי פיל צער האָט זיך דערפון געטראָגן.

— בעלאָטשקאַ, דאָס קינד אונדזערס איז מיט דיין שוועסטער און זי היט דאָס אָפּ, אַזוי ווי דו וואָלסט דאָס געטאָן.

בעלאַס פּנים האָט שווייגנדיק און פאַרטראַכט געקוקט אויף אים און גאָרנישט נישט געענטפערט.

— בעלאָטשקאַ, דיין שוועסטער האָט מיך געראָטן מיטברענגען אַ חברטע פון דאָרטן. האַ? וואָס זאָגסטו נישט צו דיין שוועסטער?

אָבער אויך איצט האָט בעלאַס פּנים, קוקנדיק אויף אים פון דער לבנה אַרונטער, געשוויגן און גאָרנישט נישט געזאָגט.

פּלוצלינג איז אים באַפאַלן אַ שטאַרקער אומרו. דער אומרו האָט אים אַ טראַג געטאָן אַרונטער פונעם פאַרענטש, אָבער פאַרלאָזט דאָס בריקל האָט ער נישט. דער אומרו, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אים, האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם „זיפּ־זיפּ", וואָס האָט זיך געטראָגן פון דער דאַמף־מיל, מיט דעם פאַלנדיקן וואַסער אונטערן בריקל, מיט דעם גערויש פון די ביימער, און ער איז געשטאַנען אינעם נעץ פון זיין אומרו און זיך געוויגט, ווי דער בוים ביים זייט פונעם בריקל.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין חבר זעליג וויינבערג און דערפילט אַ טיפע קנאה צו אים.

— אָט איז אַ גליקלעכער מענטש, — האָט ער אַ מורמל געטאָן וועגן

זעליג וויינבערגן און ציענדיק דעם רויך פונעם פּאַפּיראָס געטראַכט וועגן אים:

— אַז אים באַפאַלט אַן אומרו, שפּאַנט ער אים איין און שוועבט איבער אים צו די הימלען, און איך?

ער האָט געטראַכט וועגן די שווערע יאָרן זיינע אין ניו־יאָרק, וועגן די יאָרן אין שעפּער, אין פאַבריקן, די אָונטן אין דער ענגלישער שול מיט דעם געדאַנק צו דערגרייכן אַן אינטעליגענטע פּראָפעסיע, וועגן זיינע פּרואוון צו ווערן אַ שרייבער, וואָס האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט, וועגן זיין טעטיקייט אין דער פּראָגרעסיווער יידישער באַוועגונג, וועגן דעם צופאַל, וואָס האָט אים געבראַכט צו ווערן אַ קאָרעקטאָר אין אַ יידי־שער צייטונג, וועגן זיין באַגעגעניש מיט בעלאַן, דאָס צוזאַמענלעבן מיט איר, וועגן דעם געבורט פון זיין טאָכטערל, די טייערע ריטעלע.

— וואָלט כאָטש בעלאַ געלעבט! — האָט ער שטיל אַ מורמל געטאָן צו זיך.

איצט האָט ער דערפילט אַ טיפן רחמנות אויף זיך אַליין און עס איז געוועזן אָט דאָס רחמנות געפיל אויף זיך אַליין, וואָס האָט אים פריער גע־בראַכט צו טרערן און באַלד צו בזיון הלמאי ער שטייט דאָ אַליין אין דער נאַכט און באַשעפטיקט זיך מיט אַזאַ נאַרישקייט, ווי רחמנות האָבן אויף זיך אַליין.

— וואָס־זשע, עס זיינען דען אויף דער ערד נישטאָ קיין אומגליק־לעכערע פון מיר? — האָט ער זיך אויסגערעדט.

ער האָט בייז אַ וואָרף געטאָן דאָס נאָך נישט דערררויכערטע פּאַפּי־ראָסל אין טייך אַריין און זיך געלאָזט גיין אין דער נאַכט אַריין.

ער האָט געטראַכט וועגן די ליטעראַרישע פּרואוון, וואָס ער האָט געמאַכט און זיך דערמאָנט אָן דעם פּנים פון זעליג וויינבערגן, ווען ער האָט זיי פאַר אים פאָרגעלייענט.

— אַזוי רחמנותדיק האָט זיין פּנים אויסגעקוקט! — האָט משה גע־מורמלט צו זיך.

— וואָס אַזוינס טרייבט דיך צום שרייבן? — האָט זעליג שטיל ביי אים געפרעגט.

— דאָס זעלבע, וואָס דיך, — האָט ער געזאָגט צו זעליגן און דעמאָלט איז זעליגס פּנים נאָך מער רחמנותדיק געוואָרן.

— עס טויג נישט, זעליג?

— עס טויג נישט, משה, — האָט ער שטיל געזאָגט און ציענדיק זיין ציגאַרעטל צווישן די ליפּן, האָט ער לאַנג גערעדט וועגן דעם, וואָס אַזוינס עס מיינט באַשאַפן אַ ווערק:

— שאַפן מיינט נישט באַשרייבן, פונקט אַזוי ווי פאָטאָגראַפיע איז נישט קיין קונסט, — האָט ער געזאָגט און דאַן זיינען זיינע רייד שוין מער ניט געווען קיין רייד, נאָר אַ מין טראַכטעניש אין דער הויך וועגן דעם וואָס אַזוינס איז קונסט.

משה האָט זיך דערמאָנט, ווי זעליגס טראַכטענישן האָבן זיך אַ הויב געטאָן איבער אים, ווי וואָלקנס אָט גרויע, דראָענדיקע מיט רעגן און אָט אַזעלכע ווייסע און באַזוימטע פון דער זון, זעליג אַליין האָט אויסגעקוקט, ווי אַ וואָלקן אָט אַ שווערער און אַ גרויסער און אָט אַ צעלויכטענער פון דער פּלוצלינגדיקער זון, וואָס האָט זיך דורך אים דורכגעריסן.

— שעפערישקייט מיינט נישט דערציילן, נאָר באַווייזן און באַווייזן מיינט נישט דאָס, וואָס באַווייזט זיך אַליין פאַר יעדערנס אויגן, נאָר אויפ־דעקן אין דעם דאָס פאַרבאָרגענע אַזוי, אַז עס זאָל ווערן אַן אַנטפּלעקונג.

משה האָט זיך דערמאָנט דעם איינדרוק, וואָס זעליגס רייד האָבן אויף אים דעמאָלט געמאַכט. נישט אַלץ איז געווען קלאָר פאַר אים אין דעם, וואָס ער האָט געהערט און דאָך איז פון אָט דער אומקלאָרקייט קלאָר געוואָרן פאַר אים ביז גאָר, אַז דאָס, וואָס ער האָט אָנגעשריבן געהערט צו דער זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, וואָס איז נישט מער ווי איבער־זאָגעכץ.

— אַנטפּלעקונג, אָט וואָס!

ער האָט זיך געכאַפּט, אַז אַנשטאָט גיין צום שטעטל צו איז ער גע־גאַנגען אין דער פאַרקערטער ריכטונג.

פאַר זיינע אויגן איז געלעגן אַ שלאָפנדיקס דאָס דערפל, וואָס אינעם שטעטל האָט מען דאָס גערופן „פאַרשטאָט". די כאַטקעס זיינען דאָ געווען ווייסער און נישט אַזוי צעבויגן, ווי אינעם שטעטל. אפילו די פאַר יידישע הייזער זיינען דאָ געווען אין אַ בעסערן מצב, ווי אין שטעטל. דער שפּיץ פונעם האַלצערנעם קלויסטער האָט זיך געגאַדלט צום הימל. פון ערגעץ האָט זיך געהערט אַ וואָיען פון אַ הונט.

משה איז אַ ווייל געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין אַ דעמבענעם בוים און געקוקט אויפן שלאָפנדיקן „פאַרשטאָט". ער האָט זיך דערמאָנט אין אייזיק דעם „סטאַראָסטאַ", וועמענס שטוב מיט דעם גאַניקל עס שטייט נאָך אויפן זעלבן אָרט, אָבער אַנשטאָט אייזיקן מיט דער ברייטער באָרד, וואָס האָט געקאָנט מיט זיין רוסיש צוטרעטן צום קייסער, וואוינט איצט דאָרט אַוודאי אַ פויער, וואָרים, אַז סיי אייזיק און סיי די אייזיקעכע זיינען שוין נישטאָ האָט ער געהערט פון זיין זון פאַליקן, וואָס איז אַ חזן אין ניו־יאָרק.

— נישטאָ! נישטאָ! — האָט ער זיך פיינלעך צעמורמלט און אַ טרויעריקער האָט ער זיך אומגעקערט אויף צוריק.

איצט האָט אים ווידער אַרומגעכאַפּט אַזאַ ווייטיק פּאַרוואָס פון זיינע ליטעראַרישע פּרואוון האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט.

— אַ גאַנצע יידישע וועלט ווערט אָפּגעווישט און ווער וועט זי געדענקען ?

ער האָט זיך דערמאָנט דעם ענטפער אויף זיינער אַ צוגעשיקטער דערציילונג צו משה אַלגינען פאַר דער „פרייהייט" און די ווערטער האָבן אויפגעקלונגען אין זיינע אויערן :

— עפּעס איז דאָ אין איך פון אַ רעגיסטרירער. אָבער צו וואָס פאַררעגיסטרירן דאָס נעבעכטיקע, ווען פאַר די אויגן איז דער שטורעמדיקער היינט ?

— אַ קלייניקייט דער היינט ! — האָט משה אויסגערופן צו זיך און ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס ער האָט געטראַכט דעמאָלט, ווען ער האָט געקראָגן משה אַלגינס ענטפער.

קודם האָט ער אַ סך געטראַכט וועגן דעם וואָרט „רעגיסטרירער", וואָס אַלגין האָט באַנוצט אין זיין ענטפער. מיט אָט־דעם וואָרט האָט ער פאַר אים קלאָר געמאַכט אַ היפּשע צאָל פון די נייע פאַקטן און דערציילער פון דער באַוועגונג, וואָס זיינען נישט מער, ווי פאַררעגיסטרירער. מען האָט פאַררעגיסטרירט אויף דעם אָרנטלעכן אופן טאָג־טעגלעכע געשעענישן אין פערזן און אין פּראָזע, און מען האָט געמיינט, אַז מען איז קינסטלער.

— נישט אומזיסט זיינען אַזוי פיל פון זיי שוין אַרויסגעפאַלן און זיינען איצט נישט מער, ווי עקס־שרייבער, — האָט משה ביי זיך געטראַכט.

ער האָט פלוצלינג דערפילט אַ טיפע דאַנקבאַרקייט צו אַלגינען פאַר דעם טרעפלעכן וואָרט, וואָס האָט אים קלאָרער געמאַכט דעם ענין פון שאַפן אַ סך מער, ווי זעליג ווייַנבערגס קינסטלערישער אויסגוס צו אים.

— ווען נישט אַלגין וואָלט איך איצט אויך געווען צווישן די עקס־שרייבער, און ביי מיינע יאָרן אַן עקס איז פשוט אַ טראַגעדיע.

ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער האָט דעמאָלט אויך אַ סך געטראַכט וועגן אַלגינס אַן אַנדער אויסדרוק :

— מען קאָן זיין ניצלעך דעם לעבן מיט מעשים, וואָס איז אַ סך אַ העכערע מדרגה, ווי שרייבן, — האָט אַלגין צו אים געשריבן.

— מעשים !

ער האָט שפּאַצירנדיק אויפן וועג צוריק צום שטעטל געפּרובירט מאַכן אַ שטיקל חשבון הנפש וועגן זיינע מעשים און דערפילט אַ היפּשן אומרו אין זיין געמיט :

— אַ וועלט מיט אַרבעט ! — איז אים דורכגעלאָפן אַלגינס באַרימטער

אויסדרוק און ער איז זיך אויסגעקומען קליין אין די אייגענע אויגן מיט דעם ביסל אַרבעט, וואָס ער האָט צוגעטראָגן.

צו זיין געהער האָט זיך ווידער דערטראָגן דער ריטמישער „זיפּ־זיפּ" פון דער דאַמף־מיל און ער האָט דערפילט אַן אומעט איבער זיין הילפ־לאָזיקייט אויפן געביט פון שאַפן.

— נישט בלויז פאַררעגיסטרירן, נאָר באַשאַפן און איבערשאַפן אַט דאָס וואָס עס איז דאָ געוועזן און איז מער נישטאָ.

— מען וועט דאַרפן מאָנען ביי זעליג וויינבערגן, — האָט ער ביי זיך שטרענג באַשלאָסן.

איז געקומען אַ בעל־עגלה מיט צוויי יידן

ווען ער האָט אויף צוריקוועגס ווידער דערגרייכט דאָס בריקל, איז ער פון זיך אַליין געבליבן אָנגעשפּאַרט אויפן זעלבן פּאַרענטש, ווי פריער. ער האָט פאַררויכערט און זיך פאַרטראַכט.

אין זיין פאַרטראַכטקייט האָט ער אָנגעהויבן האָבן דאָס געפיל, אַז ער איז גאָר קיינמאָל נישט געווען אַוועק פון דאַנען. פּלוצלינג זיינען די ניינצן יאָר אַמעריקע, ווי אַפּגעווישט געוואָרן הינטער אים. אפילו די בענקשאַפט נאָך זיין קינד, וואָס האָט אים איבערן גאַנצן וועג אַהער זעלטן איבערגעלאָזט איז אין יענעם מאָמענט אויפגעלייזט געוואָרן אין אים.

ער האָט זיך דערזען צוריק דאָס יינגל, וואָס לערנט אין בית־המדרש גמרא, און כאַטש ער כאַפּט פון צייט צו צייט אַריין אַ ביכל, וואָס איז טריף־פּסול, איז ער דאָך אַ פאַרצלטער מער אין דער גמרא, ווי אין דעם, וואָס די ביכלעך אַנטדעקן פאַר אים.

און נישט נאָר מיט דער גמרא, נאָר אויך מיט אַלץ און אַלעמען, וואָס איז אַרום אים.

עס האָבן אָנגעהויבן אויפצוגיין פאַר זיינע אויגן די חברים גמרא־יינגלעך, צווישן וועלכע עס איז געווען אויך זעליג ברכה הינדעס, — דאָס יינגל מיט די בלאָנדע פאַהלעך און די גרויסע, בלויע אויגן, וואָס זיינען שטענדיק געווען פאַרטראַכטע און אויף וועלכע מען פלעגט שטענדיק זאָגן, אַז זיי האַלטן נאָר אין איין קוקן, ווי פייגעלעך פליען איבערן הימל. עס זיינען אויפגעגאַנגען פאַר אים די אידעמלעך אויף קעסט, וואָס פלעגן זיצן סטאַטעטשנע ביי די שטענדערס מיט די אָפענע גמראָס, זייערע זייגערלעך, וואָס די מחותנים האָבן זיי געגעבן פאַר די חתונות און אויך די עלטערע יידן, וואָס האָבן זיך געשאָקלט פאַר די אָפענע ספרים, ברומענדיק די ווערטער מיט אַ זיס־טרויעריקן, ציקלענדיקן ניגון.

אָט זיצט דער שיינער ר׳ ישראל מאַטיעס. דאָס ברענענדיקע ליכט אויף זיין שטענדער באַשיינט זיין ווייס צאַרט פּנים, וואָס ווערט נאָך ווייסער און צאַרטער, און עס צעציטערט זיך ביי עפּעס אַ שווערן ענין צווישן דער ראָם פון זיין קויל־שוואַרצער באָרד און פּיאות. זיינע אויגן זיינען אַזוי שיינענדיק שוואַרץ, אַז זיי זיינען אַזש ליכטיק. ספּעציעל ווערן זיי ביז גאָר ליכטיק, ווען דער ענין אין דעם ספר ווערט פּלוצלינג קלאָר פאַר זיין מוח.

ר׳ משה גאַט וויגט זיין דינעם לולבדיקן האַלדז איבער אַ צעעפנטן

ספר און פון צייט צו צייט לאָזט ער דורך אַט־דעם האַלדז אַרויס אַ שטילן קלאַנג, וואָס שטעכט זיך אַריין אין דער לופט און בלייבט דאָרטן הענגען.

אין אַ ווינקל, אינגאַנצן אָפּגעזונדערט פון אַלעמען, זיצט דער אַלטער ר׳ בונעם ראַדעוויטשער, וואָס קומט פון צייט צו צייט פון דערפל זיצן אַן אָוונט אין בית־המדרש זיך אָנצוזאַפּן מיטן קול־התורה. ער זיצט ביי אַן אָפענעם עין־יעקב מיט די גרויסע ווייסע ברעמען, וואָס הענגען, ווי ווייסע פאָרהאַנגלעך איבער זיינע אויגן און קיינער קאָן נישט זאָגן צי קוקט ער פון הינטער זיי טאַקע אינעם עין־יעקב אַריין, צי ער האַלט זיינע אויגן אינגאַנצן פאַרמאַכט און באַנוגנט זיך בלויז, וואָס ער הערט דאָס קול־התורה פון די אַרומיקע.

ביי אַלע טישן און שטענדערס יונגעלייט זיך שאָקלענדיקע און צופּנדיקע די קוים אויסגעשפּראָצטע בערדלעך לאָזן הערן זייערע קולות, וואָס שלאָגן זיך אָן איינע אָן די אַנדערע און גיסן זיך צוזאַמען.

און אָט איז דער זקן ר׳ לוי סופר!

ער זיצט אַליין אָט־דער זקן. זיין קאָפּ איז ביי אים אַריינגעבויגן אין דער שמאָלער, שיטערער ווייסער באָרד און פון זיין מויל טראָגן זיך שטילע, אָפּגעריסענע קלאַנגען.

פלוצלינג צעעפנט זיך די זייטיקע טיר אויף רעכטס און דער עולם שטעלט זיך אויף די פיס. אפילו דער זקן לוי, וואָס האַלט דעם קאָפּ טיף אַרונטער, דערשפּירט די געשעעניש און שטעלט זיך אויף.

עס באַווייזט זיך דער רבי ר׳ יעקב לייבעניו אין דער באַגלייטונג פון מאָטל בערקעס און שפּאַנענדיק אין אַ קרייז פאַרביי די שטענדערס און די טישן, וויגט ער מיט דער רעכטער האַנט, מורמלענדיק מיט אַ גוט־מוטיקן געבייזער אין זיין קול:

— זיצט! זיצט!

ער מורמלט אַזוי צום עולם און צו זיך אַליין קרעכצט ער אונטער מיט פאַרדרוס:

— אַי, אַי, ביטול־תורה!

דער איינציקער, וואָס האָט זיך פאַרשפּאָרט אויפשטעלן פאַרן רבין איז געווען ר׳ משה גאָט, ווייל ער האָט שטענדיק געזאָגט זיין זוהר נאָר שטייענדיק.

— ר׳ משה גאָט, — האָט משה עטיע ביילעס זיך צעשמייכלט אין דער נאַכט אַריין שוין זיצנדיק צוריק אויפן פאַרענטש פונעם בריקל.

עס איז אויפגעגאַנגען אין זיין זכרון אַ יאָרצייט נאָך זיין פאָטער דאָ אין שטעטל.

— משהלע, וואָלסט געמעגט אַריינגיין אין בית־המדרש אַריין אָפּלער־

נען אַ פּרק משניות נאָכן טאַטן, — האָט די מאַמע אים דערמאָנט, און זיך דערביי צעזיפצט:

— פריער האָט מען דיך נישט געדאַרפט דערמאָנען דאָס צו טאָן אין טאָג פון טאַטנס יאָרצייט.

די לעצטע זיפצנדיקע באַמערקונג איז געגאַנגען אויפן חשבון פון די טריף־פּסולדיקע ביכלעך מיט וועלכע ער האָט זיך דעמאָלט פאַרנומען און אויך אויף דעם, וואָס מען פלעגט אים אין יענער צייט שוין אָביסל צו אָפט „כאַפּן“ מיט מיידלעך.

— אוי ווי איז צו מיר, — האָט די מאַמע נאָך אַ טיפערן זיפץ געטאָן און ער האָט זי צוליב געטאָן און איז אַוועק אין שטאָטישן בית־המדרש אַריין.

עס איז געווען אַ שושן־פּורימדיקער נאָכמיטאָג, ווען ייִדן זיצן אין דער היים און זיינען זיך משמח מיט המנס מפּלה, איז דערפאַר דער בית־המדרש געווען אַ ליידיקער. בלויז ר׳ משה גאַט האָט פאַרכמורעט אַרומגעשלייאָפּעט זיך אין זיינע פּליטקע שיך אַהין און צוריק. משה עטיע ביילעס האָט זיך דערמאָנט, אַז ווען ער האָט אויפגעעפנט דעם משניות און גענומען זוכן פּרקים מיט די ראשי־תיבות פון זיין טאַטנס נאָמען איז פּלוצלינג אויסגעוואַקסן פאַר אים די דינע פיגור פון ר׳ משה גאַט.

— אַי, אַי, אַי, — האָט ר׳ משה גאַט זיך צעקרעכצט אויף זיין דינעם קול.

— וואָס איז, ר׳ משה?

ר׳ משה האָט מיט זיינע דאַרע פינגער אָנגעוויזן אויף אַ צעטעלע, וואָס איז געהאָנגען אויף דער טיר צווישן אַ סך אַנדערע צעטעלעך און אויף דעם צעטעלע איז געווען אויפגעשריבן:

— הודעה רבה, בעכטן אָונט האָט מען „געכאַפּט“ משה עטיע ביילעס מיט רבקה שלמה נחומס ביי דער קרומער בוים הינטערן שטעטל.

— אָט דאָס? נאַרישקייטן!

— נאַרישקייטן? — האָט ר׳ משה גאַט, האַלטנדיק דעם שפּיץ פון זיין דינער גרוילעכער באָרד אין זיינע דינע פינגער, חידושדיק געפרעגט.

— אַוודאי נאַרישקייטן! וואָס דען, נישט קיין נאַרישקייטן?

— מיט אַ מטרינותא, נאַרישקייטן? — האָט ר׳ משה גאַט איבערגעפרעגט און זיינע טונקעלע אויגן האָבן זיך צעגליט.

— זי איז נישט געווען קיין מטרינותא, נאָר אַ פּראָסט ייִדיש מיידל.

— אַזוי, נישט קיין מטרינותא? — האָט ר׳ משה גאַט געפרעגט און שטיל אַוועקגעשלייאָפּעט אין זיינע פּליטקע שיך איבערן בית־המדרש.

משה עטיע ביילעס האָט זיך דערמאָנט, ווי אַזוי ער האָט געמיינט, אַז

ער איז שוין פאַרטיק, אָבער באַלד האָט ר׳ משה גאָט זיך צוריק אומגע־קערט און שטייענדיק מיט צעפּלאָמטע בליקן פאַר אים געפרעגט:

— אַזוי, אַ פּראָסט יידיש מיידל?

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט.

— איז וואָס־זשע טוט מען דאָס מיט אַ פּראָסט יידיש מיידל? — האָט ער געוואָלט וויסן.

— וואָס הייסט וואָס? מען רעדט!

— מען רעדט? — האָט ר׳ משה גאָט זיך שטאַרק געחידושט.

— נו, יאָ, מען רעדט.

— אַזוי! אַזוי! פּשוט, מען רעדט?

ר׳ משה גאָט האָט ווידער אָוועקגעשליאָפּעט אין זיינע פליטקע שיך איבערן שטילן ליידיקן בית־המדרש, מורמלענדיק עפּעס אין דער באָרד אַריין.

דער נאָכמיטאָג האָט גרוי אַריינגעקוקט דורך די פענצטער אין בית־המדרש אַריין, און זייענדיק ביי זיך זיכער, אַז ר׳ משה גאָט איז שוין מיט אים פאַרטיק, האָט ער אָנגעהויבן אַריינצוקוקן אין דעם משניות אַריין, אָבער אָט איז ער שוין ווידער דאָ.

— איז הייסט עס, מען רעדט?

— יאָ, עס הייסט, אַז מען רעדט.

— איז וועגן וואָס־זשע רעדט מען דאָס מיט אַ נקבה, הא?

— וואָס הייסט וועגן וואָס? מען רעדט!

משה עטיעביילעס דערמאָנט זיך, אַז דעם לעצטן ענטפער האָט ער דעמאָלט שוין אַרויסגעברומט אין אַן אויפגערייצטן טאָן. אָבער ר׳ משה גאָט איז דערפון בישט נתפּעל געוואָרן און איז פון זיין זייט שוין אויך אַרויס פון די כלים.

— מען רעדט? מען רעדט? — האָט ער זיך צעשריגן און אַ נעם טועענדיק מיט אַ ציטערדיקער האַנט די באָרד, האָט ער כמעט, ווי אויס־געשריגן:

— אָט בין איך אַ נקבה, למשל, איז רעד! נו, רעד! לאָמיך טאַקע הערן, ווי אַזוי מען רעדט!

משה עטיע ביילעס איז שוין איצט געווען אינגאַנצן אין דער נעץ פון זכרונות, און ער האָט שוין איצט אפילו נישט געטראַכט פון פאַרלאָזן דעם פאַרענטש ביים בריקל.

די לבנה האָט זיך געריסן פון די שטיקער וואָלקנס, ווי אַ כלה אין אַ זילבערן חופה־קלייד, וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַ ברייטער שטיק

געוועבטער קרוזשעווע, און ער האָט קוקנדיק אויף איר, זיך געפּלאָנטערט אין זיינע זכרונות וועגן די יידן אינעם בית־המדרש.

פּאַר זיינע אויגן איז נאָכאַמאָל אויפגעגאַנגען די דינע פיגור פון ר׳ לוי סופר, וואָס איז איצט שוין נישט געזעסן אַליין אָפּגעזונדערט, נאָר איז געווען דער צענטער פון אַ קרייז מיט יידן אַרום אים.

— לחיים, ר׳ לוי, — שטרעקט אויס די האַנט קיווע בלאַז, וואָס האָט היינט יאָרצייט און האָט דערפאַר געשטעלט אַ פלעשל בראַנפן.

— לחיים, לחיים, זאָלסט דערלעבן מיינע יאָרן, — ענטפערט ר׳ לוי סופר מיט אַ שטומפּעקליאַוון מויל.

גערופן האָט מען אים סופר, כאָטש קיינער אינעם שטעטל האָט נישט געדענקט, אַז ער זאָל ווען סע נישט איז האָבן געשריבן אַ ספר־תורה.

און נישט נאָר אַ ספר־תורה, נאָר אפילו אַ מזוזה האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו שרייבן:

— די ריאה, די ריאה, — פלעגט ער זיך פאַרענטפערן הלמאי ער זאָגט זיך אָפּ פון דער מצווה.

פאַר משה עטיע ביילעס אויגן איז אויפגעשטאַנען אָט־דער ר׳ לוי סופר אַ דינער, אַן איינגעבויגענער אין אַן אָפּגעקראָכענער, גרינער, גור־מעלאַסטיקענער קאַפּאָטע, זיצנדיק אַן איינגעבויגענער ביים אויון און לערנען אויסנווייניק. די ווערטער קומען אַרויס פון זיין ציינלאָזן מויל אַביסל שטומפּעקליאַווע. בלויז ביים דאַווענען שטייט ער אויף די פיס און דעמאָלט איז ער אַזאַ גלייכער און אַזאַ הויכער, ממש ווי אַ דינע סאָסנע. ווען ער איז אין שטאַרקער התלהבות, טוט ער אַ הויב אויף זיינע דינע הענט אין דער הויך און דעמאָלט קוקט ער אויס מיטן קאָפּ צווישן די אויפגעהויבענע ווענט, ווי אַ דריי־רערנדיקע מנורה.

געלעבט האָט אָט דער ר׳ לוי סופר אינגאַנצן פונעם הויף, און וואָס, משטיינס געזאָגט, האָט ער דען באַדאַרפט? פון זיין משפחה איז שוין לאַנג, זייער לאַנג, קיין זכר נישט געווען אינעם שטעטל און די מערסטע האָבן אפילו שוין קיין אַנונג נישט געהאַט, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ בעל־משפּחהניק. בלויז עטלעכע זקנים האָבן געוואוסט צו דערציילן, אַז אַמאָל און אַמאָל האָט ער געהאַט אַ ווייב און קינדער אפילו אויך. דאָס ווייב איז שוין לאַנג אויפן עולם האמת און די קינדער זיינע?

— ווער ווייסט זיי דאַרטן, די קינדער?

— אין אַמעריקע? צי ערגעץ אַנדערש?

— אפשר אין אַמעריקע, און אפשר גאָר ערגעץ אַנדערש!

ער אַליין האָט אויף זיינע יאָרן קיינמאָל די משפּחה אויפן מויל נישט געבראַכט, אָבער, אַז ער האָט געהאַט אַמאָל אַ ווייב האָט עדות געזאָגט

דאָס ווערטל, וואָס איז אַרומגעגאַנגען וועגן אים אינעם שטעטל וועגן דעם „גוטן דאָנערשטיק״.

— געלויבט איז השם יתברך פאַרן גוטן דאָנערשטיק! — האָט מען נאָכגעזאָגט אינעם שטעטל ר׳ לוי סופרס אַ זאָג, וואָס ער האָט אַמאָל געזאָגט.

און געהייסן האָט עס, אַז ער זאָל דאָס האָבן געזאָגט, אַ זינגענדיקער און אַ טאַנצנדיקער אויפן טיש אין אַ יום־טוב פאַרן אַלטן רבין נאָך, ר׳ אברהמעלע, זכותו יגן עלינו.

עס איז דעמאָלט גראָד אויסגעפאַלן אַ יום־טוב אין אַ דאָנערשטיק, און אַזוי ווי דאָנערשטיק איז געווייגלעך געווען ביי יעדן יידישן קבצן אַ שווערער טאָג, מחמת דאָנערשטיק דאַרף מען געבן דער ווייב עטלעכע גילדן אויף שבת, איז יענער יום־טובדיקער דאָנערשטיק געווען פאַר אים זייער אַ גליקלעכער, וואָרים ווער גיט עס אום יום־טוב געלט אויף שבת?

— געלויבט איז השם יתברך?

— געלויבט איז השם יתברך פאַר דעם גוטן דאָנערשטיק! — האָט ר׳ לוי סופר געזונגען און געטאַנצט יענעם יום־טובדיקן דאָנערשטיק אויפן טיש פאַרן רבין, און ווי מען דערציילט, האָט דער רבי אַליין ממש צוגע־פליעסקעט מיט זיינע הייליקע הענט.

אויף זיין טיפער עלטער איז ער געווען אַ קעסט־קינד אינעם הויף פון ר׳ יעקב לייבעניון, דעם זון און דעם יורש פונעם אַלטן ר׳ אברהמלען. זיין שטענדיק אָרט איז געווען לעבן אויוון אינעם בית־המדרש, וואו זיין מויל האָט זיך קיינמאָל נישט צוגעמאַכט.

ווי גרויס זיין למדנות איז געווען האָט קיינער אינעם שטעטל נישט געקאָנט זאָגן, וואָרים איבער זיין עלטער און שטומפיקליאָוועטקייט אינעם מויל, האָט קיינער קיין וויכוח מיט אים איבער אַ פשטל אין דער גמרא נישט געפירט, אָבער אַז ר׳ לוי האָט באַוויליקט צו דערציילן אַ מעשה פון די אַלטע צייטן, איז שטענדיק געוואָרן ענג אַרום אים, און יעדער איינער האָט ממש אָנגעשטעלט מויל און אויערן.

— שאַט, שאַט, ר׳ לוי דערציילט!

פאַר משה עטיע ביילעס אויגן איז אויפגעשטאַנען איינע אַ ווינטער נאַכט אינעם בית־המדרש. ר׳ לוי האָט דעמאָלט באַוויליקט צו דערציילן, ווי אַזוי עס איז געקומען דערצו, אַז דאָס מקום טריסק זאָל נתעלה ווערן.

די ליכט איבער די מערסטע טישן און שטענדערס האָבן שוין גע־צאַנקט, אָבער איבערן טיש לעבן אויוון האָט געפלעמלט אַ גראָב חלבן ליכט, — עמיצנס אַ יאָרצייט ליכט מסתמא. עס איז שוין געווען שפעט. די מערסטע למדנים זיינען שוין געווען אַהיים געגאַנגען, אָבער עס איז

נאָך געווען אַ גאַנץ היפּשע מסיבה, וואָס איז געזעסן ביים וואַרעמען אויוון, ווען ר׳ לוי האָט גענומען דערציילן.

— עס איז געווען בימי ניקאָלאַי הראשון, ימח שמו וזכרו, — האָט ער אָנגעהויבן, און וויגנדיק דעם דינעם קאָפּ מיט די אויגן אַרונטער האָט ער מסביר געווען די רשעות פון אָט־דעם ניקאָלאַי הראשון:

— עס איז געווען דער זעלבער ניקאָלאַי, אונטער וועמענס מלכות מען האָט געכאַפּט קליינע יידישע יינגלעך און זיי געמאַכט פאַר סאָלדאַטן, רחמנא ליצלן.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן אויף אַ וויילע. זיינע אַלטע אויגן האָבן זיך צעפינטלט, ווי זיי וואָלטן דערזען פאַר זיך די פאַרוואָגלטע און פאַרפּייניקטע יידישע יינגלעך פון יענער צייט.

פלוצלינג האָט ער זיך אַ וויג געטאָן און זיך צעלאַכט מיט אַ שטיל און דריבנעם געלעכטער:

— איז וואָס־זשע בין איך פאַרקראָכן אין עצבות אַריין, האַ?

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף די אַרומיקע מיט זיינע פינטלדיקע אויגן און זיך צעמורמלט:

— ניין, ניין, נישט וועגן דעם, נאָר גאָר וועגן עפּעס אַנדערש.

ער האָט אַ פיר געטאָן איבערן פּנים און דער באָרד מיט זיין דינער, ציטערדיקער האַנט און געזאָגט:

— איז יאָ, וועגן דעם, ווי אַזוי אָט־דאָס מקום טריסק איז נתעלה געוואָרן וועל איך אייך דערציילן.

אַ וויילע איז ער אַנטשוויגן געוואָרן קוקנדיק אויף די אַרומיקע מיט בליקן, וואָס האָבן געבעטן מחילה, און ער האָט אָנגעהויבן:

— אָבער געווען איז דאָך דאָס טאַקע בימי אָט־דעם רשע, ימח שמו וזכרו, און געווען איז דאָס אין אַן אָנהויב ווינטערדיקן פאַרנאַכט, ווען די זון האָט זיך שוין געהאַלטן אין זעצן. פלוצלינג איז פון דער העלער הויט געקומען אַ בעל־עגלהשע פור מיט צווייאַ פאַרשווינען אין דער מיט פונעם שטעטל. עס רעדט זיך אַזוי „פון דער הוילער הויט". אין דער אמתן זיינען אַזעלכע בעל־עגלהשע פורן געקומען אָפט אַהער מיט פאַרשוינען.

ער האָט זיך אַ רגע פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטרענגט צו דערמאָנען אַקוראַט, ווי אַזוי דאָס איז געשען. זיינע אויגן האָבן זיך צעפינטלט, קוקנדיק אַרונטער אין דער באָרד אַיין:

— איך האָב פריער געזאָגט „אָנהויב ווינטער". אַז מען וויל איז דאָס גאָר געווען אין „אָסיען". אין אָסיען־צייט איז, ווי איר ווייסט אַלע, דאָ אַ שווערע בלאָטע. איז, נו, דער וואָגן מיטן בעל־עגלה און די פאַר־

שוינען איז טיף פאַרשטעקט געוואָרן אין דער בלאָטע און די סוסים האָבן גאַרנישט געקאָנט טאָן.

— כע, כע, כע, — האָט ער זיך שטיל און דריבנע צעלאַכט צו זיך אַליין:

— איך זאָג „פאַרשטעקט‟, נו, יאָ, אַוודאי פאַרשטעקט. אָבער נישט אויף לאַנג, חלילה. וואָרים די היגע יידן פון יענער צייט, פּראָסטע און שטאַרקע יידן, ממש גבורים, האָבן זייער שטאַרק געהאַלטן פון דער מצווה „עזוב תעזוב‟ און מען איז געקומען און מען האָט אַרויסגעשלעפּט.

— כע, כע, פּראָסטע יידן געווען די היגע, לרוב „קאַניוכעס‟, שטענ־דיק נאָר מיט פערד און בהמות צו טאָן געהאַט, אָבער ערלעכע יידן גע־ווען, געזונטע, ממש גבורים. מיין פאָטער, עליו השלום, פלעגט דערציילן פון איינעם אַזאַ יידן, משה קאַטשע האָט מען אים גערופן. הם... יאָ, קאַטשע... איז דאָס געווען שוין איינמאָל אַ גבור!

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף די אַרומיקע און שטיל ביי זיי געפרעגט:

— איר האָט קיינמאָל נישט געהערט פון אָט־דעם גיבור משה קאַטשע, האַ? וואָס־זשע, טאַקע נישט געהערט? דערמאָנט מיך וועל איך אייך דערציילן וועגן אים.

און שמייכלענדיק אין דער באָרד אַריין האָט ר׳ לוי סופר אין אַ ווײַלע אַרום געפרעגט:

— איז וואו־זשע האַלט איך, האַ?

— ביים בעל־עגלה מיט די צווי יידן, וואָס זיינען „פאַרגרעזניעט‟ געוואָרן אין דער בלאָטע, — האָט מען אים דערמאָנט.

— יאָ, יאָ, ביי די פאַרגרעזניעטע יידן, — האָט ער זיך אָנגעכאַפּט און גענומען דערציילן ווייטער:

— פאַרשטייט זיך, אַז עס זיינען גלייך געקומען יידן מקיים צו זיין די מצווה פון „עזוב תעזוב‟ און מען האָט זיך אַ נעם געטאָן צום וואָגן, טרייבנדיק דערביי די צווי פאַרמאַטערטע סוסים פון פאָרנט:

— וויאָ! וויאָ!

דער זקן האָט אַרויסגעשריגן דעם „וויאָ‟ מיט אַן אָנגעשטרענגט קוויטשעלע פון מויל און ווייטער דערציילט:

— און אַזוי ווי זיי הייבן דעם וואָגן און טרייבן די פערד, טוט זיך פלוצלינג אַ כאַפּ יהושע שואלס...

— איר האָט קיינמאָל נישט געהערט די מעשה פון יהושע שואלס מיט דעם לייכטער, וואָס ער האָט אום שבת געכאַפּט צו דעם בעל־קורא? אַזוי, אַזוי, טאַקע נישט געהערט?

זײַנע אויגן האָבן זיך צעפֿינטלט מיט גרויס חידוש אויף די צוהערער
הלמאַי זיי האָבן נישט געהערט.
— דערמאָנט מיך, וועל איך אײַך דערציילן אַן אַנדערש מאָל וועגן
יהושע שואלס מיטן לייכטער אום שבת אין בית־המדרש. און איצט?
יאָ, יאָ, טוט זיך אַ כאַפּ אָט דער יהושע שואלס:
— יידן, עס איז זמן מנחה!
און עס איז שוין טאַקע געווען צייט מנחה צו דאַוונען, ווארים די
זון האָט זיך שוין געראַנגלט איבער די אויבס־סעדער אויף יענער זײַט
פֿונעם טײַך.
— אורחים, אין בית־המדרש אַרײַן, — האָבן די תושבים אויסגערופֿן.
— ניין, ניין, נישט אין בית־המדרש אַרײַן, — האָט זיך אָפּגערופֿן
דער עלטערער פֿון די, וואָס זײַנען געזעסן אין וואָגן.
— האַ? וואָס? נישט אין בית־המדרש אַרײַן? איז וואו־זשע דען
דאַוונען יידן מנחה, האַ?
האָבן געפֿרעגט די תושבים, און זיך געחידושט מיט אַ גרויס
חידושניש.
דאָ האָט דער עלטסטער, וואָס איז אויפֿן וואָגן געווען, געטאָן אַ הויב
אויף זײַנע אויגן און מען האָט דערזען.
ר׳ לוי סופֿר איז אַ ווײַל אַנטשוויגן געוואָרן, געוויגט דעם קאָפּ אַהין
און צוריק און דערנאָך געזאָגט:
— ווי שבת־ליכט האָבן זײַנע אויגן געשײַנט, — האָבן דערנאָך די
יידן דערציילט.
— און עס איז געווען דעמאָלט, ווען דער עלטערער האָט אָנגערירט
דעם ייִנגערן לעבן אים מיט דער האַנט און געזאָגט:
— ישראל, זאָג זיי, ישראל.
— אָט אַזוי האָט דער עלטערער געזאָגט צום ייִנגערן און דער ייִנגע־
רער האָט גלײַך אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום בעל־עגלה, וואָס האָט דע־
מאָלט צורעכט געמאַכט אַ שלייע איבערן האַלדז אויף איינעם פֿון זײַנע
סוסים:
— מיכל, דעם וויפֿלטן טאָג איז עס, וואָס שרה בת לאה?
— דעם דריטן, — האָט דער בעל־עגלה אַרויסגעברומט, ווי עס
ברומט געוויינלעך אַ בעל־עגלה, וואָס האָט צו טאָן מיט פֿערד.
— שרה בת לאה? — האָבן די יידן אַרום וואָגן געפֿרעגט און זיך
איבערגעקוקט מיט גרויס חידושניש.
פּלוצלינג האָט יהושע שואלס זיך אַ כאַפּ געטאָן בײַם קאָפּ און אויס־
געשריגן:

— שרה בת לאה? שרה בת לאה? — דאָס איז דאָך מיין שנור, וואָס גייט שוין דעם דריטן טאָג צו קינד?

— מיכל, דו וועסט אונדז צופירן צו ר׳ יהושע שואלס אין שטוב אַריין, און מיר וועלן דאָרטן דאַווענען מנחה, — האָט דער עלטערער געזאָגט צו זיין בעל־עגלה.

מיכל איז גלייך אַרויף אויף דער קעלניע. די סוסים האָבן זיך אַ ריר געטאָן און דער וואָגן האָט אַ גיי געטאָן אַ גאַנג, גלייך ער וואָלט געוווען אויף אַ טיש און גאַרנישט געווען פאַרזונקען אין דער בלאָטע.

משה עטיע ביילעס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן דעם פּאַרענטש פונעם בריקל, אָבער געווען איז ער אינגאַנצן אין בית־המדרש לעבן ר׳ לוי סופר.

פון יענער זייט טייך האָט זיך נישט אויפגעהערט צו דערטראָגן דאָס ריטמישע סאָפּען פונעם מאָטאָר אין דעם יאָסנע וועלמאָזשנע קאָשינסקיס דאַמף־מיל און דערציילט, אַז דאָס אַלץ וואָס איז געווען איז מער נישטאָ, נישטאָ. דאָס וואַסער־געריזל אונטערן בריקל דורך די צעעפנטע „זאָס־טאַווקעס״ אויך דאָס אייגענע, אָבער משה האָט זיך נישט צוגעהערט איצט צו זייער דערציילן, וואָרים געווען איז ער דעמאָלט מיט זיין גאַנצן וועזן אינעם בית־המדרש לעבן אויוון און געהערט האָט ער, ווי ר׳ לוי סופר האָט דערציילט.

און נישט נאָר געהערט האָט ער, נאָר ממש געזען, ווי ר׳ לוי סופרס דינע, ציטערדיקע פינגער גלעטן און צאַפּלען זיך איבער די שיטערע האָר פון זיין באָרד, און ער האָט געקאָנט שווערן, אַז זיינע אויערן הערן ר׳ לוי סופרס קול, וואָס האָט ווייטער דערציילט:

— הכלל, מען האָט געדאַוונט מנחה ביי יהושע שואלס דעם פערד־סוחר אין דער פאָדערשטער שטוב. פאַרשטייט זיך שוין אַליין, אַז דער בעל־תפילה איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי נאָר טאַקע דער עלטערער ייד פונעם וואָגן, און אַ מנחה איז דאָס געווען, ווי אום יום־כיפור און נישט, ווי גלאַט אַ וואָכעדיקע מנחה. דאָס קרעכצעניש פונעם דערבייאיקן אַלקערל האָט זיך אויסגעמישט מיט די מנחה־תפילות און דער עולם איז אַריין אין טיפער דבקות.

דאָס קרעכצעניש פונעם דערבייאיקן אַלקערל איז, פאַרשטייט זיך, געווען פונעם יונגן ווייבל, נעבעך, וואָס האָט זיך געדרייט אויף איר בעט שוין דעם דריטן טאָג אין שווערע יסורים. פאַר די דריי טעג האָט מען שוין איבערגעטאָן אַלצדינג, וואָס מען פלעגט געוויינלעך טאָן, אַז אַזוינס האָט זיך געטראָפן. די „באָבע״ האָט געלייגט הייסע און קאַלטע קאָמפּרעסן, מיין פאָטער, עליו השלום, וואָס איז געווען דער שטעטלדיקער

אָפּשפּרעכער, האָט שוין עטלעכע מאָל געהאַט אָפּגעשפּראָכן עין־הרעס; סטעפּאַן דער זנאַכער, להבדיל, האָט שוין עטלעכע מאָל געהאַט אָפּגעטאָן זיינס און אפילו פּאַראַסקע, די וואַקס־גיסערין, איז שוין אויך געווען אַ פּאָר מאָל:

— כע, כע, פּאַראַסקע די וואַקס־גיסערין!

ר׳ לוי סופר האָט זיך צעלאַכט מיט אַ דריבנעם געלעכטער און געפרעגט ביי די אָרומיקע:

— נישט געהערט פון פּאַראַסקע די וואַקס־גיסערין? האַ? טאַקע נישט געהערט? אוי־וואַ! אַזוי, אַזוי, נישט געהערט? — האָט ער זיך געחידושט מיט גרויס חידושניש.

— דערמאָנט מיך, וועל איך אייך דערציילן, ווי אַזוי אַט די איז געקומען אויף אירע עלטערע יאָרן צו ר׳ אברהמלען, זכותו יגן עלינו.

— איז וואָו־זשע האַלט איך? — האָט ער געפרעגט און באַלד זיך אַליין דערמאָנט:

— ביים וואַקס־גיסן, האַ?

— נו, יאָ, ביים וואַקס־גיסן. נו, האָט עס זי, הייסט עס, וואַקס געגאָסן און געגאָסן, און עס האָט אויך נישט געהאָלפן.

— הכלל, מען האָט אָפּגעדאַוונט מנחה, און ווי נאָר מען האָט אָפּגעדאַוונט מנחה, טוט ער זיך אַ דריי אויס, אָט דער עלטערער ייִד פונעם וואָגן און טוט אַ זאָג:

— זאָל צוקומען בנימין.

בנימין, דער מאַן פונעם ווייבל, טאַקע יהושע שואלס בן־יחיד, איז צוגעקומען אַ ציטערנדיקער.

— פון וואַנען ער האָט געוואוסט, אַז דער יונגערמאַן הייסט בנימין, איז דאָך שוין נישט שייך צו פרעגן. וואָרים פון וואַנען האָט ער געוואוסט, אַז דאָס ווייבל הייסט שרה לאה? און פון וואַנען האָט ער געוואוסט, אַז זי גייט שוין דעם דריטן טאָג צו קינד?

— הכלל, האָט מען טאַקע שוין זיך אפילו נישט געוואונדערט, וואָרים מען האָט דאָך שוין געזען.

— בנימין, — זאָגט ער צום דערשראָקענעם יונגערמאַן, — נעם אַ גלאָז און לויף אַריבער צום טייך.

— צום טייך?

— צום טייך! צום טייך! — חוזרט איבער דער עלטערער ייִד און זאָגט אים דערביי אָן, וואָס ער זאָל טאָן.

— זאָלסט טובל זיין די גלאָז אינעם טייך זיבן מאָל זיבן. אָבער טאַקע פונקט זיבן מאָל זיבן, נישט מערער און נישט ווייניקער. דערנאָך זאָלסטו

אַנשעפּן אַ פולע גלאָז מיט וואַסער פונעם טייך און זי גלייך ברענגען אַהער.

אַז בנימין איז אַוועק מיטן גלאָז, האָט דער ייד אויסגעדרייט דאָס פּנים צו דער וואַנט און דער עולם האָט געזען, ווי זיינע אַקסל האָבן געציטערט. יעדעס מאָל, ווען עס האָט זיך דערהערט אַ קרעכץ פונעם דערבייאיקן אַלקער האָבן זיינע אַקסל זיך נאָך שטאַרקער צעציטערט. דער ייִנגערער, וואָס איז געקומען מיט אים אינאיינעם אויפן וואָגן איז די גאַנצע צייט געשטאַנען לעבן אים מיט צוגעמאַכטע אויגן און מיכל דער בעל־עגלה איז געשטאַנען לעבן דער טיר און געשוויגן.

— אַוודאי איז דאָך שוין נישט צו פרעגן פאַרוואָס דער עלטערער האָט אויסגעדרייט דאָס פּנים צו דער טיר באותו הרגע, ווען בנימין איז צוריקגעקומען מיטן גלאָז. שווייגנדיק איז ער בנימינען אַנטקעגן געגאַנגען, אָנגענומען זיין האַנט און זיך געלאָזט מיט איר אין אַלקער אַריין. זיי זיינען ביידע געגאַנגען פאַראויס און הינטער זיי האָט זיך געשאַרט דער עולם. ווען זיי האָבן זיך דערנעענטערט צום אַלקער, האָט דער פרעמדער געקוקט אַ וויילע אויפן ווייבל, וואָס איז נעבעך געלעגן אַ פאַר־חלשטע. באַלד אָבער האָט ער זיך צוגעבויגן צו איר און איר געהייסן אים נאָכזאָגן די ברכה „שהכל". ביים סוף פון דער ברכה, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו בנימינען:

— טראָג צו צו איר מויל די גלאָז.

בנימין האָט אָנגעהויבן צו ציטערן, ווי אַ בלאַט אויף אַ בוים.

— איך בין אַ כהן... איך טאָר נישט...

— יאָ, יאָ, מיר זיינען כהנים! — האָט דער פאָטער יהושע שואלס צוגעהאָלפן דעם זון.

— נידה! — האָבן די אַרומיקע מיט ציטערדיקע קולות זיך שטיל צעברומט.

דאָ האָט דער פרעמדער אויפגעהויבן זיינע שבת־ליכטיקע אויגן אויף בנימינען און געזאָגט באַפעלעריש:

— איך, מרדכי בן אהרן מטשערנאָביל, בין מתיר און גוזר!

די ווערטער האָבן אַלעמען געפּלעפט. עס האָט געדויערט אַ היפּשע ווײַלע ביז מען איז געקומען צו זיך, און אַז מען איז ענדלעך געקומען צו זיך, האָט זיך דערהערט אַ ברומעניש:

— דער טשערנאָבילער! דער טשערנאָבילער!

— און עס איז געווען באותו הרגע, ווען בנימין האָט מיט ציטער־דיקע הענט צוגעטראָגן דאָס אָנגעפילטע גלאָז צו די ליפּן פון זיין אישה און באותו הרגע האָט זיך דאָס גלאָז צעשפּאָלטן אין בנימינס הענט. די אויבערשטע העלפט איז געבליבן אין זיינע הענט אַ ליידיקע, בשעת די

אונטערשטע איז געבליבן הענגען איבער דער אישהס ליפּן און דאָס וואַסער איז טראָפּנסווייז גערינען צו איר אין מויל אַריין.

— היליקער צדיק! — האָבן אַלע אין גרויס ציטערניש אויסגערופן, און ער, זכותו יגן עלינו, האָט געגעבן אַ צייכן, אַז מען זאָל אַרויס מיט אים פונעם אַלקער, און גלייך טאַקע אַהין אַריינשיקן די באָבע.

און אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זיך דערהערט פון אַלקער אַ קינ־דעריש געשריי.

— מזל טוב, — האָט דער רבי געזאָגט, און אַ קוק טוענדיק צו דער טיר, וואו זיין בעל־עגלה איז געשטאַנען האָט ער מוסיף געווען:

— שפּאַן אויס די פּערד, מיכל, מיר בלייבן דאָ איבערן שלום זכר!

ר׳ לוי סופר איז געבליבן אַ ווייל שטיל. די אויגן זיינע זיינען געווען געווענדט אין זיין באָרד אַריין און דאָס סאַמעטענע היטל אויף זיין קאָפּ האָט זיך געוויגט.

— שוין איינמאָל אַ שלום־זכר געווען! — האָט ער ענדלעך אַרויסגע־רעדט און ווייטער דערציילט:

— געדאַוונט האָט מען אינעם שטאָטישן בית־המדרש און געשטאַנען איז מען אין יהושע שואלס פּעדערשטער שטוב.

משה עטיע ביילעס האָט זיך צעשמייכלט אין דער טונקעלער נאַכט אַריין. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אין יענעם מאָמענט האָט ר׳ לוי סופר אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ אין דער באָרד אַריין און איז, ווי אַנדרימלט געוואָרן, אָבער דער אַרומיקער עולם איז געזעסן און געוואַרט.

פּלוצלינג האָט ער זיך אַ וויג געטאָן און זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט אויפגעהויבן דאָס פּנים, זיך צעפּינטלט מיט די אויגן צום יאָרצייט־ליכט און זיין קול האָט זיך ווידער געלאָזט הערן.

— שבת־צו־נאַכטס האָט ר׳ מרדכילע הבדלה געמאַכט, אָבער גלייך נאָך „ויתן לך" האָט ער געזאָגט צו ישראלן, וואָס איז געווען גבאי ביי אים:

— זאָל מיכל שפּאַנען די פּערד.

— סטייטש, היליקער צדיק! — האָט זיך דאָס שטעטל געבעטן ביי אים, און דער עיקר האָט איינגעלייגט וועלטן יהושע שואלס.

— כאָטש איבערן ברית? — איז יהושע שואלס אים געפאַלן צו די פיס, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן.

— איך האָב מיינס אָפּגעטאָן, — האָט דער רבי געזאָגט, און שפּעטער אַביסל האָט אים שוין ר׳ ישראל געהאָלפן אין וואָגן אַריין, וואָס מיכל זיין בעל עגלה האָט צוגעפירט צום גאַניקל.

ווען מיכל איז שוין געזעסן אויף דער קעלניע, און אַלע יידן האָבן זיך שוין געהאַט אָפּגעזעגנט, איז אַ גרויסע, ליכטיקע לבנה אַרויס פון

איבער אַ וואָלקן און די שיין האָט זיך צעזילבערט איבערן טייך, וואָס איז געפלאָסן אַנטקעגנאיבער יהושע שואָלס שטוב.

— אַ בכבודיקער טייך ביי אייך, — האָט ר׳ מרדכילע געזאָגט און באַלד מוסיף געווען:

— בקרוב וועט ער נתעלה ווערן, אייער טייך.

ר׳ לוי סופר האָט זיך שטיל צעשמייכלט אין דער באָרד אַריין און פאַרענדיקט דערמיט:

— נו, דאָס ווייסן דאָך שוין אַלע, אַז אין אַ יאָר אַרום נאָכדעם האָט זיך דאָ באַזעצט ר׳ מרדכילעס זון, ר׳ אברהמעלע, מיט וועמען אַ וועלט האָט געקלונגען, און עס איז טאַקע געווען ביי אָט דעם טייך, וואו ער האָט דעם הויף זיך געבויט, און דאָ אין הויף האָט ער טאַקע אויך מחבר געווען זיין הייליק ספר דעם „מגן־אברהם", וואָס איז...וואָס איז...נו, איך דאַרף דאָך אייך נישט דערציילן, וואָס דער „מגן־אברהם" איז פאַר די חסידים אויף דער וועלט.

אַ קיל ווינטל האָט זיך געטראָגן פונעם טייך און געגלעט משה עטיע ביילעס פּנים. פון דער דאַמף־מיל האָט זיך נאָך אַלץ געטראָגן דאָס שווערע סאָפּען, וואָס דער מאָטאָר האָט פון זיך אַרויסגעלאָזט. פון אונטערן בריק האָט זיך נאָך אַלץ געהערט דאָס געוויש פונעם וואַסער, וואָס האָט זיך געריסן מיט אימפּעט אין דער ווייטער טוריע אַריין.

פּלוצלינג האָט ער געקראָגן אַ געפיל, אַז דער „זיפּ־זיפּ" פונעם מאָטאָר אין דער מיל איז נישט כדי די שטיינער זאָלן מאָלן די קערנער אויף מעל, נאָר אַז ער איז אַ גרויסער שטויסער, וואָס שטויסט און צעשטויסט עפּעס, וואָס איז זייער נאָענט און אייגן. אַזוי אויך האָט ער געפילט אין דעם רוישיקן וואַסער אונטער דעם בריקל. אים איז אויסגעקומען, אַז דאָס וואַסער־געלויף איז בלויז אויסן צו שווענקען און פאַרשווענקען יעדן זכר, יעדן סימן פון דעם, וואָס דאָ איז געווען.

ער האָט דערפילט אַ טיפן ווייטיק אין זיך. אַ ווייטיק, וואָס איז ביס־לעכווייז איבערגעגאַנגען אין פּחד און זיין מויל האָט זיך צעמורמלט:

— זעליג, זעליג, וואו ביסטו? קום, ראַטעווע!

ער האָט זיך געלאָזט מיט וואַקלדיקע טריט פונעם בריקל איבערן וועג צווישן די געדיכטע, באַצווייגטע און באַבלעטערטע דעמבעס צום שטעטל צו.

— זיפּ־זיפּ! זיפּ־זיפּ! — איז אים נאָכגעגאַנגען דאָס אומאויפהער־לעכע קלאַפּן פונעם מאָטאָר.

— זשי־זשי! זשי־זשי! — האָט אים אַרומגענומען דאָס געוויש פון דעם לויפנדיקן וואַסער.

אַ ווייל האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דער „זיפּ־זיפּ" איז אויסן אויך

אים צו צעשטויסן, אַז דאָס לויפנדיקע וואַסער איז אויסן אויך אים אַוועק־צושווענקען. ער האָט פאַרגיכערט זיינע טריט, ווי דורך זי זיך צו ראַטעווען, אָבער ביסלעכווייז האָט ער זיך באַרואיקט.

— ששש, — האָבן שטיל געראַשט די בלעטער אויף די צווייגן פון די דעמבעס, און די לבנה אַ קילע און אַ שווייגנדיקע האָט זיך דורכגעריסן דורך די צווייגן אין געבראָכענע, זילבערנע ליניעס פאַר זיינע טריט.

איצט האָט ער שוין געשפּאַנט פּאַמעלעך, נישט געאיילט און זיך געטרייסט מיט דעם, וואָס באַלד נאָך אים, וועט אַהער קומען צוגאַסט זיין חבר זעליג ווייבבערג.

— נישקשה, דער דיכטער וועט ראַטעווען! — האָט ער זיך שטיל געטרייסט.

ער האָט זיך פאַרגעשטעלט דעם שמועס, וואָס וועט פאַרקומען צווישן אים און זיין חבר, דעם דיכטער, ווען זיי וועלן זיך ווידער באַגעגענען אין ניו־יאָרק.

— האָסט געזען, זעליג? — וועט ער ביי אים פרעגן.

— געזען, — וועט זעליג ענטפערן.

— און געהערט אויך?

— געהערט?

— נו?

— נו, וואָס? — וועט זעליג אוודאי ביי אים אַ פרעג טאָן און דערביי קוקן מיט זיינע פאַרטראַכטע אויגן אין דער וויטקייט פאַר זיך.

אָבער דאָס מאָל וועט ער שוין זעליגן נישט אָפּלאָזן. ער וועט ביי אים מאָנען, ער זאָל אים צוריקגעבן דאָס שטעטל פון אַמאָל.

— זעליג, גיב אונדז צוריק ר׳ אברהמעלען, ר׳ יעקב לייבעניו, ר׳ לוי סופר, ר׳ משה גאָט.

ער וועט עס ביי אים מאָנען און אויך איציקל דעם קוימענקערער וועט ער ביי אים מאָנען און אַלע, אַלע, וואָס זיינען געווען וועט ער ביי אים מאָנען.

— זעליג, אויב נישט דו, איז ווער דען? — וועט ער ביי אים פרעגן.

משה עטיע ביילעס האָט פאַרגיכערט זיינע טריט און פון זיין מויל האָט זיך אים געמורמלט:

— איז געקומען אַ בעל־עגלה מיט צוויי יידן.

און די דעמבעס רוישן נאָך אַלץ

משה עטיע ביילעס האָט געשפּאַנט אונטער אַ חופּה פון באַבלע־טערטע צווייגן איבער דעם שמאָלן וועג, וואָס האָט געפירט צום שטעטל.

— און די דעמבעס רוישן נאָך אַלץ, — האָט ער געזאָגט צו זיך, נישט וויסנדיק אַליין צי אים איז גוט, אָדער גאָר שלעכט פון דעם, וואָס זיי רוישן נאָך אַלץ.

ער האָט געפילט אַ טיפע פרייד אין דער דערמאָנונג, וואָס איז מאָ־מענטנווייז איבערגעגאַנגען פאַר זיינע אויגן אין ווירקלעכקייט. אַזאַ גע־פיל האָט ער אָפּטמאָל געהאַט ביים לייענען אַ בוך, וואָס האָט אויפגעלעבט פאַר אים דאָס פאַרגאַנגענע מיט אַזאַ כוח, אַז לייענענדיק איז דאָס געוואָרן פאַר אים אַן איצטיקייט, און ער איז דורכאויס געווען אין איר.

— און די דעמבעס רוישן נאָך אַלץ, — האָט ער שוין דעם וויפלטן מאָל איבערגעחזרט און ער וואָלט געקאָנט שווערן, אַז די צעבראָכענע שטראַלן פון דער לבנה דורך די צווייגן פון די בוימער זיינען די זעלבע, וואָס אַמאָל און אַמאָל אָט דאָ אויפן וועג.

קוקנדיק אויף די צעבראָכענע לבנה־שטראַלן זיינען אויפגעגאַנגען אין זיינע אויערן די זעלבע צעבראָכענע, אָפּגעריסענע טענער פון חסידישע נגונים, וואָס פלעגן זיך אַהער דורכרייסן פון יענער זייט טייך. אַזוי קלאָר האָט ער זיי איצט געהערט, אַז ער האָט זיי געגומען שטילערהייט נאָכ־ברומען, ווי ער פלעגט דאָס טאָן אין יענע צייטן, ווען ער פלעגט אָט־אָ דאָ אַרומשפּאַצירן און וואַרטן, אַז רבקה זאָל צו אים אַרויסקומען.

— רבקה!

איצט האָט ער שוין געשפּאַנט מיט אַ קלאָרן קאָפּ. ער האָט געהערט אויף קלאָר דעם „זיפּ־זיפּ" פון דעם מאָטאָר און זיך געפרעגט:

— איז דען אין דער אמתן דער „זיפּ־זיפּ" פונעם מאָטאָר, וואָס טוט אַזוי ווי?

ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אויף די לאַנגע שפּאַצירן, וואָס ער פלעגט דאָ אַריינכאַפּן אין די שפּעטע אָוונטן מיט רבקהן, האָבן זיי דאָך נישט איין מאָל געחלומט דווקא פון אָט אַזעלכע קלאַפּנדיקע מאָטאָרן וועגן וועלכע זיי האָבן ביידע געלייענט אין די סאָציאַליסטישע ביכלעך און בראָשורן.

— מען וועט אַרבעטן אין איין פאַבריק דורך די טעג און אין די אָוונטן וועט מען גיין אויף קורסן.

און דאָס איז דאָך געווען דער חלום ביי זיי ביידן, ווען מען וועט זיין צוזאַמען אין אַמעריקע, היינט פאַרוואָס־זשע ליגט זיך אַט דער מאָ־טאָר־„זיפּ־זיפּ״ אַזוי שווער אויף זיין געמיט?

די לבנה האָט געזילבערט דעם טייך און דער טייך האָט זיך געגרינצלט און געשוויגן, ווי אַן אַלטער גערינצלטער שטערן אין טיפער פאַרטראַכט־קייט איבער עפּעס אַ זייער שווערן ענין. געשוויגן האָט אויך די אָונטיקע אויסגעשפּרייטע לאָנקע אויף יענער זייט פונעם טייך.

— פאַרוואָס אַזאַ שווייגעניש דאָ? וואו זיינען די פליטן, וואָס פלעגן זיך וויגן און פליושקען איבער אַט דעם טייך? פאַרוואָס זעען זיך נישט מער די פלאַקערנדיקע שייטערס אויף דער לאָנקע? קומען נישט מער אַרויס אַהער די יונגען מיט די פערד אויף „נאָטשלעג״?...

שטיל און שאַ איז געווען אַרום און אַרום. בלויז די דעמבעס האָבן גערוישט.

— פאַר וועמען רוישן זיי איצט? פאַר זיך אַליין? וואָס איז דאָס פאַר אַ רוישעניש פאַר זיך אַליין?

משה עטיע ביילעס האָט שטיל געשפּאַנט איבערן שמאָלן וועג און זיך געחידושט.

פון צייט צו צייט האָט עפּעס אין אים אויפגעזונגען און נישט קיין איינהייטלעך געזאַנג איז דאָס געווען, נאָר אָפּגעריסענע טענער פון אַ סך פאַרשיידנערליי געזאַנגען זיינען דאָס געווען.

אַ שטילער, פאַרחלומטער טאָן פון אַנדרעי דעם פּאַסטוכס ליימיק פייפל האָט זיך צעדוטעט אין זיינע אויערן און אין דעם זעלבן טאָן האָט זיך אַריינגעגאָסן דער האַרצרייסנדיקער טאָן פונעם ניגון אין דעם רבינס ר׳ יעקב לייבעניוס „יסור יסרני יה ולמות לא נתנני״... און באַלד האָבן זיך אַט־די ביידע טענער אויסגעמישט מיט דער פאַרשייטקייט פון איוואַנ־ציע קאַלעניקס האַרמאָשקע, איבער וועלכער ער פלעגט אַזוי גרינג און קונציק פירן זיינע פינגער בשעת זיינע ליפּן זיינען געווען צוגעקלעפּט צו די לעכלעך און באַלד זיינען אַלע דריי טענער, אויפגעלייזט געוואָרן אין עפּעס אַ פריילעכן חסידישן ריקוד.

פלוצלינג אין אויסגעוואַקסן פאַר זיינע אויגן די אויסגעבויגענע בוים צום טייך אַרונטער, אויף וועלכער ער פלעגט אַמאָליקע יאָרן אין אַזעלכע נעכט אָפּטמאָל זיצן מיט רבקהן.

צו אַט דעם בוים פלעגן זיך אין יענע יאָרן ציען די יונגע פּאָרלעך פון שטעטל.

— קום, לאָמיר פאַרכאַפּן, — פלעגט זאָגן אַ בחור צו זיין מיידל, ווען מען האָט זיך געטראָפן אַט דאָ אויפן וועג, וואָרים פאַרשטאַנען איז געווען

ביי יעדן איינעם, אַז אויב מען טרעפט שוין דאָרטן זיצן, לאָזט מען איבער און מען זוכט זיך אַן אַנדער אָרט.

וויפל מאָל איז ער דאָס געזעסן אָט דאָ מיט רבקהן און וויפל חלומות האָט מען עס דאָ אויסגעחלומט?

משה עטיע ביילעס האָט זיך צוגעזעצט אויפן אויסגעבויגענעם שטאַנג, און עס איז אים געווען ביז גאָר מאָדנע, וואָס איצט זיצט ער דאָ גאַנץ אַליין. באַלד איז ער שוין אָבער נישט געווען אינגאַנצן אַליין, וואָרים דאָס געזאַנג, וואָס איז אין אים פריער אויפגעגאַנגען דורך די אָפּגעריסענע טענער, איז איצט נאָכאַמאָל צוריק געקומען אין אים און איצט איז דאָס געווען דורך געשטאַלטן פון אַ צאָל לעבעדיקע מענטשן.

ער האָט דערזען פאַר זיך אַ לעבעדיקע די ספּריטנע סטעפּקע מיט די פולע בריסט, וואָס האָבן זיך געשפּאַרט צו אים דורך איר ציצענער קימאַנקע און די העלע, פלאַקסענע האָר אירע.

פאַרוואָס עפּעס גראָד סטעפּקע און נישט עמיצער אַנדערש? זיינען דאָך געווען אויך גענוג אַנדערע מיט וועלכע ער פלעגט זיך דאָ טרעפן! אָבער גיי פרעג דעם געוויש פון די דעמבעס, דעם גלאַנץ פונעם טייך, צי גאָר דער לבנה!

ער האָט זיך צעשמייכלט מיט אַזאַ פריידיקן שמייכל, ווי סטעפּקע וואָלט ווירקלעך געשטאַנען פאַר אים אַזוי יונג און אַזוי באַטעמט, ווי זי איז געווען. ער האָט ממש אויפגעציטערט פון איר נאָענטקייט, געפילט דעם צאַפּל פון אירע פולע בריסט דורך איר דינער, רויטלעכער קימאַנקע.

— דיינע בריסט זיינען, ווי די הייטערס ביי יונגע ספּריטנע קי, סטעפּקע.

— און דיינע הענט זיינען, ווי ברענענדיקע קוילן, פאַניטש, מיינער.

— האַ?

סטעפּקע האָט זיך צעלאַכט און איר געלעכטער איז געווען, ווי פּריסיק פאַר זיין לייב.

— סטעפּקע, דיינע ציין זיינען אַזוי ווייס אין דער לבנה־שיין, און אַזעלכע געזונטע זיינען זיי!

— אָט וועל איך דיר ווייזן, ווי שאַרף זיי זיינען, — זאָגט זי און בייסט זיך איין אין זיין לייב אַריין.

— סטעפּקע!

— כאַ! כאַ! כאַ! — לאַכט זי מיט אַ פאַרשייט געלעכטער, און ער ציטערט, אַז עמיצער זאָל, חלילה, נישט אָנקומען.

— מער וועט אים נישט פעלן!

— אויף מאָרגן וועט הענגען אויף דער טיר פונעם בית־המדרש אַ

„הודעה רבה", אַז מען האָט געכאַפּט משה עטיע ביילעס מיט סטעפּקען.

ער האָט זיך צעשמייכלט, ווען אין זיין זכרון איז אויפגעגאַנגען דאָס בילד, ווי אַזוי ער האָט פאַרלוירן רבקהן.

איינמאָל, אין אַט אַזאַ שפּעטן אָוונט, ווי איצט, איז ער דאָ געזעסן און געוואַרט אויף רבקהן.

אינעם שטעטל האָט זי מורא געהאַט זיך צו טרעפן מיט אים, וואָרים עס איז נישט שיין געווען אינעם שטעטל, אַז ידישע יינגלעך מיט מיידלעך זאָלן זיך טרעפן און פאַרברענגען אינאיינעם. מען פלעגט זיך דערפאַר אַרויסגנבענען אין די שפּעטע אָוונטן הינטערן שטעטל און די טרעפעניש זיינען געווען קאָנספּיראַטיווע.

נישט איין מאָל פלעגט זיך טרעפן, אַז אַ טאַטע, אָדער אַ מאַמע איז געקומען זוכן אַט דאָ. דעמאָלט פלעגן פאַרלעך סיגנאַליזירן די פאַרלעך און איידער וואָס־ווען האָבן שוין די מיידלעך שפּאַצירט מיט מיידלעך און יינגלעך מיט יינגלעך.

יענעם אָוונט האָט ער געוואַרט זייער לאַנג. רבקה איז נישט געקו־מען אין צייט און ער איז געזעסן אַט דאָ און געוואַרט. צום אָנהייב האָט ער געטראַכט, אַז אירע טאַטע־מאַמע האָבן זיך נאָך שלאָפן נישט גע־לייגט און אַז באַלד, באַלד וועט זי זיך דאָך באַווייזן. אָבער אַז עס איז שוין געוואָרן זייער שפּעט, האָט ער אויפגעגעבן די האָפענונגען. ער געדענקט, אַז ער האָט זיך שוין געגרייט אַוועקצוגיין אַהיים.

אָבער פּלוצלינג איז פאַר זיינע אויגן אויסגעוואַקסן סטעפּקע מיט די פלאַקסענע האָר.

זי איז געשטאַנען קעגן אים אַ באָרוועסע און אירע בריסט האָבן זיך געשפּאַרט דורך דער דינער ציצענער קימאָנקע און געציטערט.

אַ רגע איז זי געשטאַנען אַ שווייגנדיקע, אָבער באַלד האָט זי אַ דריי־געטאָן איר פּנים צו דער לאָנקע און בייז אַ צישע געטאָן דורך אירע ציין:

— כאָליערע!

— וואָס איז געשען, סטעפּקע? — איז ער נייגעריק געוואָרן און זי האָט געענטפערט:

— גאָרנישט! גאָרנישט! — האָט זי געענטפערט, און זיך נעענטער צוגערוקט צו אים.

— אָבער פאָרט? — האָט ער געוואָלט וויסן.

— וואַסילטשאַק איז אַ כאָליערע, — האָט זי נאָכאַמאָל אַ צישע געטאָן דורך די ציין און זיך נאָך נעענטער צוגערוקט צו אים.

ער האָט דערפילט איר הייס, יונג לייב און איז אַליין אויפגעגליט געוואָרן.

— סטעפּקע!

— יאָ, מאַשקע?

אין דעם מאָמענט האָט זיך באַוויזן רבקה און זי איז געבליבן שטיין אַ פּאַרגליווערטע.

סטעפּקע האָט אַ וויג געטאָן אירע היפטן און בליציק פאַרשוואונדן צוריק אויף דער לאַנקע.

— רבקה!

ער האָט זיך אָנגעהויבן דערנעענטערן צו איר, אָבער זי האָט שווייגנ־דיק זיך גערוקט הינטערווײַלעכס. ער האָט עפּעס אָנגעהויבן צו זאָגן, געמיינט צו דערקלערן, אָבער רבקה האָט בליציק געקוקט אויף אים מיט אירע שוואַרצע אויגן:

— נישט אָנרירן!

— אָבער, רבקה!

— מיר איז קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַזאַ אַזאַ, ווי דו, זאָל זיין אַ שיקסעניק!

— רבקה!

זי האָט אים אָבער מער נישט געוואָלט אויסהערן. זי האָט מיט שנעלע טריט זיך אומגעקערט צוריק מיט אָט דעם וועג אין שטעטל אַרײַן און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז זי אַ כּלה געוואָרן פאַר אַ בחור פון דעם נאָענטן שטעטל מאַציעוו.

משה איז געזעסן אויף דעם זעלבן אָרט און געטראַכט מיט בייגער:

— וואו איז סטעפּקע?

— וואו איז רבקה?

ער האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען שפּאַנען, און די דעמבעס האָבן גערוישט, נאָך אַלץ גערוישט, ווי אַמאָל, אַמאָל...

דאָס לשון פון דער „אָטשיזנאַ“

ווען ער האָט זיך דערנעענטערט צום שטעטל, האָט ער זיך דער־מאָנט אָן בתיהן, און ערשט איצט זיך געכאַפּט, אַז עס איז אפשר געווען אַ גרויסע עוולה זי צו לאָזן אַליין.

— געווען געדאַרפט זי איינלאַדן מיטצוגיין אויפן שפּאַציר, — האָט ער זיך אויסגערעדט.

ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז אייגנטלעך איז דאָך בתיה גאָר זיין גאַסט, ווארים האָט דען אסתר מלכה אים בפירוש נישט געזאָגט, אַז סימע האָט געשיקט איר טאָכטער אויף שבת קיין טריסק לכבוד אים?

— אַ שאָד, געווען געדאַרפט זי איינלאַדן מיט מיר אויפן שפּאַציר.

ער האָט פאַרגיכערט זיינע טריט, דערפילנדיק אַ שטאַרקן באַגער זי צו זען:

— אפשר זיצט זי גאָר דאָרטן נאָך אויפן גאַניקל און וואַרט ביז איך וועל זיך אומקערן?

פלוצלינג איז אים איינגעפאַלן אַ פראַגע אין זיין מוח:

— פאַרוואָס און נאָך וואָס האָט אייגנטלעך סימע זי אַהער געשיקט?

ווידער זיינען זיינע טריט פאַמעלעכדיקער געוואָרן און אין מוח האָט זיך געוויגט:

— נו, טאָקע, צוליב וואָס? דאַרף אפשר סימע עפּעס הילף? אָדער בתיה אַליין?

— יאָ, דאָס איז דאָס, — האָט ער ביי זיך באַשלאָסן און גענומען טראַכטן, וואָס ער קאָן טאָן.

אין דעם מאָמענט איז אים אַ שאָד געווען, וואָס ער איז נישט קיין עושר.

— אַ רייכער פעטער פון אַמעריקע! — האָט ער שטיל געמורמלט פאַר זיך און געשמייכלט.

— אָבער, וואַרט אַ מינוט! — האָט אים אַ שלאָג געטאָן עפּעס אין קאָפּ אַריין און ער איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפטער.

— ניין! ניין! נישט דאָס, נישט דאָס! — האָט ער גענומען פאַר־שרייען דאָס, וואָס אים איז איינגעפאַלן.

אָבער, וואָס מער ער האָט זיך באמת דאָס צו פאַרשרייען, איז דאָס אים אַלץ מער געקראָכן אין קאָפּ אַריין:

— אָבער דאָס איז דאָך נאַרישקייטן! — האָט ער בײַ זיך אויף זיך אָנ־געשריגן, אָבער באַלד ווידער:

— און אפשר? מען ווייסט, אַז ער איז אַן אַלמן... נאָך נישט קיין אַלטער אַלמן... און דערצו אַן אַמעריקאַנער...

— הער נאָר, הער! — האָט ער גערעדט צו זיך אַליין פון גרויס אי־בעררא‏שונג און ער האָט דערפילט, ווי עס באַפאַלט אים אַן אומהיימלעכ־קייט און אפילו אַ בזיון:

— ווי אַלט איז זי דען אינגאַנצן, אָט די בתיה?

ער האָט גאַרנישט געפילט, ווי שפּאַנענדיק פּאַמעלעך, האָט ער גע־נומען חשבונען בתיה'ס עלטער:

— ווען סימע האָט חתונה געהאַט בין איך געווען אַ יאָר זעכצן? פופצן אַוודאי...

ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו דערמאָנען, ווי אַלט בתיה איז געווען, ווען ער איז קיין אַמעריקע אָפּגעפאָרן:

— אַ קינד געווען... אַוודאי נישט מער, ווי אַ קינד!

— איז וויפל זשע, האַ?

ער האָט געחשבונט און געחשבונט און באַשלאָסן, אַז זי מוז זײַן אַ יאָר צוויי־און־צוואַנציק.

— שוין טאַקע צוויי־און־צוואַנציק?

ער האָט זיך געכאַפּט, אַז עס טוט אים ביז גאָר הנאה, וואָס זי איז שוין צוויי־און־צוואַנציק.

— אַזוי, שוין טאַקע צוויי־און־צוואַנציק?

פּלוצלינג איז ער ווידער בייז געוואָרן אויף זיך אַליין:

— נו, און אַז צוויי־און־צוואַנציק, איז וואָס? אַ שיינע מעשה, כ'לעבן! ער איז שוין קרוב צו פערציק און זי קוים צוויי־און־צוואַנציק!

ער האָט זיך גענומען פאַרשטעלן דעם איינדרוק צווישן זיינע פריינט אין ניו־יאָרק:

— וואָס זאָגט איר נישט צו מאָריסן, האַ? געפאָרן קיין פוילן און מיטגעבראַכט אַ יונג ווייבל פאַר זיך.

ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביים בריקל צווישן דעם שאָסיי און דעם מאַרק זיינען פּלוצלינג אויסגעוואַקסן צוויי פאַליציאַנטן פאַר אים און איינער האָט עפּעס געפרעגט ביי אים אויף פויליש.

משה איז אַזוי איבערראַשט געוואָרן פון דער פּלוצלינגדיקער באַגע־געניש, אַז ער איז געבליבן שטיין און נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט פון מויל.

נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די לבנה האָט געשיינט, האָט דאָך

איינער פון די פּאַליציאַנטן אַ צינד געטאָן אַן עלעקטריש לעמפּל אים אין פּנים אַריין:

— „טען פאַן יעסט אַמעריקאַנעץ!" — האָט ער געזאָגט צום צווייטן פּאַליציאַנט און שמועסנדיק עפּעס נאָך צווישן זיך, האָבן זיי אים איבערגעלאָזט און זיינען אַוועק מיטן שאָסיי צום וועג פון וואַנען ער האָט זיך נאָר וואָס געהאַט אומגעקערט.

די לבנה האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו באַהאַלטן איבער אַ וואָלקן. דאָס לעמפּל איבערן דינעם דרענגל אויפן מאַרק איז אַפּנים מיד געוואָרן צו ווינקען און האָט אײַנגעגאַנצן צוגעמאַכט אַן אויג. דער פּראַוואָסלאַוונער קלויסטער האָט לעבן דעם קאַטוילישן, וואָס איז געווען העכער און ברייטער, אויסגעקוקט, ווי אַ דרימלענדיקע קאַטשקע ביי דער זייט פון אַ שלאָפנדיקן גאַנער.

שטיל און טויט איז געווען אַרום דעם מאַרק און משהן איז קלאָר געוואָרן, אַז אָט די טויטע שטילקייט איז אַ מין פּאַרטיידיקונג פאַר די זוכנדיקע פּאַליציאַנטן, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום דורך דער נאַכט. עס איז געווען אַ שטילקייט, וואָס איז שטיל, ווייל דאָס מויל איז פאַרשטאָפּט און די געבונדענע הענט קאָנען נישט באַווייזן דאָס מויל אויפצושטאָפּן.

איצט האָט ער געטראַכט פון דעם באַזוך, וואָס ער האָט געמאַכט צוזאַמען מיט חיים אייזנקרעמערן אין דעם מאַגיסטראַט זיך איינצומעלדן.

דעם פּוילישן באַאַמטן מיט די געדיכטע, בלאָנדע וואָנצעס איז געגאַנגען אין לעבן הלמאי ער ענטפערט ניט אויף זיינע פראַגן אין פּויליש.

— ער קאָן נישט קיין פּויליש, — האָט חיים אייזנקרעמער אים פאַרענטפערט פאַר דעם פּוילישן באַאַמטן, אָבער דער פּוילישער באַאַמטער האָט אויפגעפלאַקערט פון צאָרן:

— מען פאַרט אַוועק קיין אַמעריקע און מען פאַרגעסט דאָס לשון פון דער „אַטשיזנאַ"!

— אַטשיזנאַ? — האָט משה איבערגעפרעגט און קוקנדיק אויפן באַאַמטן, האָט ער זיך אים געקליבן צו זאָגן, אַז ער האָט נישט באַטראַכט דאָס איצטיקע פּוילן פאַר זיין אַטשיזנאַ און בכלל, האַלט ער, אַז דאָ איז נישט פּוילן, אָבער אויפכאַפּנדיק חיימס בליק, האָט ער בלויז איבערגעחזרט מיט אַ מינע, ווי ער פאַרשטייט נישט וואָס דער באַאַמטער מיינט מיטן וואָרט „אַטשיזנאַ".

האָט דער פּאָליאַק דערפילט, וואָס ביי אים איז געווען אויפן צונג? אַפּנים, אַז יאָ, ווארים ער האָט זיך בייז צעשריגן:

— אַטשיזנאַ! אַטשיזנאַ! אַוודאי אַטשיזנאַ! — האָט ער געשריגן, ווי עמיצער וואָלט אויפגעהויבן אַ מעסער איבער אים, און אַ דריי טוענ־

דיק איינע פון זיינע וואָנצעס, האָט ער זיך צעדרשנט אויפן קול:

— דאָס איז פוילישע ערד, און פויליש איז דאָס לשון פון דער אַטשיזנאַ!

משהן האָט שטאַרק פאַרדראָסן, הלמאי ער האָט נישט געקאָנט זאָגן, וואָס ער האָט געטראַכט און געפילט וועגן דער „אַטשיזנאַ" און וועגן אַזעלכע באַאַמטע:

— אָבער גיי, הויב זיך אָן, אַז ביים זייט איז געשטאַנען חיים אייזנ־קרעמער אַ בלייכער און אַ ציטערדיקער, ווי אַ בלאַט פון ווינט.

— די יידישע תושבים דאָ, אַזאַ רחמנות אויף זיי!

ווען משה האָט דערגרייכט דאָס גאַניקל פון שטוב איז ער געבליבן שטיין אַ וויל אָן אַנטוישטער, וואָס בתיה איז דאָרטן נישט געזעסן.

ער איז געשטאַנען און געקוקט. די שטוב איז געווען טונקל.

— זי שלאָפט שוין, בתיה.

ער האָט געפילט אַ שטאַרקן פאַרדרוס הלמאי זי שלאָפט שוין. אים האָט זיך געוואָלט דאָ זיצן איצט מיט איר. ער וואָלט איצט מיט איר גערעדט.

פלוצלינג האָט ער זיך געכאַפּט, אַז בתיה איז עפּעס צו שוויגנדיק. אַזוי ווייניק האָט זי צו אים גערעדט פאַר די פּאָר טעג, וואָס זיי זיינען דאָ אין שטוב.

— פאַרוואָס איז זי אַזאַ שווייגנדיקע? — האָט ער זיך געוואונדערט.

— עס איז דאָס לשון פון דער אַטשיזנאַ! — האָט זיך אים אויסגע־דאַכט, אַז ער הערט איר קול, וואָס האָט געקלונגען אַזוי מוטלאָז און טרויעריק.

ער איז שטיל אַריין אין שטוב. אַ קליין נאַפט־לעמפּל מיטן קנויט אַרונטערגעדרייט איז געשטאַנען אין קיך אויפן פּריפּעטשאָק און באַלויכטן פאַר אים דעם וועג צו זיין אַלקער, וואו דאָס אויסגעבעט בעט האָט גע־וואַרט, אַז ער זאָל זיך לייגן אין דעם.

פּאָלאָניזאַציע

אַמאָל, אונטער דעם רוסישן, צאַרישן רעזשים האָט דאָס ווייסע הויז מיט די גרינע לאָדנס, וואָס שטייט איינגעטונקען אין דעם ווינשל־סעדל, געהייסן דער „וואָלאָסט". אַ טייל פון אָט־דעם הויז האָט באַוואוינט דער „וואָלאָסטנאָי־פּיסאַר", וואָס איז געווען אַן עלטערער רוסישער בחור מיט אַ פּאָר דיקע, געלבלעכע וואָנצעס איבער זיין מויל, און אַ היטל מיט אַ קאָקאַרדע אויף זיין קאָפּ. דער אַנדערער טייל פונעם הויז איז געווען די קאַנצעלאַריע פאַרן שטעטל און די אומצייליקע דערפלעך פון דער סביבה.

דער „וואָלאָסטנאָי־פּיסאַר" האָט זיך אויסגעשיידט פון אַלעמען אײנעם שטעטל ניט נאָר מיט די וואָנצעס און דעם באַקאָקאַרדעטן היטל, נאָר אויך מיט זיין שטענדיק שווייגן.

וועגן זיין שטענדיקער שווייגנדיקייט זיינען אפילו ביי די יידן פון שטעטל אַרומגעגאַנגען אַלערליי גלייכווערטלעך און פאַרשיידענע אויסטערלישע מעשיות.

— ווי קאָן ער דען עפּענען דאָס מויל, אַז די געדיכטע וואָנצעס פאַרדעקן דאָס אײנגאַנצן? — פלעגט מען זיך וועגן אים וויצלען אין שטעטל.

— אַ וואונדער נאָר, ווי אַזוי ער גיט זיך אַן עצה ביים עסן.

— אַ סברה, אַז דער „סטאַראָסטאַ" הויבט דעמאָלט אויף זיינע וואָנצעס און רוקט אים דעם לעפל אין מויל אַריין.

פונדעסטוועגן קאָן מען ניט זאָגן, אַז מען האָט פאַר אים ניט קיין מורא געהאַט. די מורא איז, פאַרשטייט זיך, געווען פאַר דער גרויסער קאָקאַרדע אויף זיין היטל, וואָרום לגבי זיין קאָקאַרדע איז אפילו דעם אוראַדניקס געווען נישט מער ווי אַ קאָקאַרדעלע.

עס איז אָבער געווען נאָך עפּעס אין אים, וואָס האָט אויסער מורא אַרויסגערופן אַ געוויסע מאָס נייגעריקייט צו אים, און די נייגעריקייט האָט זיך געמישט מיט דרך־ארץ.

די נייגעריקייט צו אים האָט זיך גענומען איבער אַ סברה, וואָס קיינער האָט ניט געקאָנט זאָגן פון וואַנען זי איז גענומען געוואָרן, אָבער וועלכע איז שטענדיק איבערגעזאָגט געוואָרן פון איינעם צו אַנדערן, אַז ער, דער „וואָלאָסטנאָי פּיסאַר", איז דיר נישט גלאַט אַזוי עפּעס אַן אַביוער, נאָר אַז ער שטאַמט עט־עט פון די גאָר הויכע פענצטער, וואָס גרייכן אַזש דעם צאַרסקי־פּאַלאַץ אין פּיטערסבאָרג.

— אַ סברה אַ גאָר נאָענטער קרוב פון דער קייסעריניע אַליין.

— און דאָס שווייגעניש, וואָס ער שווייגט איז אַ סברה, אַז דאָס איז אַ מין נדר ביי אים ניט צו עפענען דאָס מויל מיט אַן איבעריק וואָרט.

— עס הייסט, נישט אַזוי אַ נדר, וואָס ער אַליין האָט זיך אַ נדר געטאָן, נאָר ווי אַ מין צוזאָג דעם קייסער און דער קייסערינע, אַז ער וועט ווערן אַ שווייגער.

און דאָ איז אַוועקגעגאַנגען אַ מעשה, ווי אַזוי ער, אַן אייגן געשוועס־טערקינד פון דער קייסערינע, האָט געקאָנט ווערן אַ מיניסטער, אַ גענע־ראַל־גובערנאַטאָר, אָדער אפילו אַ גראַדאָנאַטשאַלניק, נאָר וואָס־זשע דען? ער האָט געהאַט אַ גרויס מויל, ניט פאַר קיין שום יידן געדאַכט, און שטענדיק נאָר גערעדט אַנטקעגן דעם קייסער הלמאי ער פירט אַזוי און ניט אַנדערש די מלוכה. אַ שטיק צייט האָט מען אים פאַרשוויגן. פאָרט, ווי זאָגט מען דאָס, דער קייסעריניעס אַן אייגן געשוועסטערקינד, אָבער אַז עס איז שוין דערגאַנגען ביזן האַלדז, האָט שוין אפילו די קייסעריניע ניט געהאָלפן און מען האָט אים פאַרמשפט קיין סימביר, אַז ער זאָל דאָרטן לעבן אַליין.

אָט אַזוי איז די מעשה געגאַנגען און זי האָט זיך געצויגן נאָך פיל ווייטער:

— דערהערט סימביר איז אים איינגעפאַלן געוואָרן דאָס האַרץ, וואָ־רים דאָס סימביר איז דיר ניט קיין קליינינקייט. אַהין אַז מען שיקט אַוועק איז רבנן־קדיש, וואָרים די דאָרטיקע קעלטן זיינען בלויז צום איבער־טראָגן פאַר בערן און „ציציליסטן". הכלל, ער האָט כורעים ומשתחוים געווען און מען האָט אים פאַרביטן סימביר אויף אונדזער טריסק, וואָס ער איז פאַרשיקט געוואָרן צו ווערן דער „וואָלאָסטנאָי־פּיסאַר", און דערביי האָט ער שוין, אגב, געמוזט צוזאָגן מער קיין „פּיפּס" פון זיין מויל ניט אַרויסצולאָזן, ניט נאָר אויפן קייסער, נאָר בכלל אויף קיינעם ניט פון דער רוסישער מלוכה.

— פון וואַנען־זשע האָט מען געוואוסט, אַז ער וועט האַלטן זיין וואָרט, — פלעגט עמיצער אַ פרעג טאָן ביים אויסהערן אָט די מעשה.

— וואָרט מיט וואָס?

— מיט דעם „פּיפּס" ניט אַרויסצולאָזן פון זיין מויל? — האָט יענער געוואָלט וויסן.

— זעסטו דאָך! — פלעגט קומען די דערקלערונג און דערביי האָט מען שוין אויך מוסיף געווען:

— אַ סברה, אַז כדי צו באַווייזן דעם קייסער, אַז ער מיינט ערנסט מיט זיין צוזאָג, האָט ער זיך פאַרלאָזט די געדיכטע וואָנצעס איבער זיין מויל.

— נו, יאָ, אַ שוויגער איז ער טאַקע, אָבער קיין שלעכטער גוי איז ער פונדעסטוועגן נישט, — פלעגט מען אַריינוואַרפן אַ גוט וואָרט וועגן אים.

— יאָ, דאָס איז אין דער אמתן טאַקע אַזוי, — פלעגן די צוהערער אַרום מסכים זיין וועגן דעם „וואָלאָסטנאָי־פּיסאַר".

און ווירקלעך איז דער שוויגנדיקער וואָלאָסטנאָי־פּיסאַר קיין שלעכ־טער מענטש נישט געווען, און קיינער אינעם שטעטל האָט זיך קיינמאָל נישט געהאַט אויף אים מיט וואָס צו באַקלאָגן.

פאַר פאַרשרייבן געבורטן און אויסמעקן טויטע פון צווישן די לע־בעדיקע האָט ער קיינמאָל ניט געוואָלט נעמען קיין גראָשן. אַז עמיצער האָט געדאַרפט אַ מעטריקע, אָדער אַ פּאַס, פלעגט ער אָפּשיקן צו אייזיק דעם סטאַראָסטאַ, און דערביי באַמערקן:

— גיט אים אַ גילדן, וועט ער האָבן צושטייער אויף שבת.

בלויז, ווען עמיצער פלעגט אַמאָל קומען צו אים מיט אַ בקשה, אַז ער זאָל פאַר אים אויפשרייבן אַ „פּראָשעניע" צום „מיראָוואָי", פלעגט ער זיך אַ קרום טאָן און אַרויסמורמלען אין אַ זייער שטילן טאָן פון אונ־טער די וואָנצעס אַרויס:

— „אַ ראַזוויע עטאָ מאָיאָ דיעלאָ?"

אָבער סוף כל סוף פלעגט ער פונדעסטוועגן צוליב טאָן און אויך פאַר אַזוינס ניט וועלן באַצאָלט.

— ניין! ניין! — פלעגט ער ברומען און אָוועקדרייען דעם קאָפּ פון דער אויסגעצויגענער האַנט צו אים.

פויערן האָבן געוווּסט דערפון און פלעגן דערפאַר איבערלאָזן אין קיך ביי דער אַלטער פּאַראַסקעך, וואָס האָט אים באַדינט, אַ קאָשעקל אייער און יידן פלעגן ברענגען געפילטע פיש. און אַז עס האָט אַמאָל געטראָפן ער איז אַריין אין קיך און דערזען, פלעגט ער אַ שטיל אַ מורמל טאָן:

— נו, כאַראָשאָ, כאַראָשאָ.

אָט אַזוי איז דאָס געווען אַמאָל אונטער דעם צאַרישן רעזשים. איין־און־איינציקער „וואָלאָסטנאָי־פּיסאַר" און צוויי „סטאַראָסטאָס", — אַ פויער פאַר די פויערן און אַ ייד פאַר יידן. אָבער זינט אָט־דער „וואָלאָסט" איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּוילישן „מאַגיסטראַט" איז געוואָרן גאָר עפּעס אַנדערש פאַר דער באַפעלקערונג.

עס האָבן אָנגעהויבן צו שווימבלען און צו גריבלען מיט אומצאָליקע באַאַמטע אין אָט־דעם הויז, און מיט יעדער וואָך זיינען זיי געוואָרן אַלץ מער אין צאָל. אָפּגערעדט, אַז געווען זיינען זיי אַלע נאָר פּאָליאַקן, כאָטש די גאַנצע געגנט איז געווען אָן אוקראַאינישע און אַ יידישע.

בלויז אַזאַ, ווי משה עטיע ביילעס, וואָס איז אַזוי פיל יאָרן געווען

אַוועק פֿונעם שטעטל האָט זיך געקאָנט וואונדערן.

— צו וואָס אַזוי פֿיל באַאַמטע? — האָט ער ניט אויפֿגעהערט צו פֿרעגן אין פֿאַרוואונדערונג.

— צו וואָס? נו, טאַקע, צו וואָס? — האָבן די יידן פֿונעם שטעטל איבערגעחזרט זיין פֿראַגע, און אַז עס איז מיט איין מאָל געקומען צוריד וועגן דעם צווישן די קליינטן אויפֿן מאַרק, האָט עמיצער פֿונעם עולם אַ רוף געטאָן אַנדריי דעם פּאַסטוך און ביי אים די זעלבע פֿראַגע אַ פֿרעג געטאָן.

— „פּאָלאָניזאַציע״! — האָט אַנדריי אַ ברום געטאָן צווישן די ציין און אַ שפּיי געגעבן.

— דו הערסט, משה? אפֿילו דער פּאַסטוך דאָ פֿאַרשטייט דאָס!

דאָס וואָרט „פּאָלאָניזאַציע״ איז געוואָרן אַ היימיש וואָרט ביי די באַאַמטע פֿונעם מאַגיסטראַט, אַ ברומענדיק וואָרט ביי די יידן און די „מעש־טשאַנעס״ אינעם שטעטל און אַ שפּאָנענדיק וואָרט ביי די אוקראַינישע פּויערן פֿון די אַרומיקע דערפֿער.

און עס איז ווירקלעך קיינמאָל ניט אַוועק קיין וואָך, אַז עס זאָלן ניט צוקומען קיין נייע באַאַמטע אין דעם מאַגיסטראַט אריין.

עס זיינען אַוועקגעגאַנגען אויך, אָבער די אַוועקגעגאַנגענע האָבן זיך ניט אומגעקערט קיין קרוין־פּוילן, נאָר אויסגעוואָקסן זיינען זיי אויף פֿאַר־שיידענע אַנדערע ערטער אין שטעטל, אָדער אין דער אַרומיקער סביבה.

דעם האָט מען פּלוצלינג דערזען אין דער אוניפֿאָרמע פֿון אַ נייעם פּאָליציאַנט, יענעם אין דער אוניפֿאָרמע פֿון אַן אַקציזניק, אַ דריטער האָט זיך באַוויזן אין אַ קאָנטיק־באַבענדלט היטל פֿון אַ נייעם פּאַטשט, אָדער באַן־באַאַמטן, צי גאָר, ווי נאָך אַן אַנגעשטעלטן אין דער פּוילישער קאָ־אָפּעראַטיווער קראָם, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן און געהאַט אַן אויפֿ־שריפֿט ביים אַריינגאַנג אויף פּויליש: „סוואָי דאָ סוויעגאָ״.

אַזוי אינעם שטעטל און נאָך מער אין די אַרומיקע דערפֿער, וואו מען האָט באַזעצט אַריבערגעבראַכטע פּאָליאַקן אויף ערד, וואָס מען האָט צו־גענומען ביי די דאָרטיקע פּויערן.

אַלע לאַנד־אַנשטאַלטן זיינען באַזעצט געוואָרן מיט פּאָליאַקן. אַן אוק־קראַינער אויף אַזאַ מין אַמט איז געווען אַ זעלטענע דערשיינונג. בשעת פֿון קיין יידישן אַנגעשטעלטן איז אין ערגעץ קיין שום סימן ניט געווען צו זען.

אויף די קינדער־שולן פֿון אוקראַינער און יידן האָט מען געהאַלטן אַ באַזונדער וואַכזאַם אויג, אַז דער פּאַטריאָטיזם צום פּוילישן רעזשים זאָל כסדר געבלאָזן ווערן אין דער הויך. פֿאַר יעדער מינדסטער קליי־

ניקייט האָט מען געשלעפּט אַ לערער צו פאַרהערן. פאַר זינגען ניט אַזוי פּערפעקט די פּוילישע הימנע האָט מען די יידישע קינדער־שול אין יענעם שטעטל רעדוצירט פון זיבן קלאַסן צו פיר, און מען האָט קוים אָפּגעשריגן, אַז מען זאָל זי אינגאַנצן ניט פאַרמאַכן.

איבער אַלץ און אַלעמען האָט געהערשט דער פּאָליציייִשער טעראָר. אַ פּחד און אַ מורא איז געווען אין יעדערנס געמיט פאַר יעדן פּאָליציייִשן קנעפּל.

— פּאַלאַניזאַציע, — האָט דאָס געהייסן, און וואָס ווייטער האָט אָט־די פּאָלאָניזאַציע זיך אַלץ מער פאַרצויגן מיט אַ שטריק אויף די העלדזער פון די אוקראַאינער און נאָך שטייפער אויף די העלדזער פון די יידן.

אין די דערפער פון דער גאַנצער סביבה האָבן די אוקראַאינישע פּויערן געלעבט אין כסדרדיקער שרעק, אַז מען זאָל ביי זיי ניט צונעמען די שטיקלעך ערד, וואָס זיינען צו זיי איבערגעגאַנגען בירושה פון דורות, און וועלכע זיי האָבן באַאַרבעט מיטן שוויס פון זייערע לייבער.

פאַר יעדער מינדסטער קלייניקייט, האָט מען געזוכט אויסצורייסן דאָס שטיקל ערד פונעם פּויער און דאָס איבערגעבן אין די הענט פון אַן אַריבערגעבראַכטן פּאָליאַק. די פּוילישע איבערמאַכט האָט שוין געפונען וועגן אַז אַזעלכע קלייניקייטן זאָלן געשען וואָס אָפטער.

עס איז ניט אַוועקגעגאַנגען קיין וואָך, אַז מען זאָל ניט כאַפּן אַ יונג, אָדער אַ מיידל, וועלכע מען האָט באַשולדיקט אין אַזאַ אָדער אַנדער פאַרבינדונג מיט די „רויטע" אויף יענער זייט גרענעץ, וואָס איז אין מזרח. אין אַזאַ פאַל האָט מען זיך ניט באַגנוגנט מיט פאַרשיקן די קינדער אין די תפיסות פון לוצק, אָדער אין דעם גרויזאַמען קאָנצענטראַציע־לאַגער אין קאַרטוז־בערעזאַ, נאָר מען האָט אויך באַשטראָפט די עלטערן מיט קאָנפיסקאַציע פונעם שטיקל ערד, וואָס איז געווען זייער אײנציק פאַרמעגן.

ביי די פּויערן אין די דערפער די ערד און ביי די יידן אין די שטעטלעך די בעבעכעס פון די צעבראָכענע שטיבלעך, און אַז אַזוינס איז געווען ווערטלאָז, זיינען די שטיבלעך גופא געווען אין געפאַר.

דאָס מאַגיסטראַט־הויז האָט געדינט מער, ווי אַ רעזערוו־צענטער פאַר די אַריבערגעבראַכטע פּאָליאַקן, ווי פאַר עפּעס אַנדערש. אַהין פלעגט מען ברענגען „פאַרדינסטפּולע" פּאָליאַקן פון קרוין־פּוילן, כדי זיי דערנאָך איינצואָרצלען אין דער געגנט.

דאָס מאַגיסטראַט־הויז איז געווען פאַר אָט־די אַריבערגעבראַכטע אַ פּלאַץ אויף דערווייל.

דערווייל, הייסט עס, זאָלן זיי אַרבעטן, ווי מאַגיסטראַט־באַאַמטע, און שפּעטער וועט מען שוין זען.

די יידן אין שטעטל האָבן געפילט אויף זייערע אייגענע לייבער, ווען עס איז יאָ, און ווען עס איז ניט איבערגעפּאַקט דער מאַגיסטראַט.

מען האָט דאָס געפילט לויט די ציינער, וואָס מען האָט געמוזט צאָלן יעדן קוואַרטל.

איז צוגעקומען עפּעס אַ נייער מין צינז, האָט מען גערעדט צווישן זיך:

— נו, יאָ, היינטיקע וואָך אַריינגעקומען אַ פולע באַן מיט פרישע פּיאַווקעס.

— אַז עס נעמט גאָר ניט קיין סוף און קיין עק!

— די לייכטער שוין צוגענומען און איצט וועלן זיי נעמען די קישנס.

אין אַזעלכע מאָמענטן פלעגט מען זיך פאַרבענקען נאָך דער צאַרישער צייט.

— זכרנו את הדגים אשר אכלנו במצרים, — פלעגט עמיצער אַ קרעכץ טאָן.

— געדענקסט דעם „וואָלאָסטנאָי־פּיסאַר״?

— עך, אָך, אַך!

— פּאָלאָניזאַציע! — פלעגט זיך הערן דאָ און דאָרט אַ קרעכץ פון דער טיפעניש.

אין אַ שטעטל איז געווען נאָך אַ סימן, וואָס האָט דעמאָנסטרירט מיט זיך די פּאָלאָניזאַציע, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין דער סביבה.

דער סימן האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן יעדן זונטיק אין דער פרי אַרום דעם פּוילישן קלויסטער.

און עס איז געווען טאַקע אין אַ זונטיק אין דער פרי, ווען משה עטיע ביילעס האָט דערזען די פּאָלאָניזאַציע מיט די אייגענע אויגן.

ער איז געזעסן אויפן גאַניקל, געגרויכערט און זיינע אויגן זיינען געווען צוגעשמידט צום וועג אויף יענער זייט פונעם מאַרק, וואו די צוויי קלויסטערס זיינען געשטאַנען.

די זעלבע צוויי קלויסטערס — דער פּראַוואָסלאַווער און דער קאַטוילישער איינער לעבן אַנדערן, ווי ער האָט זיי איבערגעלאָזט מיט יאָרן צוריק, ווען ער איז אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע, און דאָך נישט די זעלבע.

אין יענע יאָרן איז דער טומל געווען אַרום דעם פּראַוואָסלאַוונעם, בשעת דער קאַטוילישער איז געשטאַנען, ווי אַ פּאַלאַץ פאַר עקסקלוסיווע. און איצט?

— ווי עס האָט זיך איבערגעביטן! — האָט ער צו זיך געמורמלט.

אמת, אַז דער פּראַוואָסלאַווער איז פון שטענדיק אָן געווען קלענער און וויניקער אָנגעזען, ווי די סטרוקטור פונעם קאַטוילישן, אָבער דער עולם אַרום אים אין אַ זונטיק אין דער פרי איז געווען אַ געדיכטער און

אַ רוישיקער, בשעת אַרום דעם קאַטוילישן האָט געהערשט אַ צירלעכקייט און אַ מאַניערלעכקייט.

— „פּאַנסקי הוראַשע!" — פלעגט אין יענע יאָרן אַ פּראַוואָסלאַוונער פרומער „מעשטשאַן" פונעם שטעטל אַ בייזן, אייפערזיכטיקן ברום טאָן אויפן אַדרעס פונעם קאַטוילישן, און דאָס האָט שוין דערקלערט הלמאי דער קאַטוילישער איז גרעסער און אימפּאַזאַנטער.

און ווירקלעך איז אין יענע יאָרן דער קאַטוילישער קלויסטער געווען דאָס אייגנטום פון דעם גראַף אַרזשעשקאָ, וואָס האָט געוואוינט אויף זיין גוט אין דעם נאָענטן דערפל ראַלצק.

נישט יעדן זונטיק פלעגט ער מיט זיין משפחה — די גראַפיניע, באַ־וויליקן צו באַזוכן דעם קלויסטער. עס האָט אויסגעקוקט, ווי אָט די משפּחה האָט זיך באַנוגנט דערמיט, וואָס די משרתים און די יוצר־משרתים פונעם הויף זיינען געפאָרן אויף זייערע געפּאַרבטע בריטשקעלעך אָפּדאַווענען. בלויז פון צייט צו צייט איז מען אַליין געקומען און דעמאָלט איז דאָס געווען אַ שטיקל געשעעניש איבעם שטעטל.

אַז מען האָט דערהערט דעם דזשין־דזשין פון די זילבערנע גלעקער אויף די העלדזער פון די אַכט פערד, וואָס האָבן אין דעם קאַרוץ־געשפּאַן געפירט די הויף־יחוסדיקע משפחה אין דער גרויסער, גלאַנציקער קאַ־רעטע, איז מען אַרויס פון די שטיבער אָנצוקוקן דעם גרויסן חידוש.

מענער זיינען געשטאַנען מיט אַרונטערגעצויגענע היטלען, ווייבער האָבן געבויגן די קעפּ און די קינדער זיינען געווען געפּלעפט פון דעם גרויסאַרטיקן בילד, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר זייערע אויגעלעך.

די אַכט פערד זיינען געווען שוואַרצע און זייערע פעלן האָבן גע־גלאַנצט מיט דעם זעלבן שיינענדיקן גלאַנץ, ווי די קאַרעטע, וואָס איז געווען אַ צוגעמאַכטע און מיט שוואַרצע זיידענע פאָרהאַנגלעך איבער די פענצטערלעך. שוואַרץ און גלאַנצנדיק איז אויך געווען די הויכע הוט און דער פראַק פונעם קוטשער, וואָס האָט געהאַלטן די הויכע בייטש אין דער רעכטער האַנט מיט אַזאַ יום־טובדיקייט, ווי אַ פרומער ייד האַלט דעם לולב ביים זייט פונעם אתרוג.

צוזאַמען מיט דער גראַפסקער קאַרעטע איז געפאָרן אַ גאַנצע פּראָצע־סיע פון קלענערע קאַרעטעס געשפּאַנט אין פיר און צוויי פערד. די קאַ־רעטעס, וואָס זיינען נאָכגעפאָרן פון הינטן האָבן געוויזן זייער שטאַנד לויט די צאָל פערד, וואָס האָבן זיי געפירט.

געקומען איז מען אין קלויסטער אַריין יעדער לויט זיין פאַרנעם אין דער דאָזיקער גראַפסקער „אימעניע" און אַלע זיינען געשטאַנען מיט גע־

בויגענע קעפּ ביים אַריינגאַנג פונעם קלויסטער דוכלאָזנדיק אַפּריער די גראַפּסקע משפּחה.

משה עטיע ביילעס האָט זיך דערמאָנט, ווי אַזוי דער „קסיאָנדז" פלעגט אַרויסקומען פונעם קלויסטער אַנטקעגן דער גראַפסקער משפּחה און וואָס פאַר אַ הכנעה עס איז געווען אויסגעשפּרייט אויף זיין גלאַט־געראַזירט פּנים. אמת, אפילו דער גראַף און גראַפיניע פלעגן קושן זיין האַנט, אָבער ער איז דעמאָלט געשטאַנען מיט אַ געבויגענעם קאָפּ צו יעדן איינעם פון דער משפּחה.

אָבער אפילו אין אַזאַ זונטיק, צי אין אַ חגא־טאָג, ווען די גראַפסקע משפּחה איז געקומען, האָט דער קאַטוילישער קלויסטער אין פאַרגלייך מיט דעם פּראַוואָסלאַוונעם אויסגעקוקט, ווי אַן אָפּגעצאַמטער גאָרטן מיט געציילטע עטלעכע גוט־געפּלעגטע ביימער לגבי אַ גרויסן וואַלד.

די געציילטע אויסגעפּוצטע דאַמען און הערן זיינען זייער גיך פאַר־לוירן געוואָרן אין דער גרויסער מענגע פון קאַליריקע און געהעפטע סער־מיאַגעס און געבלימלטע פאַטשיילעס איבער די פּשוטע אוקראַינישע פויערן און פויערטעס.

אָבער דאָס איז געווען אַמאָל און אַמאָל.

איצט איז געזעסן משה עטיע ביילעס, וואָס איז געווען אַוועק פונעם שטעטל אַזוי פיל יאָרן, אויפן גאַניקל פון חיים אייזנקרעמערס שטוב און געקוקט.

די זון האָט געשיינט, ווי עס שיינט בכלל די זון אין זומערדיקן פרי־מאָרגן אין אָט דער רחבותדיקער וואָלינער געגנט. אָבער דאָס מאָל האָט זי זיך געשפּיגלט אין דער פאַרפּוצטער מענגע פון פאַליאַקן אַרום דעם קאַטוילישן קלויסטער, בשעת פון די שיטערע רייען פויערן און פויערטעס אַרום דעם פּראַוואָסלאַוונעם האָט געווייעט מיט וואָכעדיקייט און ירידה.

— וואוהין זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן די געהעפטע סערמיאַגעס? די באַסטענגעטע היטלען מיט די שפּיגלדיק־גלאַנציקע דאַשיקעס? און די פאַטשיילעס אויף די פויערטעס זיינען אַזעלכע אַלטע!

משה האָט זיך געוואונדערט און געפרעגט אָט די פראַגעס הויך אויפן קול, קוקנדיק אויף בתיהן, וואָס איז אויך דערביי געזעסן און געקוקט.

— אפילו די קלאַנגען פון די גלעקער ביים פּראַוואָסלאַוונעם איז אויך עפּעס נישט דאָס, וואָס געווען!

— וואָס־זשע, עס בענקט זיך אייך אַזוי שטאַרק נאָך דעם? — האָט בתיה ביי אים געפרעגט.

— צי איך בענק נאָך דעם? — האָט משה איבערגעפרעגט און דערביי

אנגעשטעלט אויף בתיהן אַזעלכע בליקן, ווי ער וואָלט זי אין יענעם מאָ־מענט דערזען צום ערשטן מאָל.

— איך ווייס נישט אַקוראַט צי איך זאָל דאָס אָנרופן בענקשאַפט, אָבער דער איבערבייט איז עפּעס אַזאַ . . .

בתיה האָט איבערגעריסן זיינע ווערטער און אים גענומען געבן צו דערקלערן:

— די דייטשן האָבן צוגענומען אַלע גלעקער פון די קלויסטערס, ווי נאָר זיי זיינען אַריין אַהער.

— בלויז ביים פּראַוואָסלאַוונעם?

— ניין. ביים קאַטוילישן אויך, אָבער די פּאָליאַקן האָבן שוין באַוויזן צו קריגן נייע, בשעת די אוקראַאינער...

— אָרעמע אוקראַאינער! — האָט משה אויסגערופן.

— און וואָס באַדויערט איר אַזוי שטאַרק די אוקראַאינער? — האָט בתיה ביי אים געפרעגט מיט טראַציקייט אין טאָן.

— זיי זיינען דאָך דאָ אויך אונטערגעדריקטע, — האָט משה זיך גע־פּרובירט פאַרענטפערן, אָבער בשעת מעשה האָט ער מיט גאָר באַזונדער אויפמערקזאַמקייט געקוקט אויף בתיהן.

בתיהס בלויע אויגן האָבן אויפגעפלאַמט און זי האָט געזאָגט מיט ביטערניש אין טאָן:

— די אוקראַאינער וואָלטן נישט געווען בעסער, ווען זיי וואָלטן גע־האַט די געלעגנהייט דאָ צו באַלעבאַטעווען.

— דו מיינסט אַזוי?

— עס זיינען דאָ גענוג פאַקטן, וואָס רעדן פאַר דעם.

משה האָט געקוקט אויף דעם שטילן טרויער, וואָס איז אויפגעגאַנגען פון אירע שיינע, בלויע אויגן און געוואָלט עפּעס זאָגן צו איר, וואָס זאָל פאַרגרינגערן דאָס געמיט, אָבער געזאָגט האָט ער:

— אָבער די פּאָליאַקן קוקן דאָ אויס, ווי אמתע אוזורפּאַטאָרס.

— יאָ, — האָט זי מסכים געווען.

איצט זיינען זייערע ביידנס אויגן געווען פאַרנומען מיט די גלאַנ־ציקע קאַרעטעס און די אומצאָליקע געפאַרבטע בריטשקעס, פון וועלכע עס האָבן געהאַלטן אין אַרויסשטייגן פאַרשידענע פּאַנעס און פּאַניענקעס אויסגעפּוצט לויט די וואַרשעווער מאָדעס. אפילו אַ פּאָר גלאַנציקע אווי־טאָמאָבילן האָבן זיך אויך געזען אַרום דעם קאַטוילישן קלויסטער.

— פּאַלאַנאַזאַציע! — האָט זיך אַ צי געטאָן פון משהס מויל מיט בייזקייט.

— נו, יאָ, — האָט זי מיט אים מסכים געווען און אין אַ שטילן טאָן,

און ווי זי וואָלט גערעדט צו זיך אַליין, האָט זי צוגעלייגט:

— אַ באַקאַנט וואָרט אין אונדזערע מקומות.

משה האָט זיך דערמאָנט אין נעכטיקן אָונט און ער האָט געזאָגט מיט שולדיקייט אין זיין קול:

— זיי מיר מוחל, בתיה.

— מוחל? — האָט זי געפרעגט, און אַ קוק געטאָן אויף אים מיט חידוש אויף איר פנים.

— איך האָב נעכטן אַוועקגעשפּאַצירט און דיך איבערגעלאָזט אַליין דאָ אויפן גאַניקל.

— אָ, דאָס?

זי האָט זיך באַמיט אָנצוהאַלטן די גלייכגילטיקייט אויף איר פּנים און געפרעגט:

— איר האָט לאַנג געשפּאַצירט?

— יאָ, — האָט ער געענטפערט און מיט דער זעלבער שולדיקייט אין זיין קול, ווי פריער, האָט ער דערציילט:

— עס האָט מיך שפּעטער זייער באַנג געטאָן, וואָס איך האָב דיך געלאָזט דאָ אַליין.

— איר זענט דאָך אַוועקגעגאַנגען אין דער פאַרגאַנגענהייט, — האָט זי אים דערמאָנט.

— המ, יאָ, אין דער פאַרגאַנגענהייט, — האָט ער געזאָגט און צוגע־לייגט מיט אַ שמייכל:

— עס וואָלט גרינגער געווען, ווען איך וואָלט דיך געהאַט דאָרטן לעבן זיך.

— און איך בין געזעסן אָט דאָ און געוואַרט, אַז איר זאָלט צוריק־קומען.

— געוואַרט אויף מיר?

— עס האָט שוין געמוזט זיין זייער שפּעט, ווען איר זענט צוריק־געקומען.

— יאָ, מסתמא זייער שפּעט.

— איך האָב געלאָזט אַ לעמפּל אויפן אויוון, אַז איר זאָלט זען ווי צו גיין אין אַלקער אַריין.

— אַ דאַנק, בתיה.

פּלוצלינג איז זיין קול געוואָרן זייער מילד און צערטלעך און ער האָט געזאָגט:

— דו ביסט זייער אַ וואויל קינד, בתיה.

בתיה האָט זיך פּלוצלינג פריילעך צעלאַכט און לאַכנדיק געפרעגט ביי משהן:

— זע איך אויס, ווי אַ קינד?

משה האָט איר געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט פון קיך אַרויס דער מומע אסתר מלכהס קול:

— בתיהלע? האַ? בתיהלע?

— איך קום, מומע, — האָט בתיה געענטפערט, און פאַרלאָזט דאָס גאַניקל.

משה האָט איר נאָכגעקוקט און אין זיינע מחשבות איז ער אַריבער קיין ברוקלין.

ער האָט זיך דערזען אין דער היים פון זיין שוואָגער און שוועגערין, וואו עס געפינט זיך זיין קינד.

— ריטעלע, מיין קינד! — האָט שטיל אַ מורמל געטאָן און דער־פילט, ווי די בענקשאַפט נעמט אים אַרום מיט דער שטאַרקייט ביז אַ פיזישן ווייטיק.

אַ ווייל איז ער געזעסן אַ דערשלאָגענער. געווען רגעס אין וועלכע ער האָט דערפילט אַ חרטה הלמאי ער האָט אינגאַנצן געמאַכט אָט־די רייזע.

— צו וואָס איז געווען דאָס שלעפּן זיך אַהער? — האָט ער ביי זיך געפרעגט.

— כדי צו שטעלן אַ „ציון״ מיט אַ בלעכן דעכל אויף דער מאַמעס קבר? — האָט ער זיך אויסגערעדט.

— וואָלט דאָס דער פעטער חיים נישט געווען געקאָנט אַליין באַ־זאָרגן, ווי עס באַדאַרף צו זיין?

פרעגנדיק זיך אָט־די פראַגעס, האָט ער געטראַכט פון דין אָפּטע בריוו, וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין קריגן פון דעם פעטער חיימען און דער מומע אסתר מלכהן גלייך נאָכדעם, ווי ער האָט זיי געלאָזט וויסן, אַז ביי אים איז זיין פרוי געשטאָרבן, און אַז ער איז געבליבן אַן אלמן מיט אַ קליין קינד.

אויך פריער זיינען געקומען בריוו צו אים פון זיי, אָבער אין יענע בריוו איז נישט געווען קיין דרינגענדיקע פאָדערונגען, אַז ער זאָל קומען. אפילו, ווען זיי האָבן אים געלאָזט וויסן, אַז די מאַמע זיינע איז געשטאָרבן איז נישט געווען קיין פאָדערונג, אַז ער זאָל קומען. מען האָט געבעטן ענטפער, אַ פאָטאָגראַפיע פון דער משפחה זיינער און שוין. ערשט ווען ער האָט זיי געלאָזט וויסן וועגן דעם פאַרלוסט פון זיין פרוי, זיינען די בריוו פון זיי געוואָרן אָפטע און אין יעדן בריוו איז געווען אַ רוף צו קו־מען אויף אַ באַזוך.

— די מאַמע האָט ביי דיר פאַרדינט, אַז דו זאָלסט קומען שטעלן אויף איר קבר אַ מצבה! — איז געווען אין יעדן בריוו דער זעלבער אויסרוף, און דערביי זיינען געווען עפּעס אַזוינע אַנדערע אָנצוהערענישן אויך. וואָס אָט־די אָנצוהערענישן האָבן געמיינט, האָט ער דעמאָלט נישט באַנומען. זיין שוועגערין כייקע, פאַר וועמען ער האָט איין מאָל איבערגעלייענט אַזאַ בריוו, האָט זיך צעוויצלט:

— הער, משה, עס קוקט אויס, אַז דיין מאַמע האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ גרויסע ירושה און מען וויל, אַז דו זאָלסט אַריבערקומען זי אָפּנעמען.

אָט אַזוי האָט זיך די שוועגערין כייקע געוויצלט, און ער האָט זיך מיטגעוויצלט מיט איר:

— נו, יאָ, מיין מאַמעס עשירות!

איצט איז ער געזעסן אויפן גאַניקל און פאַר אים איז אַלץ קלאָרער געוואָרן, אַז דאָס רופן אים אַהער האָט געהאַט אַ גאַר שטאַרקע שייכות מיט בתיהן.

— איז הייסט עס, אַז מען מען וויל מיר געבן בתיהן פאַר אַ ווייב? — האָט ער זיך געפרעגט, און עס האָט אויסגעקוקט פאַר אים ביז גאָר מאָדנע:

— טאַקע אָט די שיינע, יונגע בתיהן פאַר אַ ווייב צו מיר?

ער האָט זיך געפּרובירט אויסמאָלן בתיהן, ווי אַ מוטער צו זיין קינד, און ווידער האָט אַ טיפע בענקשאַפט באַהערשט זיין געמיט.

— ריטעלע, מיין קינד! — האָט ער אַ מורמל געטאָן און זיך אויפגעשטעלט, געטריבן פון אומרו אין זיך.

באַלד האָט ער זיך צוריקגעזעצט און פאַררויכערנדיק אַ פּאַפּיראָס, האָט ער גענומען רעדן צו זיך.

— ריטעלע איז אין גוטע הענט, — האָט ער זיך גענומען באַרואיקן און זיך גענומען טרייסטן, וואָס מיט דעם פאַרלוסט פון זיין בעלאַן האָט ער דאָך נישט פאַרלוירן איר שוועסטער כייקען און דעם שוואָגער זיינעם נייטענען, וואָס זיינען איצט צו אים די זעלבע משפּחהניקעס, ווי פריער.

— אמתע, האַרציקע משפּחהניקעס, — האָט ער געמורמלט צו זיך וועגן זיי.

— היינט, מאָרגן וועט אַוודאי אָנלויפן אַ בריוו פון זיי, אין וועלכער מען וועט אים באַשרייבן אַ פּאָר נייע חנדעלעך פון זיין ריטעלען, — האָט ער זיך געטרייסט מיט דער האָפענונג.

אויף זיין קיילעכדיקן פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל פון גוטסקייט און טיפער דאַנקבאַרקייט.

ער האָט זיך דערמאָנט וועגן דער באַזאָרגטקייט פון זיין שוועגערין

כייקע און זיין שוואָגער נייטן ביי זיין אָפּפאָרן.

— ווארף אַראָפּ פון זיך אַלע שווערקייטן, — האָט דער נישט־באַ־רעדעוודיקער נייטן געהאַלטן אין איין איבערחזרן צו אים און נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל געוואָלט וויסן צי אַלץ איז אַריינגעפּאַקט געוואָרן אין זיינע רענצלעך.

ריטעלע איז געהאַנגען אַרום זיין האַלדז, ווי אַן איבערגעשראָקן טייבעלע, און נישט געוואוסט צי זאָל זי וויינען, צי גאָר זיך פרייען מיט דעם, וואָס דער טאַטע פאָרט איינקויפן פאַר איר שיינע זאַכעלעך..

— אַ פערדעלע וועסטו מיר ברענגען?

— נאָך וואָס פאַר אַ פערדעלע!

— אַ רויטס?

— אַוודאי אַ רויטס, — האָט ער פאַרזיכערט, קושנדיק דאָס בעקעלע, וואָס איז געווען לעבן זיין מויל.

די שוועגערין כייקע איז געווען פאַרנומען מיט איר טואַלעט און דער שוואָגער נייטן האָט געבלאָנדזשעט איבער די רענצלעך, מיט די גוטע בלויע אויגן.

— אַזאַ וועג! — האָט ער נישט אויפגעהערט צו ברומען צו זיך און דערביי אַלע ווייל אויסגעפּרובירט די שלעסער פון די רענצלעך:

— שאַ, סיגאַרעטן האָסטו גענוג? הער אַ מעשה! מען דאַרף דאָך פאַרזאָרגן סיגאַרעטן!

אָט אַזוי האָט ער זיך צעקאָכט, און ווי ער וואָלט זיך וועלן פאַרענטפערן פאַר זיין צעקאָכעניש, האָט ער באַטאָנט:

— די איראָפּייאישע טויגן דאָך אויף כפרות!

משה האָט געשמייכלט צו דעם רויך פונעם סיגאַרעט, וואָס ער האָט געהאַלטן אין רויכערן.

ער האָט זיך פאַרטראַכט וועגן דער גוטסקייט פון זיין שוועגערין פאַלין צו אים.

— זי איז נישט נאָר, ווי אַ מאַמע צום קינד, נאָר אויך אַ געטרייע שוועסטער צו מיר, — האָט ער געמורמלט.

אין זיינע אויערן האָבן געקלונגען די האַרציקע ווערטער, וואָס זי האָט צו אים גערעדט ביים געזעגענען זיך אויף דער שיף:

— קום צו זיך, משה, — האָט זי צו אים גערעדט.

— מען קאָן נישט מיטשטאַרבן, — האָט זי אים געטרייסט, און אויסווישנדיק אירע טונקעלע אויגן, האָט זי אים געבעטן:

— פאַרוואַנדל די רייזע אין אַ גוטן אָפּרו, און נעם אַריין אין זיך אַביסל פאַרגעניגן אויך.

— וועגן קינד זאָלסטו זיך גאַרנישט זאָרגן, — האָט נייטן פון זיין זייט פאַרזיכערט.

פאַרן אַרונטערגיין, האָט כייקע, קושנדיק אים, געטאָן אַ שושקע אַריין אין זיין אויער אַריין:

— און אַז דו וועסט באַגעגענען אַ ליבע חברטע אין אייראָפּע, ברענג זי מיט.

— כייקע! — האָט ער אויסגערופן אין ציטערניש, אָבער זי האָט אַזוי ליב געשמייכלט צו אים און שטיל געזאָגט:

— זי וועט מיר אַ שוועסטער ווערן.

די אָנהויב־זומערדיקע זון האָט זיך צעפינקלט מיט גאָלדענע שפּריצן אויף דעם קופּאָל פון דער עמפּאַיער־געביידע, ווען ניו־יאָרק האָט ביסלעכ־ווייז זיך גענומען רוקן אַהינטער אים.

ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער איז געשטאַנען אַ לענגערע צייט ביים פאַרענטש אַ פאַרגליווערטער און ווען פאַר זיינע אויגן איז אויסגעוואָקסן די פרייהייט־סטאַטוע מיט דעם אויפגעהויבענעם אָרעם אין דער הויך, האָט ער זיך זייער שטאַרק פאַרקוקט אויפן פאַקל, וואָס האָט אין דעם זו־ניקן נאָכמיטאָג נישט געפאַקלט מיט קיין ליכט.

— אַפנים, אַז אַ פאַקל זאָל זיך צעשטראַלן מיט ליכט, מוז מען האָבן אַ נאַכט אַרום אים, — איז אים דעמאָלט איינגעפאַלן און איצט איז ער גע־זעסן און געטראַכט פון יענעם געדאַנק, וואָס איז אים דעמאָלט געקומען אויפן זינען, אָבער זיינע ליפּן האָבן גאָר איבערגעחזרט דאָס, וואָס זיין שוועגערין כייקע האָט אים געזאָגט:

— זי וועט מיר אַ שוועסטער ווערן.

—אַ שוועסטער? — האָט ער זיך געפרעגט, און ביי אָט דער פראַגע האָט זיך בתיה אומגעקערט אויפן גאַניקל.

— בתיה.

— יאָ, משה?

— גאָרנישט, בתיה, עס איז גלאַט אַזוי. פּשוט גוט דיך אָנצורופן ביים נאָמען.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אויפגעלויכטנקייט אין אירע בלויע אויגן.

פראַסט און פשוט

האָט משה באַמערקט, ווי בתיהס אויגן האָבן זיך צעלויכטן? מסתמא נישט. וואָרים ווען ער וואָלט דאָס געווען באַמערקט, וואָלט ער זיך דען פלוצלינג נאָכאַמאָל פאַרקוקט אויפן מאַרק?

זיינע בליקן האָבן איצט געבלאָנדזשעט אויפן לײדיקן מאַרק. זיי האָבן געקוקט אויף די פאַרשלאָסענע קלײטלעך און אויף די ײדישע קרע־מער, וואָס זײנען געשטאַנען יעדער אײנער ביי זיין פאַרשלאָסענער טיר און יעדער אײנער מיט זיין גרויסן, אײזערנעם שליסל אין דער האַנט, וואַרטנדיק, אַז די תפילות אין די קלויסטערס זאָלן זיך ענדיקן, וועט ער עפענען און אפשר אַרײנכאַפּן אַביסל פּדיון.

פלוצלינג האָט ער אויסגעדרייט דאָס פנים צו בתיהן און בײ איר געפרעגט:

— פאַר אוניווערסיטעט־בילדונג האָסטו גאָרנישט קיין חשק?

— פאַר אוניווערסיטעט־בילדונג?

זי האָט איבערגעפרעגט זיין פראַגע מיט אויפגעהויבענע אויגן אויף אים, און באַלד זיי אַראָפּגעלאָזט.

—און אַז איך האָב חשק איז וואָס?

— המ... — האָט ער שטיל אַ ברום געטאָן צו זיך, און ציענדיק דעם ציגאַרעטל מיט די ליפּן געמורמלט:

— איך פאַרשטײ! איך פאַרשטײ!

אַ ווײל האָבן זיי ביידע געשוויגן. ער האָט געקוקט אויף דעם שלענגל־דיקן ציגאַרעט־רויך פון זיין מויל און זי האָט שפּילנדיק זיך מיט אירע פינגער געקוקט אַריבער אים.

— אוניווערסיטעט־בילדונג פאַר ײדישער יוגנט אין פוילן! — האָט זי ענדלעך אַרויסגעברומט מער צו זיך ווי צו אים.

— איך פאַרשטײ! איך פאַרשטײ! — האָט ער נאָכאַמאָל איבער־געחזרט דאָס פריערדיקע.

— דאָ האַלט מען ביי געלט, אָפּגעזונדערטע בענק פאַר דער ײדישער יוגנט אין די מיטלשולן, — האָט זי באַמערקט.

וועגן די געלט, אָפּגעזונדערטע בענק פאַר דער ײדישער יוגנט און די פּוילישע לערן־אַנשטאַלטן האָט משה נאָך געלײענט אין ניו־יאָרק. ווי אַ קאָרעקטאָר אין אַ ניו־יאָרקער ײדישער צייטונג איז אים נישט אײנמאָל אויסגעקומען צו פאַרריכטן דאָס וואָרט „קרענק", וואָס דער בחור־הזעצער

האָט אפשר אין זיין ווייטיק מיט אַ כיוון אויסגעזעצט אָנשטאָט דאָס וואָרט „בענק".

— געהערט, נו, יאָ, אַוודאי געהערט, — האָט ער טרויעריק געשאָקלט צו איר מיטן קאָפּ.

מען איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן און געפילט האָט זיך, אַז דאָס שווייגעניש איז אַ פּרעליוד צו עפּעס, וואָס יעדער פון זיי קלויבט זיך צו זאָגן און האָט נאָך נישט דאָס פּאַסיקע וואָרט דערפאַר.

ער האָט צוגעקוועטשט דעם שפּיץ פון זיין ציגאַרעט אינעם גלעזער־נעם שעלכל, וואָס ער האָט געהאַלטן לעבן זיך און געפרעגט נישט אויפ־הויבנדיק די אויגן:

— איז וואָס־זשע טוט טאַקע אַזאַ בתיה מיט זיך דאָ אין דער פוי־לישער מדינה?

— וואָס מען טוט?

זי האָט אַ פיר געטאָן אירע הענט אין דער ברייט און געזאָגט מיט באַטאָנונג:

— מען טוט, וואָס אַלע בתיהס טוען.

— דאָס הייסט גאָרנישט?

— דאָס הייסט גאָרנישט!

ער האָט פאַררויכערט אַ פרישן ציגאַרעט, און אַ ווייל שטום געקוקט אויפן רויך, וואָס האָט זיך געשלענגלט פון זיין מויל. ער האָט דערפילט אין זיך אַ שטאַרקן באַגער צו רעדן צו איר, דערציילן וועגן זיך, און אויס־געפינען פיל מער וועגן איר, ווי ער האָט געוואוסט, אָבער איידער ער האָט באַוויזן צו עפענען זיין מויל, האָט זי זיך צערעדט:

— ווען איך בין געווען אין דער פריער יוגנט, האָב איך געהאַט חלומות. זיי האָבן זיך געוויגט צווישן ארץ־ישראל און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

— צווישן ארץ־ישראל און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד?

— ארץ־ישראל איז מיר נעענטער געווען. די תרבות־שול, אין וועל־כער איך האָב זיך דערצויגן. די סביבה. דער טאַטע מיינער איז אַ רע־ליגיעזער ציוניסט. אָבער אויך סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געצויגן. דאָרטן איז גיטעלע. אירע צוויי טעכטער האָבן נישט די פּראָבלעמען, וואָס מיר האָבן דאָ.

בתיה האָט זיך צערעדט, און ווען זי איז אויף אַ רגע אַנטשוויגן גע־וואָרן, האָט ער מיט נייגער אין קול געפרעגט:

— און?

— און? — האָט זי איבערגעחזרט זײַן פראַגע, און עס איז געווען קאָמיש, אַז עס איז איר שווער צו רעדן.

— ביסטו אַ ציוניסטקע? — האָט ער געוואָלט וויסן.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ בליק פון אַ דערוואַקסענערן מענטשן, ווי זי איז געווען, און האָט געזאָגט:

— שווער צו זאָגן, וואָס איך בין. אין די פריערדיקע יאָרן האָב איך זיך גערופן „ציוניסטקע", און איצט? איצט איז דער ציוניזם פאַר מיר רעדוצירט געוואָרן צו פּראַקטישקייט. איצט איז ער פאַר מיר אַ באַגער פאַר אַ זיכערער היים, וואו איך זאָל קאָנען לעבן און ניצלעך זײַן.

— אַ ציוניסטקע אָן דעם ציוניסטישן ראָמאַנטיזם? — האָט משה שמײכלענדיק זיך אַרײַנגעריסן מיט אַ פראַגע. זי האָט אָבער זײַן פראַגע נישט דערהערט, אָדער בכיוון זי נישט דערהערט און ווײַטער גערעדט:

— פאַרן אַהין איז דאָך נישט אַזוי גרינג. עס פעלן די מאַטעריעלע מיטלען. און ווען זיי וואָלטן געווען איז נאָך אויך אַ פראַגע. פאַרן אַר־בעטן דאָרטן אין אַ קבוצה? וואָלט געווען אַ בחור, וואָס איך וואָלט ליב געהאַט, וואָלט דאָס געהאַט אַ זין. מען פאָרט צוזאַמען. אַזוינער איז נישטאָ. וואָלט איך אַליין געווען אַ בחור, וואָלט דאָס געווען אַן ענין. בין איך אָבער אַ מיידל און אַ בת־יחידה דערצו.

— נו, און סאָוועטן־פאַרבאַנד? — האָט ער געוואָלט וויסן.

— דאָרטן איז אויך אַן ענין. אַזאַ ווי איך וואָלט געאַרבעט, געלערנט און געפילט, אַז איך לעב אויף דער וועלט. אָבער ווי אַזוי קומט מען אַהין אַריבער?

זי איז אויף אַ רגע אַנטשוויגן געוואָרן און באַלד ווידער גענומען רעדן, און איצט איז איר רעדן געווען מער אַ מין טראַכטן אין דער הויך:

— די צרה מיט מיר איז, וואָס עס פעלט מיר דער אמתער אידעאַ־ליזם. איך מיין, אַז עס פעלט מיר דער אידעאַל פאַר וועלכן איך זאָל פילן זיך גרייט מקריב צו זײַן.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ בליק פון אַ פאַרשולדיקט קינד און זיך באַקלאָגט:

— אין די פריערדיקע יאָרן איז ער געווען, אָבער לעצטנס איז ער עפּעס, ווי אויסגערונען געוואָרן.

— עס וואָלט נישט גוט געווען מיט דיר אין אַט־די לענדער, וואָס דו האָסט דערמאָנט, וואָרים . . .

— איך ווייס, איך ווייס, — האָט זי אים איבערגעריסן און מיט פאַר־טראַכטקייט אין איר קול האָט זי ווײַטער געצויגן:

— קיין ארץ־ישראל ציט מיך נאָך אַלץ, אָבער עפּעס האָב איך אַ

געפיל, אַז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד וואָלט געווען בעסער פאַר מיר.

— פאַרוואָס טראַכסטו אַזוי?

— סאָוועטן־פאַרבאַנד איז עפּעס לעצטנס אויסגעוואַקסן אין מײַנע אויגן, ווי אַ מעכטיקע קילע שטיק לאָגיק, און איך בין דאָך עפּעס לעצטנס אַזאַ פּראַקטישע געוואָרן אין מײַן טראַכטן.

פּלוצלינג האָט זי זיך צעלאַכט הויך אויפן קול, און קוקנדיק פרײַ אויף משהן, האָט זי געזאָגט:

— איבעריקנס, ווייס איך דען אַקוראַט, וואָס איך טראַכט לעצטנס? אָפּטמאָל ווער איך זיך אַליין נמאס מיט מײַנע טראַכטענישן, ווײַל סוף כּל סוף רעדוצירט זיך דאָס טראַכטעניש מײַנס צו מײַן אייגן שטיקל „איך", און איך זע זיך אַליין אין מײַנע אויגן, ווי אַ פּוסטע זאַך, ווי אַ גאָרנישט שעבעגאָרנישט.

— אַ גאָרנישט שעבעגאָרנישט? — האָט ער געפרעגט בײַ איר אין אַ גוטמוטיקן איראָנישן טאָן.

— נו יאָ, אַוודאי אַ גאָרנישט שעבעגאָרנישט, — האָט זי באַשטע־טיקט, און אָנגעהויבן צו באַווייזן איר גאָרנישטקייט אָט אַזוי:

— אַלע האַלטן מיך פאַר אַ ציוניסטקע. איך אַליין האַלט זיך אויך פאַר אַזאַ, אָבער בין איך דאָס? ניין, איך בין דאָס נישט. וואָלט געווען מעגלעך, אַז די משפּחה, וואָס איז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זאָל מיך אַרי־בערנעמען אַהין, וואָלט איך גערן געפאָרן און די משפּחה זיכער נישט פאַרשעמען מיט מײַן לאָיאַלקייט צו יענעם לאַנד.

— איר פאַרשטייט, משה? עס איז דער באַגער נאָך אַ נוצלעכן און זיכערן לעבן, אָט וואָס דאָס איז!

— און דאָס רופסטו אַ גאָרנישט שעבעגאָרנישט? — האָט ער גע־פרעגט, אין אַ טאָן פון אַרויסרוף.

בתיה האָט אַ קוק געטאָן מיט דאַנק אין אירע בליקן. אַ רגע האָט זי געשוויגן און דערנאָך מיט טרויער אין קול געזאָגט מער צו זיך, ווי צו אים:

— דערצו איז מען נאָך אַ משפּחהניצע אויך. דער טאַטע איז לעצטנס נישט בײַ די כּוחות, די מאַמע איז הילפלאָז. ווען נישט די מומע אסתּר־מלכּה און דער פעטער חיים וואָלט... וואָלט...

זי האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און אירע צוקונדיקע אַקסל האָבן געלאָזט וויסן, אַז זי באַקעמפט אַ געוויין, וואָס שפּאַרט זיך דורך איר.

— בתיה, — האָט ער זי ווייך אַ רוף געטאָן, און נישט קריגנדיק פון איר קיין ענטפער, איז ער געבליבן זיצן אַ געפּלעפּטער.

משה האָט זיך געוואונדערט פאַרוואָס ער האָט פאַר די עטלעכע

טעג, וואָס ער איז צוזאַמען מיט איר אין שטוב נישט דערזען, אַז זי איז אַט אַזאַ, ווי ער זעט זי איצט.

— זי איז דאָך גאָר אַן אַנדערע, ווי איך האָב זיך זי פאַרגעשטעלט פאַר די פּאָר טעג, — האָט ער זיך אויסגערעדט און דערפילט, אַז ער איז ביז גאָר צופרידן, וואָס זי איז אַן אַנדערע, ווי ער האָט זי זיך פאַר־געשטעלט.

דערזעענדיק, אַז זי הויבט צוריק אויף איר פּנים צו אים שוין אַביסל אַ באַרואיקטע, האָט זיך אים זייער שטאַרק געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער נישט האָבנדיק אויפן מאָמענט, וואָס איר צו זאָגן, האָט ער ביי איר שטיל אַ פרעג געטאָן:

— און די מאַמע דײַנע, וואָס־זשע מאַכט זי טאַקע, האַ?

— זי קרעכצט.

משה האָט איר געגומען דערציילן וועגן איר מאַמען און דערביי באַ־מערקט, אַז עס שטייט אים פאַר די אויגן די חתונה פון איר מאַמען צו איר טאַטן:

— אַ שיינע כלה איז געווען דײַן מאַמע, — האָט ער שמייכלענדיק געזאָגט און דערביי צוגעלייגט:

— דו, בתיהקע, ביסט אַזוי ענלעך אויף דײַן מאַמען.

בתיה האָט זיך צעשמייכלט מיט דעם שמייכל פון אַ ווײַנענדיק קינד פאַר וועמענס בליקן מען הויבט אויף אַ שפּילצייג, און זי האָט שטיל גע־פרעגט:

— בין איך אַזוי שיין, ווי מײַן מאַמע אין דעם טאָג פון איר חתונה?

משה האָט זיך פריילעך צעלאַכט, אָבער באַלד איז ער זייער ערנסט געוואָרן:

— זאָג מיר, בתיהקע, איז דאָ עפּעס אַזוינס, וואָס איך וואָלט געקאָנט טאָן פאַר דיר?

ער האָט פּלוצלינג דערפילט, אַ טיפע, ציטערדיקע אויפרעגונג אין זיך און געזאָגט:

— איך וואָלט זייער שטאַרק געוואָלט טאָן פאַר דיר עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל דיר גרינגער מאַכן.

— מיר גרינגער מאַכן?

— יאָ, בתיהקע. זאָג, וואָס אַזוינס, האַ?

זי האָט אויפגעהויבן אויף אים אירע בלויע אויגן, און אין אַ שטי־לער, פאַרטראַכטער רואיקייט האָט זי געקוקט אויף אים.

— אַ דאַנק, משה, — האָט זי שטיל און רואיק געזאָגט, און שווייגנ־דיק אַ רגע, האָט זי געפרעגט:

— פאַרוואָס קומט דאָס מיר, משה ?

— פאַרוואָס ?

— נו, יאָ, פאַרוואָס ?

משה האָט זיך אויפגעשטעלט פונעם בענקל אויף וועלכן ער איז די גאַנצע צייט געזעסן, און שפּאַנענדיק אַהין און צוריק איבער דעם קליי־נעם שטח פונעם גאַנעקל, האָט ער געצויגן דאָס ציגאַרעטל מיט די ליפּן און אין דער זעלבער צייט גערעדט :

— פאַר די עטלעכע טעג, וואָס איך קאָן דיך ביסטו געוועז פאַר מיר אַ קינד... אַ ליב קינד... סימעס קינד. נו, אַ יונג, שיין מיידל פון דער משפחה, און איצט...

— און איצט ? — האָט זי געפרעגט מיט מיידלשן נייגער אין אירע בלויע אויגין.

ער איז געבליבן שטיין פאַר איר, געקוקט אויף איר מיט אַ ווייכן שמייכל און געזאָגט :

— איצט ביסטו עפּעס גאָר, גאָר אַן אַנדערע.

— אַ הילפלאָזע באַשעפעניש ? — האָט זי געפּרובירט אַרויסלייענען פון זיין באַמערקונג.

ער האָט זיך ווידער צעשפּאַנט אַהין און צוריק און זיך צערעדט, ווי עס וואָלט פון אים אַרויסגעשפּאַרט :

— הילפלאָז ? ניין. איך וואָלט אָט דאָס, וואָס קומט פאַר אין דיין יונגן געמיט נישט אָנגערופן קיין הילפלאָזיקייט. אדרבא, עס איז דאָ אַזאַ קילע פאַרטראַכטקייט אין דיר און דאָס איז דווקא אַ סימן פון גבורה.

— גבורה ? — האָט זי געפרעגט פאַרוואונדערט.

— יאָ, גבורה ! — האָט ער כמעט, ווי אויסגעשרייגן און באַלד נאָכ־אַמאָל איבערגעחזרט :

— זיכער גבורה !

ער איז אַ וויל אַנטשוויגן געוואָרן. געזופּט דאָס ציגאַרעטל און גע־שוויגן. באַלד האָט ער גערעדט, ווי צו זיך אַליין :

— מאָדנע, ביז גאָר מאָדנע. נעכטן אויף מיין שפּאַציר האָב איך דיך אַנדערש געזען און גאָר אַנדערש געטראַכט פון דיר.

— האָט איר נעכטן געטראַכט פון מיר ?

— הם, יאָ, איך האָב געטראַכט.

— איז וואָס־זשע אַזוינס האָט איר נעכטן געטראַכט פון מיר ? — האָט זי געוואָלט וויסן.

ער האָט זיך דערפילט אין אַ פאַרלעגנהייט, וואָרום דערציילן איר, וואָס אַזוינס ער האָט נעכטן אויפן שפּאַציר געטראַכט פון איר איז אים

געווען שווער, און ער האָט קוקנדיק אויף איר מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— נו, מײַנע נעכטיקע טראַכטענישן זײַנען דאָך געווען וועגן גאָר אַן אַנדערער בתיהן.

און כדי זי זאָל אים נישט ציען ווייטער בײַם צונג, האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן וועגן עפּעס אַנדערש:

— דו ווייסט, בתיהקע? איך האָב אַ קינד, — אַ קליין, שיין, זיס מיידעלע.

— ריטעלע, הייסט זי?

— יאָ, ריטעלע, הייסט זי, — האָט ער באַשטעטיקט און זיך געחידושט, וואָס זי ווייסט דאָס.

— די מומע אסתר מלכה האָט מיר דערציילט. זי האָט מיר אויך דערציילט, אַז איצט איז זי בײַ אַ שוועגערין.

— יאָ, בײַ מײַנער אַ שוועגערין. בײַ מײַן פֿאַרשטאָרבענער פרויס אַן עלטערער שוועסטער.

— זי מוז זײַן אַ ליבס, — האָט בתיה געזאָגט און מיט אַ ווייכן גלאַנץ אין אירע אויגן, האָט זי צוגעלייגט:

— אַזאַ שיינער נאָמען ריטעלע.

עס האָט אַ שלאָג געטאָן מיט אַ שוויַיגעניש, וואָס איז געבליבן הענגען, ווי אַ פֿאַרהאַנג צווישן זיי ביידן. עס איז געווען אַ שוויַיגעניש פֿון אָנגעלאָדנקייט, וואָס האָט געדראָט מיט עקספּלאָדירונג אין דער לופט אַרײַן.

זי האָט זיך אָנגעשטרענגט ביז גאָר און נישט קוקנדיק אויף אים געפֿרעגט:

— איר בענקט נאָכן קינד?

— המ... — האָט ער אַ ברום געטאָן.

ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן וועגן זײַן בענקשאַפט, אָבער נישט געפֿינענדיק דאָס פּאַסיקע וואָרט, האָט ער באַמערקט:

— ווען מען קאָן געפֿינען פֿאַר דיר אַ וועג קיין אַמעריקע! — האָט ער אויסגערופֿן.

איז אָט דער אויסרוף זײַנער געווען דאָס אויף וואָס זי האָט די גאַנצע צײַט געוואַרט? עס איז געווען קאָנטיק, אַז יאָ. וואָרים בײַ דעם אויסרוף זײַנעם איז זי, ווי אויפֿגעשרויפֿט געוואָרן און זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם אויסרוף:

— אַז מען וויל קאָן מען! — האָט זי אַן אויפֿגעשרויפֿטע ביז גאָר אויסגערופֿן.

— אַז מען וויל? — האָט ער געפֿרעגט און אַ קוק געטאָן אויף איר מיט גרויס פֿאַרוואונדערונג.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ רואיקייט אויף איר פּנים, וואָס איז געוויינלעך אויפֿן פּנים ביי אַ מענטשן, וואָס זאָגט אַ זעלבסטפֿאַר־שטענדלעכקייט, און זי האָט געזאָגט:

— מען נעמט און מען האָט חתונה מיט מיר, און מען ברענגט מיך קיין אַמעריקע.

— חתונה מיט דיר?

ער האָט אַרויסגעבראַכט פֿון זיך אָט־די פּרעגנדיקע ווערטער מיט אַזאַ איבעראַשונג אין זיין קול, גלייך ער האָט פֿריער גאָר קיינמאָל נישט אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם, און גלייך נאָכדעם זיך אין דער מחשבה באַשולדיקט, אַז אייגנטלעך איז די איבעראַשונג אין זיין טאָן נישט מער, ווי אַ טעאַטער שפּיל.

— האָב איך אין זיך אַליין נישט אַ פּאָר מאָל אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם?

ער האָט זיך געפֿרעגט אין דער מחשבה אָט די פֿראַגע און דערפֿילט אַ מין בזיון פֿאַר זיך אַליין.

— הם, יאָ, פּראָסט און פּשוט, — האָט ער אַרויסגעמורמלט און פֿאַר־רויכערט אַ פֿרישן ציגאַרעט.

בתיה האָט געשוויגן און ער, בלאָזנדיק דעם רויך פֿון מויל, האָט זיך פּלוצלינג אָנגעכאַפּט אָן דער פֿאַרענטפֿערונג, וואָס איז אים געקומען אין געדאַנק, אַז זיין איבעראַשונג איז נישט געקומען פֿון דעם, וואָס זי האָט געזאָגט, נאָר פֿון דער פּראָסטקייט און פּשוטקייט מיט וועלכע זי האָט דאָס אַרויסגעזאָגט.

ער האָט אַ שמייכל געטאָן און זיך געקליבן עפּעס צו זאָגן, אָבער דאָ האָט בתיה זיך ווידער געווענדט צו אים אויף דעם זעלבן פּראָסטן און פּשוטן אופֿן.

— סיידן איר זענט צו עמיצן צוגעבונדן דאָרטן ביי אייך אין אַמע־ריקע, און איר קאָנט דאָס נישט באַוויזן, — האָט זי געזאָגט.

— דו רעדסט אַזוי מאָדנע, בתיה, — האָט ער אַ מורמל געטאָן, און דערפֿילט, ווי אַ טיפֿע אויפֿרעגונג נעמט אים אַרום.

— מאָדנע?

— מאָדנע, ביז גאָר מאָדנע, — האָט ער אָנגעהויבן, און איז ביז גאָר צופֿרידן געווען, וואָס פֿון קיך אַרויס האָט זיך אין דעם מאָמענט דערהערט אסתר מלכהס קול:

— בתיה? בתיהקע!

— יאָ, מומע!

אסתר מלכה האָט זיך באַוויזן אויפֿן גאַניקל, ציִענדיק די שפּיצן פֿון איר קאָפּ־טיכל אונטער דער גאָמבע:

— קינדער, קומט וועט איר איבערבײַסן, — האָט זי געזאָגט, און קוקנדיק צום מאַרק צו אין דער ריכטונג פֿון איר קלייט, האָט זי, אַרויס־לאָזנדיק אַ זיפֿצעלע, צוגעלייגט:

— מען וועט באַלד דאַרפֿן אַריבערגיין אין קלייט אַרײַן. דער אַל־טער האָט נאָך הײַנט קיין גלאָז וואַסער אין מויל ניט געהאַט.

און פֿאַרציִענדיק נאָך אַביסעלע שטייפֿער די שפּיצן פֿונעם קאָפּ־טיכל אונטער דער גאָמבע, האָט זי נאָך אַ טיפֿער זיפֿצעלע אַרויסגעלאָזט:

— טאָמער ווייסטו וואָס? דעם גרויסן פּדיון מעשׂטיינסגעזאָגט!

ביי זעליג ווײַנבערגס מאַמען אין שטוב

בײַם איבערבײַסן איז געקומען צורייד וועגן גיטעלען, וואָס וואוינט אין קיעוו מיט איר מאַן און די קינדער.

— דאַנקען גאָט דערפֿאַר, — האָט אסתּר מלכּה געזאָגט, און ווישנדיק דאָס מויל מיט די פֿינגער האָט זי דערציילט:

— קיין צו אָפֿטע בריוו קריגט מען נישט, אָבער אַז עס קומט אָן אַ בריוו, ווערט מען געוואויר, אַז עס איז נישט צו פֿאַרזינדיקן. זעט אויס, אַז מען איז דאָרטן קיין עין־הרע שטאַרק פֿאַרנומען און עס איז פּשוט קיין צײַט נישטאָ אַרײַנצוואַרפֿן יעדע וואָך אַ בריוול, ווי מיר בעטן זיך בײַ זיי. נו, מילא, געוועז איין מאָל אַ צײַט, ווען מיר האָבן קיין אײַנגעטונקען אות נישט געקראָגן. איך בין קיין נעכט נישט געשלאָפֿן, און דער אַלטער איז אַרומגעגאַנגען, ווי אַ שטומער. עס זײַנען אַרומגעגאַנגען כּל־ערליי קלאַנגען וועגן עפּעס אַזוינע „טשיסטקעס״ דאָרטן. וואָס דאָס איז געווען אַזוינס האָב איך נישט פֿאַרשטאַנען. און אַז איך האָב געפֿרעגט בײַם אַלטן, האָט ער זיך צעבייזערט:

— וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט, האַ?

— אָבער פֿאַרוואָס הערט מען נישט פֿון זיי? — האָב איך געוואָלט, אַז ער זאָל מיר זאָגן.

— אַז זיי שרײַבן נישט, דאַרפֿן זיי מסתּמא נישט שרײַבן!

אָט אַזוי האָט ער זיך געבייזערט און זיך געמאַכט, ווי עס אַרט אים גאָרנישט.

— אוי, האָט עס אים געאַרט! — האָט אסתּר מלכּה אויסגערופֿן, און נישט אויפֿהערנדיק צו ווישן מיט די פֿינגער דאָס מויל, האָט זי דערציילט:

— ער האָט געמיינט, אַז איך האָב נישט געזען, ווי ער גייט ממש אויס פֿון טאָג צו טאָג!

— און איצט? — האָט משה געפֿרעגט.

— איצט איז דאַנקען גאָט דערפֿאַר, — האָט זי געזאָגט און ווײַטער געצויגן:

— עס קומען איצט אויך קיין בריוו ניט אַזוי אָפֿט, ווי מיר וואָלטן געוואָלט דערהאַלטן, אָבער זיי קומען דאָך, און אַז עס קומט אַ בריוו, איז דווקא אַ גרויס נחת.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף משהן מיט אַ בליק, ווי זי וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט:

— וואָס־זשע דער אַלטער האָט דיר גאָרנישט געוויזן די בריוו, וואָס זײַנען אָנגעקומען מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק?

זי האָט זיך צעשמייכלט און דער שמיכל איז אַריבער אין טרעריקער פֿייכטקייט אויף אירע אויגן:

— די ייִנגערע, טײַבעלע, אָדער „טיסענקע", ווי מען רופֿט זי דאָרטן, איז דאָך עפּעס גאָר אַזוינס! — האָט אסתּר מלכּה נחתדיק אָנגעהויבן דערציילן וועגן איר ייִנגערן אייניקל און וועגן דער עלטערער האָט זי מיט שטאָלץ אין איר קול אויסגערופֿן:

— יענע לערנט דאָך אויף אַ דאָקטאָר און די רעגירונג האַלט זי אויס ביז זי וועט קאָנטשען!

— גאָר, ווי בײַ אונדז אין פּוילן! — האָט בתיה אַ ביטערן מורמל געטאָן אין טעלער אַרײַן.

אסתּר מלכּה האָט זיך שטיל צעקרעכצט, און מיט דער פּולער בענקשאַפֿט אין קול געזאָגט:

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, משהניו, ווען נישט דעם אַלטנס עקשנות וואָלטן מיר דאָך שוין פֿון לאַנג געווען אין רוסלאַנד אינאיינעם מיט אונדזערע קינדער.

משה, וואָס האָט געוואוסט דורך די בריוו, אַז גיטעלע מיט באָריסן זײַנען אין די יאָרן פֿון דער מלחמה אַוועק פֿון לויצק קיין קיעוו, האָט פֿונדעסטוועגן איצט געוואָלט וויסן מערער.

— אוי, נישטאָ, וואָס צו רעדן, — האָט זיך אסתּר מלכּה צעקרעכצט אויפֿן קול:

— ווען דאָס פֿײַער פֿון דער מלחמה האָט זיך גענומען רוקן אַהער האָבן זיי געוואָלט, אַז מיר זאָלן איבערלאָזן אַלצדינג אויף הפקר און לויפֿן מיט זיי קיין קיעוו.

און ווישנדיק מיטן פֿאַרטוך די אויגן, האָט זי זיך גענומען אויסריידן דאָס האַרץ:

— דער אידעם מײַנער, געזונט און שטאַרק זאָל ער זײַן, איז בכלל גרינג אויף די פֿיס. אַ ליאַדע וואָס איז נאָר ער רוקט זיך פֿון איין אָרט אויפֿן אַנדערן. איצט מיינסטו וויל ער שוין נישט אַוועק פֿון קיעוו? אין דעם בריוו, וואָס איז אָנגעקומען מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק שרײַבט גיטעלע, אַז באָריסן ציט צו עפּעס אַ לאַנד, וואָס מען זאָגט, אַז עס וועט ווערן אַ ייִדיש לאַנד.

— קיין בירא־בידזשאַן אפֿשר? — האָט משה געפֿרעגט מיט גרויס אינטערעס אין זײַן קול.

— יאָ, יאָ, בידע־בריטשאַן, — האָט אסתר מלכה זיך דערפרייט, וואָס משה ווייסט וואָס דאָס איז אַזוינס.

— הכלל, איז ווי איך האָב דיר שוין געזאָגט, איז מיין איידעם, זאָל ער געזונט זיין, גרינג אויף די פיס, אָבער מיין אַלטער?

אסתר מלכה האָט אַ פיר געטאָן מיט די פינגער איבערן מויל און זיך צערעדט וועגן איר אַלטן:

— דו מיינסט, אַז איך פאַרשטיי נישט מיין אַלטן? מען לעבט דאָ אַזוי פיל יאָרן, מען האָט אַ שטוב, מען פירט אַ מסחר און פלוצלינג אין מיטן מיצקעדרינען נעמט מען און מען לאָזט אַלצדינג איבער אויף הפקר און מען לויפט?

— אַז עס וועט באַשערט זיין וועט מען זיך פון גאָרנישט נישט אויס־באַהאַלטן, — האָט דער אַלטער געטענהט.

— הכלל, מען איז געבליבן.

דאָ האָט אסתר מלכה זיך צעוויינט, און ווישנדיק די טרערן פון די אויגן מיטן פאַרטוך, האָט זי שלוקערנצדיק אויפן קול געמורמלט צו זיך:

— גאָט ווייסט צי אונדז איז נאָך באַשערט, ווען סע נישט איז זיך צו זען מיט זיי.

אַ רגע איז זי אַנטשוויגן געוואָרן, און באַלד האָט זי זיך געווענדט צו משהן:

— איז זאָג־זשע מיר, משהניו, ווי הייסט עס אָט דאָס מקום, וואוהין באָריס רייסט זיך דאָס איצט, האַ?

— בירא־בידזשאַן, — האָט משה געזאָגט.

— נו, יאָ, יאָ, אַזוי הייסט דאָס טאַקע אין דעם בריוו, — האָט זי באַשטעטיקט, און ווי זי וואָלט זיך געוואָלט איינחזרן דעם נאָמען, האָט זי איבערגעחזרט צו זיך:

— יאָ, יאָ, בירע־בריטשאַן, בירע־בריטשאַן, בריטשאַן.

איצט האָט זי זיך געכאַפּט, אַז זי דאַרף צוגיין אין קלייט אַריין און בתיה האָט דערמאָנט משהן, אַז זי האָט צוגעזאָגט אים היינט ברענגען צו זעליג וויינבערגס מאַמען אין שטוב אַריין.

— יאָ, יאָ, — האָט משה געזאָגט, און זיך אויפגעהויבן פונעם בענקל,

— שוין טאַקע צייט אַריבערצוגיין אַהין.

אין דעם מאָמענט האָט זיך באַוויזן חיים מיטן שליסל אין דער האַנט.

— וואָס איז געשען? — האָט אסתר מלכה געפרעגט מיט גרויס חידוש.

— אַ נייע גזירה אויף יידן, — האָט חיים אַ ברום געטאָן בייז אין דער באָרד אַריין.

— וואָס איז שוין ווידער ?

— אַוודאי די אַרבעט פון דעם פּוילישן קאָאָפּעראַטיוו, — האָט ער געלאָזט וויסן זיין מיינונג, און דערציילט, ווי אַזוי עס האָט זיך פּלוצ־לינג באַוויזן אויפן מאַרק אַ פּאָליציאַנט און געלאָזט וויסן, אַז פון הייַנט אָן און ווייטער קאָן מען זונטיק עפענען די קלייטן ערשט נאָך זעקס אין אָונט.

— אַ שיינע, ריינע כפרה זאָלן זיי זיין מיט זייערע גזירות! — האָט אסתר מלכה געשאָלטן פון האַרצן אַרויס, און דערביי אויסגעשפּיגן.

— פאַר אונדז איז דאָס נישט קיין אומגליק, — האָט חיים געזאָגט צו משהן און אַוועקלייגנדיק דעם גרויסן, אייזערנעם שליסל אויפן טיש, האָט ער אַ קרעכץ געטאָן :

— פאַר די איבעריקע קרעמער, וואָס דאַרפן נעבעך, איז דאָס אַן אומגליק.

— מעשטיינסגעזאָגט, וואָס מען לייזט שוין אין די זונטיקס הייַנטיקע צייטן, — האָט אסתר מלכה געזאָגט, כדי צו טרייסטן איר אַלטן, וואָס האָט אויסגעקוקט אַ באַזאָרגטער.

חיים האָט זיך געוואַשן און זיך געזעצט אַ דערשלאָגענער צום טיש, און משה, צי ער האָט זיך פאַרגעסן, אַז ער איז אויפן וועג, צי ער האָט דערמיט געוואָלט אויסדריקן זיין מיטגעפיל צום פעטער, האָט זיך אויך צוריקגעזעצט.

און אַז בתיה האָט דערמאָנט, אַז מען דאַרף גיין צו ברכה הינדעס, האָט חיים אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געזאָגט :

— נו, נו, דער טאָג איז נאָך געננג גרויס.

און אַז מען האָט שפּעטער אַביסל דאָך באַשלאָסן צו גיין, האָט בתיה אַליין נישט געוווּסט פאַרוואָס זי האָט דווקא געוואָלט, אַז משה זאָל טראָגן דאָס בלויע רעקל מיט די פּערלמוטערנע קנעפּ.

זי איז אַריין אין זיין אַלקער אים דאָס ברענגען און פון דאָרטן אַרויס האָט זיך געהערט איר קול :

— זע נאָר, זע, משה האָט דאָך זיינע אָנצוגן אין די רענצלעך ! — האָט זי אַרויסגעשריגן פונעם אַלקער, און מעשה באַלעבאָסטע צוגעלייגט :

— אַז מען וויל מלבושים זאָלן נישט אויסקוקן צעקנייטשט באַדאַרף מען זיי אויפהענגען !

בתיה האָט עס אויסגערופן פון אַלקער אַרויס, און באַוויזנדיק זיך מיטן רעקל אין די הענט, האָט זי געלאָזט וויסן משהן, אַז זי האָט צעהאַנגען זיינע אָנצוגן :

— איבער דער שאַלקע לעבן בעט הענגען זיי, — האָט זי אים גע־

לאָזט ווייסן מיט אַ שמייכל אויפן פּנים.

— אַ דאַנק, בתיהקע, — האָט ער געזאָגט צו איר, און זיין פּנים האָט זיך צעשמייכלט צו איר מיט אַ שמייכל, וואָס ער האָט ביז דע־מאָלט אַזאַ נאָך נישט געגעבן צו איר.

דאָס אַלץ איז נישט פאַרבייגעגאַנגען אומבאַמערקט פאַר דעם בליק פון דער אַלטער אסתר מלכהן, און איר חוש האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז עפּעס הייבט אָן זיך צו וועבן צווישן בתיהן און משהן.

און עס איז געווען, אַז איר האָט אַזוי שטאַרק הנאה געטאָן פון דעם, וואָס עס הויבט אָן פאַרצוקומען צווישן דעם פּאָרל, אַז זי האָט אומבאַ־דינגט געוואָלט טאַקע גלייך אויפן אָרט זיך טיילן וועגן דעם מיט איר חיימען.

זי האָט אָנגעהויבן צו זוכן חיימס בליקן, אָבער ער איז דעמאָלט געווען צו שטאַרק פאַרנומען מיט דעם מילכיקן באָרשט, וואָס איז גע־שטאַנען פאַר אים, און ער האָט איר זוכעניש נישט באַמערקט.

— חיים, — האָט זי אים ענדלעך אַ רוף געטאָן, און ווען ער האָט קוקנדיק אויף איר נישט באַנומען דעם צייכן, וואָס זי האָט אים געגעבן מיט די בליקן, איז זי אומגעדולדיק געוואָרן פון זיין טאַמעוואַטקייט, און זי האָט געזאָגט:

— חיים, ווישׁ זיך אָפּ די באָרד.

— די באָרד ? — האָט ער געפרעגט.

— נו, יאָ, זע, ווי דער באָרשט איז אויף דיין באָרד, — האָט זי גע־זאָגט אין אַ כיטרען טאָן, און דערביי ווידער אַ וואונק געטאָן צו אים.

— האַ ? וואָס ? — האָט ער ווידער געפרעגט נישט באַנעמענדיק אויך איצט, וואָס אַשטייגער זי וויל פון אים האָבן.

דאָ האָט זיך שוין אסתר מלכה צעקאָכט אויף אָן אמתן און אויס־געריפן:

— אַ מענטש זאָל האָבן אַ טבע זיך איינצונעצן די באָרד יעדעס מאָל ווען ער עסט!

— האָסטו געהערט אַביסל ? — האָט זי געברומט, און ער האָט פאַר־חידושט זיך גענומען ווישן מיטן האַנטוך די באָרד.

משה און בתיה האָבן זיך איבערגעקוקט מיט אַ שמייכל אויפן אַדרעס פון דער מומען מיטן פעטער און זיינען אַרויס אין דרויסן.

זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אויפן וועג צו דעם מאָנאַסטירנעם געסל, וואו עס האָט געוואוינט זעליג וויינבערגס מאַמע.

אויפן וועג האָט משה דערציילט בתיהן וועגן זעליגס אָנזעעדיקייט אין דער יידישער ליטעראַטור און וועגן דעם, וואָס ער איז צווישן די

סאַמע געצייל̇טע פון די בני־העיר, וואָס זיינען נאָענט צו אים.

— ווען ער האָט נאָך געלעבט דאָ אין שטעטל פלעגט זיך יאַנקל שרייבער ווינצלען און אָפּחוזקן פון אים.

— זעליגלען ווילט זיך ווערן אַ משורר ביי יידן, — פלעגט זיך יאַנקל שרייבער ווינצלען.

משה האָט עס אַלץ דערציילט בתיהן, וואָס האָט געשפּאַנט ביי זיין זייט און דערביי געזאָגט:

— נו, יאָ, ווער האָט זיך טאַקע דעמאָלט פאַרגעשטעלט, אַז אָט דער זעליגל . . .

בתיה האָט שפּאַצירנדיק זיך צוגעהערט צו משהס דערציילן, און שטיל באַמערקט:

— נו, יאָ, אַז מען כאַפּט זיך אַרויס אין דער ברייטער וועלט אַריין!

— עס איז נישט נאָר דאָס אַרויסכאַפּן זיך אין דער ברייטער וועלט אַריין, — האָט ער געזאָגט:

— מען דאַרף דאָס קודם האָבן אין זיך.

פּלוצלינג האָט ער אין זיין גאַנג אָנגעשטעלט אויף איר זיינע אויגן און אַ מורמל געטאָן:

— בתיהקע.

— יאָ, משה?

— גאָרנישט, גלאָט אַזוי, — האָט ער פריילעך געזאָגט, און אָנגענומען איר אָרעם.

— איר זענט אַזאַ וואוילער, — האָט זי נישט קוקנדיק צו אים שטיל אַ מורמל געטאָן.

— אפשר וואָלטן מיר זיך אויפגעהערט צו אירצן? — האָט ער שטיל אַ פרעג געטאָן ביי איר.

— דו מיינסט, אַז איך זאָל דיך נישט אירצן? — האָט זי געפרעגט, קוקנדיק אויף אים מיט אַן אויפגעלויכטענעם שיין אין אירע בלויע אויגן.

ער האָט זיך צעלאַכט, און צודריקנדיק דעם אָרעם צו זיך, האָט ער געצערטלט איר האַנט.

— משה, מען קוקט אויף אונדז, — האָט זי שטיל געזאָגט.

— זאָל מען, — האָט ער געענטפערט.

מען האָט זיך דערנעענטערט צו דער שטוב, וואָס איז געשטאַנען ביים עק פונעם געסל.

אַפּנים. אַז מען האָט באַמערקט זייער אָנקומען, וואָרים זיי אַנטקעגן איז געגאַנגען דער דינער, טונקל־הויטיקער דוד, דער שוואָגער פון זעליג ווייַנבערגן.

— ברוך הבא, משה. וואָס מאַכסטו, בתיה? — האָט ער זיי באַגריסט און געבעטן:

— קומט אַריין! קומט אַריין!

די שטוב, אַ נידעריקע און אַ ליימיק־אָפּגעווייסטע, איז געלעגן אינעם זוניקן נאָכמיטאָג, ווי אַ פֿאַרמאַטערטע קו מיט האַלב־רויטלדיקע אויגן. דער וועג צו איר האָט געפֿירט איבער אַ האַלצערנע קליאַטקע, וואָס איז געווען איינגעפּרעסט אין דער ערד.

— געסט! אַנגעלייגטע געסט! — האָט זיי באַגעגנט די אַלטע ברכה, ווען זיי האָבן אַריבערגעשפּאַנט די שוועל.

— עטיע ביילעס זון!... קיין עין־הרע... וואָלט עטיע ביילע דער־לעבט!... אוי, מסתמא נישט באַשערט געווען... נו, עטיע ביילעס זון... זעליגל האָט מיר געשריבן.

אַט אַזוי האָט זי באַגעגנט משהן, דעם גאַסט פֿון אַמעריקע, און צו בתיהן האָט זי געזאָגט:

— און דו ביסט דאָך סימעס, האַ? איז וואָס־זשע מאַכט די מאַמע?

די אַלטע ברכה איז אָפּנים געווען היפּש אויפגערודערט, וואָרום זי האָט זיך געהאַלטן אין איין קאָכן:

— טייערע געסט! אַנגעלייגטע געסט! זיצט! זיצט! איז פֿאַרוואָס־זשע זיצט איר נישט?

עס האָט זיך באַוויזן פֿון אַ זייטיק אַלקער אַרויס זעליג ווײַנבערגס שוועסטער, כאַנקע, — אַ פּולע און אַ שמייכלדיקע מיט אויפגעגלאַנצטע בלויע אויגן, ווי ביי איר ברודער, און די מוטער האָט זיך גלייך גע־ווענדט צו איר:

— יאַ, יאַ, טאַקע. אַט אַזוי אַקוראַט האָט אונדז זעליקל, זאָל געזונט און שטאַרק זיין, געשריבן.

משה האָט דערווייל אַריינגענומען אין זיך אַריין די שטוב. אַט די שטוב, וואָס איז אין זיינע גאָר פֿריע יאָרן געווען אַ שטוב, ווי אַלע שטי־בער אינעם שטעטל איז איצט פֿאַר אים געוואָרן ביז גאָר וויכטיק.

פֿאַר זיינע אויגן איז אויפגעגאַנגען זעליג, ווען ער איז איינמאָל גע־קומען אַהיים אויף סוכות מיט היפּש אונטערגעשניטענע פּיאותלעך און עס זיינען געווען נישט אַזוי די פֿאַרקירצטע פּיאותלעך, וועגן וועלכע מען האָט גערעדט, ווי וועגן דעם מאָדנעם היטעלע, וואָס ער האָט געטראָגן.

דאָס איז געווען אַ היטעלע פֿון דעם זעלבן שוואַרצן קאַרטאָן, ווי מען האָט געטראָגן אין שטעטל, נאָר וואָס־זשע דען? אַנשטאָט דאָס דוניקל זאָל גיין אַרויף, האָט זיך דאָס אַרונטערגעלאָזן נידעריק און איבערן

דאַשעקל האָט דאָס געהאַט אַ געשטריקט שוואַרץ־זײַדן בענדעלע מיט צווײ קנעפּלעך בײַ בײדע זײַטן.

— טראָגן אַזוי אַלע ישיבה־ייִנגלעך אין ראָוונע? — האָט מען אים געשפּילקעוועט, און ער? עס זאָל אים אָנהייבן צו אַרן!

משה האָט זיך דערמאָנט, אַז אײנעם שטעטל האָט מען דעמאָלט גע־רעדט, אַז עס איז נישט חלילה די ישיבה, וואָס האָט פאַרקירצט זעליגס פּיאותלעך און אים אָנגעטאָן אַ קוידעשעראַוועט היטעלע, נאָר עס איז די ראָוונער גרויסע שול, וואו זעליגל האָט געזונגען בײַם דאָרטיקן חזן די ימים־נוראים און ער, משהלע, וואָס איז געווען מיט אַ צוויי יאָר ייִנגער פון זעליגן, האָט שוין גאַרנישט געוואוסט אויף וואָס פריער אים מקנא צו זײַן, — אויפן היטעלע, וואָס איז אים שטאַרק געפעלן געווען, צי אויף דעם וואָס זעליגל איז אַ זינגערל אין דער ראָוונער גרויסער שול.

איצט זײַנען משהס בליקן געהאַנגען אויף צוויי פּאָרטרעטן, וואָס זײַנען געהאַנגען אויף דער וואַנט אין רויטלעכע ראַמען אײנער לעבן דעם אַנ־דערן. אים איז געווען זייער גוט אויפן האַרצן צו זען, ווי האַרט לעבן דעם באַרימטן מגיד, דעם מחבר פונעם מגן־אברהם, ר׳ אברהמעלע שליט״א, הענגט זײַן חבר זעליג ווײַנבערג, דער ייִדישער דיכטער.

— נו, יאָ, סוף־כל־סוף זײַנען זיי דאָך בײדע מחברים בײַ דעם ייִדישן פאָלק, — איז אים דורכגעלאָפן אין געדאַנק.

ער האָט לאַנג געקוקט אויף די צוויי פּאָרטרעטן און שטיל געשמייכלט צו זיך:

— דער טריסקער רבי אין שטרײַמל און זעליג מיט זײַן געדיכטער טשופּרינע, — האָט ער שטיל געשמייכלט צו זיך, און נישט געקאָנט אַוועק־נעמען די אויגן.

— מיר האָבן געסט, — טאַכטער טײַערע, אָנגעלייגטע געסט. בעט זיי זיצן, כאַנקע. וואו איז דוד? וואו זײַנען די קינדער? נישט געקומען נאָך פון דער שולע, האַ?

די אַלטע האָט זיך אַליין אַזוי געקאָכט, בשעת כאַנקע האָט זיך גע־וויטעט מיט די געסט און געבעטן זיצן.

דער טיש איז געווען געדעקט מיט אַ ווײַסן טישטוך, ווי לכבוד שבת, אַ גרויסער גלעזערנער טעלער איז געווען אָנגעפּילט מיט קאַרשן, פלוי־מען, עפּל און באַרן. דורך דער טיר, וואָס האָט געפירט צו דער קיך האָט מען געזען, ווי דוד איז שטאַרק פאַרנומען מיט בלאָזן דורכן הויכן מע־שענעם קוימען אין דעם בײַכיקן מעשענעם סאַמאָוואַר אַרײַן. די פּולע און שמייכלדיקע כאַנקע האָט מיט אַ שבת־יום־טובדיקן מאַניער געבראַכט צום טיש זיסע קיכעלעך און אײַנגעמאַכטס, און די מוטער איז געזעסן אויבנ־

אַן, געפּינטלט פון שטאַרקער אויפגערודערטקייט אירע נאָך ביז גאָר ריינע, בלויע אויגן, און דערביי נישט אויפגעהערט אַלע ווייל שטייפער צו פאַר־ציען די שפּיצן פון איר גאָלד קאָלריקע־געבלימלטע פאַטשיילע.

— עטיע ביילעס זון, — האָט זי נאָכאַמאָל נחתדיק אויסגערופן, און באַלד צוגעלייגט מיט אַ קרעכץ:

— אַזאַ צדקת געווען עטיע ביילע... און אוי, נישט דערלעבט צו האָבן דעם נחת...

זי האָט אַ פּיר געטאָן אירע דאַרע, אויסגעהאָרעוועטע פינגער איבערן מויל און פרום זיך צעקרעכצט:

— נו, מסתמא איז דאָך דאָס גאָטס ווילן.

— זעליג האָט אונדז געשריבן, — האָט כאַנקע אָנגעהויבן, אָבער די מאַמע האָט זי איבערגעריסן:

— אוי, ער האָט דאָך טאַקע געשריבן, אַז דו ביסט דאָרטן אין ניו־יאָרק זיין בעסטער...

דאָ האָט זי אַ קוק געטאָן אויף איר טאָכטער און ביי איר געפרעגט:

— איז נו־זשע, כאַנקע, ווי אַזוי האָט עס אונדזער זעליגל געשריבן דאָרטן אינעם בריוו?

— אַ שיינער מענטש און מיין גוטער חבר, — האָט כאַנקע איבער־געגעבן, וואָס זעליג האָט געשריבן, און משה האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף די פאָרטרעטן.

האָט כאַנקע דערפילט משהס מחשבות? אפשר, אַז יאָ, וואָרים איר קיילעכדיק פּנים האָט זיך גוטמוטיק און פריידיק צעשמייכלט, און זי האָט געזאָגט:

— ביי דער מאַמען איז אונדזער זעליגל אויך אַ מין רבי.

דוד, וואָס איז אין דעם מאָמענט אַריינגעקומען מיט דעם בייכיקן סאַמאָוואַר אין די הענט, האָט איבערגעכאַפּט זיין ווייבס ווערטער און באַמערקט פלוצלינג:

— אַ קלייניקייט פאַר דער שוויגער איר זעליגל!

— וואָס־זשע? — האָט זיך די אַלטע אַ רודער געטאָן פון איר שטול און קוקנדיק אויף איר איידעם מיט אַ גוטמוטיקן געבייזער, האָט זי געפרעגט:

— אַ סך חרפּות און בושות געמסטו דאָס איין פון דיין שוואָגער, חלילה?

— אָבער, שוויגער, — האָט זיך דוד געפּרובירט אַ רייץ טאָן מיט איר:

— אַ שטריימל טראָגט ער?

די אַלטע ברכה האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. זי האָט אים גע־

ענטפערט מיט אַ שפּילקעלע אויף אַ שפּילקעלע.

— מען קאָן זיין אַ גוטער ייד אין אַ פּשוטער היטל אויך, — האָט זי געזאָגט, און וואָנדערנדיק זיך צו משהן, האָט זי נחתדיק אים דערציילט:

— ווען ער איז דאָס לעצטע מאָל געווען, האָט ער אָנגעטאָן דאָס היטל צו יעדן עסן.

— הער אַ מעשה! — האָט דוד אויסגערופן מיט אַ זייטיקן ווינקעלע צו משהן:

— דאָס איז דאָך געווען בלויז איך צוליב צו טאָן, שוויגער, נישט אפשר?

דער אַלטערס פּנים האָט אויפגעלויכטן, און אַ צי טוענדיק מיט טרי־אומף די שפּיצן פון איר פּאַטשיילע אונטער איר גאָמבע האָט זי אויס־גערופן אויפן קול:

— איז דאָס נאָך אַ גרעסערע מצוה!

— אַוודאי, אַוודאי! — האָט משה מיט איר מסכים געווען, פּילנדיק, אַז די אַלטע ווערט אים ביז גאָר נאָענט.

— אַ קלייניקייט, כיבוד־אם!

— דו הערסט, דוד, האַ? — האָט זי זיך געווענדט צו איר איידעם מיט גרויס נחת אויף איר אויסגעבלייכט, געליניעט, אָבער נאָך אַלץ ביז גאָר לעבעדיקן פּנים.

משהן איז זי אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט איר געוואָלט צושאַרן וואָס מער נחת, און ער האָט צוגעלייגט דעם פריערדיקן:

— בישקשה, איר מעגט זיך איבערנעמען מיט אייער זון.

— דו הערסט, דודל, האַ? דו הערסט, וואָס עטיע ביילעס זון זאָגט וועגן מיין זעליגלען?

— עס קלינגט דאָך אַ וועלט מיט אייער זעליגן! — האָט משה אונ־טערגעוואָרפן נאָך וואַרעמקייט אין איר מאַמעשן געמיט אַריין.

דוד, וואָס האָט זיך געזעצט צום טיש האָט ווייטער געוואָלט זיך רייצן מיט דער שוויגער, אָבער זיין ווייבס אויגן האָבן אַ קוק געטאָן אויף אים:

— נו, זאָל שוין זיין גענוג, דוד!

— אָט האָסטו דיר, די שוועסטער שוין אויך! — האָט ער לאַכנדיק געזאָגט צו משהן און אָנהויבנדיק אָנצופילן די גלעזער מיט סענץ פונעם ווייסן טשייניק איבערן סאַמאָוואַר, האָט ער זיך גענומען קלאָגן:

—עס איז דיר אַן אַקט מיט דער מאַמען און דער טאָכטער. מען טאָר דאָך קיין שטויבעלע נישט וואַרפן אויף זעליגלען!

— גאָט זאָל מיר העלפן, אַז מיין אברהמעלע זאָל מיר אויסוואַקסן אַזוי ווי מיין ברודער, — האָט כאַנקע געזאָגט און אַזאַ ליכטיקייט האָט

זיך אַ שפּרייט געטאָן אויף איר קיילעכדיק פּנים, וואָס האָט אין דעם מאָ־מענט זייער שטאַרק דערמאָנט דאָס פּנים פון איר ברודער.

דורכן צעעפנטן פענצטער האָט זיך געזען אַ גאָרטן. אַ ווינטל האָט געוויגט די באַבלעטערטע קעפּלעך פון די רויזן־קערעלעך, וואָס האָבן דערגרייכט העכער פונעם פענצטער. די אָנגעפילטע שאָלן מיט בעבלעך האָבן געציטערט אויף די גרינע אָדערן, וואָס האָבן זיך געשלענגלט אַרום די דינע טיטשקעס.

משה האָט זיך דערמאָנט אין דער מעשה, ווי אַזוי אַט דאָס אָפענע פענצטער האָט זעליגן געראַטעוועט זיין לעצטן באַזוך דאָ אין שטוב ביי דער מאַמען. ער האָט דין און טרויעריק געשמייכלט צו זיך. אין זיינע אויערן איז אויפגעגאַנגען דאָס הילכיקע געלעכטער פון זיין בעלאַן, ווען זי האָט ביים טיש אין זייער דעמאָלטדיקער שטוב זיך צוגעהערט צו אָט־דער מעשה.

— די מאַמע האָט נישט פאַרגעסן, אַז איך האָב ייִנגלוויז זייער שטאַרק ליב געהאַט די שבתדיקע צעקאָריע מיט דער געלער, הויטיקער אויס־געבריטער מילך פונעם פיעקעלאָק, — האָט זעליג דעמאָלט דערציילט און איז דערביי אַליין זיך פאַרגאַנגען אין אַ פריילעכן געלעכטער.

— און דאָס האָט איך שוין אוודאי נאָך אַזוי פיל יאָרן גאַרנישט גע־שמעקט ? — איז בעלאַ געוואָרן נייגעריק.

— נישט געשמעקט ? איך האָב געמיינט, אַז איך וועל אומקומען, — האָט זעליג דערציילט און דערביי געמאָלן אַ בילד, ווי אַזוי די מאַמע זיינע זיצט קעגן אים און קוועלט, וואָס די מילך איז איר אַזוי שטאַרק געראָטן לכבוד איר טייערן גאַסט.

— און די גלאָז האָט אין זיך געהאַט אַ סך הויט, האַ ? — האָט בעלאַ אָנגעקוואָלן.

— אַ באַרג סיני, — האָט זעליג באַשטעטיקט.

— און איר האָט געטרונקען, האַ ?

זעליג האָט דערציילט, ווי אַזוי ער האָט געזופּט, פילנדיק דעם טעם פון ריצנאייל אין מויל.

— אָבער די מאַמע האָט געקוקט און איז געווען זיכער, אַז זי האָט מיר צוגעטראָפן, איז ווי־זשע האָב איך געקאָנט שטערן איר הנאה, וואָס זי האָט געהאַט קוקנדיק אויף מיר ?

זעליג האָט געמאָלן די פרייד, וואָס ער האָט דערפילט, ווען די מאַמע איז אַריין אין אַלקער זיך איבערצוטאָן פאַר דער שול.

— זי איז אַרויס, און איך פליוך די צעקאָריע מיט דער הויט דורכן אָפענעם פענצטער אין גאָרטן אַריין !

— כאַ! כאַ! — האָט בעלאַ האַרציק געלאַכט, און נאָך שטאַרקער האָט זיך איר געלעכטער צעטראָגן, ווען זעליג האָט געמאָלן די מאַמע אין איר שבתדיקן מלבוש ביים אַרויסקומען פונעם אַלקער אירן:

— זע נאַר, זון, האָסט שוין אויסגעטרונקען? — האָט זי געפרעגט מיט פרייד אין אירע אויגן:

— אָט גיב איך דיר נאָך אַ גלאָז? — האָט זי געזאָגט.

בעלאַ האָט געלאַכט, און זעליג האָט, ציענדיק דעם ציגאַרעט, געזאָגט מיט פאַרטראַכטקייט אין זיין קול:

— זעט אויס, אַז דער נעכטן איז מלא טעם, בלויז ווען מען חלומט וועגן אים.

משה האָט געקוקט אויף זעליגס נעכטן מיט וועלכן עס איז געווען אָנגעפילט די שטוב און ביי זיך געטראַכט, אַז געמיינט האָט זעליג מיט זיין אויסדרוק דעמאָלט נישט בלויז די צעקאַריע מיט דער מילך, נאָך אויך עפּעס אַנדערש.

— איך האָב אַ וואונדערלעכע מאַמע, — האָט ער געהערט זעליגן אַ סך מאָל זאָגן.

— איז וואָס־זשע וועסטו מיר דערציילן פון מיין זעליגן? — האָט די אַלטע ברכה געפרעגט:

— דו קאָנסט דאָך אַוודאי אויך די שנור? דאָס אייניקל מיינס? און דעם יינגערן זון מיינעם זעסטו אויך אַמאָל? זעליגל שרייבט מיר, אַז אויך מיין יינגערער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן?

— דעם יינגערן זע איך זעלטן, אָבער זעליגן מיט דער משפּחה זייער, נו, יאָ, אַוודאי, — האָט משה אָנגעהויבן, און באַלד האָט ער פּריילעך אַ זאָג געטאָן צו איר:

— איר וועט דאָך באַלד האָבן זעליגן ביי זיך!

— איך הער, אַז ער איז שוין איצט אין וואַרשע! — האָט זי אויסגערופן און דאָ איז איר טאָן געוואָרן אָנגעפילט מיט אַביסל פאַרדרוס.

— אַנומעלטן איז אויך אַזוי געווען, פריער קומט ביי אים וואַרשע און דערנאָך ערשט די מאַמע.

דאָ האָט דוד געפונען אַ געלעגנהייט זיך ווידער אַ ריין צו טאָן מיט דער שוויגער:

— נו, ווער־זשע האָט אייך געהייסן אויסהאָדעווען אַ זון, וואָס זאָל ווערן אַ באַרימטקייט?

אָבער דווקא אָט־די באַמערקונג פונעם איידעם האָט אויפגעלויכטן דאָס פּנים ביי דער אַלטער.

— מעשטיינס געזאָגט מיין האַרעוואַניע! — טאָמער האָב איך גע־

צאָלט פאַר אים דאָס ביסל מלמד־געלט! מיינע שונאים זאָלן דאָס פאַר־מאָגן, וואָס איך האָב אויסגעגעבן פאַר אים ביי יאַנקל דעם שרייבער, אַז ער זאָל אים אויסלערנען שרייבן!

אַט אַזוי האָט זי געזאָגט, און ווישנדיק זיך דאָס מויל מיט אַ שפּיץ פון איר פאַטשיילע, האָט זי שטיל און פרום אַרויסגעמורמלט צו זיך אַליין:

— איך ווייס גאָרנישט מיט וואָס איך האָב דאָס אַזוי זוכה געווען ביי אים, וואָס לעבט אייביק.

פאַר גרויס גליק האָבן זיך באַוויזן טרערן אין אירע אויגן און זי האָט געפרעגט:

— פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ זכיה?

משה האָט זיך פאַרטראַכט וועגן דער יידישער דערציאונג, וואָס מען האָט אַמאָל געקראָגן אין די שטעטלעך:

— און דאָך האָבן די שטעטלעך אַזוי פיל געגעבן, — איז אים דורכ־געגאַנגען אין מוח.

— כמעט די גאַנצע יידישע ליטעראַטור איז דאָך געשאַפן געוואָרן פון מענטשן, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן און געלעבט זייער פריע יוגנט אין די קליינע יידישע שטעטלעך.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף בתיהן, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן אַ שווייגנדיקע, און ער האָט זיך געווענדט צו איר:

— דענקסט, אַז מיר וועלן נאָך היינט קאָנען אַריינכאַפּן אַ פאָר קלאַסן אין דער יידישער שול?

בתיה האָט אים געוואָלט ענטפערן, אָבער פונקט אין דעם מאָמענט האָבן זיך באַוויזן די צוויי קינדער פון דער שול.

— אונדזער פאַרמעגן, — האָט כאַנקע פאַרגעשטעלט דאָס טעכטערל פייעלען און דעם זינדעלע אברהמלען, און דוד האָט מיט שטאָלץ אין זיין קול צוגעלייגט:

— גייען ביי אונדז אין דער תרבות!

— אין דער תרבות? — האָט משה געפרעגט, און עס קאָן זייער גע־מאָלט זיין, אַז אין זיין קול איז געווען אַביסל חידוש, וואָרום כאַנקע האָט גלייך באַמערקט:

— אונדזער זעליג איז אַוודאי מער פאַר דער יידישער שול, אָבער מיר האָבן זיך אונדזער אייגענעם דרך.

אין דעם אופן, ווי זי האָט דאָס אַרויסגערעדט האָט זיך געפילט אַ סימן פון שטאָלץ, וואָס האָט געמיינט צו לאָזן וויסן, אַז כאָטש איר זעליג איז טאַקע זעליג, וואָס איז איר אַזוי שטאַרק איינגעבאַקן אין האַרצן, זיינען

זי און איר דוד אויך נישט אַזעלכע, װאָס מען קאָן אָװעקמאַכן מיט דער האַנט.

— און װאָס איז דײַן דרך? — האָט משה אין אַ שפּאַסיקן טאָן אַ פרעג געטאָן בײַ פּײַעלען.

פּײַעלע, אַ מײדעלע פון אַ יאָר דרײַצן, װאָס האָט געהאַט דער מאַמעס בלױע אױגן און דעם טאַטנס טונקל־שאָקאָלאַדנע הויט, האָט זיך פאַר־רויטלט און שעמעװדיק געפרעגט בײַ איר פאָטער:

— איז דער פעטער זעליג נישט קיין ציוניסט?

דוד האָט זיך צעלאַכט און גלעטנדיק דער טאָכטער אויפן קעפּל, האָט ער איר געזאָגט אין אַן ערנסטן טאָן:

— דער פעטער דײַנער איז אַ טײַערער ייִד, הלװאי אַ סך אַזעלכע. אָבער, װאָס שייך ציוניזם, האָט ער זיך זײַנעם אַן אײגענעם דרך.

פּײַעלע האָט געװאָלט נאָך עפּעס פרעגן, אָבער אַברהמעלע, דאָס ייִנגערע ברודערל אירס, װאָס איז געװען װי אַ קאָפּיע פונעם טאַטן, האָט איר איבערגעשלאָגן.

ער האָט װאױל־ייִנגליש אַ טענצל געטאָן אין דער לופט אַרײַן און אויסגערופן:

— איך האָב געלײנט אַלע לידער פון מײַן פעטער זעליגן, און אַ סך קאָן איך אויסנװייניק.

— נו, אדרבא, — האָט כאַנקע געװאָלט, אַז ער זאָל באַװײַזן, װאָס ער קאָן און אַברהמעלע האָט איר גלײַך צוליב געטאָן און איבערגעלײענט אײנס פון זעליג װײנבערגס קינדער־לידער.

— גוט! זײער גוט! — האָט זיך משה געפרײט און געגלעט אַברהמלען אויף אַ בעקל.

— זעליג רעדט דאָך שטענדיק װעגן די קינדער, — האָט משה געזאָגט.

— אוי, משהניו, זאָלסטו נאָר הערן, װי זײ רעדן לשון־קודש! — האָט די אַלטע ברכה אויסגערופן מיט אַ נחתדיקן קול.

— און איר פאַרשטײט דעם לשון־קודש, װאָס זײ רעדן? — האָט משה לאַכנדיק, געפרעגט.

דאָ האָט דוד זיך װידער גענומען צו דער אַלטער שװיגער זײַנער און געזאָגט:

— נו, און זעליגס ביכער פאַרשטײט זי דען? און דאָך...

— װאָס הייסט איך פאַרשטײ נישט מײַן זעליגלס ביכער, האַ? — האָט זיך ברכה אויפגערעגט:

— האָסטו געהערט אַביסל, איך פאַרשטײ נישט!

דוד האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, אָבער דאָס מאָל האָט שוין כאַנקע שטרענג זיך אַריינגעמישט:

— הער שוין אויף! מען קאָן דאָך טאַקע מיינען, אַז דו באַהאַנדלסט דער מאַמען, ווי, חלילה, אַ בייזע שוויגער!

— כאַ! כאַ! כאַ! — האָט זיך דוד צעלאַכט אויפן קול.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דעם בענקל, צוגעגאַנגען צו דער אַל־טער און אַרויפלייגנדיק די הענט אויף אירע אַקסלען געפרעגט:

— נו, וואָס זאָגט איר צו אייער טאָכטער, האַ?

— גיי, גיי, ביסט אַ שייגעץ! — האָט די אַלטע גוטמוטיק אויף אים אָנגעשריגן.

משה האָט זיך אויפגעהויבן און זיך געווענדט צו בתיהן, וואָס איז געזעסן אַ פאַרטראַכטע לעבן אים.

— נו, בתיה, אפשר וועלן מיר נאָך אַריינכאַפּן עפּעס אין דער שול, האַ?

בתיה האָט זיך אויפהייבנדיק פון איר אָרט באַמערקט, אַז אַזוי ווי די תרבות־שול איז אויפן וועג, זאָל מען זיך אויך אַהין אַריינכאַפּן אויף אַ פּאָר מינוט:

— מעגסט אַ קוק טאָן דאָרטן אויך, — האָט זי טראַציק אַ זאָג גע־טאָן צו אים.

— אדרבא, מהיכי תיתי, — האָט משה געזאָגט, אָבער דאָ האָט פייגלע זיך אַריינגעמישט און געלאָזט וויסן:

— אונדזער שול האָט זיך היינט געשלאָסן ביז איבער די יום־טובים!

— יאָ, יאָ, — האָט אברהמעלע פריילעך באַשטעטיקט!

— ביז נאָך די יום־טובים!

— געשלאָסן? — האָט זיך בתיה געחידושט.

— אַ שאָדע, — האָט זי באַמערקט מיט באַדויער.

— איז וועלן מיר זיך לאָזן דירעקט אין דער יידישער, — האָט משה צוגעאיילט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז אויך די יידישע שול קאָן זיך נאָך צומאַכן.

— איז וואָס־זשע, מען גייט שוין טאַקע? — איז די אַלטע געוואָרן אומצופרידן.

— מיר וועלן קומען נאָכאַמאָל, — האָט משה זי געגומען באַרויקן, און ער האָט זיך אָנגעהויבן צו געזעגענען, אָבער ברכה האָט נישט נאָכ־געגעבן:

— זע נאָר, זע! האָסט דאָך מיר נאָך גאָרנישט דערציילט וועגן מיין שנור און מיין אייניקל, — האָט זי געטענהט.

— איר האָט אַ טייערע שנור, און זייער אַ זיס אייניקל, — האָט

משה שוין שטייענדיק אויף די פיס זי געזוכט צו באַרואיקן.

— שוין דאָס צווייטע מאָל, אַז ער קומט. נעכאַי וואָלט ער מיטגע־נומען דאָס ווייב מיטן קינד.

— עס איז גרינג צו זאָגן, — האָט משה געפּרובירט פאַרענטפערן זיין חבר זעליגן.

— וואָס־זשע, שוויגער, איר ווייסט דען נישט, אַז זעליג איז אַ יידי־שער שרייבער, און נישט קיין מיליאָנטשיק, — האָט דוד אָנגעהויבן זיך אַריינמישן.

— האָב איך אַ דאגה, וואָס ער איז נישט קיין מיליאָנטשיק! — האָט זיך ברכה צעבייזערט אויף איר איידעם, און גענומען דערציילן משהן אויפן וועג צו דער טיר.

— שרה, די דובּרינסקער, קאָנסטו דאָך? נו, יאָ, אַוודאי קאָנסטו זי, איז זאָלסטו נאָר הערן, ווי זי באַוויינט די וועלט, און צו מיר האָלט זי אין איין טענהן:

— דיין זון טוט דיר אָן דעם כבוד שוין דאָס צווייטע מאָל, און מיינער, וואָס איז אַן עושר וויל נישט קומען זען דער מאַמען.

— איר זון איז טאַקע אַ מיליאָנער, — האָט משה באַשטעטיקט.

— איז הער־זשע, משהניו, הער־זשע! — האָט די אַלטע ברכה זיך צעקאַכט אויפן קול.

— ער שיקט איבער אַהער צו דער מאַמען אוצרות, אָבער וואָס אַזוינס, מעשטיינס געזאָגט?

— זי באַהאַלט דאָס געלט אין דער שטרוי פון איר בעט, — האָט זיך כאַנקע אַריינגעמישט.

— איז הער־זשע, הער־זשע, משהניו! — האָט ברכה זיך נישט גע־לאָזט איבערשלאָגן און זי האָט דערציילט:

— ברכהניו, וויינט זי און קלאָגט פאַר מיר, און זי טענהט: מיינער שיקט מיך אַ סך געלט, אָבער וואָס דאַרף איך דאָס געלט? אויף נדן אפשר? התונה צו האָבן אויף די אַלטע יאָרן מיט אַ יונגנמאַן?

— כאַ! כאַ! — האָט זיך בתיה צעלאַכט.

— יאָ! יאָ! — אָט אַזוי קלאָגט און וויינט פאַר מיר שטענדיק די מאַמע זיינע, — האָט ברכה דערציילט און דערביי איבערגעגעבן שרהס טענות:

— דיינער, זאָגט זי, איז נישט קיין עושר, אָבער אַ זון איז ער, שוין איין מאָל אַ זון!

— וואָס שייך הילף, טוט אונדזער זעליג פאַר אונדז אַ סך מער, ווי

ער קאָן, — האָט כאַנקע נישט געלאָזט פאַלן קיין שטויבעלע אויף איר ברודער.

— וואָס־זשע, איך באַקלאָג זיך דען, חלילה? — האָט די אַלטע זיך באַליידיקט, און זיך געווענדט צו משהן מיט פאַרדרוס אין איר קול:

— איז גייסטו שוין טאַקע, האַ? נאָך גאַרנישט גערעדט, און דו גייסט שוין אַוועק!

— איך מוז, ברכה, איך מוז! — האָט משה זיך פאַר איר פאַרענט־פערט, און דערביי פאַרזיכערט:

— איך וועל זיין ביי אייך נאָכאַמאָל.

— ווען?

— זיכער, ברכה, זיכער!

ביים אַרויסגאַנג האָט משה באַמערקט דאָס ספרים־שראַנקל און ער איז געבליבן שטיין.

זיינע בליקן האָבן אויפגעכאַפּט די רוקנס פון זעליג וויינבערגס בי־כער זייט ביי זייט מיט די חומשים, משניותן און נאָך אַזעלכע הייליקע ספרים.

— שיין, — האָט ער אַ מורמל געטאָן און דורכגעפירט מיט די פינ־גער איבער די רוקנס פון די ביכער און די ספרים.

— שיין, זייער שיין! — האָט ער נאָך אַמאָל אַ מורמל געטאָן צו זיך מיט גרויס צופרידנקייט.

דוד האָט באַמערקט משהס גערירטקייט און צופרידנקייט און זיך צעשמייכלט:

— ביי דער שוויגער זיינען איר זעליגס ביכער אויך הייליקע ספרים.

— וואָס־זשע? — האָט די אַלטע געפרעגט, און אַפּנים זיך געקליבן צו ענטפערן איר איידעם, אָבער משה האָט אַ גלעט געטאָן איר האַנט און צערטלעך געזאָגט צו איר:

— זיי זיינען, ברכה, זיי זיינען!

די גאַנצע משפחה האָט אַרויסבאַגלייט די געסט איבערן שוועל און געבעטן קומען נאָך אַמאָל.

— יאָ, — האָט משה פאַרזיכערט, נעמענדיק בתיהס אָרעם, אויף וואָס כאַנקע האָט שטיל באַמערקט:

— איך זאָל אַזוי לעבן, ווי דאָ ווערט אַ שידוך.

צעפּעלעך און טרעפּעלעך

אויפן וועג צו דער יידישער שול איז די זון געהאַנגען אינ־מיטן פּונעם הימל פּונקט איבער דעם מאַרק און זיך נישט געוואונדערט הלמאי די קליטלעך זיינען געשלאָסן און הלמאי די יידישע קרעמער שטייען ביי די שוועלן פון די צוגעמאַכטע טירן, כאַטש זיי ווייסן, אַז עפּעגען וועט מען זיי קאָנען ערשט ווען די זון וועט זיך זעצן.

זי זון האָט געקוקט אַ גלייכגילטיקע, ווי די יידן האָבן געדרייט די גרויסע אייזערנע שליסלען צווישן זייערע פינגער און פּונקט אַזוי גלייכ־גילטיק האָט זי געקוקט אויפן גאַנצן ליידיקן מאַרק, אויף די קלויסטערס, וואָס זיינען שוין איצט געווען פאַרמאַכט, האַלטנדיק אין זיך די תפילות פונעם פרימאָרגן וועמענס וועגן צום הימל זיינען געווען פאַרשטעלט דורך די קללות פון די באַליידיקטע יידן איבער דער נייער גזירה אויף זייער בידנער פּרנסה.

ווען משה מיט בתיהן האָבן שווייגנדיק דערגרייכט דאָס הילצערנע בריקל צום שאָסיי, האָט נאָטל שייעס געמאַכט אַ באַוועגונג פון דער שוועל ביי זיין צוגעשלאָסן קלייטל איבערצושניידן זיי דעם וועג, כדי אַריינצו־כאַפּן מיט משהן אַ פּאָר ווערטער, אָבער אין דעם זעלבן מאָמענט האָט זיך געפּעדערט שמחה שמעלקע מלמדס און אים פאַרלאָפן דעם וועג.

— נאָך אַמאָל אַ שיינעם שלום־עליכם דיר, משה, — האָט שמחה שמעלקע מלמדס אויסגערופן און אויסגעשטרעקט משהן זיין דאַרע האַנט.

ווען משה האָט אָנגענומען שמחהס האַנט האָט ער באַמערקט, ווי אויף דעם שלום־עליכם געבערס פּנים האָט זיך צעגאָסן אַ צופרידענער שמייכל, וואָס האָט אַזש דערגרייכט די ברייטע גרויע באָרד זיינע, אין וועלכער עס זיינען נאָך געווען סימנים פון אַמאָליקער געלקייט.

— שוין איין מאָל שלום עליכם געגעבן, און אַז מען וויל קאָן מען זאָגן, אַז שוין אפילו צוויי מאָל, כע, כע, כע! — האָט זיך שמחה דריבנע און צופרידן צעלאַכט.

— נעכטן אין בית־המדרש ביים דאַווענען, און דערנאָך אויפן קידוש ביי חיימען, כע, כע, כע!

אָט אַזוי האָט שמחה גערעדט און געלאַכט, געלאַכט און גערעדט, און דערביי אַריינגעפאַלן אין התלהבות פון נעכטיקן קידוש נאָכן דאַווענען ביי חיימען אין שטוב.

משה האָט אים אָנגעקוקט און געשמייכלט. ער האָט גוט געדענקט,

ווען אַט־דער שמחה האָט געהאַט אַ געדיכטע, געלע באָרד.

— איז וואָס־זשע, ר׳ שמחה? — האָט משה געוואָלט וויסן.

— גאָרנישט, גאָרנישט, משהניו, — האָט שמחה זיך צעמורמלט און אַ רויטקייט האָט זיך פאַרצויגן איבער זיין פנים.

עס איז געווען קאָנטיק, אַז אים איז שווער געווען צו קומען צום ריכטיקן וואָרט, אָבער באַלד האָט ער פונדעסטוועגן זיך געשטאַרקט און גענומען רעדן אַזוי ווי ער וואָלט זיינע ווערטער געבראָקט מיט שטומ־פיקן מעסער.

— אַ קלייניקייט, משהניו, אַ קלייניקייט. עס איז אפילו וועגן דעם נישט כדאי צו רעדן.

— איז וואָס־זשע פאַרט, — איז שוין משה געוואָרן אומגעדולדיק, ווארים אים האָט זיך נישט געוואָלט פאַרשפּעטיקן די קלאַסן אין דער שול, וואוהין ער האָט זיך איצט געאיילט.

— עס איז, זאָג איך דאָך דיר, אַ קלייניקייט... עס איז וועגן אַ חוב ישן, וואָס דו קומסט מיר, אַ קלייניקייט טאַקע, אָבער...

— איך אייך אַ חוב ישן? — האָט זיך משה שטאַרק פאַרוואונדערט, קוקנדיק אויף שמחהן.

— אַ קלייניקייט, משהניו, זייער אַ קלייניקייט, — האָט שמחה שמעלקע מלמדס ווידער אָנגעהויבן און באַלד צעמורמלט, ווי פאַר זיך אַליין:

— אַז מען וויל איז דער חוב שוין מער קיין חוב נישט, ווארים אַזאַ צייט... עס איז דאָך שוין עבר הזמן... אוודאי עבר הזמן... כע, כע, כע.

און ווען משה האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף אים מיט פאַרוואונדערונג האָט שמחה אָנגעשטעלט זיינע פינטלדיקע אויגן אויף בתיהן און שטיל געזאָגט:

— ער האָט אפנים פאַרגעסן, אַז איך האָב אַמאָל געהאַט אַ גאַלאַנ־טעריי קלייט און ער איז געווען מיינער א קונה, כע, כע, כע.

— יענע יאָרן, — האָט שמחה שטיל אַ זיפץ געטאָן אין זיין באָרד אַריין.

פלוצלינג האָט זיך משה אַ כאַפּ געטאָן און זיך אַ פּאַטש געטאָן אין שטערן אַריין:

— אוי, אמת, אמת, ר׳ שמחה! — האָט ער אויסגערופן און לאַכנדיק געזאָגט צו בתיהן:

— אוודאי בין איך דאָך געווען זיינער אַ קונה! און נאָך וואָס פאַר אַ קונה! ער פלעגט דאָך מיר געבן אויף באָרג!

— כאַ! כאַ! כאַ! — האָט זיך בתיה פריילעך צעלאַכט און וויזנ־דיק אַ פינגער צו משהן, האָט זי אים געמוסרט:

— אוועק קיין אַמעריקע און נישט באַצאָלט.

דער אַלטער האָט זיך דערפרייט און געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער משה איז אים פאַרלאָפן דעם וועג:

— בין איך אייך טאַקע עפּעס שולדיק געבליבן, ר׳ שמחה?

— עט, אַ קלייניקייט... אַז מען וויל קאָן מען זאָגן, אַז עס איז גאָר־נישט מיט גאָרנישט... ניטאָ וועגן וואָס צו מאַכן אַן עסק, כע, כע, כע...

— איז וויפל־זשע פּאָרט בין איך אייך שולדיק? — איז שוין טאַקע משה געווען פאַראינטערעסירט.

שמחה האָט אַ גלעט געטאָן די באָרד און אָנגעהויבן צו קנייטשן דעם שטערן:

— איך האָב נעכטן געקוקט אין בוך... אַקוראַט וויפל דאָס איז איז מיר נאָך נישט קלאָר. שווערלעך פאַר מיר אַרויסצוקריכן פון דאָרטן... דאָס כתב איז מיט אַ בלייער... אָפּגעריבן אַביסל... אָפּגעבלאַקעוועט אַביסל... האָב איך געקוקט און געקוקט און כע, כע, כע... אויב איך האָב קיין טעות נישט איז דאָס בפירוש אַ קלייניקייט... טאַקע גאָר, גאָר אַ קלייניקייט.

— אָבער וויפל דענקט איר פּאָרט? — האָט משה געוואָלט וויסן און זיך גענומען צו דער קעשענע.

— איך וויס גאָרנישט, — האָט שמחה געענטפערט מיט אַ פאַרשול־דיקט פּנים הלמאי ער האָט אָפּגעשטעלט אַ מענטשן אינמיטן גאַס, און ווייסט נישט וויפל ער דאַרף ביי אים מאָנען.

— איך וועל נאָך אַמאָל אַ קוק טאָן אין בוך, — האָט שמחה געזאָגט אין אַ טאָן פון פאַרענטפערן זיך.

— די קלייט האָט איר שוין מער נישט? — האָט משה געוואָלט וויסן ביי אים.

— די קלייט?

— נו, יאָ, אייער גאַלאַנטעריי קלייט.

שמחה האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און די אויגן האָבן זיך ביי אים צעפּינטלט:

— זינט זי, עליה השלום, איז אויפן עולם האמת, איז אַלץ געגאַנגען צו גרונט, — האָט ער שטיל געזאָגט.

ער איז שטיל געוואָרן, געווישט די באָרד מיט די ציטערדיקע פינ־גער זיינע און אַרויסגעזיפצט:

— דאָס איינציקע, וואָס מיר איז געבליבן פון דער קלייט איז דאָס בוך מיט די אָפּגעריבענע חשבונות.

— מיט אָפּגעריבענע חובות, — האָט בתיה אים אין אַ טרויעריקן טאָן אַרויסגעהאָלפן.

— עס, קליינינקייטן, — האָט שמחה ווידער אָנגעהויבן דאָס פריער־דיקע און מוסיף געווען:

— נישטאָ וועגן וואָס צו רעדן.

משה האָט זיך געכאַפּט, אַז עס ווערט שפּעט, און ער האָט געזאָגט:

— ווייס איר וואָס, ר׳ שמחה? קומט אַריין צו מיר מאָרגן מיטן בוך, וועלן מיר ביידע אינאיינעם זיך אַרויספּלאָנטערן און איך וועל אייך באַ־צאָלן מיט פּראָצענט.

— קיין פּראָצענט וויל איך נישט, חלילה, — האָט דער אַלטער שמחה אָנגעהויבן, אָבער משה האָט אים איבערגעשלאָגן מיט אַ סך ווייכ־קייט אין קול:

— נו, נו, ר׳ שמחה, קומט אַריין צו מיר מאָרגן, און מיר וועלן שוין דורכקומען.

משה און בתיה האָבן זיך געלאָזט מיט גיכע טריט צום שאָסיי צו און באַלד האָבן זיי זיך פאַרקערעוועט צום פּאָטשט־געסל, וואו דאָס הויז פון דער יידישער קינדער־שול איז געשטאַנען. זיי זיינען געגאַנגען אַזוי גיך, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט צו פאַרשפּעטיקן.

— מען זאָל אונדז נישט ווידער אָפּשטעלן, — האָט משה געמורמלט צו בתיהן.

אין דרויסן פון דער שול האָט זיי באַגעגנט דער דירעקטאָר פּיזול ביליצקי:

— געזען אייך אָנקומען, — האָט ער דערקלערט, און צוגעלייגט אין אַ פריילעכן טאָן:

— געסט! חשובע געסט!

ער האָט וואַרעם געדריקט משהס האַנט און געזאָגט צו אים:

— אפילו אומגעריכט, אָבער אָנגעלייגט, זייער און זייער אָנגעלייגט.

אויפן וועג צו דער טיר האָט ער אַ דריק געטאָן דאָס שוואַרצע רעמל איבער זיינע ברילן און אַ שמייכל געטאָן צו בתיהן:

— אָ, בתיה! שוין לאַנג טאָקע נישט געווען ביי אונדז צו גאַסט אין שטעטל.

— יאָ, שוין זייער לאַנג, — האָט זי געזאָגט און אָנגענומען זיין אויס־געשטרעקטע האַנט צו איר.

דורך דער צעעפנטער טיר אין דער שול אַריין האָט אַ שלאָג געטאָן מיט קינדער־גערויש.

— אַביסל שפּעטלעך פאַר אַ באַזוך, — זיי ענדיקן שוין, — האָט

פיװל ביליצקי געזאָגט, און גלייך דערביי אַ רוף געטאָן אין דער הויך אויפן קול:

— שיינדל!

שיינדל, אַ מיידל שוין נישט פון דער פריער יוגנט מיט אַ קורצן האַלדז, וואָס האָט געגעבן דעם איינדרוק, אַז דער מאַסיווער, טונקל־האָרי־קער קאָפּ איז ביי איר אַריינגעשרויפט צווישן די אַקסל אירע, האָט זיך באַוויזן אויפן שוועל ביי דער אָפענער טיר פונעם ביוראָ־צימער מיט ברייט־צעעפנטע און איבערראַשטע בליקן.

— אַזוי, אַזוי, הייסט עס, פּאַרט געקומען! — האָט זי אויסגערופן מיט אַ טאָן, אין וועלכן עס האָט זיך געהערט אַ היפּש ביסל איראָניע.

— אונדזער סעקרעטאַרין, — האָט פיװל ביליצקי פאָרגעשטעלט שיינדלען פאַר משהן באַטאָנענדיק, אַז דאָ האָט מען זיך שוין גאָר היפּש געוואונדערט:

— שוין עטלעכע טעג, אַז איר זענט דאָ ביי אונדז און זיך נישט באַוויזן.

— געוועזן פאַרנומען ביז גאָר מיט פּריוואַטע ענינים, — האָט משה זיך פאַרענטפערט.

שיינדל האָט געדריקט משהס האַנט מיט רעזערווירטקייט אינעם מאַ־ניער, און ווען זי האָט גענומען בתיהס האַנט, האָט זי געזאָגט אַביסל שטעכלדיק צו איר:

— אַ דאַנק דיר, בתיה, וואָס האָסט אונדז אָנגעטאָן דעם כבוד און געבראַכט דעם גאַסט צו אונדז.

בתיהס בלויע אויגן האָבן זיך אַביסעלע אַ צינד געטאָן פונעם שטע־כעלע און זי האָט געענטפערט:

— מיר קומט דאָ קיין שום דאַנק נישט. דער גאַסט האָט מיך מיט־גענומען.

די שטילע אויפרעגונג איז אינגאַנצן פאַרבייגעגאַנגען משהס אויער אומבאַמערקט. אָבער פיװל ביליצקי האָט אַ קוק געטאָן מיט אָפענער רוגזה אויף שיינדלען און זיך געווענדט צו בתיהן מיט דעמאָנסטראַטי־ווער פריינטלעכקייט:

— ביסט אַן אָנגעלייגטער גאַסט, בתיה, זייער און זייער אַן אָנגע־לייגטער גאַסט! — האָט ער באַטאָנט.

— אַ דאַנק, חבר ביליצקי, — האָט זי געזאָגט מיט אַ טריאומפירנדיקן שמייכל אויפן פּנים.

עס האָט זיך באַוויזן דער לערער שלמה זלמן מיט אַ כאָפּטע קינדער, אינעם פּאָראויס.

— אָ, דער גאַסט פון אַמעריקע! — האָט ער אויסגערופן מיט אַ טאָן, וואָס איז געווען שווער צו טרעפן צי אין אים איז געווען איראָניע, אָדער טאַקע דערפרייענדיקע איבערראַשונג.

ער האָט אויסגעשטרעקט משהן די האַנט, און געפרעגט ביי אים:

— דערקענסט מיך?

— אַוודאי דערקאָן איך דיך! שלמה זלמן בערל שניידערס! ווי דען? וואָס הייסט איך דערקאָן גאַרנישט?

שלמה זלמן האָט זיך פריילעך צעלאַכט און דערזעענדיק בתיהן, האָט ער אויסגערופן:

— וואָס־זשע מאַכסטו שיינע טאָכטער פון ציון?

בתיה האָט זיך הילכיק צעלאַכט און דריקנדיק שלמה זלמנס האַנט, האָט זי זיך געווענדט צו משהן:

— פאַרט אַ לערער פון העברייאיש!

— מען דאַרף אַלעמען אַריינרופן אינעם פאַרזאַמלונג־צימער, — האָט פּיזוול ביליצקי אַ זאָג געטאָן צו שיינדלען און זי האָט גלייך גענומען קלינגען מיטן גלעקל און רופן אויף אַ האַלב־מענערישן קול:

— אין פאַרזאַמלונג־צימער! אַלע, אַלע, — קינדער! לערער! אַלע, אַלע אינעם פאַרזאַמלונגס־צימער!

— אינעם פאַרזאַמלונג־צימער! — האָט שלמה זלמן אַרויסגעהאָלפן שיינדלען, און פּיזוול ביליצקי האָט אויך נישט געשוויגן:

— אַלע, אַלע אינעם פאַרזאַמלונג־צימער!

עס האָט לאַנג נישט געדויערט, און משה און בתיה זיינען געזעסן אויבנאָן ביי אַן איבערגעדעקטן טיש צווישן די לערער און אָנפירער פון דער שול, כאָטש די קינדער האָבן נאָך אַלץ געשטופט און אפילו אַביסעלע איינס דאָס אַנדערע אונטערגעשטויסן ביים אַריינגאַנג.

די קינדער האָבן ביסלעכווייז זיך צעזעצט איבער די האַרטע, האַל־צערנע בענק אינעם קליינעם זאַל, וואָס האָט זיך גערופן דאָס פאַרזאַמ־לונג־צימער.

יינגלעך און מיידלעך זייט ביי זייט האָבן רוישיקע פאַרנומען פלעצער, בשעת דער דירעקטאָר פּיזוול ביליצקי איז געשטאַנען פאַר זיי און גע־קלונגען מיטן גלעקעלע.

— רואיק, קינדער, רואיק! — האָט ער צו זיי גערופן.

ענדלעך האָבן זיך די קינדער אויסגעזעצט, זיך איינגעשטילט, און פּיזוול ביליצקי האָט אָנגעהויבן:

— חשובער גאַסט, בן־עיר, משה פינקלשטיין, — אינעם נאָמען פון

אַלע תּלמידים, דעם לערער־פּערסאָנאַל און די טוער אַרום אונדזער שול, זאָג איך אַ האַרציקן ברוך־הבא!

די קינדער און די לערער האָבן אַפּלאָדירט, און פיוול האָט ווייטער גערעדט, באַטאָנענדיק שטאַרק יעדעס וואָרט:

— יעדער איינער, ווער ער זאָל נישט זיין, פון וואַנען ער זאָל נישט קומען צו אונדז, אויב ער פילט אַ באַדערפעניש צו באַזוכן אונדזער שול, איז ביי אונדז זייער אַן אָנגעלייגטער גאַסט, בפרט אַזאַ ווי דער חבר משה פינקלשטיין, וואָס וואוינענדיק אַזוי ווייט פון אונדז אין אַמעריקע, האָט ער דאָך אַזאַ וואַרעמען אינטערעס אין דער קינדער־אינסטיטוציע פון זיין געבורט־שטעטל. אַזאַ, ווי דער היינטיקער גאַסט איז אונדז אַוודאי און אַוודאי אָנגעלייגט.

אונטער די רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן פון די לערער און די קינדער איז פיוולס קול געוואָרן נאָך דערהויבענער און ער האָט געצויגן ווייטער:

— אָט דעם חשובן גאַסט, חבר משה פינקעלשטיינען, וועמען מיר נעמען היינט אויף ביי אונדז מיט דער אויפריכטיקער האַרציקייט איז אונדזער שול נישט קיין פרעמדע זאַך, כאָטש ווען ער האָט זיך געהאָ־דעוועט דאָ אין שטעטל איז נאָך אַזאַ שול נישט געווען, און ער האָט פון אַזאַ שול נאָך דעמאָלט נישט געחלומט, לעבנדיק ביי אונדז אין זיינע יוגנטלעכע יאָרן, האָט ער דורכגעמאַכט די אַמאָליקע חדרים, און ער ווייסט דערפאַר אָפּצושאַצן די גרויסע ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער מעטאָדע פון דער קינדער־דערציאונג פאַר אָט דער צייט, וואָס ער איז אַוועק פון אונדז. זאָל ער זיין געגריסט און זאָל ער זיך פילן, ווי איינער פון אונדזער משפחה.

בשעת פיוול ביליצקי האָט גערעדט האָבן משהס בליקן דערוויל אַריינגענומען אַלץ, וואָס איז געווען אינעם צימער.

ער האָט געקוקט אויף די ווענט איבער וועלכע עס זיינען געווען צעהאָנגען קאָמפּאָזיציעס און קאָלירנדיקע צייכענונגען פון די קינדער. ער האָט באַטראַכט די בילדער פון די אָנגעזעענע יידישע שריפטשטעלער און אים האָט זייער הנאה געטאָן צו זען זעליג וויינבערגס בילד צווישן זיי.

באַזונדער האָבן אים, פאַרשטייט זיך, פאַראינטערעסירט די קינדער.

ער האָט באַטראַכט די אויסגעבלייכטע פנימלעך, וואָס האָבן נאָך בלייכער אויסגעקוקט אינעם שפעטן נאָכמיטאָג־ליכט, וואָס האָט אַריינגעשיינט דורך די פענצטער, און ווען פיוול ביליצקי האָט אים גערופן צום וואָרט, איז ער געווען אַזוי איבערפולט, אַז עס איז אים געווען שווער אויפן מאָמענט צו געפינען דאָס פאַסיקע וואָרט אָנצוהייבן.

אַ נס איז געווען, וואָס די קינדער האָבן אינאײנעם מיט די לערער אָנ־געהויבן זינגען:

לאָמיר אַלע, אַלע אינאײנעם, אינאײנעם
אונדזער חשובן בן־עיר מקבל פנים זײן!

און עס איז געווען, ווי אונטער די טענער פונעם געזאַנג האָט ער נאָך קלאָרער דערזען די קינדערלעך פאַר זיך.

זײערע קולעכלעך האָבן דורכגענומען זײן גאַנץ וועזן. ער האָט באַ־טראַכט זײערע געלאַטעטע און פאַרלאַטעטע מלבושימלעך, די צעדרײטע שיכעלעך אויף זײערע פיסלעך, און באַזונדער האָבן זיך אײנגעגעסן אין זײנע בליקן די קעפּעלעך.

עס איז געווען, ווי דער גאַנצער עלנט פון דעם אָרעמען ייִדישן לעבן האָט זיך קאָנצענטרירט אויף אָט די קעפּעלעך.

די מײדלשע, — שוואַרצהאָריקע, שאַטענהאָריקע און בלאָנדהאָריקע זײנען געווען אויסגעפלאָכטן אין צעפּעלעך דורכגעוועבט מיט לײוונטענע, אָדער ציצענע בענדעלעך, און איבער די ייִנגלשע זײנען געווען טרע־פּעלעך פון די שערלעך מיט וועלכע די מאַמעס, אָדער די טאַטעס האָבן זײ אָפּגעשוירן אויפן פּרימיטיווסטן אופן אָן אַ קעמל אונטער זײערע שאַרפן.

— צעפּעלעך און טרעפּעלעך, — האָט ער אין טיפער גערירטקייט געמורמלט צו זיך, און אים איז אײנגעפאַלן, אַז ווען זעליג ווײנבערג וועט זײ דערזען, וועט ער זיכער אויפשרײבן אַ קינדער־לידל, וואָס וועט הײסן „צעפּעלעך און טרעפּעלעך“, און ענדיקן וועט זיך דאָס אויפן ביאַליקשן אופן:

— מיר זאָל זײן פאַר אײערע כשרע קעפּעלעך.

פון זײן פאַרטראַכטקייט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, ווען ער האָט דער־הערט זינגען זעליג ווײנבערגס אַ ליד, און ווי פון זיך אַלײן האָבן אָנגעה־הויבן אויפצוגײן די ווערטער אויך פון זײן מויל.

ווען דאָס געזאַנג האָט זיך אײנגעשטילט האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ ציטער אין זײן קול:

— טײערע קינדער, חשובע לערער און טוער, טײערער חבר פּיווּל ביליצקי, — האָט ער אָנגעהויבן רעדן צו די קינדער.

— ווען איך בין געווען אין אײער עלטער, בין איך, נו, ווי זאָל איך דאָס אײך זאָגן?

עס האָט אים אַ דריק געטאָן אין האַלדז און ער איז ווידער אַנט־שוויגן געוואָרן. ער האָט זיך אָבער באַלד באַהערשט און ווײטער גערעדט:

— אַט שטיי איך און איך קוק אויף אײַך, טײַערע קינדער, און איך זע פֿאַר זיך מײַנע חדרים, מײַנע מלמדים מיט די קאַנטשיקלעך.

משה איז געווען צופֿרידן, וואָס די קינדער האָבן זיך ביי לעצטע ווערטער זײַנע צעלאַכט. דאָס האָט אים געגעבן אַ געלעגנהייט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם פֿאַר ווײַטערדיקע ווערטער.

— איז וואָס־זשע נאָך זאָל איך אײַך זאָגן, קינדער? עס איז אַזאַ דערהויבונג צו קוקן אויף אײַך, — צו הערן אײַער געלעכטער, אײַער זינגען. איך אין אײַער עלטער בין געווען געוואוינט צו זינגען בלויז די שבתדיקע זמירות און דעם ניגון ביים לערנען גמרא. פֿאַר אַזאַ געזאַנג, ווי איר זינגט דאָ אין אײַער טײַערער שול, וואָלט איך געווען געקראָגן פֿונעם רבין מיטן קאַנטשיק.

ווידער האָבן זיך די קינדער צעלאַכט. אַ יאַטל מיט אַ פּאָר שוואַרצע, שטיפֿערישע אייגעלעך האָט געגעבן אַ פּאַרצי מיט דין קולעכל:

איך וויל נישט גיין אין חדר,
ווייל דער רבי שלאָגט כסדר!

דאָס געלעכטער איז געוואָרן שטאַרקער, קלינגענדיקער, פֿרײלעכער און משה האָט לאַכנדיק מיט אַלעמען אין כאָר פֿאַרענדיקט:

— איך דאַנק אײַך, טײַערע קינדער, פֿאַרן גרויסן פֿאַרגעניגן. איך דאַנק אײַערע לערער און טוער פֿאַרן גרויסן כבוד. איך וועל ברענגען אַ גרוס פֿון אײַך צו אונדזערע לאַנדסלײַט אין ניו־יאָרק. איך וועל זיי דערצײלן וועגן די צעפּלעך אויף די קעפּעלעך פֿון די מיידעלעך און די טרעפּעלעך אויף די קעפּעלעך פֿון די ייִנגעלעך, איבער וועלכע איך שטייג אינעם איצטיקן מאָמענט שטייענדיק דאָ פֿאַר אײַך אין די העכסטע הויכן.

אַט אַזוי האָט משה צוגעפּירט צום שלוס פֿון זײַן רעדע און פֿאַרענדיקט:

— מיר זאָל זײַן פֿאַר אײַערע כשרע קעפּעלעך!

אַ רוישיקער אַפּלאָז האָט זיך צעוויגט, און משה האָט גליקלעך געשמייכלט, זעענדיק דעם ענטוזיאַזם אויך אויף בתיהס פּנים, בשעת זי האָט אַפּלאָדירט צוזאַמען מיט אַלעמען.

יהודה לייב סטאָליאַר

יהודה לייב סטאָליאַר איז געשטאַנען מיט אַ פּאָליטור־שמאַט־קעלע אין דער האַנט איבער אַן אַלט שטיקל מעבל:

— אַז ברענען זאָל זי! — האָט ער געברומט אין דער צעפּאַטלטער באָרד אַריין, מיינענדיק די פּריצה פונעם יאַסנע־וועלמאַזשנע פּאַן קאַ־שינסקי, וואָס האָט דורכאויס פאַרלאַנגט, אַז די קאָמאָדע מוז פּאַרטיק ווערן ביז מאָרגן.

פּלוצלינג האָט זיך צו אים דערטראָגן זיין ביילע נעכעס קול דורך דער אָפענער טיר, וואָס האָט געפירט פונעם וואַרשטאַטל צו דעם צימער פון זיין וואוינונג.

— יהודה לייב! האַ? דו הערסט מיך, יהודה לייב?

ער האָט זיך פאַמעלעך אויסגעגלייכט, גלעטנדיק מיט דער לינקער האַנט די פּלייצע, וואָס האָט אים וויי געטאָן פון שטיין אַ לענגערע צייט איבערגעבויגן איבער דער קאָמאָדע.

— ביילע נעכע! וואָס האָסטו געוואָלט, ביילע נעכע?

ביילע נעכע האָט זיך באַוויזן ביי דער טיר אַ צעקאָכמערטע. זי איז גאָרנישט געווען אַזאַ הויכע, אָט די ביילע נעכע, אָבער איר דינע פיגור אונטער דעם נידעריקן באַלקן האָט איר געמאַכט אויסקוקן, ווי אַ הויכע טיטשקע אין אַ גאָרטן פון וועלכער מען האָט נאָר־וואָס אַרונטערגעצויגן די בעבלעך. ווען זי האָט אַ וויג געטאָן דעם צעפּאַטלטן קאָפּ האָט זי גע־קראָגן דעם אויסזען פון אַ בעזעמל איבער אַ דינעם, הויכן שטעקן.

— הער נאָר, הער, חיה, די קוראַפּניצע האָט ערשטע אַריינגעשריגן צו מיר דורכן פענצטער, אַז דער אַמעריקאַנער איז נאָר־וואָס געקומען מיט בתיה סימעס אין שול אַריין.

— ווער, משה עטיע ביילעס, מיינסטו? — האָט ער געפרעגט מיט איבערראַשונג אין קול.

— וועמען דען מיין איך? — האָט זי געפרעגט אַ פראַגע אויף זיין פראַגע.

— קיין אַנדער גאַסט פון אַמעריקע איז נאָך לעת־עתה די וואָך נישט אַריינגעקומען.

— און מיט בתיה סימעס, זאָגסטו?

— אַזוי האָט די קורלאַפּניצע געזאָגט.

— אַזוי? — האָט ער זיך געחידושט, און גענומען רעדן צו זיך אין אַ טאָן פון פאַרדרוס:

— משה עטיעביילעס איז איצט אין שול? און מיט אים איז אויך דאָרטן די תרבותניצע בתיה סימעס?

ער האָט געפרעגט אָט־די פראַגע מיט גרויס חידוש אין זיין קול, און אַ וואָרף טוענדיק דאָס פּאַליטור־שמאַטקעלע פון זיינע הענט, האָט ער בייז אויסגעשריגן:

— אַז ברענען זאָל זי!

— ווער? — האָט ביילע נעכע אויסגעגלאָצט אויף איר מאַן אירע פאַרחידושטע אויגן.

— ווער? ווער? — האָט ער אין גרויס אויפרעגונג זיך צעשריגן אויף איר:

— זי פרעגט ביי מיר ווער!

— וואָס האָסטו צו בתיה סימעס, האַ? — האָט זי געפרעגט נאָך מיט גרעסערן חידוש אין איר קול.

— ווער בתיה? וואָס בתיה? — איז ער נאָך שטאַרקער אויפגע־רעגט געוואָרן.

— אָט האָסטו דיר אַ מעשה, בתיה סימעס גאָר! — האָט ער זיך צע־שריגן און פאַר כעס זיך גענומען רייבן די באָרד.

— אַז איך מיין דער פּריצה פון דער קאָמאָדע, זאָגט זי מיר בתיה סימעס.

ביילע נעכע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז פאַרשוואונדן געוואָרן, איבערלאָזנדיק איר מאַן אין טיפער אויפרעגונג.

יהודה לייב איז געבליבן שטיין אַ וויל אַ פאַרטראַכטער. פון דעם אופן, ווי עס האָט זיך געגריצלט זיין שטערן איז געווען קאָנטיק, אַז ער איז אין אַ שטאַרקער פאַרלעגנהייט.

און ווירקלעך האָט ער געהאַט פון וואָס צו זיין אין אַ שטאַרקער פאַרלעגנהייט.

פון איין זייט האָט ער געמוזט פאַרענדיקן דאָס פּאַליטורן די קאָ־מאָדע, וואָרים גיי הויב זיך אָן מיט אַ פּוילישער פּריצה! און פון דער אַנדערער זייט איז דאָך עפּעס גאַרנישט שייך צו בלייבן אין שטוב, בשעת אין דער קינדער־שול פון וועלכער ער איז דער פאַרזיצער איז איצט דער גאַסט פון אַמעריקע.

— כאַפּט עס די כאָלעריע! — האָט ער אויסגעשריגן און באַלד נאָכדעם איז געקומען אַן אַנדער אויסגעשריי:

— ביילע נעכע!

ער האָט געגומען זיך אויסוואַשן די הענט אין אַ ראַשקעלע מיט וואַסער, וואָס איז געשטאַנען דערבײַ און נאָכאַמאָל אַ רוף געטאָן אויפן קול:

— ביילע נעכע! האַ? ביילע נעכע!

— איך קום! איך קום! — האָט זיך דערהערט פון יענער זייט איר קול, און באַלד האָט זי זיך באַוויזן מיט זיין שבתדיקער קאַפּאָטע אין די הענט.

און עס איז געווען פונקט דעמאָלט, ווען די קינדער האָבן געזונגען, האָט זיך יהודה לייב אין זיין שבתדיקער קאַפּאָטע באַוויזן בײַ דער אָפֿענער טיר פונעם פֿאַרזאַמלונגס־צימער אין דער שול.

— אַ גאַנצן צימעס מאַכט מען פון דעם אַמעריקאַנער! — האָט יהודה לייב אַ ברום געטאָן אין דער באָרד אַריין. אָבער אַזוי ווי משה האָט נאָר אָנגעהויבן צו רעדן האָט זיך זיין פֿאַרדרוס אָנגעהויבן אויסצווועפּן, און ער האָט גענומען זיך צוצוהערן מיט פֿאַרגעניגן.

— דאַרף זיין נישט קיין שלעכטער מענטש, — איז יהודה לייבן דורכגעלאָפן אין מוח.

דער גאַנצער פֿאַרדרוס איז אָבער דאָך נישט פֿאַרשוואונדן פון זיין האַרצן, און דאָס ביסל פֿאַרדרוס, וואָס ער האָט נאָך געפילט איז געווען הלמאי זיי ווייב ביילע נעכע האָט באַדאַרפט אויסגעפינען וועגן אָט דער וויכטיקער געשעעניש דורך אַ צופאַל.

— ווען חיה די קורלאַפּניצע גייט צופעליק נישט פֿאַרבײַ דאָס פענצטער וואָלט ער אינגאַנצן נישט געוואוסט, — האָט ער געטראַכט מיט ווייטיק אין האַרצן.

— וואָס־זשע, מען האָט נישט געקאָנט צושיקן אַ קינד און לאָזן וויסן, אַז דער אַמעריקאַנער איז געקומען?

פונדעסטוועגן איז ער געשטאַנען בײַ דער אָפענער טיר און זיך צוגעהערט צו משהס רייד מיט גרויס פֿאַרגעניגן. דווקא די פֿאַרלוירנקייט אין משהס האַלטן זיך איז אים געווען שטאַרק צום האַרצן. פֿאַר אַזעלכן האָט ער אים זיך נישט פֿאַרגעשטעלט פריער.

— עס פליסט מיט אַזאַ וואוילער פשוטקייט פון אים! — האָט יהודה לייב געטראַכט וועגן אים מיט ווייכקייט אין זיין געמיט.

אַוודאי וואָלט ער געדאַרפט אַריבערגיין צום אויבנאָן און זיך זעצן מיט די לערער, וואָרים וואָס? איז ער נישט דער פֿאַרזיצער פון דער שול־פֿאַרוואַלטונג? ער איז אָבער דאָך נישט געגאַנגען. ערשטנס, האָט ער נישט געוואָלט שטערן דעם גאַסט אינמיטן רעדן, און צווייטנס, האָט ער געהאַלטן, אַז פּייוול ביליצקי דאַרף אים איינלאַדן.

— זאָל זיין, אַז פּיוול באַמערקט מיך נישט? — האָט ער ביי זיך געפרעגט.

איצט איז שוין זיין פּאַרדרוס אַריבער אויף פּיוול בילִיצקי און ער האָט געטראַכט מיט ביטערניש, וואָס אָט דער פּיוול נעמט אַזוי גרינג די באַשלוסן פון דער פּאַרוואַלטונג.

— ער קאָן נאָך אַלץ נישט אַרויסטרייבן דעם יידן פון זיך, — האָט ער געטראַכט פון פּיוולען.

ער איז געשטאַנען ביי דער אָפענער טיר מיט אַ געמישטן געפיל אין זיך. פון איין זייט האָט ער זיך געפילט אַן אָנגעדרודלטער אויף פּיוולען און פון דער צווייטער זייט איז ער וואָס ווייטער אַלץ מער צוגעצויגן גע־וואָרן צום גאַסט פון אַמעריקע און צו זיינע רייד.

עס האָט אים ביז גאָר הנאה געטאָן, וואָס משה האָט אין זיינע רייד דערמאָנט די קאָנטשיקעס פון די אַמאָליקע מלמדים.

— נו, יאָ, די קאָנטשיקעס! — האָט ער איבערגעזאָגט צו זיך, און דער־ביי געטראַכט, אַז עס וואָלט אויך אומבאַדינגט געדאַרפט דערמאָנט ווערן, אַז אָט די קאָנטשיקעס זיינען שטענדיק געפאַלן נאָר אויף די אָרעמע קינדער, וועמענס עלטערן עס האָבן נישט געצאָלט דאָס מלמד־געלט אין צייט.

ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אָט די קאָנטשיקלעך, וואָס זיינען נישט איין מאָל געמיינט געוואָרן פאַר די גבירישע קינדער פלעגן פאַרבלאָנ־דזשעט ווערן אויף אים און אַנדערע אָרעמע קינדער.

יהודה לייב סטאָליאַר, וואָס איז געווען אַזוי שטאַרק איבערגעגעבן דער יידיש־וועלטלעכער שול, האָט נישט איין מאָל צוגעגעבן זיך אַליין, אַז די ליבשאַפט אין אים צו אָט דער שול נעמט זיך פון דער שנאה צו יענע קאָנטשיקלעך.

אמת, אַז אין שטעטל וויל מען אפילו האָבן, אַז די אפיקורסות אין אים איז אַ ירושה פון זיין טאַטן.

— ער האָט געקאָנט גאַנץ ש״ס אויסנווייניק און פיינט געהאַט די למדנים בתכלית השנאה, — דערציילט מען נאָך היינט אין שטעטל וועגן זיין טאַטן.

— ער האָט געקאָנט זיין אַ רב ביי יידן, אָט דער סטאָליאַר, — האָט מען געזאָגט וועגן זיין טאַטן.

אַזוי פלעגט מען רעדן וועגן זיין טאַטן און דערביי שוין אויך זאָגן וועגן יהודה לייבן:

— נו, יאָ, דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פונעם ביימעלע.

עס פלעגט זיך טרעפן, אַז אַ באַלעבאַטישער ייד פון שטעטל האָט זיך פאַרטשעפּעט מיט אים:

— זאָלסט מיר געזונט זיין, יהודה לייב, ווי קומט צו דיר, אַ ייד אַ יודע־ספר, צו אַרבעטן פאַר דער יידישער שול, האַ?

באַזונדערס פלעגט מיט אָט דער פראַגע זיך אָפּטמאָל ווענדן צו אים טאַקע ער אַליין, מיכל נח, דער מורה עברית פון דער תרבות־שול.

מיכל נח, וואָס איז אַריבערגעקומען פון קאָוולע אָנצופירן מיט דער תרבות־שול אין שטעטל, האָט נאָך נישט גוט געקאָנט יהודה לייבן און נישט געוואוסט, וואָס עס דערוואַרט אים:

— דער רבונו של עולם פאַרשטייט שבעים לשונות, און יידיש איז אַוודאי איינע פון זיי, — פלעגט ער קריגן אַן ענטפער.

— אָבער העברייאיש איז דאָך זיכער אַ סך לייטישער, — האָט זיך מיכל נח גענומען דינגען.

— וואָס שייך לייטישקייט, האָבן מיר אַ קיימא־לן, אַז די לייטשיקייט אין ארץ־ישראל האָט דווקא נישט שטענדיק גערעדט קיין העברייאיש, — האָט מיכל נח געקראָגן אַ שטעכעלע פון יהודה לייבן.

— דהיינו? — האָט זיך מיכל נח געוואונדערט.

— די צדוקים, צום ביישפּיל.

מיכל נח, וואָס איז געווען אַ נישט־לאַנג אַריבערגעקומענער אינעם שטעטל אַריין, האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם באַבאָרדיקן יהודה לייב סטאָליאַר און געפרעגט מיט איבערראַשונג:

— די צדוקים? וואָס ווייסט אַזאַ ייד ווי איר וועגן די צדוקים?

— מען כאַפּט זיך אַמאָל אַריין צו אַ לעקציע ביי די העכערע קלאַסן פון אונדזער שול, — האָט יהודה לייב געענטפערט.

— איר וועט דאָך אָבער נישט לייקענען, אַז העברייאיש איז דאָס לשון פון אונדזער גרויסער פאַרגאַנגענהייט? — האָט מיכל נח אים נישט אָפּגעלאָזט.

— נו, יאָ, אַוודאי, — האָט יהודה לייב מסכים געווען, און אַ פיר־טוּענדיק די מאָזאָליעוועטע פינגער איבער דער צעקאָשמערטער באָרד זיי־נער, האָט ער גענומען לערנען מיט דעם לערער פון דער תרבות־שול, אַזאַ שטיקל פשט:

— פאַרגאַנגענהייט? נו, יאָ, קיינער לייקנט נישט אָפּ די גוואַלדיקע ראָלע פון העברייאיש אין אונדזער פאַרגאַנגענהייט, ווי קיינער לייקנט נישט און זוכט נישט צו פאַרלייקענען די גרויסע ווערטן, וואָס זיינען גע־שאַפן געוואָרן אויף העברייאיש, אָבער אויב מען רעדט פון פאַרגאַנגענ־הייט האָט יידיש שוין אויך אַ היפּשע פאַרגאַנגענהייט.

אָט אַזוי האָט יהודה לייב סטאָליאַר גענומען לערנען פשט מיט דעם

תרבות־לערער, און קוקנדיק אויף אים, האָט ער געפרעגט מיט באַהאַרצט־קייט אין קול:

— טויזנט יאָר יידיש לעבן אויף דער גאָרער ערד אויף דעם יידישן לשון איז ביי אייך גאָרנישט, האַ?

— אָבער העברייאיש איז דאָך אייגנס, בשעת יידיש איז...

— אויך יידיש איז אייגנס! — האָט יהודה לייב איבערגעריסן מיכל נחן און זיך שוין גענומען צעקאָכן:

— איר וועט מיר זאָגן, אַז יידיש איז גענומען פון דייטש, האַ? — האָט ער געפרעגט און טייטלענדיק מיט אַ פינגער מיכל נחן אין פּנים אַריין האָט ער געשריגן:

— ברענגט מיר אַ דייטש, וואָס זאָל פאַרשטיין, וואָס מיר ביידע רעדן איצט און איך ווער אַ תּרבותניק.

מיכל נח האָט אַ טאָפּ געטאָן די ברילן פון אויפרעגונג און געמאַכט אַ באַוועגונג אַוועקצוגיין. אָבער יהודה לייב, וואָס איז נאָך נישט פאַרטיק געווען, האָט אים ממש צוגעהאַלטן ביים אַרבל און ווייטער געצויגן:

— און איר וועט מיר אַוודאי זאָגן, אַז אין ארץ־ישראל איז איצט די קעגנוואַרט העברייאיש, האַ?

יהודה לייב האָט געפרעגט די פראַגע, און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט ער אַליין געענטפערט:

— מען וויל דאָרט העברייאיש? מהיכי תיתי! קיינער באַקעמפט נישט קיין העברייאיש נישט דאָרטן און אפילו דאָ אויך נישט, כאָטש ווען מען פרעגט ביי מיר, וואָלט איך געזאָגט, אַז אויך יידיש דאַרף דאָרט געלערנט ווערן, וואָרים, ווען עס קומט צו קדושה, איז אַלץ וואָס דאָס פאָלק האָט באַשאַפן — קדושה, בפרט איבער דער גאָרער ערד, וואו דאָס לשון פון פאָלק איז יידיש.

יהודה לייב האָט זיך אויף אַ וויל אָפּגעשטעלט, און קוקנדיק אויף מיכל נחן אַ פרעג געטאָן:

— און אַז עס בויט זיך אַ יידישע מדינה אין בירא־בידזשאַן, וואו יידיש איז די אָפיציעלע שפּראַך, ווייסט איר?

דערהערט דעם נאָמען בירא־בידזשאַן איז מיכל נח ממש אַרויס פון די כלים:

— אָן העברייאיש וועלן די יידן אין אייער בירא־בידזשאַן ווערן איינגאַנצן אויס יידן! — האָט ער אַרויסגעשריגן.

אויף יהודה לייבס פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל, און ער האָט גענומען רעדן מיט ווייכקייט:

— נאַרישקייטן! וואָס הייסט אָן העברייאיש? איז דען אונדזער

יידיש אָן העברייאיש? מען וועט לערנען העברייאיש אויף די העכערע קורסן אין ביראָ־בידזשאַן. הלוואי זאָל מען אַזוי לערנען יידיש אויף די העכערע קורסן אין ארץ־ישראל. אָט לערנט מען דאָך אין אונדזער יידישער שול אויך העברייאיש.

מיכל נחס פּנים האָט זיך צעשמייכלט, און שפּעטער האָט ער גע־זאָגט וועגן אים:

— אַ טשיקאַוועד מענטש יהודה לייב, אָבער...

מיכל נח האָט עס געזאָגט, און דאָס וואָרט „אָבער" איז ביי אים אַרויס־געקומען מיט אַ טאָן, וואָס האָט בפירוש געמיינט, אַז אַזעלכע יידן, ווי אַ יהודה לייב איז, זיינען דיר נישט אַוועקצומאַכן גרינג מיט דער האַנט.

אַז שלמה קאַוואַל איז איין מאָל צוגעשטאַנען צו יהודה לייבן מיט אַ טענה הלמאי מען זעט אים אַזוי זעלטן אין בית־המדרש ביים דאַוונען, האָט ער געקראָגן אַזאַ מין ענטפער:

— דער רבונו של עולם פאַרשטייט מיך אַ סך בעסער, ווען איך רעד צו אים ביחידות און בלחש, ווי איר אין בית־המדרש מיט אייער ליאַרעמען!...

— וואָס־זשע, מיינסט מיר צו צו זאָגן, אַז גאָט דערהערט נישט, ווען מען ליאַרעמט? — האָט שלמה קאַוואַל געוואָלט וויסן.

— אַ גאָט איז אויך נישט מער, ווי אַ גאָט, — האָט אים יהודה לייב געענטפערט און איז אַוועקגעגאַנגען.

— נישטאָ מיט אים וואָס צו רעדן, — האָט שלמה אַ מורמל געטאָן און שאָקלענדיק דעם קאָפּ צוגעלייגט:

— אינגאַנצן דער טאַטע זיינער!

עמיצער האָט אים אַמאָל אַ שפּילקעווע געטאָן אויפן חשבון פון זיין באָרד:

— איך פאַרשטיי נישט, יהודה לייב, אַז מען איז אַזאַ, ווי דו ביסט, איז וואָס־זשע טויג דיר אַ באָרד, האַ?

יהודה לייב האָט אַ שמייכל געטאָן און געענטפערט מיט אַן ערשטנס, און מיט אַ צווייטנס:

— ערשטנס, קאָסט אָפּשערן אַ באָרד אַ זעקסער, און דאָס איז אַ גרויסע הוצאה פאַר אַ יידן, אַ בעל־מלאכה, און צווייטנס, וויל איך באַווייזן, אַז מען קאָן זיין אַ גוטער ייד אויך מיט אַ באָרד.

— נו, גיי טענה זיך אויס מיט אים, — האָט יענער געזאָגט מיט אַ מאַך פון דער האַנט, ווי איינער זאָגט:

— נישטאָ וואָס צו רעדן!

צו דער יידישער קינדער־שול איז ער צוגעשטאַנען ביים אָנהויב מער

אויף צולהכעיס דעם דיין און די שטעטלדיקע פרומאַקעס, וועלכע האָבן איינגעלייגט וועלטן קעגן איר.

— להכעיס זיי אַלעמען וועלן מיר האָבן אַ שיינע יידישע קינדער־שול אין אונדזער שטעטל מיט לערער און נישט קיין מלמדים מיט קאַנטשיקעס, — האָט ער געזאָגט צו די איניציאַטאָרן.

ביים אָנהויב האָט יהודה לייבס טעטיקייט טאַקע אויסגעקוקט נישט מער, ווי אַ צולהכעיס־שפּיל, אָבער וואָס ווייטער איז דער להכעיס־שפּיל אויסגערונען און זיין טעטיקייט איז ביסלעכווייז געוואָרן לשמה.

— וואָס־זשע, די שול איז דען בלויז פאַר די קינדער? — האָט ער אָנגעהויבן פרעגן און דערביי ענטפערן מיט איבערצייגונג:

— זינט די שול איז געקומען ביי אונדז צום לעבן, טוט זי היפּש אויף פאַר אונדז עלטערע אויך.

זאָגנדיק דאָס, פלעגט ער מיט שטאָלץ אָנווייזן אויף דער שיינער יידישער ביבליאָטעק:

— אוי, קאָן מען פון אָט־דעם אַ נאַש טאָן! — האָט ער זיך פאַרכלינעט פון באַגייסטערונג.

איצט איז ער געשטאַנען ביי דער שוועל פון דער אָפענער טיר צו דעם פאַרזאַמלונג־צימער און זיך צוגעהערט מיט גרויס הנאה צו די ווערטער פון משה עטיע ביילעס.

— אַ וואוילער יונגערמאַן, זעט אויס, — האָט ער געטראַכט ביי זיך, כאָטש אַ פאַרדרוס האָט אין אים געגליט פאַר זיין גיין אין בית־המדרש אַריין און זיך ווארפן דאָרטן מיט אַמעריקאַנער דאָלאַרן.

— אַ גרעסערע מצוה וואָלט געווען אָוועקצוגעבן אָט די דאָלאַרן פאַר דער קינדער־שול, — האָט ער פאַרדראָסיק צו זיך שטיל געמורמלט.

— ער איז געשטאַנען אויפן זעלבן אָרט ביז די קינדער האָבן זיך אַ הויב געטאָן פון זייערע ערטער אויף די בענק, און ערשט דעמאָלט האָט אים פּיזול ביליצקי באַמערקט.

— אַ, יהודה־לייב, — האָט פּיזול ביליצקי אויסגערופן און אים פאַרגעשטעלט פאַר דעם גאַסט:

— אונדזער פאַרזיצער פון דער שול.

— וואָס מאַכסטו, יהודה לייב? — האָט משה עטיע ביילעס דריקנדיק זיין האַנט געפרעגט מיט וואַרעמקייט אין קול.

— דערקאָנסט מיך, משה, האַ? — האָט זיך יהודה לייב זייער שטאַרק דערפרייט.

— וואָס הייסט נישט דערקאָנען? — האָט דער גאַסט גוט־ברודעריש צו אים געשמייכלט.

הערש מאירס שטוב

מען האָט גענומען דעם גאַסט איבער די צימערן פון די קלאַסן, און דערציילט אים וועגן די אַנדערע אַקטיוויטעטן אין דער שול.

משהן האָט יעדעס צימער אויסגעקוקט באַקאַנט נישט ווייניקער, ווי עס איז אים געווען באַקאַנט דער גאַנצער דרויסן פון דער שטוב, וואָס איז געווען די איינציקע אינעם געסל ווייס־געקאַלכט, מיט אַ בלעכענעם דאַך און מיט רינוועס אין אַלע פיר ווינקלען דורך וועלכע עס פלעגט בשעת אַ רעגן זיך יאָגן דאָס וואַסער.

ווען ער איז געווען אַ יונג ייִנגל פלעגט ער ליב האָבן צו קוקן אויף דעם לויפיקן וואַסער דורך אָט די רינוועס אַרונטער.

הערש מאיר דעם גבאים שטוב, האָט זי געהייסן ביי אַלעמען אינעם שטעטל.

משה האָט אַ קוק געטאָן אויף פּיוול ביליצקין, — דעם אייניקל פון הערש מאיר דעם גבאי און געזאָגט:

— ווען איך פלעג קומען ייִנגלוויַיז אַהער אין שטוב אַריין זענט איר נאָך געווען אַ קינד אין וויגל.

פּיוולס טונקל פּנים האָט זיך צעציטערט, און מיט אַ צעלויכטענעם שיין אין די אויגן, האָט ער געפרעגט:

— זענט איר נישט געווען אַ נאָענטער חבר פון מיין עלטערן פאַר־שטאָרבענעם ברודער?

— איך האָב מיט אייער ברודער אין די זעלבע חדרים געלערנט און ביי יאַנקל שרייבער די זעלבע שער־גריסלעך געשריבן.

פּיוול ביליצקיס אויגן זיינען פייכט געוואָרן. ער האָט אַרונטערגע־צויגן די ברילן און זיי נערוועז גענומען ווישן:

— אַז איר האָט ביידע ביי יעקל מלמד געלערנט, געדענקט זיך מיר.

ער האָט אָנגעטאָן צוריק די ברילן און מיט ציטער אין קול גע־מורמלט:

— אין אָט דעם חדר זיינען געשטאַנען דעם זיידנס שאַפעס מיט ספרים.

— איך געדענק דאָס זייער גוט, — האָט משה באַשטעטיקט, און שטיל, ווי פאַר זיך, געזאָגט:

— הערש מאירס שטוב?

— יאָ, אפילו ווען דער זיידע איז שוין נישט געווען, און די שטוב

איז שוין געוואָרן דעם טאַטנס, האָט מען זי אַלץ גערופן אויפן זיידנס נאָמען.

— הערש מאירס שטוב, — האָבן בײדע אַרויסגעמורמלט די זעלבע ווערטער און יהודה לייב האָט באַמערקט:

— אָבער אַ שיינעם תיקון האָט זי געקראָגן, אָט די שטוב.

און קוקנדיק אויף משהן האָט יהודה לייב מיט פרומקייט אין קול צוגעלייגט:

— נישט אַלע שטיבער האָבן זוכה געווען.

— דער עלטסטער פון אייערע ברידער האָט דאַכט זיך געהייסן אברהם? — האָט משה געפרעגט ביי פיוולען.

— יאָ, — האָט פיוול געשאָקלט מיטן קאָפּ, און מיט שטילן טרויער אין זיין קול געלאָזט וויסן:

— ער איז געשטאָרבן באַלד נאָכן זיידן.

— ער האָט געהאַט אַ סך פון זיידן אין זיך, — האָט משה באַמערקט, און דערביי צוגעלייגט:

— גערופן האָט מען אים טאָקע נישט אויפן פאָטערס נאָמען, נאָר אויפן זיידנס.

— אברהם הערש מאירס, — האָט פיוול אַ מורמל געטאָן.

פאַר משה עטיע ביילעס אויגן איז אויפגעגאַנגען דאָס געשטאַלט פון הערש מאיר דעם גבאי.

שבת־יום־טובדיקע אויגן האָט אָט דער הערש מאיר געהאַט. אפילו ביי אַ וואָכעדיקן שחרית זיינען זיינע אויגן שבת־יום־טובדיק געווען. עס איז געווען ביז גאָר מאָדנע מיט די אויגן זיינע. געקוקט האָבן זיי שטענדיק דווקא אַרונטער אין זיין שיין, ווייס בערדל אַריין, און דאָך האָט יעדערער אויפגעכאַפּט די שבת־יום־טובדיקייט פון זיי. מעגלעך, אַז זייער שיינקייט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אינעם שיינעם בערדל, און פון דאָרטן האָט זייער שיין זיך געוואָרפן אויף דער אַרומיקייט.

אויפן שיינעם, ווייסן בערדל זיינעם פלעגט מען טאָקע זאָגן אינעם שטעטל, אַז דאָס איז אַ גאָרטן פון חכמה און בינה.

און נישט נאָר די אויגן און דאָס בערדל, נאָר זיין גאַנצער אויסזען און זיין האַלטן זיך.

אַ פיין, איידל געריגצלט פנים, וואָס האָט געטריפט מיט גייסטיקייט און אַזעלכע שיינע, ווייסע הענט האָט ער געהאַט.

די מלבושים, כאָטש דורכאויס פון חסידישן שניט, זיינען זיי אָבער געווען אַזוי פיין געפּאַסט אויף זיין שטאַלעכער פיגור. הייגט די שטענדיק געפּוצטע שטיוועלעך זיינע!

— ר׳ הערש מאיר מיט די געפּוצטע שטיוועלעך, — פלעגט מען זאָגן אויף יעדן איינעם, וואָס האָט זיך באַוויזן מיט געפּוצטע שטיוועלעך אין אַ וואָכעדיקן טאָג.

גבאי ראשון ביים רבין ר׳ יעקב לייבעניו איז געווען ר׳ ישראל מאַטיעס צוליב חזקה, אָבער כל־וכל איז געווען הערש מאיר. נישט נאָר דער רבי אַליין, נאָר דער גאַנצער הויף, — די רביצין, די זין, די איי־דעמס, די טעכטער און די שניר האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אויף אים.

— מיר וועלן הערן, וואָס הערש מאיר וועט האָבן צו זאָגן וועגן דעם — איז געווען דער דרך ביי יעדן איינעם אין הויף צו זאָגן.

איצט שפּאַנט ער, משה עטיע ביילעס איבער די חדרים פון ר׳ הערש מאירס שטוב, וואָס זיינען די קלאַס־צימערן פון דער וועלטלעך־יידישער קינדער־שול איינעם שטעטל, און לעבן אים איז פּיוול, הערש מאירס אַן איניקל, וואָס איז נישט נאָר דער דירעקטאָר פון אָט דער שול, נאָר איז אַ באַגאַבטער שריפטשטעלער ביי יידן.

— יהודה לייב איז גערעכט, — האָט משה עטיע ביילעס געטראַכט ביי זיך:

— די שטוב האָטווירקלעך אַ תיקון געקראָגן.

ער האָט זיך פאַרטראַכט וועגן די שטיבער אויפן רבינס הויף, וואָס זיינען איצט דעם יאַסנע וועלמאַזשנעם פּערד און קי־שטאַלן און שוין געזאָגט אויפן קול:

— יאָ, די שטוב האָט ווירקלעך אַ באַזונדערע זכיה.

קוקנדיק אויף פּיוולען ביי זיין זייט, האָט ער זיך דערמאָנט אָן זעליג וויינבערגס ווערטער צו אים וועגן דער ביליצקי־משפּחה אין שטעטל:

— דריי ברידערלעך זיינען זיי און אַלע דריי זיינען איצט שרייבער ביי יידן.

— און וואו זיינען אייערע צוויי יינגערע ברידער! — האָט משה געפרעגט ביי פּיוולען.

— איינער איז אַ לערער אין אַ שטעטל לעבן ווילנע און דער אַנ־דערער איז דאָ נישט ווייט ביי משפּחה.

— אַ שאָד, — האָט משה עטיע ביילעס באַדויערט, און דערציילט פּיוולען, אַז זעליג וויינבערג האָט צו אים גערעדט וועגן זיי:

— זעליג וויינבערג?

— יאָ, ער פרייט זיך זייער שטאַרק מיט אייך אַלעמען, — האָט משה געלאָזט וויסן.

פּיוול ביליצקיס פּנים האָט שטיל אויפגעציטערט, און פון אויפגע־ברויזטקייט אָנגעהויבן צו פאַרריכטן די ברילן אויף זיין נאָז. די טונקעלע

אויגן האָבן אויפגעגליט און ער האָט שטיל געזאָגט:

— מיר דערוואַרטן אים דאָ בקרוב.

אינעם אַרבעט־צימער האָט שיינדל געוויזן משהן, וואָס די קינדער גרייטן צו פאַר דעם קבלת־פּנים לכבוד זעליג וויינבערגן, און זי האָט באַטאָנט מיט שטאָלץ אין איר קול:

— דורכאויס די אַרבעט פון די קינדער!

משה האָט געקוקט אויף די זייער פאַרזיכטיק ריין איבערגעשריבענע און צונויפגעשטעלטע קאָמפּאָזיציעס וועגן דעם לעבן און שאַפן פונעם דיכטער, בן־עיר זעליג וויינבערגן. אַלץ איז געווען נעט און זייער קאַ־ליגראַפיש. אויף דעם ברייטן צונויפגעקלעפּטן ווייסן פּאַפּיר זיינען אויך געווען אַ צאָל צייכענונגען פון קינדער, וואָס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אילוסטראַציעס צו עטלעכע פון זעליג וויינבערגס לידער וועגן דעם שטעטל.

— שיין, האַ? — האָט שיינדל געפרעגט, און איר קול האָט זיך ביי אָט דער פראַגע אַזש פאַרכליבעט פון שטאָלץ.

— זייער שיין, — האָט משה מסכים געווען.

— אַ ביז גאָר גרויסע אָנשטרענגונג מצד די קינדער, — האָט ער באַמערקט צו פּיוולען.

— די קינדער האָבן דורכגעמאַכט אַ גענויע שטודיע וועגן זעליג וויינבערגס לעבן און שאַפן, — האָט פּיוול ביליצקי דערקלערט דעם גאַסט.

— עס וועט אים זייער פרייען, — האָט משה צופרידן געזאָגט, און דערביי צוגעלייגט:

— ער האָט דאָס די ווערט אונדזער זעליג.

ביים פאַרלאָזן דאָס צימער האָט משה באַמערקט אויף אַ קליין טישל אין אַ ווינקל אַן אַלטן גראַמאַפאָן מיט אַ טרובע איבער אים:

— אַזוינס האָב איך שוין לאַנג נישט געזען, — האָט ער שמייכלענ־דיק געזאָגט, און זיך אָפּגעשטעלט.

— דאָס איז דאָך שוין אַן אמתער מוזיי־אַנטיקל, — האָט ער דער־קלערט צו די אַרומיקע.

שיינדל האָט אַ גלעט געטאָן די טרובע, ווי מען גלעט אַן אַלט אויס־געדינט פערדל, און זי האָט געזאָגט:

— אינגיכן וועלן מיר האָבן אַן אייגענע ראַדיאָ.

— אַ ראַדיאָ?

— יאָ, — האָט שיינדל דרייענדיק איר מאַסיוון קאָפּ, באַשטעטיקט, און מיט שיין אין אירע אויגן האָט זי דערציילט:

— שוין איבער אַ יאָר, אַז אונדזערע קינדער פירן אָן אַן אַקציע פאַר אַן אייגענער ראַדיאָ פאַר דער שול.

— די קינדער? — האָט משה געפרעגט מיט גרויס חידוש אין זיין קול.

— און פאַרוואָס נישט די קינדער? — האָט זיך אַריינגעמישט יהודה לייב, און אַ פירטועלדיק מיט זיין אויסגעהאָרעוועטער האַנט איבער דער צעקאַשמעטער באָרד, האָט ער מעשה פעדאַגאָג אַ זאָג געטאָן צו משהן:

— זאָלן אונדזערע קינדער זיך אויסלערנען טראָגן געזעלשאַפטלעכע אחריות ביי זייער סאַמע אָנהויב.

משה האָט געשמייכלט מיט גרויס הנאה וועגן דעם אחריות־געפיל, וואָס מען זוכט דאָ איינצופלאַנצן אין די געמיטער פון די קליינע קינדער, און דערביי פונדעסטוועגן אַ טראַכט געטאָן:

— שפּאָרן נעבעך אוודאי אָפּ פון דעם מאָגערן ביסן פאַר זייערע הונגעריקע מיילעכלעך!

פּיוּול בילִיצקי האָט פאָרגעשלאָגן, אַז מען זאָל אַריבערגיין אין דעם ביוראָ־צימער.

— עס זיינען צוגעקומען נייע טוער, וועט מען זיצן און אַביסל זיך דורכשמועסן, — האָט ער געזאָגט.

ווען מען האָט זיך אויסגעזעצט אינעם קליינעם ביוראָ־צימער, האָט פּיוּול גערופן יהודה לייבן צו פאַרנעמען דעם פאָרזיץ־שטול, און דער־ביי באַטאָנט:

— מיר וועלן שליסן אונדזער קבלת־פנים פאַר אונדזער חשובן גאַסט, און שיינדל וועט דאָס אַריינפירן אינעם שול־פנקס.

יהודה לייב האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין אויבנאָן, זיך אויסגע־הוסטלט אַביסעלע און אָנגעהויבן:

— אַוודאי האָבן מיר זיך געגרייט אויפצונעמען אונדזער חשובן גאַסט, דעם בן־עיר, אַ סך פייערלעכער ווי מיר טוען דאָס איצט, אָבער די שולד איז זיין אייגענע.

אָט אַזוי האָט ער אָנגעהויבן זיין דערעפענונגס־רעדע, און לויט זיין באַנייטן אויסהוסטלען זיך, איז געווען צו מערקן, אַז ער גרייט זיך אָפּ־צושטעלן אויף אַ גאַנץ ברייטן אופן וועגן דער שולד פונעם גאַסט, אָבער אויפכאַפּנדיק דעם שטרענגן בליק אויף זיך פון פּיוּול בילִיצקין, האָט ער גלייך אַ פאַרקערעווע געטאָן דעם טאָן:

— נאָר צו וואָס זיך אַריינלאָזן איצט אין זוכן שולדיקע? מיר וועלן בעסער זאָגן גאַנץ אויפריכטיק, אַז מיר זיינען זייער און זייער צופרידן, וואָס דער חשובער בן־עיר משה פינקלשטיין איז צו אונדז געקומען.

דאָ האָט ער פֿונדעסטוועגן נאָכאַמאָל אַ קלײן הוסטעלע געטאָן און פּילנדיק אויף זיך פּיזולס דערמוטיקנדיקן בליק, האָט ער ווײַטער גערעדט:

— מיר געדענקען דעם חשובֿן גאַסט, ווען ער איז נאָך אַ ייִנגל געווען. משה עטיע ביילעס, — ווער געדענקט אים נישט פֿון הי? אָבער אַ סך זײַנען פֿון אונדז אַוועק אין דער ווײַטער וועלט אַרײַן און וואָס? משה עטיע ביילעס איז אָבער פֿון אונדז נישט אַוועק. וואוינענדיק אין דעם ווײַטן ניו־יאָרק, לעבט ער אויך מיט אונדז דאָ אין זײַן געבורטשטעטל. אַלע דאָ פֿאַרזאַמלטע וויסן און שאַצן אָפּ זײַן אינטערעס און זײַן האַרציקע באַציאונג צו אונדזער שיינער דערציאונג־אינסטיטוציע, וואָס מיר זוכן דאָ אויפֿצוהאַלטן.

מיט דעם האָט יהודה לייב געעפֿנט די זיצונג, און פֿאַרענדיקט האָט ער מיט פֿייערלעכקייט אין זײַן קול, ווענדנדיק זיך דירעקט צום גאַסט:

— דײַן באַזוך ביי אונדז איז אונדז זייער און זייער אַנגעלייגט, און איך בין זיכער, אַז דאָס, וואָס דו האָסט הײַנט דאָ געזען וועט נאָך מער דערוואַרעמען דײַן האַרץ צו אונדזער אַרבעט.

פּיזול ביליצקי, וועמען יהודה לייב האָט פֿאַרגעשטעלט, ווי דער שטאָלץ פֿון די פּראָגרעסיווע אינעם שטעטל, האָט געזאָגט:

— געוויינלעך נעמען מיר אויף אונדזערע געסט פֿריער אויף אַ זיצונג פֿון דער פֿאַרוואַלטונג און די לערער, און ערשט דערנאָך נעמען מיר זיי אין די קלאַסן צו די קינדער. מיט דעם הײַנטיקן חשובֿן גאַסט איז געשען דאָס פֿאַרקערטע און דאָס איז אפֿשר סימבאָליש.

פּיזול ביליצקי איז געבליבן שטיל אויף אַ רגע. ער האָט אַ ריר געטאָן מיט דער האַנט זײַנע ברילן און בשעת מעשה אַנגעשטעלט זײַנע טונקעלע אויגן אויפֿן גאַסט, ווי ער וואָלט דערמיט געמיינט צו ציען זײַן אויפֿמערקזאַמקייט צו די ווײַטערדיקע ווערטער, וועלכע זײַנען גלייך געקומען דורך זײַן מויל:

— פֿון זעליג ווײַנבערגס אַ בריוו צו מיר ווייס איך ווער דער חבר משה פֿינקלשטיין איז, און וואָס ער שטעלט מיט זיך פֿאָר. עס זײַנען נישט נאָר די ווערטער, וואָס אונדזער חשובֿער דיכטער שרײַבט וועגן אים, נאָר דער עיקר דער טאָן, וואָס איז אומגעהויער וואַרעם. אין דעם הײַנטיקן גאַסט האָבן מיר אַ ייִדישן פּראָגרעסיוון קולטור־טוער וואָס אונדזער שטעטל האָט צוגעטראָגן צו ניו־יאָרק צוזאַמען מיט דעם דיכטער זעליג ווײַנבערגן. איך ווייס דורך זעליג ווײַנבערגן, אַז אַט דער חבר איז זײַן גרעסטער אָנשפּאַר ביי דעם פֿאַראיין אין ניו־יאָרק, ווען עס קומט צו שטיצן אונדזער קינדער־שול.

ווען פּיוול ביליצקי האָט געענדיקט די ווערטער איז משה געזעסן מיט אַרונטערגעלאָזטע אויגן.

ער האָט געטראַכט פון דעם קליינעם געבורט־שטעטל זיינעם, וואָס איז איצט אויפגעגאַנגען אין זיינע אויגן ווי אַ טיף־געוואָרצלטער שטאָם וועמענס אָפּגעריסענע צווייגן זיינען פאַרטראָגן געוואָרן אויף פאַרשידענע טיילן פון דער ערד און אומעטום זוכן זיי זיך צו וואָרצלען מיטן זאַפט, וואָס זיי טראָגן פון אַט־דעם שטאָם.

עס איז אים פּלוצלינג איינגעפאַלן, אַז זיין חבר זעליג טראָגט אין זיך נישט נאָר די דריי דורות חסידות פונעם געבורט־שטעטל, נאָר אַז ער טראָגט אויך אין זיך דעם השכלה־גייסט פון דר. משה מאַרקוזי, וואָס האָט דאָ געלעבט און געווירקט נאָך איידער דער ערשטער זאָם פון חסידות איז אַהער געבראַכט געוואָרן. און נישט נאָר זעליג וויינבערג אַליין. אויך ער מיט זיין נטיה צום סאָציאַליזם. אויך די טריסקער אין אַרגענ־טינע, אין דרום־אַפריקע, אין ארץ־ישראל און דאָ איצט?

— וואָס איז מיט פּיוולען? מיט יהודה לייב דעם סטאָליאַר? מיט שיינדלען און די איבעריקע?

משה איז געווען אַזוי פאַרטיפט אין זיינע מחשבות, אַז ער האָט אפילו נישט געהערט די וואַרעמע באַגריסונג צו אים מיט וועלכער פּיוול האָט געענדיקט זיין רעדע. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט ביי די אַפּלאָדיסמענטן, ווען יהודה לייב איז שוין געשטאַנען אויף די פיס און פאַרענדיקט די זיצונג מיט די ווערטער:

— אויף דער גרויסער וועלט פירט זיך, אַז אַ חשובן גאַסט גיט מען דעם שליסל פון שטאָט. מיר האָבן נישט אַזעלכע שליסלען, אָבער מיר האָבן די ליבשאַפט צו אונדזער פאָלק, און דאָס איז אָט די ליבשאַפט, וואָס איך גיב אייך אינעם נאָמען פון אונדז אַלעמען.

געענדיקט די זיצונג האָט, פאַרשטייט זיך, דער גאַסט. ווען ער האָט זיך אויפגעשטעלט האָט אים גענומען אַביסל צייט ביז ער איז געקומען צו זיך און געקאָנט אָנהויבן צו רעדן:

— איך בין געקומען אַהער און זעענדיק דעם חורבן פון אונדזער נעכטן דאָ אין שטעטל, האָב איך געבענקט צו דערזען עפּעס פון דעם היינט דאָ, וואָס זאָל טראָגן ווייטער כאָטש דעם מינדסטן סימן פון אַ המשך. עס קאָן נישט זיין קיין פולער היינט אָן דעם שיינעם און גע־לייטערטן פון דעם נעכטן. בלויז אַזאַ היינט, וואָס טראָגט אין זיך די גע־זונטע שיינקייטן פונעם נעכטן איז ביכולת צו געבערן אַ געזונטן מאָרגן. אייער קינדער־שול און איר אַלע זענט דער ענטפער צו מיין בענקשאַפט. איר זענט די גאַראַנטיע פאַר אונדזער מאָרגן.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. די אויפרעגונג אין זיין קול און אויף זיין פּנים האָט עדות געזאָגט, אַז ער האָט נישט דערזאָגט אינגאַנצן, וואָס איז געווען אין אים, אָבער געזאָגט האָט ער בלויז:

— איך דאַנק אייך, טייערע חברים, פאַר דעם אָנשפּאַר אינעם גאַנג צו אונדזער ליכטיקן מאָרגן.

פאַרן פאַרלאָזן האָט ער גענומען שיינדלען אין אַ זייט און צו איר געזאָגט:

— יאָ, וועגן דער קינדער־אַקציע פאַר אַן אייגענער ראַדיאָ אין דער שול, — האָט ער שטיל און האַלב־פאַרשעמט געזאָגט.

עס איז געווען קאַנטיק, אַז ער איז נישט געווען גליקלעך מיט דער קליינער סומע, וואָס ער האָט געקאָנט פון זיך אָפּשפּאָרן, און ער האָט זיך פאַרענטפערט:

— זעליג וויינבערג, וואָס איז איצט אויפן וועג אַהער פירט פאַר אייך אַ סומע, וואָס אונדזער פאַראיין האָט געשיקט דורך אים. ער וועט אייך ברענגען מיט זיך...

אָט אַזוי האָט ער זיך פאַרענטפערט פאַר שיינדלען, געבנדיק איר עטלעכע אַמעריקאַנער פּאַפּירלעך:

— דאָס איז מיין אייגענער קליינער צושטייער פאַר דער ראַדיאָ.

שיינדל האָט זיך איבערגעקוקט מיט יהודה לייבן, וואָס איז אין דעם מאָמענט צוגעקומען, און יהודה לייבס אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טיפער גערירטקייט פון דעם באַשיידענעם אופן, ווי משה האָט איבער־געגעבן אָט די מתנה.

— ביסט אונדזער פלייש און בלוט, משה, — האָט יהודה לייב גע־זאָגט, דריקנדיק דעם גאַסט צו זיך.

מען האָט זיך געזעגנט, און באַגלייטנדיק דעם גאַסט איבערן שוועל, האָט פּיווּל ביליצקי געפרעגט:

— וועלן מיר זיך נאָך זען?

— פאַרוואָס נישט צוקומען אין שטוב אַריין? — האָט בתיה גע־פרעגט ביי פּיוּולען.

— יאָ, טאַקע, פאַרוואָס נישט? — האָט זיך משה אָנגעכאַפּט אָן בתיהס איינלאַדונג.

— מען וועט זען, — האָט פּיווּל ביליצקי געזאָגט.

די זון האָט זיך געהאַט שוין היפּש אָפּגערוקט פונעם אויסגעליידיקטן מאַרק. איצט האָט זי זיך געדרייטלט איבערן טייך, שיקנדיק פייערדיקע שפּיזלעך דורך די באַבלעטערטע צווייגן פון די ביימער אַרום דעם גלחס סעדל. די עטלעכע יידישע קרעמער, וואָס האָבן אויס געוואוינשאַפט נישט

געקאָנט איבערלאָזן דעם מאַרק, זיינען געשטאַנען פאַרטראַכט ביי זייערע געשלאָסענע קלייטלעך און געקוקט, ווי פאַרגליווערטע אויף דעם אונ־טערגאַנג פון דער זון, וואָס האָט זיך געשפּיגלט אויף די צלמים פון די צוויי קלויסטערס קעגנאיבער.

— צעפּעלעך און טרעפּעלעך, — האָט משה געמורמלט צו זיך, שפּאַ־צירנדיק מיט בתיהן ביי זיין זייט איבערן מאַרק אויפן וועג צו חיים אייזנקרעמערס שטוב.

— מיר זאָל זיין פאַר אייערע קעפּעלעך! — האָט בתיה אַ צי געטאָן משהס געמורמל, ווי זי וואָלט אים מיט דעם געוואָלט לאָזן וויסן, אַז זי איז דורכאויס איצט מיט זיינע מחשבות.

משה האָט גענומען איר אָרעם, און נישט אַכטנדיק אויף דעם, וואָס די קרעמער און די פאַרבייגייער האָבן נאָכגעקוקט, האָט ער דעם אָרעם צוגעדריקט צו זיך און נישט אויפגעהערט צו זאָגן און איבערחזרן נאָכ־אַמאָל און ווידעראַמאָל:

— בתיה! בתיהקע!

— יאָ, משה?

— הערש מאיר דעם גבאיס שטוב, — האָט ער אַ מורמל געטאָן, און דערנענטערנדיק צו דעם שטוב פון חיים אייזנקרעמער, האָט ער מיט אויפגעלויכטנקייט אין קול געזאָגט:

— בפירוש אַ תיקון.

— וואָס? — האָט בתיה געפרעגט.

— הערש מאירס שטוב, מיין איך.

דער צעבראָכענער פלומפ אין דער מקוה

פאַר יענעם זונטיק אָוונט האָט משה עטיע ביילעס געפּלאָנירט גאָר עפּעס אַנדערש, ווי עס האָט זיך אויסגעלאָזט.

ער האָט בדעה געהאַט נאָך וועטשערע אַרויסגיין מיט בתיהן אויף שפּאַציר און זיך מיט איר דורכרעדן, כאָטש אַקוראַט, וואָס אַזוינס ער זאָל איר זאָגן האָט ער נאָך נישט געהאַט באַשטימט.

אָט דאָס, וואָס מען האָט זיך דורכגעוואָרפן אין דער פרי אויפן גאַניקל מיט עטלעכע ווערטער האָט ער דאָך נישט געקאָנט אָננעמען, ווי אַן ענדגילטיקן באַשלוס. אמת, אַז זי האָט אים אַזוי פּראָסט און פּשוט געבעטן, אַז ער זאָל מיט איר חתונה האָבן, אָבער איז דאָס דען נישט געווען ביי איר בלויז פונעם ווילן צו פאָרן קיין אַמעריקע?

— זי נעמען מיט זיך קיין אַמעריקע? נו, יאָ, אָבער?

ער האָט געפילט אַן אומזיכערקייט אין זיך, און ער האָט נישט אויפגעהערט, זיך צו פרעגן:

— ווי אַלט איז זי דען, אָט די בתיה?

ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער האָט זי געבעטן היינט אויפן וועג צו זעליג וויינבערגס מוטער, אַז זי זאָל אים אויפהערן צו אירצן. און ער האָט עפּעס געפילט מאָדנע וועגן דעם.

— איז דאָס נישט געווען קיין נאַרישקייט פון מיין זייט? — האָט ער זיך געפרעגט.

— געוויס אַ נאַרישקייט! — האָט ער זיך אויסגערעדט.

— מען דאַרף זיך ערנסט דורכשמועסן מיט איר, — האָט ער ביי זיך באַשלאָסן.

— ערנסט און אָפנהאַרציק, — האָט ער צו זיך געזאָגט.

דאָס האָט משה געפּלאָנירט פאַר יענעם זונטיק אָוונט, אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך גאָר עפּעס אַנדערש.

ווען מען איז געזעסן ביים טיש און געגעסן וועטשערע, האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטאַרקער ווינט אין דרויסן. אַזאַ שטאַרקער ווינט איז דאָס געווען, אַז דאָס גערויש פון די ביימער אַרום די קלויסטערס האָט זיך אַריינגעריסן דורך די אָפענע פענצטער אין שטוב אַריין, און אָפגעריסענע וואָלקנס איבער דעם אָנהויב־אָוונטיקן הימל האָבן זיך געצויגן פאַרכמאַרעטע.

— עס וועט באַלד רעגענען, — האָט אסתר מלכה באַמערקט, און גענומען צומאַכן די פענצטער.

שפּעטער האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז עס איז געווען נישט מער, ווי אַ פאַלשער אַלאַרם. דער ווינט איז בלויז דורכגעלאָפן און איז אַוועק מיטנעמענדיק מיט זיך אויך די וואָלקנס. אָבער פאַרלאָזן די שטוב האָט מען סיי ווי נישט געקאָנט, ווייל איידער וואָס און ווען האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן מענטשן אין שטוב אַריין.

— אַ גוטן אָוונט, איך בין געקומען...

— קומט אַריין, קומט אַריין, — האָט סיי אסתר מלכה און סיי חיים באַגעגנט די געקומענע.

עס האָבן זיך אַריינגעשטעלט אין שטוב אַריין משה גרויסמאַן און אבא מרדכי שמואלס.

זייערע קולות האָבן נאָך אַ שטיק פונעם דרויסן געלאָזט וויסן, אַז זיי קומען, און ווען זיי זיינען אַריבער די שוועל איז גלייך די גאַנצע שטוב פול געוואָרן מיט זיי.

קיינער האָט אפילו נישט געהערט, אַז זיי זאָלן האָבן געזאָגט אַ גוטן אָוונט, וואָרים גלייךביים אַריינקומען האָט זיך אַ ריס געטאָן פון זייערע ביידנס מיילער:

— מיר קומען איצט פונעם דיין, און בלויז דו, משהניו, קאָנסט איצט ראַטעווען דאָס שטעטל.

— וואָס איז געשען? — האָט משה עטיע ביילעס געפרעגט מיט שרעק אין קול.

ביידע, סיי משה גרויסמאַן און סיי אבא מרדכי שמואלס האָבן אַ שאָט געטאָן מיט ווערטער, און עס האָט גענומען אַ היפּש ביסל צייט ביז עס איז קלאָר געוואָרן, אַז עס האַנדלט זיך וועגן דעם פּלומפּ אין דער שטעטלדיקער מקוה, וואָס איז צעבראָכן שוין איבער צוויי חדשים.

— די נשים געוואָלדעווען און זיי זיינען גערעכט, — האָט משה גרויסמאַן געזאָגט.

— און וואָס עפּעס בלויז די נשים? — האָט אבא מרדכי שמואלס געפרעגט.

— סטייטש? היתכן?

— עס קאָן דאָך קומען צו זינד, חלילה.

— מען וועט אָנפליאַדען ממזרים, חלילה. ווי געשריגן איז צו אונדז אַלעמען!

אַז עס טוט זיך אין שטעטל אַרום דעם צעבראָכענעם פּלומפּ אין דער מקוה האָט שוין משה געוואוסט אַביסל.

ערשט דעם פאַרגאַנגענעם פרייטיק זיינען צוויי יידן געקומען צו אים מיט אַ פּאַטשיילע נאָך אַ נדבה אויף צו פאַרריכטן דעם פּלומפּ אין דער מקווה, און ווען ער האָט זיי געגעבן אַ זילבערנע פינף־גילדנדיקע מטבע האָבן זיי אים שטאַרק געבענטשט.

איינער פון זיי האָט צופרידן אַ גלעט געטאָן די באָרד און געזאָגט:

— אינעם גאַנצן שטעטל נישט צונויפגענומען אפילו קיין צוויי גילדן.

— אַ גרויסע מצווה, — האָט דער צווייטער פאַרזיכערט משהןביים פאַרלאָזן די שטוב.

משהן זיינען שוין אפילו געווען באַקאַנט די חכמות פון די שטעטלדיקע לצים וועגן דער פרומער באַבעלע מרדכי שמואלס, וואָס איז געקומען צולויפן צום דיין מיט אַ געוואַלד:

— רבי, איך האָב שוין נישט קיין כוח צו טרייבן מיין מאַן פון מיין בעט דורך די נעכט.

אָט אַזוי האָט מען דערציילט וועגן דער פרומער באבעלען, און וועגן אַן אַנדערער האָט מען דערציילט, אַז זי האָט זיך אַריינגעריסן שבת ביים דאַווענען אין בית־המדרש אַריין און זיך צעגוואַלדעוועט צו די מתפללים:

— עס זאָל פאַלן אויף אייערע קעפּ!

איצט זיינען געקומען אין שטוב אַריין די צוויי שיינע יידן, משה גרויסמאַן און אבא מרדכי שמואלס:

— וואָס איז?

ערשטנס, זיינען זיי געוואויר געוואָרן, אַז משה האָט געגעבן אַ נדבה אויף דער מקווה גאַנצע פינף גילדן, איז דאָך אַ סימן, אַז ר׳ אליהוס זון האָט גאָט אין האַרצן, און צווייטנס, האָבן זיי געהערט, אַז ער האָט איבערגעגעבן דעם דיין ר׳ מרדכילען אַ מטמון מיט געלט פון די בני־העיר אין ניו־יאָרק, איז טאַקע וועגן אָט דעם געלט זיינען זיי איצט געקומען.

— איז וואָס־זשע קאָן איך טאָן? — האָט משה געוואָלט, אַז מען זאָל אים זאָגן.

לאָזט זיך אויס, אַז עס זיצט טאַקע איצט ביים דיין אַן עדה יידן, און מען וויל, אַז ער זאָל פון אָט דעם געלט געבן אויף צו פאַרריכטן די מקווה.

— נו? — האָט משה געפרעגט.

— ער וויל נישט געבן, דער דיין!

— ער וויל נישט?

— ניין, ער וויל נישט.

— פאַרוואָס?

לאָזט זיך אויס, אַז אַזוי ווי משה האָט אים געזאָגט, אַז דאָס געלט

איז אויף תלמוד־תורה, האַלט דער דיין, אַז עס איז נישט רעכט צו געבן אויף עפּעס אַנדערש.

— אַזאַ שוטה, — האָט זיך אסתּר מלכּה צעבייזערט, און חיים האָט אויף איר שטרענג אַ קוק געטאָן.

— נו, נו, — האָט זיך חיים שטרענג צעמורמלט אויף זיין ווייב, הלמאי זי רעדט אַזוי וועגן דעם מרא־דאתרא פונעם שטעטל.

— נו, נו, — האָט ער נאָך שטרענגער איבערגעחזרט.

— אָבער באַבעלע איז דאָך געווען גערעכט, — האָט זיך אסתּר מלכּה געהאַלטן ביי איריקן.

חיים אייזנקרעמער האָט געעצהט, אַז משה זאָל געבן אַ קוויטל צום דיין, אַז ער מעג געבן עטלעכע גילדן פון יענעם געלט צו פאַרריכטן די מקווה.

בתיה, וואָס איז געזעסן די גאַנצע צייט און זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס האָט זיך געטאָן, האָט פּלוצלינג דערפילט, אַז זי רויטלט זיך, און זי איז דערפאַר אַוועק אין קיך אַריין מיט אַ מינע אויף איר פּנים, אַז זי דאַרף דאָרטן עפּעס זייער נויטיק האָבן.

משה האָט אויפגעשריבן דאָס קוויטל צום דיין, און ווען די צוויי שלוחים זיינען אַוועק האָט ער אָנגעהויבן צו זוכן מיט זיינע אויגן בתיהן.

— וואו איז זי ערגעץ, בתיה?

אין דעם מאָמענט האָט זיך באַוויזן אַ נייער גאַסט. דאָס איז געווען אַן עלטערע, אָנגעבראָגזטע יידענע מיט אַ גרויסער שאַל אויף די פּלייצעס.

אסתּר מלכּה האָט געבעטן דער יידענע זיצן, זאָגנדיק דערביי צו משהן:

— דאָס איז שרה די דאָברינסקערין.

שרה די דאָברינסקערין האָט זיך געזעצט קעגנאיבער משהן, פאַרנאַנדערגעעפנט די שאַל און אָנגעהויבן:

— וואָס־זשע, ער וואַרט אויך ביז ער וועט דאַרפן קומען שטעלן אַ „ציון" אויף מיין קבר?

לאָזט זיך אויס, אַז דאָס איז די אַלטע, וועגן וועלכער זעליג וויינבערגס מאַמע האָט היינט גערעדט, און זאָגן זאָגט זי, אַט די אַלטע צו משהן, אַז ער זאָל זאָגן איר זון דאָרטן פון אירעט וועגן, אַז זי איז אים מוחל דאָס געלט, וואָס ער האָלט איר אין איין שיקן פון דאָרטן.

— זאָג אים דאָרטן, אַז איך האָב שוין אַלצדינג פון מיינעט וועגן. תכריכים אויך! דו הערסט? זאָג דאָס אים דאָרטן!

משה האָט זיך געקליבן זאָגן דער אַלטער שרהן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זי באַרואיקן אַביסל, אָבער דאָ איז שוין אויסגעוואַקסן נאָך אַן על־

טערע פרוי און גענומען פרעגן ביי אים וועגן אירע קינדער אין אמעריקע.
ווען איז זי אריינגעקומען אט די צווייטע פרוי?

משה האט זיך געוואונדערט אויף דעם, וואס ער האט גארנישט באמערקט איר אריינקומען. ער האט געקוקט אויף איר מיט וואונדער אין די אויגן, ווארום ביי אים איז אויסגעקומען, אז זי איז גארנישט אריינגעקומען, נאר זי איז אויסגעוואקסן פונעם דיל.

— וואס־זשע, משהניו, האסט גארנישט געבראכט פאר מיר קיין גרוס פון מיין ברײנדעלען?

— פון אייער ברײנדעלען?

— וואס־זשע, דו ווייסט גארנישט ווער מיין ברײנדעלע איז? — האט די יידענע זיך געחידושט, און ווענדנדיק זיך צו אסתר מלכהן, האט זי געוואלט וויסן צי איז דאס טאקע עטיע ביילעס זון, ווי מען זאגט.

— איר זאלט מיר געזונט זיין, אסתר מלכהניו, איז ער טאקע עטיע ביילעס?

— וועמענס דען איז ער, אויב נישט עטיע ביילעס? — האט איר אסתר מלכה געענטפערט מיט א פראגע אויף א פראגע.

דערהערט די פארזיכערונג פון אסתר מלכהן, האט זיך די יידענע אויפסניי געווענדט צו משהן:

— איז אויב דו ביסט טאקע עטיע ביילעס, איז וואס־זשע הייסט דאס דו קאנסט נישט מיין ברײנדעלען, הא?

אט אזוי איז זי ארויס מיט טענות צו משהן, און כדי אים באווייזן, אז זי האט בפירוש א טאכטער ברײנדעלע אין אמעריקע, האט זי ארויסגעשלעפט פון קעשענע א קאנווערט און אים דערלאנגט:

— ערשט מיט דריי וואכן צוריק אט די בריוו פון איר דערהאלטן, — האט זי אים פארזיכערט.

משה האט גענומען דעם קאנווערט אין האנט אריין און באטראכט אויף אים דעם צוריק־אדרעס.

— אייער טאכטער וואוינט דאך אין סענט־לואיס, — האט ער איר געלאזט וויסן.

— אין צענט־לוס? יא, יא, טאקע אין צענט־לוס, — האט זיך די יידענע דערפרייט, און זי האט זיך דערביי אפילו געשוואוירן:

— איך זאל אזוי לעבן, ווי טאקע אין צענט־לוס.

משה האט זיך צעשמייכלט און איר אנגעהויבן דערקלערן, אז סענט־לואיס איז זייער ווייט פון ניו־יארק, וואו ער וואוינט, און ער זעט דערפאר נישט איר טאכטער ברײנדעלען. אבער זי האט אים איבערגעריסן:

— וואס זאגסטו? ווייט? וואס הייסט עס איז ווייט? הער נאר, הער,

גאָר ווייט! — האָט זי זיך גענומען בייזערן און ווידער זיך געווענדט צו אסתר מלכהן מיט פאַרדרוס אין איר קול:

— איר זאָלט מיר געזונט זיין, אסתר מלכהניו, איז ער טאַקע עטיע ביילעס, ווי מען זאָגט?

— עטיע ביילעס! אוודאי עטיע ביילעס! האָסטו געהערט אַ מעשה, מען זאָגט איר עטיע ביילעס, און זי!

— אָבער פאַרוואָס־זשע קאָן ער נישט מיין בריינדעלען? — האָט זי זיך געהאַלטן ביי איריקן.

— ווייל ער וואוינט אין ניו־יאָרק.

— וואָס־זשע, ניו־יאָרק איז נישט אין אַמעריקע? — האָט זי גע־וואָלט, אַז מען זאָל איר געבן צו פאַרשטיין.

אסתר מלכה האָט נערוועז אַ ציִ געטאָן די שפּיצן פון איר קאָפּ־טיכל אונטער איר גאָמבע און האָט זיך געקליבן צו דערקלערן דער יידענע, אָבער אין דעם מאָמענט האָט זיך באַוויזן אויף דער טיר נאָטל שייעס און הינטער אים האָט זיך נאָכגעשלעפּט זיין טאָכטער רייזל.

— סקאָצל קומט! — האָט אסתר מלכה בייזלעך אַרויסגעברומט אונ־טער דער נאָז.

עס האָט זיך אַריינגעשטעלט נאָטל שייעס מיטשלעפּנדיק הינטער זיך זיין פאַרעלטערטע טאָכטער רייזלען.

— נישקשה, נישקשה, מעגסט אַריינקומען, רייזל, — האָט ער גע־רופן מיט אַ דערמוטיקדיקן קול צו זיין טאָכטער, און ווענדנדיק זיך צו די זיצנדיקע, האָט ער זיך גענומען באַקלאָגן:

— האָסטו געהערט אַביסל, זיך שעמען גאָר פאַר אַן אייגן שוועסטער־קינד!

ווען רייזל איז שוין געווען אינווייניק האָט ער טאַטעדיק ווייך צו איר גערעדט:

— וואָס־זשע, משה איז דיר, חלילה, קיין קרוב נישט? האָסטו גע־הערט אַביסל!

רייזל אין איר פריש אויסגעוואַשענעם ציצענעם קליידל און מיט די צוויי געלבלעכע, פאַרפלאָכטענע צעפּ אַרום איר קאָפּ איז געזעסן ביים טיש און זיך נישט אויפגעהערט צו בלייכן פון דעם טאַטנס שטורכעניש, וואָס ער האָט איר אַלע ווייל אונטערגעשטורכעט. דאָס שטורכעניש איז געקומען פון זיין זייט, ווי אַ דערמוטיקונג, אַז זי זאָל זיך האַלטן לייטיש און אַז זי זאָל זאָגן אַ וואָרט ביים טיש. פון צייט צו צייט האָט זי געמאַכט אַ מינע, וואָס האָט עדות געזאָגט, אַז זי שטרענגט זיך זייער שטאַרק אָן צוליב צו טאָן דעם טאַטן, אָבער וויפל זי האָט זיך נישט אָנגעשטרענגט

איז איר דאָס וואָרט געבליבן שטעקן אין האַלדז, און בשום אופן נישט געקאָנט אַרויסקריכן.

אַז נאָטל שייעס האָט געזען, אַז עס גייט נישט, האָט ער שוין גערעדט פאַר איר אויך:

— זינט ריילע עליה השלום איז נישטאָ, איז זי ביי מיר קיין עין־הרע די גאַנצע באַלעבאָסטע אין שטוב און אין קלייט.

בתיה האָט זיך אַרומגעדרייט איבער דער שטוב אַ פאַרלוירענע און אַן אומרואיקע. פון צייט צו צייט האָט זי געגעבן דעם איינדרוק, אַז אָט־אָט און זי וועט אַרויספּלאַצן אין אַ היסטעריקע, און פאָדערן ביי דער מומע אסתר מלכהן, אַז מען זאָל דינגען אַ פור און זי גלייך אָפּשיקן צוריק קיין קאָוולע.

משה האָט דאָס באַמערקט און גענומען זוכן אירע בליקן, אָבער נישט קאָנענדיק זיי אויפכאַפּן, האָט ער גלאַט אַזוי אַ רוף געטאָן:

— בתיהקע.

— יאָ? — האָט זי געפרעגט, און ענדלעך באַגעגנט זיינע בליקן אויף איר.

— מיר דאַכט זיך, אַז עס וועט שוין נישט רעגענען, — האָט ער צו איר געזאָגט.

אַוודאי האָט ער מיט אָט דער באַמערקונג געמיינט צו אינסינואירן, אַז מען וועט נאָך היינט אַרויסגיין צוזאַמען אויף אַ שפּאַציר, און זי האָט דאָס אויפגעכאַפּט און איז טאַקע אַביסל אויפגעמונטערט געוואָרן, אָבער באַלד האָבן זיך צוריק אַריינגעשטעלט אין שטוב אַריין משה גרויס־מאַן און אבא מרדכי שמואלס.

— נו, דאַנקען גאָט, — האָב זיי אויסגערופן ביים אַריינקומען און זייערע פנימער האָבן געלאָזט וויסן, אַז זיי האָבן ברוך השם אויפגעטאָן אַ גרויסע זאַך פאַרן ציבור, און אַז זיי קומט בפירוש אַביסל אָפּרו און אָנערקענונג.

— נו, דאַנקען גאָט, — האָבן זיי נאָך אַמאָל איבערגעחזרט, און באַלד טאַקע געלאָזט וויסן:

— עס וועט שוין מערצישעם זיין בקרוב אַ כשרע מקווה.

דאָס לעצטע האָבן זיי אויסגערופן מיט אַזאַ שמחה און אַזאַ טריאומף, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען בפירוש זיכער ביי זיך, אַז די שטוב־מענטשן זיינען געזעסן די גאַנצע צייט און געוואָרט אויף אָט דער גרויסער בשורה.

— דיין קוויטל האָט דאָס אויפגעטאָן, — האָט אבא מרדכי שמואלס גע־לאָזט וויסן משהן.

בתיה איז שוין ווידער געווען אין קיך. איצט האָט זי געהאָלפן דער

מומען דערוואַרעמען דעם סאַמאָוואַר שוין דעם ווינפלטן מאָל.

משה האָט זיך געמאַכט, ווי ער דאַרף עפּעס נויטיק האָבן אין זיין אַלקער, און פאַרבייגייענדיק די קיך, האָט ער צערטלעך אָנגערירט בתיהס אָרעם, און שטיל זיך פאַרקלאָגט פאַר איר:

— אַז מען קאָן גאָרנישט פּטור ווערן!

אַפּנים, אַז אַט די ווערטער זיינען טאַקע געווען דערפרישנדיקע פאַר בתיהס געמיט:

— מען וועט איבערקומען, — האָט זי אים געטרייסט.

שפּעטער, ווען ער איז שוין צוריק געזעסן ביים טיש צווישן די געסט, האָט ער נישט אויפגעהערט צו פּילן אויף זיך בתיהס אויגן, צערט־לעכע און וואַרעמע.

עמיצער האָט ביים טיש אַ וואַרף געטאָן פון דער העלער הויט אַ באַמערקונג:

— עס איז היינט דאָ אין שטוב קיין עין־הרע, ווי אויף אַ פריילעכן קנאַסמאָל.

— הלוואי נאָר אויף שמחות, — האָט נאָטל שייעס אַ ווינטשעווע געטאָן, און דערביי אָנגעהויבן צו פירן זיינע אויגן פון זיין טאָכטער אויף משהן און אויף צוריקוועגס.

משהס אויגן זיינען אָבער אין יענעם מאָמענט געווען פאַרנומען מיט בתיהס, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין זיינע, און ער האָט שפּאַסיק אַ זאָג געטאָן:

— הלוואי, אָמן סלה!

אַפּנים, אַז אסתר מלכה האָט דעמאָלט עפּעס באַמערקט אויף בתיהס פּנים, וואָרים אין דעם מאָמענט האָט זי אַ צי געטאָן צו איר מיט די הענט און זי געגומען גלעטן אויף די האָר.

משה גרויסמאַן האָט אַריינגעלייגט אין מויל אַריין אַ שטיקל צוקער און געפרעגט מיט אַ פאַרדומט קול:

— איז טאַקע אמת, אַז אין ניו־יאָרק זיינען דאָ קיין עין־הרע אַזאַ שלל מיט יידן?

— איבער צוויי מיליאָן, — האָט אים משה עטיע ביילעס געגעבן אינפאָרמאַציע.

— איבער צוויי מיליאָן? — האָט חיים זיך שטאַרק געחידושט, און באַלד צוגעלייגט:

— קיין עין־הרע!

— קיין עין־הרע! קיין עין־הרע! — האָט אבא מרדכי שמואלס אונ־

טערגעכאַפּט חיימס פאַרחידושן זיך, און נאָטל שייעס האָט אַרויסגעלאָזט אַ שטיל קרעכצעלע:

— די שאלה איז נאָר אויף וויפל זיינען אָט די צוויי מיליאָן דאָרטן טאָקע אמתע יידן.

אָט אַזוי האָט ער אַ קרעכצעלע געטאָן, אָט דער נאָטל שייעס, אָבער חיים האָט אַ וואָרף געטאָן אויף אים אַ ביטולדיקן בליק און אַרויסגע־ברומט:

— נו, נו.

— איך מיין, — האָט נאָטל שייעס אָנגעהויבן, אָבער חיים האָט צווישן איין זופּ און דעם אַנדערן פון דער טיי אין זיין גלאָז אַ שטרענגן קוק געטאָן אויף אים און שאַרף אַרויסגעברומט:

— יידן זיינען אומעטום יידן!

די לעצטע ווערטער האָט ער אַרויסגעברומט מיט אַ באַזונדער באַ־טאָנונג און עס איז קלאָר געווען ביי יעדן איינעם אַרום דעם טיש, אַז געמיינט האָט ער מיט זיי אויך זיינע קינדער אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

— הם, יאָ, — האָט אבא מרדכי שמואלס מיט אים מסכים געווען, אָבער ווייטער פון אָט דעם „הם, יאָ" איז נישט געקומען.

עס איז געווען קאָנטיק, אַז מען האָט נישט קיין חשק אָנצורירן אָט דעם ענין, ערשטנס, דערפאַר, ווייל יעדער איינער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז אַ וואונד ביי חיימען און אסתר מלכהן, און צווייטנס, האָט בכלל קיינער קיין חשק נישט געהאַט צו רעדן אין פּוילן וועגן דעם לאַנד, וואָס איז אויף יענער זייט גרעניץ.

האָט דאָס חיים דערפילט? קאָן זיין, אַז יאָ, וואָרים ער האָט דעמאָלט מיט עפּעס גאָר אַ באַזונדער שטרענגקייט אין זיין קול אַ זאָג געטאָן:

— מען איז יידן אויך אין רוסלאַנד!

אבא מרדכי שמואלס האָט אַוועקגעשטעלט די אויסגעליידיקטע גלאָז און געפרעגט:

— און ביי אונדז דאָ זיינען אַלע טאָקע יידן, ווי יידן באַדאַרפן צו זיין?

ער האָט געפרעגט אָט די פראַגע מיט אַ שטילן, קרעכצנדיקן טאָן און צוגעלייגט:

— מעשטיינס געזאָגט וואָס עס ווערט פון אונדזער יידישקייט אפילו דאָ ביי אונדז אין שטעטל!

עס איז אַוועק אַ שמועס וועגן דער גרויסער איבערקערעניש אינעם שטעטל.

— נו, יאָ, זינט דער הויף איז חרוב געוואָרן איז אַוודאי נישט דאָס, וואָס איז געווען, — האָט משה גרויסמאַן אַ טיפן קרעכץ געטאָן.

נאָטל שייעס האָט געוואָלט האָבן, אַז מען איז אַליין שולדיק, וואָס עס איז נישט מער שוין דאָס.

— מען האָט נישט געדאַרפט דערלאָזן, אַז דער רבי וועלוועלע, וואָס איז דער לעצטער פון דער גזע זאָל איבערטראָגן דעם שלשלת־הזהב קיין קאָוולע.

— אָט האָסטו דיר אַ נייעם פּזמון! — האָט חיים זיך צעבייזערט אויפן קול.

— נו, און אַז דער רבי וועלוועלע פּראָוועט אין קאָוולע איז דאָרטן נישטאָ קיין כפירה?

משה גרויסמאַן האָט אַ וויג געטאָן דעם קאָפּ אויף זיין דינעם האַלדז און זיך צעקרעכצט:

— דאָס ערגסטע ביי אונדז דאָ אין שטעטל איז מיט די תינוקות של בית־רבן.

משה עטיע ביילעס האָט פאַרשטאַנען, אַז משה גרויסמאַן מיינט מיט דעם „תינוקות של בית־רבן" די יידישע קינדער־שול אין שטעטל, און ער איז געוואָרן טראַציק.

— איך בין היינט געווען אין דער היגער יידישער קינדער־שול, און...

דאָ האָט משה גרויסמאַן איבערגעכאַפּט דעם „און", און גענומען חוזקן:

— און אוודאי געהערט דאָרטן אַ פּאַרטיפּט פּשטל אויף אַ „וואס תאמר", האַ?

— איך האָב געהערט פּשוטן פּשט, און עס איז געווען פאַר מיר אַ גרויס פאַרגעניגן, — האָט משה עטיע ביילעס געענטפערט.

— און אוודאי איבערגעלאָזט אַביסל מזומן דאָרטן, — האָט חיים הלצהדיק געפרעגט.

— אַ גרויסע מצווה געהאַט, — האָט נאָטל שייעס אַ בריזגע געטאָן.

— אמתע כופרים! — האָט ער באַלד צוגעלייגט מיט אַ בייזן ברום אין זיין בערדל אַריין.

— נו, נו, — האָט חיים אָנגעמאַכט נאָטלס באַמערקונג, און קוקנדיק אויף די אַרומיקע, האָט ער צוגעלייגט אין אַ גוטמוטיקן טאָן:

— מען איז אַ גאַסט פון אַמעריקע, איז ווי־זשע גיט מען נישט אַ פּאָר גילדן?

פּלוצלינג האָט משה גרויסמאַן גאָר געוואָלט וויסן, וואָס אַשטייגער וואָלט אַזאַ ייד, ווי ער, געקאָנט טאָן אין אַמעריקע פאַר פּרנסה.

משה עטיע ביילעס האָט אַ שמייכל געטאָן צום רויך פון זיין ציגאַרעטל, און געזאָגט:

— איר וואָלט געקאָנט ווערן אַ קדיש־זאָגער.

— אַ וואָס? — איז חיים געוואָרן ביז גאָר פאַראינטערעסירט אין דעם, וואָס משה האָט געזאָגט.

— אין אַמעריקע זיינען דאָ אַזעלכע, — האָט אים משה עטיע ביילעס פאַרזיכערט.

— דהיינו? — האָבן שוין אַלע געוואָלט וויסן, וואָס אַזוינס איז אַ קדיש־זאָגער.

דער גאַסט פון אַמעריקע האָט זיי דערקלערט, ווי אַזוי יענע יידן, וואָס זיינען צו שטאַרק פאַרנומען מיט זייערע געשעפטן, און האָבן דערפאַר קיין צייט נישט צו גיין צוויי מאָל אין טאָג אין שול אַריין צום מנין, דינגען פאַר זיך קדיש־זאָגערס, ווען עס שטאַרבט ביי זיי דער פאָטער, צי די מוטער.

די אָרומיקע ביים טיש האָבן געלאַכט, און משה האָט זיי דערציילט, אַז עס זיינען דאָ אויך אַזעלכע, וואָס דינגען קדיש־זאָגערס נאָך זיך אַליין, וויסנדיק, אַז זייערע קינדער וועלן נאָך זייער טויט נישט טאָן אפילו אָט דאָס שטיקל חסד.

— הער נאָר, הער! — האָט חיים זיך געחידושט און אַלע אָרומיקע אויך:

— הער נאָר, הער!

— אָט דאָס האָב איך דאָך געזאָגט, — האָט נאָטל שייעס אָנגעהויבן, אָבער אים האָט חיים איבערגעשלאָגן:

— נו, נו.

משה עטיע ביילעס האָט אויפגעעפנט אַן אַמעריקאַנער פעקל־פאַפּיראָסן און האָט מכבד געווען.

— פאַר מיר זיינען זיי צו גרינג, — האָט חיים זיך אָפּגעזאָגט, אָבער אַלע איבעריקע האָבן גענומען.

— אַן אמתער אַמעריקאַנער פּאַפּיראָס! — האָט אבא מרדכי שמואלס אויסגערופן אין גרויס התפעלות, און אים געדרייט אין זיינע פינגער, ווי אַ פרומער ייד דרייט אַן אתרוג, וואָס קומט פון ארץ־ישראל.

— נישט מסוכן, — האָט נאָטל שייעס געזאָגט זיין מבינות גלייך נאָכן ערשטן פאַרצי.

— אָט האָסטו דיר אַ נייעם מבין, — האָט חיים אַ בורטשע געטאָן, און משה גרויסמאַן האָט קוקנדיק אויפן רויך, וואָס האָט זיך געהויבן אין דער

לופטן פון זיינעם, געוויגט דעם קאָפּ און געמורמלט מיט אַ שטיל און פאַרטראַכט קול צו זיך:

— איז הייסט עס, האַ? אַזוי, אַזוי, אַ קדיש־זאָגער אין אַמעריקע?

חיים האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט וועגן דעם, וואָס ער האָט צוריק מיט אַ יאָר געהערט וועגן עפּעס אַ טריסקער רבין אין ניו־יאָרק און ער האָט זיך געוואונדערט צו משהן:

— געקומען אַהער פאַראַיאָרן דעם שקראַבס זון פון ניו־יאָרק, האָט ער דערציילט וועגן אַ טריסקער רבין, וואָס פירט דאָרטן ביי אייך גאָר אַ גרויסן הויף.

— וואָס דעם שקראַבס זון ווייסט שוין צו דערציילן וועגן רביים, אַז בסך־הכל האָט ער אפילו נישט געקאָנט מאַכן די ברכות ווען מען האָט אים דאָ אויפגערופן צו קריאת־התורה, — האָט נאָטל שייעס זיך צעברומט.

— אָבער דערציילט האָט ער דאָך, — האָט חיים בייז אַ ברום געטאָן.

— עס איז דאָ אַזאַ טריסקער רבי אין ניו־יאָרק, — האָט משה עטיע ביילעס באַשטעטיקט.

— ווער־זשע איז ער, אָט דער רבי? — איז שוין משה גרויסמאַן געוועזן ביז גאָר פאַראינטערעסירט.

ער איז געוואָרן אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט, אַז ער האָט אַזש אָנגעהויבן צו מאַכן אַ חשבון אויף די פינגער וועגן אַלע טריסקער רבישע קינדער, וואָס האָבן זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט איבער די לענדער פון דער ערד.

— זינט ר׳ יעקב לייבעניו, זכותו יגן עלינו, איז נסתלק געוואָרן אין רובאַשאָוו, ווייסן מיר וועגן אַלע זיינע קינדער, — האָט ער אָנגעהויבן, און פאַרלייגנדיק אַ פינגער נאָך אַ פינגער פון דער רעכטער האַנט, האָט ער געגומען אויסרעכענען אַלע קינדער ביי די נעמען:

— ר׳ משהלע איז רבי אין לובלין; ר׳ דוד אהרעלע אין ראַכאָוו; ר׳ נחומצע אין וואַרשע; ר׳ וועלוועלע איז אין קאָוולע.

משה גרויסמאַן האָט זיי איבערגעציילט מיט דער הילף פון זיינע פינ־גער, און זיך שטאַרק געחידושט:

— איז ווער־זשע איז ער טאַקע, אָט דער, וואָס רופט זיך דאָרטן ביי אייך „דער טריסקער“, האַ?

דאָ האָט משה עטיע ביילעס זיך דערמאָנט, און געוואָרפן אַביסל ליכט:

— הייסן הייסט ער ר׳ שלומקע, קומען קומט ער פון האָצעלע. עס זאָל הייסן, אַז ער איז דעם אַלטן טריסקער ר׳ אברהמעלעס אַן אייניקל.

— פון האָצעלע, זאָגסטו? — האָט משה גרויסמאַן זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— פון האָצעלע. איך בין זיכער, אַז פון האָצעלע!

— אויב אַזוי ווייס איך שוין, — האָט משה גרויסמאַן זיך דערפרייט.

— דו מיינסט צו זאָגן, אַז ער איז מלכהלעס? — האָט חיים געפרעגט ביי משה גרויסמאַן.

— מלכהלעס! אוודאי מלכהלעס! וואָס דען נישט מלכהלעס? — איז משה גרויסמאַן ממש געשפרונגען פון דער שטול.

— איז פאַרוואָס רופט ער זיך נישט „דער האָצעלער"? — האָט נאָטל שייעס געוואָלט וויסן, און חיים האָט אים גלייך אָפגעענטפערט:

— דער האָצעלער, דער שמאָצעלער?

האָט חיים בייז אָפגעענטפערט נאָטלען, און קוקנדיק אויף די אַרו־מיקע געזאָגט:

— מוז זיין אַ חכם, אָט דער ר' שלומקע, וואָרום וואָס איז דיר דאָרטן אַ האָצעלער אַנטקעגן אַ טריסקער?

משה גרויסמאַנס אויגן האָבן אויפגעשיינט, און קוקנדיק אַרום זיך, האָט ער זיך צעברומט:

— איז הייסט עס בלויז אַ קדיש־זאָגער, האַ?

— וואָס דען וואָלט איר דאָרטן געוואָלט טאָן? — האָט משה עטיע ביילעס געוואָלט וויסן.

משה גרויסמאַן האָט טריאומפירנדיק אַ צי־געטאָן דעם אַמעריקאַנער פאַפּיראָס מיט די ליפּן, און געפרעגט:

— און פאַרוואָס נישט אַ גבאי ביי ר' שלומקען, האַ?

— נו, נו, — האָט חיים אים איבערגעשלאָגן און אין הלצהדיקן טאָן געפרעגט:

— און אפשר גאָר אַ שומר ביים פלומפ פון ר' שלומקעס מקווה אין אַמעריקע? האַ?

אַ שלאָפלאָזע נאַכט

יענעם זונטיק אויף דער נאַכט איז משה ביילעס כמעט ווי נישט געשלאָפן.

דער האַרטער, לייוונטענער ליילעך איבער די שטרוי אינעם בעט האָט עפּעס דעמאָלט באַזונדער געשטאָכן זיין לייב און אים אומבאַקוועם געמאַכט פיל מער, ווי אין די פריערדיקע עטלעכע נעכט. די לופט דורכן לופטשיקל אינעם פענצטער האָט אין יענעם זונטיק אויף דער נאַכט דעם גאַנצן אָטעם פאַרלוירן, אַזוי, אַז דאָס בלעכענע פּעכערל איז זיך געשטאַנען אינעם רעדל פון דער שויב און זיך קיין ריר נישט געטאָן.

ער האָט שוין אַ פּאָר מאָל אפילו געפּרובירט אין דער פינצטער עפענען דאָס גאַנצע פענצטער, אָבער ער האָט דאָס אויפגעגעבן, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז מיט אַ צו שטאַרקן שטופּ זאָל ער דאָס נישט אַרויסוואַרפן אינגאַנצן אין דרויסן אַרויס.

ער האָט זיך געהאַלטן אין דרייען פון איין זייט אויף דער אַנדערער. געווען מאָמענטן, ווען ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן באַגער אויפצוהויבן זיך פון בעט, אַרויפציען אויף זיך דעם שלאָף־ראָק, אָנטאָן די שטעקשיך און אַרויסגיין אויפן גאַניקל. ער האָט דאָס אָבער נישט מעטאָן. אָפּגעהאַלטן האָט אים דאָס, וואָס בתיה איז געשלאָפן אויף דער אַנדערער זייט פון דער וואַנט. עס איז ביי אים אויסגעקומען, אַז טאָמער וואָלט זיך עמיצער אויפגעכאַפּט פון שלאָף, וואָלט מען אפשר אויסגעטייטשט זיין אַרומשלעפּן זיך דורך דער נאַכט נישט ווי עס דאַרף צו זיין.

ער האָט געקוקט אין דער טונקלקייט אויף דער וואַנט, וואָס האָט אָפּגעצאַמט בתיהן פון אים און געזען, ווי זי שלאָפט אין איר בעט.

— און אפשר שלאָפט זי אויך נישט, האַ?

— שלאָפסט, בתיהקע, האַ?

ער האָט דאָס געפרעגט, נישט דערוואַרטנדיק קיין ענטפער, וואָרים זיין פרעגן איז געקומען זייער שטיל, אַזוי שטיל, אַז אפילו ווען זי וואָלט נישט געשלאָפן, וואָלט זי אים אויך נישט דערהערט.

פאַרן שלאָפן איז ער געזעסן בלויז געציילטע מינוטן מיט איר אויפן גאַניקל.

— נו, אַן אָוונט! — האָט זי שטיל צו אים געזאָגט, און ער האָט זיך באַקלאָגט:

— מען האָט גאַרנישט געקאָנט פטור ווערן פון זיי!

ער האָט אין דער טונקלקייט אויפן גאַניקל שטיל און צאַרט געגלעט איר האַנט.

— מיר האָט זיך היינט אַונטן זייער שטאַרק געוואָלט פֿאַרברענגען בלויז מיט דיר, — האָט ער געמורמלט.

— איך אויך, — האָט זי אים שטיל געענטפֿערט, און צוגעבויגן איר קאָפּ צו זיינעם.

ער האָט זי דעם ערשטן מאָל צאַרט געקושט אויף די באַקן, און זי האָט אויפגעזוכט מיט איר מויל זיינע ליפּן.

— דו! — האָט ער צו איר אַ מורמל געטאָן אַן איבערפֿולטער פון איר קוש.

— דו, דו, דו! — האָט זיך גענומען וויגן פון איר מויל דאָס ליד פון ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווערס „רבונו של עולם״, און ער איז אַן אויפֿגעלויכטענער אַריינגעפֿאַלן אין טאָן מיט איר צוזאַמען.

איצט איז ער געלעגן אויפן בעט מיט אָפענע אויגן, און בשום אופן נישט געקאָנט איינשלאָפן. ביי אים איז אויסגעקומען, אַז ער האָט נישט געווען געדאַרפט נעמען אַזוי ערנסט דער אַלטער מומע אסתר מלכהס אויסרוף צום גאַניקל, אַז עס איז שוין צייט, אַז מען זאָל זיך לייגן אָפּרוען.

— קינדער, עס איז שוין שפּעט, — האָט זי גערופן מיט געטריישאַפט אין איר קול.

— און אַז שפּעט, איז וואָס? — האָט ער זיך איצט געבייזערט הלמאי ער האָט געפֿאָלגט דער אַלטער מומע אסתר מלכהן.

ער האָט געקוקט דורך די שויבן אויף די פֿינקלדיקע שטערן, און ער האָט געקאָנט שווערן, אַז דאָס פֿינקלעניש איז נישט דאָס זעלבע, ווי עס האָט געפֿינקלט פֿריער, ווען ער איז געזעסן מיט בתיהן אויפן גאַניקל.

— פֿריער האָבן זיי געפֿינקלט אַזוי שטיל און ליב, און איצט חוזקן זיי!

אָט אַזוי האָט ער איצט געזען דאָס פֿינקלעניש פון די שטערן דורך די שויבן.

— נו, יאָ, טאַקע אַ חוזק, — האָט ער זיך צעברומט און זיך איבערגעדרייט מיטן רוקן צו די שויבן.

אין זיין מוח האָט זיך אַ שפּרייט געטאָן אַ פּלאָנטער פון מחשבות, און ער האָט נישט געהאַט דעם מינדסטן באַגער זיי פּרובירן פֿאַנאַנדערצופּלאָנטערן.

די עטלעכע טעג אין זיין געבורטשטעטל האָבן אים אַזוי פֿיל צוריקגעבראַכט אַהיים, אַז די יאָרן אין אַמעריקע האָבן אים אָנגעהויבן אויסצוזען, ווי עפּעס, וואָס האָט זיך אים בלויז געחלומט, און האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דער ווירקלעכקייט.

ער האָט איצט געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס בעט אין וועלכן ער ליגט איז דאָס זעלבע בעט אין וועלכן ער איז געשלאָפן ייִנגלווייז. און נישט נאָר דאָס בעט, נאָר אויך דער אַלקער איז דער זעלבער, און אַז קעגנאיבער ביי דער וואַנט שלאָפט איצט אַ פאַרמאַטערטע זיין מאַמע.

עמיצער האָט שטיל געשנאַרכעט, האָט ער געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס שנאַרכעט זיין מאַמע נאָך אַ שווערן טאָג מיטן געבעקס־שטעלכל אויפן מאַרק.

— מאַמע, — האָט ער שטיל אַ מורמל געטאָן.

אָבער די מאַמע האָט אים נישט געהערט, און ווייטער געשנאַרכעט, ווי פריער.

— אַ שנאַרכענדיקע מאַמע אונטער אַן אָפּגעפּאַרבטן „ציון" איבער איר קבר, — איז אים דורכגעלאָפן אין געדאַנק.

— ר׳ בערל, איר האָט דאָך צוגעזאָגט אַ בלעכן דעכל איבערן „ציון", האַ, ר׳ בערל?

— יהודה לייב, וואָס דאַרפסטו די באָרד, האַ, יהודה לייב, נו, זאָג עפּעס אַ קלוג וואָרט, יהודה לייב!

— משה גרויסמאַן וויל נישט זיין קיין קדיש־זאָגער אין ניו־יאָרק, — ער וויל בעסער זיין אַ גבאי ביי ר׳ שלומקען, דעם רבין פון האָצעלע, וויל ער!

— האָצעלע, שמאָצעלע, ווען איז ער דאָס געווען ביי ר׳ שלומקען, האַ? אויף אַ מלוה־מלכה, האַ?

— ווי קומט האָצעלע צו טריסק?

— דו, דו, דו, — זינג, בתיהקע, זינג, עס איז אַזאַ מחיה צו הערן דיין זינגען.

אַ האַרטער, יאַדעשליוּוער הוסט האָט אים אויפגעוועקט פונעם קאָש־מאַר, און ער האָט זיך אויסגעדרייט באַזעגדניק און פאַרלייגט די הענט אונ־טערן קאָפּ.

— כמע, כע, כמע! — האָט זיין פעטער חיים אַזוי געהוסט אין דעם צווייטן צימער.

— פון זיינע שטאַרקע ציגאַרלעך אַוודאי.

משה האָט געקוקט מיט די אָפענע אויגן אין דער פינצטערניש צום אַרויף און עס איז אויסגעוואַקסן פאַר אים דאָס גרין־געפאַרבטע הויז, וואָס די טריסקער אין ניו־יאָרק האָבן געקויפט פאַר ר׳ שלומקען.

— בית הכנסת של הרב שלום טווערסקי, — האָט ער איבערגעלייענט די גרויסע גאָלדענע אותיות אויפן שילדל ביים אַריינגאַנג און אויך די קלענערע אונטער זיי:

— טריסקער רבי שליט״א.

ער האָט זיך צעשמייכלט אין דער טונקלייט און שטיל געמורמלט פאַר זיך.

— ביי ר׳ שלומקען הויזן העברייאיש און יידיש אינאיינעם גאָר, גאָר בשלום.

— יידיש און העברייאיש האָבן שלום־בית, — האָט ער נאָך אַמאָל איבערגעחזרט און זיך צעוויצלט איבער זיך אַליין:

— איז וואָס־זשע נאָך ווילסטו, האַ?

פלוצלינג האָט ער דערפילט, ווי אַ טיפער אומרו נעמט אים אַרום, און ער האָט שטיל אַ רוף געטאָן:

— בתיהקע.

עס איז אים עפּעס מיטאַמאָל ביז גאָר קלאָר געוואָרן, אַז אויף יענער זייט וואַנט ליגט אין אַט אַזאַ בעט, ווי זיינס, די שיינע, יונגע בתיה.

— שלאָפט זי? ציט זי דרייט זיך דאָרטן אויך, אַזוי ווי ער דאָ אויפן האַרטן ליילעך?

ער האָט דערפילט, ווי די אויפרודערונג שטאַרקט זיך אין אים און ער האָט געפרעגט:

— איז וואָס־זשע טאַקע, האַ?

עס זיינען אים געקומען אין זכרון דער שוועגעריינס ווערטער פאַרן אָפּפאָרן אויף דער שיף, אַז ער זאָל זיך מיטברענגען אַ חברטע פון פוילן:

— בתיה!

— דו! דו! דו! — האָט אויפגעזונגען אין זיינע אויערן איר שטיל געזאַנג.

— בתיה, בתיהקע!

פלוצלינג האָט זיך אַ שפּרייט געטאָן אין אים עפּעס אַ מאָדנער געפיל, וואָס האָט אים איבערגעשראָקן. עס איז געווען אַ געפיל, וואָס האָט געהאַט אין זיך אַחוץ שרעק אויך בושה, און ער האָט דערפילט אַ בייז־קייט אויף זיך אַליין.

עס איז אויסגעוואַקסן פאַר אים זיין בעלאַ. זי איז געשטאַנען פאַר זיינע אויגן אַזאַ אויסגעצערטע, אַזאַ בלייכע, און מיט אירע דאַרע, ציטער־דיקע פינגער האָט זי געגלעט אויף איר בויך:

— דענקסט, אַז איך וועל דאָס איבערקומען? — האָט זי געפרעגט ביי אים, און אַזאַ צער האָט אַרויסגעקוקט אויף אים פון אירע טונקעלע אויגן.

— מיר וועלן! אַוודאי וועלן מיר! — האָט ער זיך באַמיט מיט אַלע כוחות זי צו באַרואיקן, כאָטש ער און די שוועסטער אירע האָבן

נישט איין מאָל געוויינט, ווען זי איז דערביי נישט געווען, וואָרים זיי האָבן געוואוסט, אַז עס קלייבט זיך אַן אומגליק.

— מען דאַרף רחמים, — האָט דער דאָקטאָר זיי צוגעגרייט, און שאָק־לענדיק מיט באַדויער זיין גרויען קאָפּ, האָט ער זיך שטיל געבייזערט:

— מיט אַזאַ האַרץ, ווי אירס איז, האָט מען אין דער ריכטיקער צייט געווען געקאָנט מאַכן אַ לעגאַלע אָפּעראַציע?

— איז אפשר? — האָט ער צוזאַמען מיט דער שוועסטער זיך אָנ־געכאַפּט אַן דעם דאָקטאָרס ווערטער.

— איך האָב געזאָגט „אין דער ריכטיקער צייט”, — האָט דער דאָק־טאָר זיך קלאָר געמאַכט און צוגעלייגט:

— איצט איז שוין צו שפּעט.

משה האָט שטאַרק באַדויערט, וואָס מיט אים אינאיינעם איז נישט געקומען זיין חבר זעליג וויינבערג אַהער אינעם שטעטל אַריין:

— וואָלט ער דאָ איצט געווען, וואָלט איך געהאַט לעבן זיך אַ האַרץ, וואָס וואָלט מיך באַנומען, — האָט ער געטראַכט.

ער האָט זיך דערמאָנט אַן רוזשען, מיט וועלכער זעליג וויינבערג האָט אים באַקאַנט אין לעמבערג, וואו ער האָט פאַרבראַכט צוזאַמען מיט אים עטלעכע טעג אויפן וועג אַהער אינעם שטעטל אַריין.

— אַ וואונדערלעכע פרוי, — האָט אים זעליג וויינבערג פאַרלויבט אַט־דער רוזשען.

— און אַ שיינע אויך, — האָט זעליג צוגעלייגט און דערביי שוין עפּעס צו שטאַרק באַטאָנט, אַז זי איז אַן אלמנה און אַ שוועסטער פון זיינעם אַ זייער גאָענטן פריינט אין ניו־יאָרק.

איצט, ליגנדיק אויפן בעט אין דעם טונקעלן אַלקער איז משהן איינ־געפאַלן, אַז אפשר האָט טאַקע צוליב אַט דער סימפּאַטישער רוזשען זעליג וויינבערג אים איינגערעדט, אַז ער זאָל זיך אָפּשטעלן מיט אים אויף אַ פּאָר טעג אין לעמבערג.

— האָט זעליג דאָ אינזינען געהאַט אַ שידוך פאַר מיר?

— גוטער חבר מיינער, — האָט ער געמורמלט צו זעליג וויינבערגן, ווי ער וואָלט אים איצט געהאַט לעבן זיך.

עס איז אויפגעשטאַנען די שיינע, בלאָנדע רוזשע פאַר זיינע אויגן און ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אַן איר שטאַטלעך געשטאַלט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט ראַטעווען דורך דעם פון דער יונגער בתיהן.

— אַ שיינע, אָנגענעמע פרוי, — האָט ער זיך צערעדט אויף זיין בעט וועגן רוזשען פון לעמבערג.

— רייזעלע, — האָט ער איבערגעזאָגט דעם נאָמען, וואָס זעליג פלעגט

געבראָכן, און ער האָט זיך געווענדט צו איר.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם ליבן נאָכמיטאָג, וואָס ער האָט צו־זאַמען מיט זעליגן פֿאַרבראַכט אין איר ציכטיקער און געשמאַקפּולער וואוי־נונג אויף הענענגאַ גאַס. אַ וואוינונג, וואָס איז באַשטאַנען פֿון איין צימער מיט אַ קיכעלע, און דאָך געגעבן דעם איינדרוק פֿון רחבות, ווייל אַזאַ העלע און אַזאַ רחבותדיקע האָט זי דעם גוט־צוגעגרייטן מיטאָג סערווירט.

— אָט אַזאַ, ווי זי, וואָלט געווען אָן ענין, — האָט ער ביי זיך גע־טראַכט.

— אָט אַזאַ, האָט מסתמא די שוועגערין געמיינט, — האָט ער צו זיך גערעדט.

— ווי קומט בתיה צו אָט אַזאַ, ווי רוזשע? — האָט ער זיך גענומען איינרעדן.

— ווי אַלט איז זי דען אינגאַנצן? — האָט ער זיך שוין צום ווייפלטן מאָל געפֿרעגט.

— אַ גרייז! — האָט ער אין זיין קאַרעקטאַרישער געוואוינהייט אויס־געראָפֿן.

— זיכער אַ גרייז! — האָט ער באַטאָנט, און אַ דריי טוענדיק זיך אויפֿן בעט, האָט ער באַשטימט:

— אַ גרייז, וואָס מוז אויסגעבעסערט ווערן!

— דו! דו! דו! — האָט זיך ווידער צעוויגט אין זיינע אויערן בתיהס געזאַנג.

— דו! דו! דו! — האָט ער נישט ווילנדיק געענטפֿערט אויף איר געזאַנג, אָבער באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, און זיך שטאַרק צעבייזערט אויף זיך אַליין.

— יצר־הרע! — האָט ער בייז אויף זיך אָנגעשריען און האָט צו־געמאַכט די אויגן.

דער אויסרוף האָט געבראַכט אין זיין זכרון שמעלקע דעם פּיט־שמש, וואָס האָט ליב געהאַט צו רייצן דעם יצר־הרע.

— נישטאָ שוין מער שמעלקע, — האָט ער זיך דערמאָנט און זיינע געדאַנקען זיינען שוין איצט געווען פֿאַרנומען מיט אָט דעם שמעלקען, וואָס איז שוין מער נישטאָ.

— זע נאָר, זע, שוין שמעלקע אויך נישטאָ! — האָט ער זיך צע־מורמלט מיט צער אין געמיט.

ווער אָט דער שמעלקע איז געווען איידער ער איז געקומען אין שטעטל אַריין האָט קיינער נישט געוואוסט, און נישט געוואוסט האָט מען פֿון וואַנען ער איז געקומען.

— פאַרוואָס האָט קיינער נישט געפרעגט ביי אים, האַ?

שמעלקע האָט קיינמאָל גאָר נישט דערציילט וועגן זיך און בכלל זייער ווייניק גערעדט.

געוואוסט האָט מען, אַז ער איז שוין לאַנג, זייער לאַנג דער פּיט־שמש, און אַז ער וואוינט אַלע זיינע יאָרן ביי אליהו דעם שמש אין דער זייטיקער, קאַלטער קאַמער פון דער איינגעבויגענער שטוב איינער אַליין.

אין שטאָטישן בית־המדרש האָבן זיך אַלע מיט אים געשאַפט נישט נאָר, ווי מיט אַ פּיט־שמש, נאָר ווי מיט אַ שטאָטישן משרת.

— שמעלקע, פאַרוואָס זיינען די גלעזלעך פון די לאָמפּן נישט ריין לכבוד שבת, האַ?

— המ... — פּלעגט שמעלקע אַ ברום טאָן, און דערביי אַ הויב טאָן מיט אַן אַקסל.

— שמעלקע, פאַרוואָס איז אין „כיור" נישטאָ קיין וואַסער? — האָט מען צו אים אַ טענה געהאַט.

המ... — איז געווען זיין ענטפער.

אפילו אליהו אַליין, דער אויבער־שמש, האָט נישט געקאָנט זאָגן ווער און וואָס שמעלקע איז, און פון וואַנען ער האָט זיך גענומען אין דעם שטעטל אַריין.

— ער איז איבערגעגאַנגען פון מיין זיידן צום טאַטן, עליו השלום, און איך האָב אים געירשנט אינאיינעם מיט דער שטוב און מיט דער שמשות, — פלעגט אליהו האָבן צו זאָגן ווען עמיצער איז אַמאָל צוגע־שטאַנען צו אים.

אליהו שמשס שטוב איז געשטאַנען גלייך הינטערן בית־המדרש, אַן איינגעהויקערטע איז זי געווען, אָט־די שטוב, און זינט מען האָט זי גע־דענקט, איז זי שטענדיק געווען אונטערגעשפּאַרט ביי די ווענט מיט דרענג־לעך, וואָס האָבן דערמאָנט אַן דאַרע הענט ביים אונטערהאַלטן אַ חולה־נופל, אַז ער זאָל נישט אַנידערפאַלן אויף דער ערד.

— אין אָט־דער שטוב האָט שמעלקע געהאַט זיין היים אין אַ קאַל־טער קאַמער, מיט אַ פענצטערל, — אַ לעכל מיט אַ פאַרשטויבט שייבל, וואָס האָט געקוקט, ווי אַ בעלמעוואַטע אויג צום אַריינגאַנג פונעם בית־המדרש. אין דער קאַמער אַריין איז קיינער קיינמאָל נישט אַריינגעגאַנגען. דאָס איז געווען שמעלקעס קדשי־קדשים. בלויז, ווען עמיצער אַ פאַרבייגייער האָט אַמאָל צופעליק אַ דריי געטאָן אָונט־צייט דעם קאָפּ צום פענצטערל, האָט ער געקאָנט זען אין דעם שיין פון דעם חלבן ליכטל דעם פאַרנעם פון אָט־דעם קדשי־קדשים.

אַ האַרט באַנק־בעטל אַן אַ סימן פון בעטגעוואַנט, אַן איבערגעקערט

פעסעלע מיט אַן אַלט, אָפּגענוצט לאָקשנברעטל איבער דעם, האָט אים גע־דינט פאַר אַ טישל. אויף אַ פּאָליצקעלע איבערן באַנק־בעטל זיינען גע־לעגן עטלעכע אַלטע ספרים.

קיינער אין שטעטל האָט נישט געדענקט, אַז שמעלקע זאָל, ווען עס נישט איז, געווען האָבן אַ ווייב און אַוודאי נישט קיין קינד, אָבער, אַז ער איז נישט געווען קיין בחור, האָט עדות געזאָגט זיין אַלטער, צעריסענער טלית, אין וועלכן ער פלעגט זיך איינוויקלען ביים דאַווענען, וואָס דאָס איז נישט געווען דער מנהג פאַר בחורים אין דער געגנט. געדאַוונט האָט ער שטענדיק ביי דער טיר מיטן פּנים אין סידור שטיל, פאַר זיך, בלחש, אַזוי אַז קיינער האָט נישט געקאָנט וויסן צי ער קאָן אפילו עברי.

דורך דער וואָך האָט ער שטענדיק געגעסן זיין טרוקן שטיקל ברויט ביחידות אין זיין קאַמער אויפן לאָקשנברעטל איבערן פעסעלע. בלויז שבתים און יום־טובים פלעגט ער זיצן ביים טיש מיט דער משפחה פונעם אויבער־שמש.

אַחוץ פּיט־שמש איז ער געווען אויך אַ שטיקל וואַסער־טרעגער אי־נעם שטעטל.

שמעלקע איז געווען אַזאַ זעלבספאַרשטענדלעכקייט אינעם שטעטל, ווי זעלבספאַרשטענדלעך עס איז געווען דער מאַכיקער „צוויט״ איבערן מאַכיקן ברונעם, ביי וועלכן מען האָט אים אָפט געזען מיט זיינע צוויי עמער, וואָס האָבן זיך געוויגט פון זיינע קראַמיסלעך איבער זיינע שולטערן.

זעלבספאַרשטענדלעכקייטן האָבן אַ טבע צו זיין שטענדיק פאַר די אויגן און דאָך נישט דערזען צו ווערן, און אַזוי איז געווען מיט שמעלקען.

בלויז אַן איין־און־איינציקער ייד איז געווען אין שטעטל, וואָס פלעגט נישט נאָר זען שמעלקען, נאָר זיך באַציען צו אים מיט אַ באַזונדערן כבוד, אַט דער ייד איז געווען הערשל דער בטלן, אויף וועמענס חשבון מען פלעגט אַמאָל זיך מאַכן דאָס געלעכטער, אָבער געזען, ווי ער האָט די ווערט געהאַט געזען צו ווערן, האָט מען אים אויך נישט אינעם שטעטל.

— ר׳ שמעלקע, איר וועט מוחל זיין, — פלעגט מען אַמאָל אויפ־כאַפּן, ווי הערשל ווענדט זיך וועגן עפּעס צו שמעלקען, און דעמאָלט פלעגט מען זיך איבערקוקן און שמייכלען מיט אַזאַ אויבן־אַראָפּיקן שמייכעלע, וואָס האָט געזאָגט:

— הערשל בטלן, אויך מיר אַ מענטש!

בלויז איין מאָל אין יאָר פלעגן זיך עטלעכע יידן אַביסל באַשעפטיקן מיט שמעלקען, און דאָס איז געווען אום יום־כיפור נאָך מוסף.

די עטלעכע יידן, וואָס האָבן זיך דעמאָלט באַשעפטיקט מיט שמעל־

קען, זיינען געווען פון די, וואָס פלעגן דאַווענען, ווי שמעלקע אַליין, לעבן דער טיר ביים אויוון.

יעדעס יאָר, פונקט נאָך דעם יום־כיפורדיקן מוסף, פלעגט שמעלקע האָבן אַ טבע פאַרשווינדן צו ווערן אויף אַ לענגערער צייט פון זיין אָרט, און יעדעס יאָר פלעגן די זעלבע יידן זיך איבערקוקן און זיך פרעגן איינע ביי די אַנדערע מיט זייערע בליקן:

— נו, אַ, שמעלקע, האַ?

די גאַנצע צייט, וואָס שמעלקע איז געשטאַנען מיט זיין איינגעבויגע־נעם, וואַכעדיקן קאָפּ און געברומט איבערן מחזור, האָט אים קיינער נישט באַמערקט, אָבער אַז ער איז אַוועק, און זיך געזאַמט אַ היפּשע צייט, האָט זיך דאָס געוואָרפן אין די אויגן אַרייַן, און מען האָט זיך איבערגעקוקט מיט חידוש:

— נו, אַ, שמעלקע, האַ?

און עס איז געווען, אַז שמעלקע פלעגט זיך שפּעטער אומקערן צו־ריק אויף זיין אָרט האָבן אים די בליקן באַגעגנט מיט אַ פרעגעניש אין זיי, און אַז ער האָט אָפּגעענטפערט אויף דער פרעגעניש מיט אַ ברום, האָט מען זיך באַרואיקט, און געהייסן האָט עס:

— מאַלע, וואָס עס טרעפט זיך מיט אַ מענטשן אין אַ שווערן טאָג פון פאַסטן.

אָבער איין מאָל האָט געטראָפן, אַז דער ענין איז אויפגענומען גע־וואָרן אַביסל אַנדערש

עס קאָן געמאָלט זיין, אַז דאָס איז געווען אַ ריינער צופאַל, און מעג־לעך, אַז דאָס איז געווען, ווייל ער האָט דעמאָלט זיך שוין אַביסל צו לאַנג געזאַמט. אַזוי, צי אַזוי, אָבער עס איז געווען, אַז מען האָט ווי שטענדיק זיך איבערגעקוקט מיט די בליקן און זיך געחידושט, האָט יאַנקעלע שוס־טער אַ זאָג געטאָן:

— הייס איך, ווייס איך!

אָט אַזוי האָט ער אַ זאָג געטאָן, און אַזוי ווי זיין טבע איז געווען צו רעדן אין גראַמען, האָט ער צוגעלייגט:

— ער קער ערגעץ באַקן איצט מצה־שמורה אויף פּסח!

יאַנקעלע שוסטער, וואָס האָט געהאַט אַ סך מלאכות אויסער שוס־טעריי, ווי שערעריי, באַנקעס און פּיאַווקעס שטעלן, אָפּשפּרעכעריי, נאַכט־שומר פון די יידישע קלייטלעך אויפן מאַרק, איז ער נאָך דערצו געווען אַ שטיקל קלעזמער און דער׳עיקרש אַ בדחן אויף אָרעמע חתונות.

— אַ סך מלאכות און ווייניק ברכות, — פלעגט מען אויף אים זאָגן

אין שטעטל, און ער אַליין פּלעגט זיך אַמאָל אַ ווײַצל טאָן אויפן אייגענעם חשבון:

— פאַר ווּעמען הצלחות און פאַר מיר קדחת!

מיט קיין מלאכה זײַנער האָט ער זיך נישט איבערגענומען אַזוי שטאַרק, ווי מיט זײַן בדחנות.

— אויפן פידעלע איז פייסיע קאַלקער אַ גרעסערער בריה ווי איך, אָבער ווען עס קומט צו גראַמען קאָן איך פאַרשטעקן די בעסטע בדחנים אין גאַרטל!

אָט אַזוי פלעגט ער זיך גרויס האַלטן מיט זײַנע גראַמען, און אַז ער האָט זיך איצט אַ נעם געטאָן צו שמעלקען, איז דאָס שוין נישט געווען אַזוי שמעלקע, ווי די גראַמען, וואָס ער האָט דערווײַל געקאָנט מאַכן אויף זײַן חשבון.

— ער איז אַוועק נאָך זײַנע עמער, כדי אָנצוטרינקען פון זיי די לעמער.

און אַז יאַנקעלע שוסטער האָט מיט זײַנע גראַמען אַרײַנגעבראַכט אַ וואָכנדיקייט אין דער יום־כּיפּורדיקייט אַרײַן, האָט איציקל קוימענקערער זיך שוין געקאָנט לאָזן וואוילגיין מיט זײַן שאַרפן נישט־ריינעם ציינגעלע.

אַ גלי טוענדיק מיט זײַנע שוואַרצע ברענענדיקע אויגן אַרום זיך, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— אַי, איז דאָס אַ שמעלקעניו! — עסן, עסט ער ווי אַ פייגעלע, אָבער אַז עס קומט צו נקבים גדולים איז . . .

אָט די חכמה האָט שטאַרק אויפגערודערט דאָס גאַנצע געזעמל אַרום דעם אויוון.

— נו, אַ, ווײַ געשריגן! יום הקדוש! — האָט משה פערד־שינדער אַ הוקע געטאָן אויף איציקלען.

— אַי, אַי, אַי! — האָט זיך גענומען הערן בייזקייט אויף איציקלען פון אַלע זייטן.

אפילו יאַנקעלע שוסטער איז אויך בייז געוואָרן און אין זײַן בייזקייט מכבד געווען איציקלען מיט אַ פּאָר בייזע גראַמען.

— אַז מען איז אַזוי גראָב, לייגט מען אַן מיטן קאָפּ! — האָט ער זיך צעברומט.

— פע! — האָט עמיצער אַ שפּײַ געטאָן.

— עם־הארץ! — איז געקומען פון אַן אַנדערן.

אָבער צום ערגסטן האָט איציקלען געטראָפן דער צער־פולער בליק פון הערשל דעם בטלן.

— אַי, אַי, אַי! — האָט הערשל בטלן זיך צעזיפצט פון דער טיפע־

ביש, און קוקנדיק אויף איציקלען, האָט ער געזאָגט:

— גאָט זאָל דיר מוחל זיין.

אַ זייער מאָדנער ייד געווען איז אָט דער הערשל דער בטלן.

מפרנס געווען האָט ער זיך און זיין משפחה פון גיין איבער די דער־פער און פאַרלאָטן אַלטע, צעריסענע קאָזשוכן און סערמיאַגעס פון די פויערן.

די פויערן פון די אַרומיקע דערפער האָבן אים ליב געהאַט סיי פאַר זיין מלאכה און סיי פאַר זיין אָרנטלעכקייט.

אַ טבע געווען ביי אָט דעם הערשלען צו בעטן פאַר זיין אַרבעט פּראָ־דוקטן און נישט קיין געלט.

— איך גיב דיר מיין האָרעוואַניע און דו גיב מיר דיינע, — פלעגט ער זאָגן צו אַ פויער, און אַז עמיצער האָט אים אַמאָל געגעבן צופיל, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט.

— פאַר אַ פאַר קליינע לאַטקעלעך אַזוי פיל קאַרטאָפליעס? ניין, ניין! דאָס איז צופיל!

— זע נאָר, זע, ער גיט דאָך מיר הירזש אויך! וואָס־זשע, די בור־ראַקעס זיינען ביי דיר גאָרנישט?

— גיב מיר נישט אַזוי פיל קאָרן, דו האָסט גענוג עסערס ביי דיר אין שטוב!

אָט אַזוי פלעגט ער רעדן צו זיינע פויערן און פויערטעס, און זיי האָבן אים שטאַרק ליב געהאַט.

עס פלעגט אַמאָל טרעפן, אַז פויערן האָבן געבראַכט זייערע פּראָ־דוקטן אויף זייערע פורלעך בשעתן באַזוך אין שטעטל, און דערביי נישט פאַרגעסן הערשלס שטוב.

— „טוואַי הערשקאַ דאָברי טשעלאָוויק", — פלעגן זיי זאָגן צו הער־שעליכען.

אָבער בשעת ביי די פויערן איז הערשל געווען כמעט ווי אַ הייליקער, האָבן די שטעטלדיקע יידן געקוקט אויף אים גאַנץ אַנדערש.

— הערשל בטלן, — האָט ער געהייסן ביי די שטעטלדיקע יידן, כאָטש אַ געוויסן אָפּשיי האָבן אפילו אויך זיי געהאַט פאַר אים.

— נעבעך אַ בטלן, אָבער אַן ערלעכער ייד, — פלעגט מען אויך צווישן די יידן וועגן אים זאָגן.

איז דערפאַר איציקל קוימענקערער געוואָרן אַביסל אַ צערודערטער. אויב דעם כעס פון די איבעריקע האָט ער געקאָנט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט, איז אָבער הערשלס בליק געפאַלן אויף אים, ווי אַ שטיין, און דער עיקר זיין זאָג, אַז גאָט זאָל אים מוחל זיין, האָט אים אומרואיק געמאַכט.

— פּאָרט יום־הקדושׂ, — איז אים איבערגעלאָפן אין זײַן געדאַנק.

עס איז אים געוואָרן שווער אײַנצושטיין אויף זײַן אָרט, אָט דעם איציקלען, און ער האָט זיך שטיל אַרויסגעשאַרט פונעם בית־המדרש אין דרויסן אַרויס.

און אַז ער איז שוין געווען אין דרויסן, האָט ער געקוקט אויף דער קיל־האַרבסטיקער זון, וואָס האָט זיך שוין גערוקט צום מערב און ער האָט זיך דערמאָנט אָן שמעלקען.

— וואו איז ער טאַקע אַזוי לאַנג, האַ?

ער האָט אָנגעשטרענגט זײַנע אויגן אויף דער זײַט און אויף יענער זײַט, און נישט זעענדיק שמעלקען, איז אים אײַנגעפאַלן, אַז אפשר איז ער חלילה גאָר קראַנק געוואָרן.

אָט דער אײַנפאַל האָט אים געפירט צום פענצטערל פון שמעלקעס קאַמער אין דעם דערבײַיאיקן שטיבל פונעם שמש.

— ער איז דאָ, — האָט איציקל קוימענקערער זיך דערפרייט ביים ערשטן קוק, — אָבער, ווען ער האָט זיך צוגעבויגן נעענטער איז אים אײַנגעפאַלן דאָס האַרץ פון שרעק:

— אוי ווײ איז מיר! אַזוי גאָר?

ער האָט זיך אימפּעטיק אַ לאָז געטאָן צוריק אין בית־המדרש אַרײַן.

משה עטיעביילעס איז געלעגן אין בעט און געשמייכלט אין דער טונקלקייט פונעם אַלקער פון דער דערמאָנונג. אים האָט ביז גאָר הנאה געטאָן, וואָס איציקל האָט אויפן וועג זיך אָנגעשלאָגן אָן דעם דײַן, וואָס איז גראַדע דעמאָלט געווען אויפן וועג צו דער דרויסנדיקער וואַנט פונעם בית־המדרש פאַר נקבים קטנים, ווי דער שטייגער איז געווען. ער האָט זיך געפרובירט פאָרשטעלן, וואָס אַשטייגער וואָלט געווען געשען, ווען איציקל שלאָגט זיך גראָד דעמאָלט נישט אָן אָן דעם דײַן.

— ווײ און ווינד וואָלט דאָך דעמאָלט געווען צו שמעלקען, — האָט משה עטיע ביילעס, ליגנדיק אין בעט, געטראַכט.

— דער עולם וואָלט אויפגערודערט געוואָרן, און וואָלט נישט געווען דערזען דאָס וואָס דער דײַן האָט דערזען, און דעמאָלט?

— אָ, דעמאָלט! — האָט משה אפילו אויך איצט זיך צעמורמלט פון שרעק.

— דאַנקען גאָט, וואָס איז געשען אָט אַזוי, ווי עס איז געשען, — האָט משה געמורמלט מיט צופרידנקייט.

און געשען איז אָט־וואָס, ווען איציקל קוימענקערער האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן דעם דײַן.

— אוי ווײ איז מיר! — האָט איציקל אויסגעשריגן נישט מיט זײַן קול,

— האַ? וואָס? — האָט דער דיין אַנגעשטעלט אויף איציקלען די אויגן.

— דאָרט, דאָרט, — האָט איציקל געזאָגט מיט ציטערניש אין קול, און אָנגעוויזן מיטן פינגער אויפן פענצטערל.

— וואָס דאָרט?

— קומט, קומט, וועט איר שוין זען!

איציקל קוימענקערער האָט מיט געוואָלט אַ צי־געטאָן דעם דיין מיט זיך צום פענצטערל.

דאָס פענצטערל איז געווען אַ נידעריקס און דאָך האָט דער דיין זיך אַ צי געטאָן אויף די שפּיצן פון זיינע פיס. ביים ערשטן קוק האָבן זיינע אויגן זיך צעפינטלט און די גרויע באָרד האָט אַ ציטער געטאָן, אָבער דאָס איז בלויז ביים ערשטן קוק, וואָרים באַלד זיינען אים געקומען צו הילף אויך די אויערן זיינע, און זיין פּנים האָט אָנגענומען גאָר אַן אַנדער אויסזען.

עס איז געווען, ווי ביים צווייטן קוק האָט ער נישט נאָר געזען, נאָר דערזען און אויך דערהערט.

דערזען האָט ער איבערן טישעלע פּאָר שמעלקען אין זיין טלית אַ שטיקעלע האָניק־לעקעך לעבן אַ גלעזעלע בראָנפן, און דערהערט האָט ער:

— אַ קרענקעלע וועל איך דיר געבן! אַ קרענקעלע, אַ קרענקעלע וועסטו, יצר הרע מיינער, קריגן דעם לעקעך און בראָנפן!

איציקל האָט געוואָרט מיט אומגעדולד, וואָס דער דיין וועט זאָגן, אָבער יענער האָט מיט אַ צעשיינטן פּנים געגעבן אַ צייכן:

— ש־ש־ש, — האָט דער דיין אַ שושקע געטאָן צו איציקלען, אַז ער זאָל אים נישט שטערן.

אויפן וועג צוריק האָט דער דיין געמורמלט צו זיך מיט גרויס התפּעלות:

— גיי ווייס, ווער עס איז ביי אונדז דער אמתער צדיק, דער אמתער גיבור!

— האַ? וואָס? — האָט איציקל געוואָלט וויסן, און דער דיין האָט אויף אים אַ קוק געטאָן:

— אָט דאָס הייסט מקיים זיין דעם פּסוק: „ועניתם את נפשותיכם“!

— אר־וואַ! — האָט דער דיין געמורמלט, ווען ער האָט זיך נאָכ־דעם געשטעלט ביי דער וואַנט פּאַר נקבים קטנים.

— גיי ווייס! — האָט ער איבערגעחזרט אויך נאָכדעם אין פּאָליש, ווען ער האָט זיך געוואָשן די הענט ביים כיור, און איידער ער איז אַריין צוריק אין בית־המדרש אַריין, האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָן צו איציקל קוימענקערער:

— מיר האָבן היינט געהאַט אַ גרויסע זכיה.

איציקל איז געשטאַנען אַ געפּלעפּטער, און ווען שמעלקע האָט זיך שפּע־טער אומגעקערט צוריק, און גלייך ווי גאָרנישט וואָלט געשען, זיך גע־שטעלט אויף זיין אָרט און צעעפנט דעם מחזור, האָט איציקל שוין פון אים די אויגן נישט אַראָפּגענומען.

דער חזן האָט געזאָגט. דער עולם האָט נאָכגעזאָגט. אָבער איציקל איז געשטאַנען מיט די אויגן אויף שמעלקען און נישט אויפגעהערט צו ציטערן.

שפּעטער, נאָכן דאַווענען, אויפן וועג אַהיים, האָט איציקל געשפּאַנט ביים זייט פון הערשל בטלן:

— הערשל, הערשל, הער, עס איז וועגן שמעלקען, וואָס איך האָב דיר געוואָלט עפּעס זאָגן.

— האַ? וואָס? וועגן ר' שמעלקען? — האָט הערשל בטלן אי־בערגעפרעגט, און נישט וואַרטנדיק אויף איציקלס ווערטער, האָט ער זיך צעמורמלט:

— נישט פּראָסט מיט ר' שמעלקען! נישט פּראָסט!

— יאָ, — האָט איציקל געשאָקלט מיטן קאָפּ.

זיי האָבן ביידע געשפּאַנט אינעם מוצאי־יום־כּיפּורדיקן אָונט אַריין און געשוויגן.

— איצט זיינען זיי שוין אַלע נישטאָ, — האָט משה עטיע ביילעס אַ זיפץ געטאָן אויף זיין בעט אין דעם טונקעלען אַלקער אַריין:

— נישטאָ שמעלקע! נישטאָ הערשל בטלן! נישטאָ איציקל! נישטאָ! נישטאָ! נישטאָ!

די קראַקענדיקע קראָ

איז ער איינגעשלאָפן ? איז זיין דערמאָנונג וועגן שמעלקעס רייצן דעם יצר־הרע דורכגעגאַנגען דורך זיין חלום, צי דורך זיינע אָפענע אויגן אין דער טונקלקייט אינעם אַלקער ?

משה האָט דאָס נישט געקאָנט באַשטימען. דאָס איינציקע אויף וואָס ער איז איז געווען באַוואוסטזיניק איז געווען, אַז ער ליגט אויפן רוקן און אַז זיינע אויגן זיינען אָפענע און ביז גאָר וואַכיקע. און אויף נאָך עפּעס איז ער געווען באַוואוסטזיניק, און דאָס איז געווען, אַז די דער־מאָנונג וועגן שמעלקעס רייצן דעם יצר־הרע האָט עפּעס גאָר אַ גרויסן שייכות מיט בתיהן, וואָס איז געשלאָפן אין איר בעט אויף יענער זייט וואַנט פונעם אַלקער.

— קאָן אַזאַ ווי איך זיך דערהויבן צו שמעלקען און זיך אָפּזאָגן פון דער יונגענקער, שיינער בתיהן ?

דורך די שויבן האָט די פּאַרטאָגיקע טונקלקייט זיך אָנגעהויבן מישן און איז ביסלעכווייז איבערגעגאַנגען אין אַ גרויקייט. ערגעץ נאָענט האָט זיך אַ האָן אויפגעכאַפּט און זיך הילכיק צעקרייט. באַלד איז געקומען דער קריי פון אַ צווייטן און נאָכדעם האָבן שוין אַ סך הענערישע קולות זיך אָנגעהויבן צו לאָזן הערן מיט אַזעלכע ליאַרעמדיקע קולות, ווי דאָס איבערבייטעניש פון נאַכט אויף פרי־מאָרגן וואָלט געווען פאַר זיי אַ גע־וואַלטיקע נייעס.

— וואָס איז די פרייד אויף זיי, האַ ? — האָט ער ביי זיך שטיל גע־פרעגט, און באַלד נאָך אַ פראַגע :

— וועמען וועקן זיי דאָ אַזוי, און צו וואָס ?

ער האָט געהערט, ווי זיין פעטער חיים האָט זיך אויפגעהויבן מיט אַ שטילן, טיפן קרעכץ פון זיין בעט. באַלד האָט זיך געהערט דאָס גיסן פון דער קוואָרט אין דער שיסל אַריין און די טראָפּנס וואַסער האָבן אָפּגעקלונגען, ווי זיי וואָלטן געענטפערט אויף זיין פרימאָרגנדיקער תפילה :

— „מודה אני לפניך“.

דאָס קול פונעם פעטער חיים האָט זיך שטיל און ווייך צעציטערט אין דער טונקעלער גרויקייט, און זיך געשלייכט צו אים אין אַלקער אַריין, ווי אַ שליח פון ערגעץ, וואָס איז זייער ווייט און דאָך ביז גאָר נאָענט און אייגן.

משה האָט זיך דערמאָנט, אַז עס איז מאָנטיק אויף דער וועלט, און אַז מאָנטיק איז דער מאַרק־טאָג אין שטעטל אויף וועלכן יידן קוקן אַרויס.

עס איז געקומען פאַר די אויגן דער מאַרק־טאָג, וואָס ער האָט ערשט נישט לאַנג צוריק אויפן וועג אַהער געזען אין לעמבערג צוזאַמען מיט זעליג וויינבערגן.

— איך וויל עפּעס קויפן פאַר רוזשעס קינדער, — האָט זעליג וויינבערג עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, און עמיצער האָט רעקאָמענדירט דעם מאַרק אויפן שול־הויף.

— פאַרוואָס רופט מען דאָס שול־הויף? — האָט ער געפרעגט, און דער יונגער דיכטער יעקב שודריך מיט דעם אויסגעבליכטן, קאַנטיקן פּנים, וואָס איז געווען דער וועגווייזער, האָט, ווי אַן אמתער לעמבערגער דערקלערט:

— אין אָט דעם רינג געפינען זיך אַ סך אַלטע שולן. עטלעכע פון זיי זייער אינטערעסאַנטע.

— מען וועט דאַרפן באַקוקן, — האָט זעליג וויינבערג געזאָגט.

אין די שולן האָט מען דאָך נישט באַוויזן אַריינצוגיין. דער מאַרק האָט צוגענומען צופיל צייט, כאָטש צו קויפן עפּעס פאַר רוזשעס קינדער האָט מען נישט געפונען.

אָבער די הונדערטער קליטלעך, צונויפגעשלאָגענע פון אַלטע ברעטלעך און די הילצערנע געשטעלן אונטערן פרייען הימל מיט דעם טוכלע ביסל אַלטוואַרג איבער זיי, האָבן געהאַלטן די אויגן געשמידט אויף זיך. אַזאַ גרויע וואָכעדיקייט האָט זיך געטראָגן פון אַלצדינג אַרום. אפילו די אומצייליקע סאַמעטענע קאַפּעלושן, געקרייזלטע פּיאות און פאַרשידנקאָלירנדיקע בערד האָבן די אויגן נישט קיין גלעט געטאָן. די קופּקעס, שאַלן, שאַלעכלעך און טיכעלעך איבער די העפּ פון די פרויען זיינען געווען אָפּגעבליאַקעוועטע און נישט קיין גערייניקטע. אַן אָפּגעבליאַקעוודיקייט האָט געהויערט איבער אַלעמענס פּנימער און הענט. די פּאַליצעס אין די קליטלעך זיינען געווען אומעטום דרייפערטל ליידיקע, און דאָס, וואָס איז שוין יאָ געווען האָט אויסגעקוקט, ווי אויפגעקליבנס, וואָס עפּעס אַ וויטע פאַרמעגלעכקייט האָט אַרויסגעקערט פון זיך. בלויז די זון, כאָטש שוין היפּש אין מערב־זייט האָט געשיינט מיט אַ פרישׂ געשייערטן בלענד, און עס איז געווען, ווי אָט דער בלענד פון דער זון האָט נאָך שאַרפער אַרויסגעבראַכט די גרויע אָפּגעבליאַקעוודיקייט אין דעם גאַנצן אַרום.

דאָ און דאָרטן האָט זיך אַ ריס געטאָן אַ שרייענדיק קול פון אַ קרעמער, אָדער אַ קרעמערין אויף פּויליש:

— „פּראָשע, פּאַנאָוויע, פּראָשע?“

אַ מאָדנע געשריי איז דאָס געווען. עס איז געווען נישט אַזוי, כּדי צו ציען די אויפמערקזאַמקייט אויף די סחורות, ווי אַרויסצושרייען אַביסל פון זיך די אייגענע צרות.

פון אַ זייטיק הינטער־געסל האָט זיך אַריינגעשלעפּט אַ מיטליאָריי־קער בלינדער ייד, געפירט פון אַ באָרוועס, איינגעדאַרט מיידעלע מיט אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע אויגן. פון זיין מויל, וואָס איז געווען פאַרטרונקען אין זיין גרויער באָרד און וואָנצעס האָט זיך געציקלט מיט אַ טרויעריקן ניגון:

גאָטס שטראָף אויף אונדז אַלע!
נישטאָ מער קיין כּלה,
נישטאָ מער קיין חתן,
אויס שׂמחה וששון, —
אַז וויי איז אונדז אַלע!
אַז וויי איז אונדז אַלע!

אויף די פּאַראַדנע גאַסן איז געווען אַביסל בעסער. דאָרטן האָט גע־גלאַנצט מיט אימיטאַציע, און זעליג וויינבערג האָט באַמערקט:

— דאָס איינציקע, וואָס דאָ איז עכט איז די אָרעמשאַפט.

דער אָוונט איז צוגעפאַלן אַ דערפרישנדיקער נאָכן הייסן, שווערן טאָג איבער די גאַסן. דער דיכטער יעקב שודריך האָט נישט אָפּגעלאָזט. ער איז דורכאויס באַשטאַנען, אַז מען זאָל אַריינגיין אין דעם קאַפע צענטראַל, וואו עס האָט געוואַרט אַ גרופּע אינטעלעקטואַלן זיך צו באַגעגענען מיט זעליג וויינבערגן.

פאַר משהס אויגן איז אויפגעגאַנגען די רירנדיקע סצענע, ווען דער דיכטער שמואל יעקב אימבער האָט אַרומגענומען זעליג וויינבערגן, אים געקושט און מיט טרערן אין די אויגן נישט אויפגעהערט זיך אויסצו־ריידן דאָס האַרץ פאַר זיין אַריסטאָקראַטישער פרוי, וואָס איז דערביי געזעסן:

— פאַר עפּעס אַ נאַרישקייט, ווייסט דער גוטער יאָר וואָס, האָבן מיר זיך אויף מיין באַזוך אין ניו־יאָרק צעווערטלט און איך בין אָוועקגעפאָרן נישט געזעגנענדיק זיך מיט אים.

— הער אַ מעשׂה! — האָט ער אויסגעשריען.

— נאַרישקייטן! — האָט זעליג וויינבערג געזוכט צו באַרואיקן שמואל יעקב אימבערן.

דריקנדיק נאָכדעם זייער וואַרעם די האַנט פון שמואל יעקב אימבערס פרוי, האָט זעליג וויינבערג איבערגעחזרט:

— נאַרישקייט! הוילע נאַרישקייטן! ווער געדענקט זיי, אָט די אויפֿ־געבראַוויזטע נאַרישקייטן?

ווען מען האָט זיך באַקאַנט מיט די איבעריקע, און מען האָט זיך געזעצט אַרום דעם טישל, איז אַוועק אַ שמועס וועגן דער ייִדישער לאַגע אין דעם צוריק־אויפֿגעשטעלטן פּוילן און דער עיקר וועגן דער גזירה מיט די אָפּגעזונדערטע, געלע בענק פֿאַר די ייִדישע קינדער אין די פּוילישע לערן־אַנשטאַלטן.

— מען דאַרף אויפֿרודערן אַמעריקע! — האָט זיך דאָס רויטלעכע פּנים פֿון שמואל יעקב אימבערן צעבראַוויזט.

משה האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט געפֿרעגט ביי דעם אויפֿגע־בראַוויזטן דיכטער הלמאַי ער האָט פֿאַרלאָזט אַמעריקע.

— איר זענט דאָך געווען ביי אונדז אין ניו־יאָרק אַ היפּשע צייט?

— האָט ער ביי אים געפֿרעגט.

— ווער־זשע האָט זיך דעמאָלט דען פֿאַרגעשטעלט, אַז די מלחמה וועט געבערן אַזאַ חולה נופֿל, ווי דאָס איצטיקע פּוילן איז? — האָט דער דיכטער טרויעריק זיך פֿאַרענטפֿערט.

— און דאָס איז נאָך נישט אַלץ, — האָט זיך יעקב שודריך אַריינגע־מישט, און ציענדיק ליידנשאַפֿטלעך דעם פּאַפּיראָס, האָט ער צוגעלייגט:

— עס גייט אויף אונדז ייִדן אַ מוראדיקע צייט אין פּוילן און איך האָב מורא, אַז אויך אויף די ייִדן פֿון גאַנץ מערבֿ־איראָפּע.

עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ שמועס וועגן דעם אויפֿשטייג פֿון די האַקן־קרייצלער אין דייטשלאַנד, און דער נאָמען אַדאָלף היטלער האָט זיך גע־נומען זויגן פֿון אַלעמענס ליפּן.

— ער פֿאַרשפּרייט זיך איבער דייטשלאַנד מיט דער שנעלקייט פֿון אַ מגפֿה.

עמיצער האָט געפּרובירט טרייסטן מיט דער אַלטער קולטור פֿון דייטשלאַנד, אָבער עס איז געווען קלאָר, אַז אפֿילו דער טרייסטער אַליין איז נישט זיכער מיט זיין טרייסט.

מען האָט גערויכערט, געטרונקען קאַווע נאָך קאַווע, אַוועק אין דעם שמועס אויף אַנדערע דרכים, און זיך צוריק אומגעקערט צו די כמאַרעס, וואָס האָבן זיך געשפּרייט איבער דעם ייִדישן הימל אין איראָפּע.

דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד האָט מען דערמאָנט אין דער שטיל, און בשעתן דערמאָנען, זיך געהאַלטן אין איין אַרומקוקן, צי עמיצער אַ זייטיקער איז נישטאָ דערביי.

אַזוי האָט מען פֿאַרבראַכט ביז דער פֿרימאָרגן האָט אָנגעהויבן זיך גרויען דורך די פֿענצטער, און אַזוי האָט משה עטיע ביילעס געטראַכט

וועגן יענעם באַזוך אין לעמבערג ביז דער פרימאָרגן האָט אָנגעהויבן זיך גרויען דורכן פענצטער פונעם אַלקערל, וואו ער איז איבערגעלעגן די שלאָפלאָזע נאַכט.

אין דער גרויער פרימאָרגנדיקייט איז דאָס אַלקערל געוואָרן קלענער אין זיינע אויגן. עס האָט אים אַ הויב געטאָן פון בעטל. עס האָט אים אַ צי געטאָן נאָך אַביסל רחבות.

ער האָט אָנגעטאַפּט מיט זיינע שפּיצפינגער די שטעק־שיך אויפן דיל, אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם שלאָפראָק און זיך געשטעלט ביים פענצטער מיט די בליקן צום דרויסן.

דאָס שטעטל איז נאָך געלעגן פאַרטרינקען אין שלאָף. בלויז דאָ און דאָרטן האָט זיך געזען אַ פאַרביי־איילנדיקער ייד מיטן טלית און תפילין־זאַק אונטערן אָרעם אויפן וועג אין בית־המדרש אַריין. דאָס האָט זיך אַזאַ ייד אַזוי געאיילט אַריינצוכאַפּן דעם ערשטן מנין, כדי ער זאָל זיין גרייט, ווען דער מאַרק וועט זיך שטעלן.

דער שפּיץ פונעם פּוילישן קלויסטער האָט אויפגעכאַפּט דעם ערשטן שטראַל פון דער זון און האָט זיך צעגליט מיט אַזאַ גאווה, גלייך ער וואָלט געוואָלט לאָזן וויסן דעם אַרום, אַז אים, און נאָר אים ווערט געגעבן אַזאַ כבוד. פון ערגעץ איז אָנגעקומען אַ קראָ, פאַטשנדיק רוישיק מיט אירע פליגל אין דער לופט. זי האָט דורכגעקרייזט עטלעכע מאָל דעם רינג אַרום מאַרק און ענדלעך אַ לאָז געטאָן אירע דראַטיקע פיס צו אַ קוימען פון אַ שטוב.

— קראָ! קראָ! — האָט זי זיך צעשריגן אין דעם גרוילעכן פרי־מאָרגן אַריין, און פון יענער זייט קלויסטער האָבן צום שאָסיי צו אַ בליש־טשע געטאָן געשייערטע מעשענע קנעפלעך פון דריי פאָליציאַנטן.

— וועמען פירט מען דאָס אַ געבונדענעם די הענט אַהינטער זיך, און פאַרוואָס?

פאַראויס דער טרויעריקער פּראָצעסיע האָט זיך געוויגט אויף זיינע רעסאָרנדיקע פיס דער קאָמענדאַנט פאַן שווענסקי און הינטער אים אַ געבונדענער אוקראַינער יונג מיט אַ צעפלאָסענער, בלאָנדער טשופרינע צווישן די צוויי פאָליציאַנטן, וואָס האָבן נעכטן ביינאַכט אים אָפּגעשטעלט.

— קראָ! קראָ! — האָט די קראָ באַנייט איר קראַקערייַ מיט באַ־נומענע קולות.

משה האָט דערפילט אַ שווערקייט אין געמיט. ער האָט זיך אָפּ־גערוקט פונעם פענצטער אין דער מיט אַריין פונעם אַלקער, אַ ווייל איז ער געשטאַנען אַ פאַרטראַכטער, און דערנאָך זיך צוריק אַ צי געטאָן צו דעם בעט.

פאַר זיינע אויגן איז ווידער געשטאַנען די שטאָט לעמבערג, און אַ בילד, וואָס ער האָט דאָרטן געזען איז פאַר אים אויפגעגאַנגען.

מען איז געגאַנגען צוריק פונעם קאַפע „צענטראַל". עס איז געווען שפּעט ביינאַכט, די גאַסן זיינען געווען אַזוי שטיל, ווי זיי וואָלטן מיט געשלאָסענע מיילער און אָנגעשטרענגטע אויערן זיך צוגעהערט צו עפּעס.

צו וואָס האָבן זיי זיך אַזוי צוגעהערט, אָט די גאַסן? צו די טריט פון די עטלעכע שפּאַצירנדיקע, וואָס האָבן שטיל אָפּגעהילכט אין דער קילער, נאַכטיקער לופט אַריין, צי צו עפּעס אַנדערש?

מען איז פאַרבייגעגאַנגען דעם סקווער, וואו עס שטייט דער מאָנו־מענט פון אַדאַם מיצקעוויטש, און די בראָנזענע סטאַטוע האָט זיך גע־שניטן דורך דער טונקלקייט אַרויף.

— „צאַ טאַ בענדזשע? צאַ טאַ בענדזשע?" — האָט זעליג וויינבערג אָנגעהויבן פרעגן מיט די ווערטער פון דעם פּוילישן גרויסן דיכטער און, ווי אַן ענטפער אויף זיין פרעגן, האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ קול אויף יידיש:

— אַ גוטמאָרגן, חברים!

מען האָט זיך אומגעקוקט און דערזען ביים זייט אַ יידישן בחור מיט געקרייזלטע האָר איבער זיין בלויזן קאָפּ, און געשפּאַנט האָט ער צווישן צוויי פּוילישע פּאָליציאַנטן.

— נאָך אַ קאַנדידאַט פאַר קאַרטוז־בערעזע, — האָט דער דיכטער יעקב שודריך שטיל אַ מורמל געטאָן, און אַן אַנדער מיטגייער האָט טרויעריק צוגעלייגט:

— אַ געוויינלעכע דערשיינונג אין אונדזער פּוילישער מדינה.

משה האָט צוגעמאַכט די אויגן. פון דער שווערקייט אין זיך, האָט ער גענומען דרייען דעם קאָפּ אַהין און צוריק איבער דעם קישן.

אויף יענער זייט וואַנט האָט זיך עפּעס אַ רודער געטאָן. עס האָבן זיך דערהערט טריט אין גרינגע, שטוביקע טופליעס.

— זאָל בתיה האָבן אויפגעשטאַנען אַזוי פרי?

ער האָט אָנגעשטרענגט זיין געהער, נישט עפענענדיק זיינע אויגן, און באַשלאָסן, אַז דאָס איז די מומע אסתר מלכה.

— היינט איז מאַרק־טאָג אין שטעטל, איז זי אויפגעשטאַנען, כדי צו גיין אין קלייט אַריין.

— קראַ! קראַ! — האָט געגרילצט אין זיינע אויערן אַריין דאָס קראַ־קען פון דער קראָ.

— קראַקעט זי נאָך אַלץ פונעם יידישן קוימען אַרונטער? צי איז

דאָס בלויז דאָס ווידער־קול פון דער פריערדיקער קראַקעריי? — האָט ער זיך געפרעגט.

אָבער אים איז שוין סיי־ווי קיין חילוק נישט געווען, וואָרים די קראַקעריי פון דער קראָ איז געווען אין זיין יעדן אבר.

ער האָט זיך פלוצלינג דערזען אין דער מיט פון אַ גרויסער יידישער מאַסע איבער די גאַסן פון וואַרשע. אַ ביז גאָר מאָדנע איז זי געווען אַט די יידישע מאַסע. אַזאַ שווייגנדיקע און פאַרביסענע האָט זי זיך געצויגן פון גאַס צו גאַס און ער מיט איר. פון אויבנאויף האָט זי אויסגעזען ווי אַ גרויע און אַ פאַרכמורעטע. זי האָט זיך געצויגן פאַמעלעך ווי אַ שווער זיך דריקנדיקע כוואַליע אויף אַ ים אונטער אַ געדיכט פאַרכמורעטן הימל.

— פון וואַנען האָט זי זיך גענומען?

ער האָט געפרעגט אַט די פראַגע, כאָטש געוואוסט האָט ער, אַז זי קומט פון די נאַלעווקעס, דזשיקע, מילע, סמאָטשע און פון אַנדערע יידישע גאַסן און געסלעך, וואָס האַלטן אין זייערע אינגעווייד שוין דורות און דורות די קינדער פון ישראל. ער האָט געוואוסט, און דאָך האָט ער געפרעגט, וואָרים פאַר אים איז געווען ממש ווי אַ נס, דער גרויסער מאָראַלער כוח, וואָס האָט די יידן אַרויסגעבראַכט פון זייערע הויפן און שטיבער אַהער אויף דער גאַס.

און עס איז געווען וועגן אַט דעם גרויסן, מאָראַלן כוח, וואָס האָט אים געוואונדערט, און צוזאַמען מיט אַט־דעם וואונדער אויך געפרייט און אָנגעפילט זיין האַרץ מיט גרויס שטאָלץ.

ווידער און אָבער האָט ער ביי זיך געפרעגט די זעלבע פראַגע:

— פון וואַנען אַט דער גרויסער כוח?

אין דעם שווערן געדרענג איז ער אַרויסגעשטופּט געוואָרן אין אַ זייט און ער האָט זיך דערזען אויף דעם טראָטואַר צווישן אַ געדיכטער מענגע פון צוקוקער. ער איז געשטאַנען אַ צוגעשמידטער און איצט האָט די ציענדיקע מאַסע אָנגעהויבן צו האָבן פאַר זיינע אויגן גאָר אַן אַנדער אויסזען.

עס איז געווען אַ זוניק־האַרבסטיקער פריאָמאָרגן. די זון האָט געגליט מיט אַן אָנגעשטרענגטן גלי, ווי זי וואָלט זיך אַ כוח אָנגעטאָן צו גליען, און פונקט אַזאַ כוח האָט געגליט פון דער אָנגעשטרענגטער זיך ציענדיקער יידישער מאַסע, וואָס האָט זיך געצויגן מיט אַ שווייגנדיקער גבורה טריט ביי טריט פאָראויס.

ער האָט זיך פלוצלינג אַ כאַפּ געטאָן אין גרויס איבערשרעק, אַז זעליג

ווייַנבערג, וואָס איז מיט אים געווען די גאַנצע צייַט, איז מער נישטאָ לעבן אים.

ער האָט זיך דערפרייט, וואָס לעבן אים איז פּלוצלינג אויסגעוואַקסן דאָס קיילעכדיקע, ראָזעווע פּנים פון דעם יידישן שריפטשטעלער אַלטער קאַציזנע.

— נישט געזען דאָ זעליג ווייַנבערגן?

— ער איז דאָ! ער איז דאָ! — האָט אים אַלטער קאַציזנע באַרו־איקט, און צו זיך אַליין האָט ער שטיל און טרויעריק אַ מורמל געטאָן:

— דערווייל איז ער נאָך דאָ. דערווייל זייַנען מיר נאָך אַלע דאָ.

פאַר די אויגן האָט זיך אַלץ געצויגן און געצויגן די מאַסע שוואַרץ, פאַמעלעך און אָנגעשטרענגט, אָבער אַלץ פאָראויס, פאָראויס. עס איז געווען, ווי אַ גאַנץ פאָלק וואָלט זיך צונויפגעשלאָסן, האָט אין האַנט אין שווייַגנדיקן פּראָטעסט קעגן זייַנע באַצווינגער און פייניקער. אַזאַ צונויפ־געקלעמטע עקשנותדיקע גבורה האָט געשלאָגן פון אָט דעם זיך ציענדיקן שווייַגנדיקן פאָלק. דער בלענד פון דער גליענדיקער זון איבער דעם פאָלק האָט געקוקט מיט גרויס באַוואונדערונג. עס איז געווען, ווי אָט דער בלענד וואָלט געטראַכט בייַ זיך:

— זע נאָר, זע, — יידן שפּאַנען ענדלעך אַלע אינאיינעם.

און ווירקלעך איז אָט די גרעסערע, פאַרשידנפאַרביקע יידישע מאַסע געווען איין גרויסער אינאיינעם!

בערד און פּיאות פון אַלערליי גרעב, מאָס און קאָליר. גרויע, גרוי־לעכע, ווייסע, שוואַרצע און אויך געלע און רויטלעכע. רבנישע סאַמע־טענע קאַפּעלושן, קאַרטאָנע קיילעכדיקע היטלען און שטריימלען, קאַפּאָ־טעס, כאַלאַטלעך און קורצע רעקלעך. זקנים, מיטליאָריקע און יוגנט. אינאיינעם מיט די מענער אויך פרויען פון אַלע עלטערס. ווייבער באַ־שאַלטע, באַקופּקעטע, באַשייטלטע, קאָלירקע היטעלעך מיט אַלערליי באַ־פּוצעכצן און הוילע קעפּ אויך.

— וואָס האָט צונויפגעבראַכט די פרומע חסידים מיט די וועלטלעכע יידן אין אָט־דעם פּראָטעסט־מאַרש?

ער געדענקט, ווי שטאַרק ער האָט זיך דעמאָלט געוואונדערט, וואָרים איז דאָך אָט דער פּראָטעסט־מאַרש געווען איבער דער גזירה פאַר געלע, אָפּגעזונדערטע בענק פאַר יידישע קינדער אין די פּוילישע לערן־אַנ־שטאַלטן, און וואָס פאַר אַ שייכות האָבן די פרומע חסידים מיט אָט אַזוינס? אַ בסך־הכל איז דאָך אַ גויאישער לערן־אַנשטאַלט פאַר זיי טמא?

און דאָך האָבן זיי מאַרשירט אינאיינעם, וואָרים אין אָט דער גזירה האָבן זיי געזען אַ פּאַטש אין פּנים דאָס גאַנצע פאָלק ישראל.

אויף דעם ברייטן, פיר־עקיקן פּשעיאַזד איז די מאַסע געוואָרן נאָך געדיכטער און דאָרטן האָט זי זיך אָנשטאָט ציען פאָראויס, בלויז געקאָנט וויגן אַהין און צוריק.

עמיצער האָט אַ וואָרף געטאָן אַ לאָזונג אין דער לופטן, און די מאַסע, אַן אויפגעברויזטע, האָט זיך נאָך שטאַרקער צעוויגט, און דעמאָלט האָט זי אויסגעקוקט, ווי אַ געדיכטער וואַלד געטראָפן פון אַ שטאַרקן שטורעם־ווינט.

פּלוצלינג האָבן זיך באַוויזן ביקסן־קאָלבעס אין דער לופטן, און זיי האָבן אָנגעהויבן פאַלן איבער קעפּ.

— הו! הו! — איז די לופט פול געוואָרן מיט מענטשלעכן ברוי־זיקן געברום.

פּאַר זיינע אויגן איז איצט, ליגנדיק אויפן בעט, אויפגעגאַנגען דאָס מוראדיקע בילד פון יענעם יידן, וואָס האָט אונטער די קאָלבע־קלעפּ זיך געבויגן און אויפגעהויבן. ער האָט געקאָנט שווערן, אַז די באָרד ביי יענעם יידן, וואָס איז געווען רויט איז פריער געווען שוואַרץ ווי קויל.

— הו! הו! — האָט זיך געריסן אַ מענטשלעך ברויזנדיק געברום אין דער לופט, און משה דערמאָנט זיך איצט, ווי עס האָט אים דעמאָלט אַ ריס געטאָן צו יענעם מערדערישן, פּוילישן פּאָליציאַנט, אָבער אַלטער קאַציזנא האָט אים אַ כאַפּ געטאָן ביים האַנט.

— ניין! — האָט אַלטער קאַציזנא געשריגן אויף אים, און אים שטאַרקער געצויגן צו זיך.

אַביסל שפּעטער איז אים באַפאַלן אַ שטאַרקע אומרו וועגן זעליג וויינבערגן.

— וואו קאָן ער זיין? — האָט ער אומרואיק געהאַלטן אין איין איבערחזרן די פראַגע צו זיך.

— ער איז דאָ! ער איז דאָ! — האָט אים אַלטער קאַציזנא געהאַלטן אין איין באַרואיקן, און פונקט ווי פריער האָט ער באַמערקט צו זיך:

— דערווייל איז ער נאָך דאָ. דערווייל זיינען מיר אַלע נאָך דאָ.

— קראַ! קראַ! — האָט נישט אויפגעהערט צו גרילצן אין זיינע אויערן, און ער האָט געדרייט דעם קאָפּ אַהער און אַהין איבער דעם קישן.

אַ בריוו פון דער שווענערין

ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן פון בעט, האָט די זון דורכן פענצ־טער געהאַט אַ פּנים פון אַ האַרעפּאַשניק, וואָס האָט שוין געהאַט אָפּ־געטאָן אַ היפּש ביסל מלאכה דורכן פרימאָרגן.

בתיה האָט אים באַגעגנט אין קיך, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיטן אַלקער, וואו ער איז געשלאָפן, מיט ריינעם האַנטוך און זייף לעבן אַ גרויסער שיסל מיט וואַסער.

— היפּש אַריינגעשלאָפן, — האָט זי אים באַגעגנט מיט אַ שטיל, צעלויכטענעם שמייכל אויף איר בלאָנד יונג פּנים.

— אַ גוטמאָרגן דיר, בתיהקעלע.

— אַ גוטער אויפשטאַנד, משהלע.

אין איר העל־געבלימט קליידל, וואָס איז געלעגן געפּאַסט אויף איר יונגער, שלאַנקער פיגור און מיט די צוויי געדיכטע, בלאָנדע צעפּ צו־נויפגעצויגן, ווי אַ קרייז איבער דער הויך פון איר קאָפּ, האָט זי אויסגע־קוקט ווי אַ פרישע, לעבעדיקע בלום, וואָס בעט זיך אַ ריר צו טאָן און אַ שמעק צו טאָן.

ווען משה האָט גענומען פון איר דעם האַנטוך מיט דעם שמעקנדיקן שטיקל זייף מיט דער רעכטער האַנט האָט זיין לינקע האַנט אַ ציי געטאָן איר קאָפּ צו זיך.

— גאָט, ווי שמעקעדיק דו ביסט! — האָט ער צו איר שטיל און צערטלעך אַ זאָג געטאָן.

— עס איז דאָס זייפל, — האָט זי לאַכנדיק זיך געשפּילט מיט אים, און דערביי אויסגעקוקט אַזוי ליכטיק, ווי די זון דורכן פענצטער.

— און וואו איז די מומע? — האָט ער געפרעגט, פליושקענדיק דאָס פּנים אין דעם וואַסער פון דער שיסל.

— אַוועק אין מאַרק אַריין, — האָט זי אים געלאָזט וויסן, און דער־ביי צוגעלייגט:

— עס איז דאָך היינט מאַרק־טאָג!

— האַ? וואָס זאָגסטו? — האָט ער איבערגעפרעגט מיט דעם פּנים אין דער שיסל, אָבער זי איז שוין געווען אינעם עס־צימער, גרייטנדיק דעם טיש פאַר זיין פרישטיק.

— מיר וועלן היינט פרישטיקן צוזאַמען! — האָט זי אים געלאָזט וויסן, און דערביי אים אויפגעוואָרפן:

— אַ מענטש הויבט זיך אויף אַזוי שפּעט!
— טאַקע אַן עוולה! — האָט ער מיט איר מסכּים געווען.
— אין אַמעריקע שטייסטו איך אויף אַזוי שפּעט? — האָט זי גע־וואָלט, אַז ער זאָל איר זאָגן.
— אין אַמעריקע, כאַ! כאַ! — האָט ער זיך צעלאַכט, און באַווייזנ־דיק זיך מיטן האַנטוך אויפן שוועל פונעם עס־צימער, האָט ער צי גע־טאָן מיט זיינע באַז־לעכער:
— הם, עס שמעקט מיט קאַווע!
ער האָט אַ צערטל געטאָן מיט זיין מויל אירע אַ באַק, און קוקנדיק אויפן געגרייטן טיש זיך געוויצלט:
— ווען מיר טאַקע אויסגעפינען, וואָס פאַר אַ קעכין דו ביסט אויס־געוואַקסן.
משה האָט זיך געזעצט צום טיש אַנטקעגן בתיהן, דערפילנדיק אַ טיפע פרייד, וואָס זיי זיצן אַליין ביים טיש, און ער האָט מיט גרויס פאַר־געניגן אַ זופּ געטאָן פון גלאָז, אָבער דאָ האָט זיך דערהערט אַ קלעפּעלע אָן דער טיר און באַלד האָט זיך באַוויזן דאָס באַברילטע פּנים פון מיכל נחן, דער לערער פון דער תּרבות־שול אין שטעטל.
— שלום, — האָט דער לערער זיך באַגריסט אויף העברייאיש, און דריקנדיק משהס האַנט האָט ער זיך געווענדט צו בתיהן מיט פאַרוואורף אין טאָן:
— שוין עטלעכע טעג אין שטעטל, און גאַרנישט געטראַכט צו קומען אין דער שול אַריין?
בתיה האָט זיך נישט וויסנדיק געמאַכט פון זיין פאַרוואורף און אים פאַרגעשטעלט פאַר משהן.
— דאָס איז דער לערער פון דער תּרבות־שול אין שטעטל, — האָט זי געזאָגט, און דערביי צוגעלייגט:
— געווען מיין לערער אין קאָוולע.
— אָ, פון דער תּרבות־שול? — האָט משה אויסגערופן, און גענומען פאַרענטפערן סיי בתיהן און סיי זיך.
— יאָ, געדאַרפט, טאַקע געדאַרפט אַריינגיין, אָבער מען איז אַזוי פאַרנומען, — האָט ער געמורמלט, און דערביי זייער העפלעך געבעטן:
— זיצט, זיצט.
— אפשר אַ גלאָז קאַווע? — האָט בתיה געפרעגט.
— קאַווע? — האָט זיך מיכל נח פאַרקרימט, און זעצנדיק זיך ביים טיש אַנגעהויבן צו דערקלערן:
— לעולם טרינק איך דווקא נישט קיין קאַווע, וואָרים קאַווע איז ביי

מיר, פֿאַרשטייט איר מיך, אין דער בחינה פֿון שאַרפֿער משקה, נאָר וואָס־זשע דען? צוליב דער געזעלשאַפֿט, איז מילא, נו.

בתיה האָט אים סערווירט אַן אָנגעפֿילט גלאָז, און אַפּזופּנדיק אַבי־סעלע, האָט ער זיך צערעדט:

— גיי איך זיך אַזוי איבערן מאַרק, און איך דערמאָן זיך, אַז בתיה איז שוין זייט עטלעכע טעג דאָ אינעם שטעטל, און סטייטש? וואָס הייסט? היתכן?

— איר פֿאַרשטייט, אדון פֿינקלשטיין? — האָט ער זיך אַ קער געטאָן דירעקט צו משהן, און אָנווײַזנדיק מיט אַ פֿינגער אויף בתיהן, האָט ער זיך גענומען באַקלאָגן:

— זי איז דאָך מײַנע אַ תּלמידה, געלערנט און געעבדיקט אונטער מײַן אויפֿזיכט אין דער קאָולער תּרבות־שול.

מיכל נח האָט אָפּגעזופּט פֿון דער גלאָז עטלעכע זופּעלעך, און ווײַטער גערעדט:

— איז יאָ, נו, בתיה. אָבער אַז איך רעד שוין פֿון בתיהן, וואָס איז געווען מײַנע אַ תּלמידה, ווילט זיך מיר אויך שוין זאָגן אויך צו אײַך פּערזענלעך, אדון פֿינקלשטיין, אַז עס איז מיר אויף אײַך אַ גרויס חידוש. וואָס הייסט? סטייטש? היתכן? אין דער יידישער שול יאָ, און אין דער תּרבות־שול נישט?

משה האָט געוואָלט ענטפֿערן, אָבער מיכל נח האָט זיך נישט געלאָזט איבעררײַסן:

— האַלטן טאַקע די אַמעריקאַנער יידן אַזוי ווייניק פֿון העברייאיש?

מיכל נח האָט אויסגעטאָן די ברילן, און ווישנדיק די גלעזלעך מיטן טיכעלע, האָט ער געזאָגט מיט חידוש און פּאַרדרוס:

אויף וויפֿל איך לייען אַמאָל די יידישע פּרעסע פֿון אַמעריקע, איז דאַכט זיך אדרבא ואדרבא דאָרטן מיט העברייאיש.

דער בריוו־טרעגער האָט אַרײַנגעבראַכט פֿאַר משהן אַ בריוו פֿון אַמעריקע, און משה האָט זיך צעצאַפּלט, עפּענענדיק מיט די פֿינגער דעם קאָנווערט:

— איר וועט מוחל זײַן, — האָט ער זיך אַנטשולדיקט, און גענומען לויפֿן מיט די בליקן איבער די שורות.

אַ ווײַל איז שטיל געווען. נישט נאָר בתיה, נאָר אויך מיכל נח האָט מיט נײַגער געקוקט, ווי משהס בליקן לויפֿן איבער די שורות, אָבער ווען זײַן פּנים האָט זיך פֿלוצלינג גליקלעך צעשמייכלט, האָט בתיה נישט אויסגעהאַלטן אין איר שווײַגן, און זי האָט געפֿרעגט:

— פֿון דעם שוועגערין?

— הם, הם, — האָט משה געשאָקלט מיטן קאָפּ נישט אויפהערנדיק די אויגן פונעם בריוו.

— וועגן ריטעלען ?

— הם, הם, — האָט ער געברומט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ.

פלוצלינג האָט ער זיך צעלאַכט מיט אַ הילכיקן, גליקלעכן געלעכ־טער, און לאַכנדיק איז אים אַליין נישט געווען קלאָר אויפן מאָמענט צי ער לאַכט אַזוי גליקלעך וועגן די חכמהלעך פון זיין קינד, וואָס די שווע־גערין באַשרייבט, צי גאָר פון דער צערטלעכקייט מיט וועלכער בתיה האָט אַרויסגערעדט דעם נאָמען פון זיין קינד.

— פון ריטעלען, — האָט ער איצט געזאָגט מיט אַ פולן מויל, און דערביי אַ קוק געטאָן אַ צעליכטיקטער און נאָך אַלץ אַ לאַכנדיקער אויף בתיהן.

דורכן פענצטער האָט זיך געזען דער מאַרק־טאָג. נישט קיין זייער געדיכטער. משה וואָלט געקאָנט שווערן, אַז ער קאָן מיטן אויג איבער־ציילן די פויערישע פורלעך, וואָס זיינען דאָרטן געשטאַנען.

— עס איז נישט דער אַמאָליקער מאַרק־טאָג — האָט ער באַמערקט, האַלטנדיק די בליקן צום אָפענעם פענצטער.

ער האָט פּלוצלינג דערפילט אַ טיפן באַגער צו בלייבן אַליין מיט בתיהן; און ער האָט אַ קוק געטאָן מיט אַן אומגעדולדיקן בליק אויפן תרבות־לערער מיכל נחן.

— דער גוטער יאָר האָט אים פונקט איצט געדאַרפט אַנטראָגן אַהער, — האָט ער ביי זיך געטראַכט, אָבער געזאָגט האָט ער צו אים:

— נו, יאָ, איר זענט אַוודאי גערעכט. מען וועט זיך בפירוש דאַרפן אַריינכאַפּן אין דער תרבות־שול.

מיכל נח האָט אַ ריר געטאָן די ברילן מיט אַ פינגער, און שטיל געזאָגט:

— די שול איז שוין צוגעמאַכט פאַרן סעזאָן.

— שוין צוגעמאַכט ? — האָט משה געפרעגט, און דערמאָנענדיק זיך, אַז ער האָט שוין וועגן דעם געהערט ביי זעליג וויינבערגס מוטער אין שטוב, האָט ער געזאָגט:

— אַך יאָ, איך האָב טאַקע געהערט וועגן דעם.

בתיה האָט אויסגעדריקט איר פאַרוואונדערונג הלמאי די תרבות־שול האָט זיך דאָ צוגעמאַכט פריער פון דער יידישער.

— ביי אונדז אין קאָוולע, — האָט זי אָנגעהויבן, אָבער מיכל נח האָט זי איבערגעריסן:

— אַ שיינער פאַרגלייך קאָוולע מיט טריסק! — האָט ער אויסגערופן

מיט פאַרדרוס אין זיין קול, און קוקנדיק אויף בתיהן, האָט ער זיך גע־נומען באַקלאָגן!

— איך וועל זיך קיינמאָל נישט מוחל זיין, וואָס איך האָב זיך גע־לאָזט איבעררעדן פון דער קאָוולער פאַרוואַלטונג אַריבערצוקומען אַהער!

און ער האָט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט:

— אַ שיינער פאַרגלייך קאָוולע מיט טריסק!

— וואָס־זשע, זי איז נישט דערפאַלגרייך, די תרבות־שול דאָ אין שטעטל? — האָט משה געוואָלט, אַז מיכל נח זאָל אים אינפאָרמירן.

— דערפאָלגרייך! — האָט מיכל נח אַ קרעכץ געטאָן, און קוקנדיק אויף משהן, האָט ער געזאָגט:

— זאָל שוין בתיה זאָגן, וואָס פאַר אַ תרבות־שול מיר האָבן אין קאָוולע, און דאָ? מעשטיינס געזאָגט!

ער האָט אָפּגעשאָקלט דאָס אַש פון זיין פאַפּיראָסל אינעם טעצעלע אַריין און זיך אויפגעהויבן:

— עטלעכע און צוואַנציק קינדער, — האָט ער זיך צעקרעכצט, און אַ ברום געטאָן:

— אויך מיר אַן אינסטיטוציע!

ווען מיכל נח האָט ענדלעך זיך אָפּגעזעגנט און איז אַרויס פון שטוב זיינען ביידע איבערגעבליבענע אַ וויילע געזעסן און געשוויגן.

— אַ גוטער בריוו? — האָט בתיה ענדלעך איבערגעריסן דאָס שטיל־שווייגעניש.

משה האָט אַרויסגענומען די בריוו פונעם קאָנווערט, און זיי איבער־געגעבן בתיהן:

— לייען בתיהקע!

— אַ פיינער יידיש, — האָט בתיה באַמערקט, דורכלויפנדיק מיט די בליקן די ערשטע שורות.

— אַ יידישע משפחה, — האָט משה באַמערקט, נישט אַרונטערנע־מענדיק דערביי זיינע בליקן פון בתיהן.

בתיה האָט געלייענט מיט פאַראינטערעסירטקייט, און פלוצלינג האָט זי זיך צעלאַכט אויפן קול:

— ריטעלע מוז זיין גאַר אַ טייערס, — האָט זי לאַכנדיק געזאָגט, און גענומען לייענען אויפן קול:

— זי וויל וויסן ווער עס וועט איר געבן מאָרגן פרישטיק: דער טאַ־טעלע, וואָס וועט שוין זיכער היינט ביינאַכט קומען צופאָרן, צי דער פע־טער בייטן.

— דער פעטער בייטן האָט זי שטאַרק ליב, — האָט משה באַמערקט און דערביי באַטאָנט:

— ער איז ממש משוגע פאַר ריטעלען.

משהס בליקן האָבן נאָכגעפאָלגט בתיהס פּנים, ווען זי האָט געלייענט דעם בריוו, און ער וואָלט געקאָנט שווערן, אַז ווען זי האָט געהאַלטן ביים סוף, האָט זי זיך באַמיט נישט צו באַווייזן דאָס רויטקייט, וואָס האָט זיך פלוצלינג אָ שפּרייט געטאָן אויף איר פּנים.

— מוז זיין זייער אַ וואוילע, דיין שוועגערין, — האָט זי געזאָגט, געבנדיק צוריק דעם בריוו.

— יאָ, — האָט ער צוגעגעבן און ווערנדיק פלוצלינג שוין אַביסל צו ערנסט, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— און דאָך טראַכט איך, אַז איר מוז זיין אַביסל שווער מיטן קינד.

בתיה האָט אַ ווייל פאַרטראַכט געשוויגן און דערנאָך געפרעגט אין אַ שטילן טאָן:

— דו נעמסט דאָס דערפון, וואָס זי וויל אַזוי שטאַרק, אַז דו זאָלסט חתונה האָבן?

משה האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, און קוקנדיק אויפן רויך, וואָס האָט זיך אַ שלענגל געטאָן אין דער הויך אַריין, האָט ער געפרעגט:

— און ווי וואָלסטו דאָס אויסגעטייטשט?

— עס שלאָגט פון אירע ווערטער מיט אַזאַ שטאַרקע ליבע צום קינד, — האָט זי געזאָגט.

— אין דעם צווייפל איך נישט, — האָט ער שטיל געזאָגט, און קוקנ־דיק באַך אַלץ מיט אַן אָנגעשטרענגטן בליק אויפן שלענגלדיקן רויך, האָט ער דערציילט:

— זי האָט זייער שטאַרק ליב געהאַט די שוועסטער, און ווען דאָס אומגליק איז געשען, האָט גאַר קיין שום רייד נישט געקאָנט זיין, אַז עמי־צער זאָל נעמען צו זיך דאָס קינד, און נישט זי.

— און דו? — איז בתיה פאַראינטערעסירט געוואָרן.

— מען האָט גענומען אַ גרעסערע וואוינונג, און מיר זיינען זינט דעמאָלט צוזאַמען.

בתיה האָט דורכן אָפענעם פענצטער זיך פאַרקוקט אויפן מאַרק, און משה האָט געקוקט פון אַ זייט אויף איר פּנים, ווי ער וואָלט זיך אָנגע־שטרענגט צו לייענען אירע מחשבות.

פלוצלינג האָט זי אַ ציטער געטאָן. איר שיינער, בלאָנדער קאָפּ האָט זיך אַ וויג געטאָן, ווי ער וואָלט זיך באַמיט עפּעס אָפּצושאָקלען פון זיך, און זי האָט געזאָגט:

— און איך בין גאָרנישט זיכער, אַז דאָס איז די סיבה, וואָס זי וויל, אַז דו זאָלסט חתונה האָבן.

— הם, דו מיינסט אַזוי?

בתיה האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ פּנים פון אַ דערוואַקסענעם מענטשן און זי האָט זיך צערעדט:

— מענטשן זיינען שוין אַזוי. אַלע נעמען אויף זאַכן בלויז אין טערמינען פון יאָ לויבען, צי נישט לויבען.

— איך פאַרשטיי דיך נישט קלאָר, — האָט ער זיך ביז גאָר פאַראינטערעסירט אין אירע ווערטער. ער האָט געקוקט אויף איר מיט אַ בליק, וואָס האָט אויסגעדריקט פאַרוואונדערונג.

אָבער דאָס מאָל האָבן אירע אויגן געקוקט איבער אים. עס האָט אויסגעקוקט, ווי זי וואָלט אפילו נישט געהערט זיין באַמערקונג, און זי האָט ווייטער גערעדט:

— דיין שוועגערין קוקט מיר אויס צו זיין אַ וואונדערלעכער מענטש. איך גלויב נישט, אַז זי וויל דו זאָלסט חתונה האָבן, כדי זיך צו באַפרייען פונעם קינד. זי קוקט מיר אויס צו זיין גאָר אַן אַנדער מין מענטש.

דאָ איז בתיה אויף אַ וויילע אַנטשוויגן געוואָרן און אין אירע בלויע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ שטילער, טרויעריקער גלאַנץ. באַלד האָט איר האַנט זיך אַ צי געטאָן צום בריוו, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, און זוכנדיק מיט די בליקן, האָט זי אָנגעהויבן צו לייענען אויפן קול:

— גאַנץ איראָפּע איז אַ שוועראָנגעלאָדענער וואולקאַן, וואָס וועט פריער אָדער שפּעטער אויסברעכן, — האָט זי געלייענט מיט שטאַרקער באַטאָנונג איבער יעדן וואָרט, און אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם, האָט זי דערלייענט דעם זאַץ:

— אַרויסכאַפּן פון אַט דעם וואולקאַן אַ יידישע טאָכטער איז גלאַט אַ מצווה. בפרט, ווען זי איז נאָך דערצו אַ וואוילע.

זי האָט צונויפגעלייגט דעם בריוו, אים צוריק אָוועקגעלייגט אויפן זעלבן פּלאַץ, און קוקנדיק אויף משהן, האָט זי שטיל אַ מורמל געטאָן:

— אַ וואוילע...

איצט האָט משה געקוקט אויף איר מיט אויפגעריסענע אויגן. עפּעס האָט אים אויסגעקוקט, ווי ערשט איצט דערזעט ער זי אויף דער אמתן.

— הער אַ מעשה! — האָט זיך אַ ריס געטאָן פון זיין מויל און פאַרוויכערנדיק אַ פּאַפּיראָס איז אים געקומען אויפן געדאַנק:

— די גאַנצע צייט האָב איך געטראַכט, אַז זי איז אַ יונג מיידל. אַ שיין מיידל, אַ ליב מיידל, אָבער נישט מער, ווי דאָס, און לסוף איז זי דאָך עפּעס גאָר אַ דערוואַקסענער מענטש.

אַט די ווערטער האָט ער נישט אַרויסגעזאָגט אויפן קול, אָבער גע־שריגן האָבן זיי פון אים אויף קולי־קולות, און עס איז אים געוואָרן ביז גאָר גוט פון אַט די צעשריגענע ווערטער:

— הער אַ מעשה!

ער האָט זיך דערפילט לעבן דער דערוואַקסענער בתיהן ביז גאָר יינגליש, אַזוי יינגליש האָט ער זיך דערפילט, אַז ער האָט זיך גענומען פיעשטשען פאַר איר, ווי אַ יינגל פאַר אַ דערוואַקסענער שוועסטער:

— איך פיל זיך אַזוי קליין לעבן דיר, בתיה!

— מאַכסט חוזק, משה?

— חוזק?

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין שטיל, צוגעגאַנגען צו איר, גע־גומען איר פנים אין זיינע הענט, און אין טיפער גערירטקייט געזאָגט:

— דו ביסט נישט נאָר אַ שיין מיידל, בתיהקע, נאָר אויך אַ וואונ־דערלעכער מענטש!

ער איז אַ ווייל שטיל געבליבן, און גלעטנדיק מיט זיינע פינגער איר קאָפּ, האָט ער געפרעגט:

— דו הערסט מיך, בתיהקע?

זי האָט געגלעט זיינע הענט, און אַרויפקוקנדיק צו אים, האָט זי שטיל געפרעגט:

— אַ ווארילע?

ער האָט זיך צוגעבויגן צו איר, געקוקט איר אין די אויגן, געקושט איר האַלדז און די האָר און זיך געפרייט, וואָס זי איז נישט רוזשע, וועגן וועלכער ער האָט געשריבן דער שוועגערין.

עס האָבן זיך דערהערט טריט איבער די טרעפּלעך, וואָס האָבן גע־פירט צום גאַניק.

דער זקן וואַסיל

אסתר מלכה איז אַריינגעקומען מיט אַ געקוילעט עוף אין איין האַנט און מיט אַן אויפגעהויבענעם פּאַרטוך אויף דער צווייטער האַנט.

— זע נאַר, זע, מען האַלט ערשט ביים איבערבייסן ? — האָט זי זיך געוואונדערט, און לאָזנדיק זיך צו דער קיך, האָט זי געזעדט הויך אויפן קול:

— און איך האָב זיך געאיילט פון מאַרק, ווי אַ ווילער צוצוגרייטן דעם מיטאָג.

— זאָל איך אייך העלפן, מומע ? — האָט בתיה געפרעגט, אויפהויבנ־דיק זיך פון שטול, אָבער די אַלטע איז שוין געווען צוריק פון דער קיך און געשמייכלט:

— זאָל אונדז שוין בעסער גאָט העלפן, — האָט זי שמייכלענדיק גע־זאָגט, און קוקנדיק אויף משהן, האָט זי זיך גאָר צעקרעכצט:

—אַז נישט, איז דען דאָ עפּעס צו טאָן אפילו פאַר איינעם אין דער קראָם ?

— אַ מאָגערער מאַרק־טאָג היינט ? — האָט משה געפרעגט מיט מיטגעפיל.

— אַ מאָגערער ? ער וואָלט געקאָנט זיין אַ גאַנץ פעטלעכער, ווען מען רייסט נישט אָפּ דעם גוי און מען שלעפּט אים נישט אין דער... ווי הייסט עס דאָרטן אָט דער אומגליק, האַ, בתיהקעלע ?

— קאָאָפּעראַטיוו ! — האָט בתיה אַרויסגעהאָלפן דער מומע אסתר מלכהן.

— קאָפּעטיוו, שמאָפּעטיוו ! — האָט די אַלטע זיך צעקרעכצט, און פאַרציענדיק שטייפער די שפּיצן פון איר קאָפּ־טיכל אונטער איר גאָמבע, האָט זי אָנגעהויבן צו שעלטן:

— זאָל איך אַזוי וויסן פון זייערע קעפּ און פון זייער לייב און לעבן ! קאָפּעטיוו ! שקאָפּעטיוו ! וואָס זיי טראַכטן דיר אַלץ נישט אויס, כדי אַרויסצורייסן דעם ביסן ברויט פון דעם יידישן מויל !

— „סוואַי דאָ סוואָיעגאָ !" — האָט בתיה וויטיקלעך אַרויסגעהאָלפן דער מומען.

— נו, און די אוקראַאינער ? — האָט משה געפרעגט און אסתר מלכה האָט אים געענטפערט מיט אַ נייעם קרעכץ:

— אוי, זאָלסטו מיר געזונט זיין, משהניו !

בתיה האָט קלאָר געמאַכט פאַר משהן דער מומעס קרעכצעניש און זי האָט געזאָגט:

— עס איז אַ קלאָג צו די אוקראַינער אויך, אָבער ווען עס קומט צו יידן זייַנען אַ סך פון זיי די זעלבע רשעים, ווי די פּאָליאַקן.

— אין תוך האָבן דאָ, זעט אויס, די אוקראַינער די זעלבע צרות, ווי די יידן, — האָט משה געזאָגט.

— דעם זעלבן, און דאָך נישט דעם זעלבן, — האָט בתיה טרויעריק געמורמלט, און דערביי צוגעלייגט:

— אָט זיצן דאָך פונדעסטוועגן אינעם פּוילישן מאַגיסטראַט אַ פּאָר אוקראַינער, בשעת פון קיין יידן איז קיין מינדסטער סימן נישטאָ.

— דאָרטן זיצט אַנדריי קאָראַלטשיק, אַז די פיס זאָלן זיך אים צע־ברעכן! טאַטע זיסער אין הימל, איז דאָס אַ שונא ישראל, נאָך ערגער פונעם פּוילישן סטאַראָסטאַ! — האָט אסתר מלכה געשאָלטן אויפן קול.

— ער איז דאָס דער אוקראַינער מאַגיסטראַט, — האָט בתיה פאַר־געשטעלט דעם יחוס פון אַנדריי קאָראַלטשוקן.

משה האָט געוואָלט נאָך עפּעס פרעגן, אָבער אין דעם מאָמענט האָט זיך באַוויזן אויפן גאַניקל אַן אַלטער אוקראַאינישער פּויער.

— אַ גוטמאָרגן דיר, אסתר מלכהניו! — האָט ער באַגריסט, בויגנ־דיק דעם אָנטבלויזטן קאָפּ אַזוי נידעריק, אַז זיין ווייסע באָרד האָט דער־גרייכט זייַנע קני.

— אַ גוטמאָרגן, — האָט ער באַגריסט משהן און בתיהן, און זיך גע־נומען אויסגלייכן מיט דער הילף פון זיין שטעקן.

— אָט האָסטו דיר וואַסיל אינמיצקע דערינען! — האָט אסתר־מלכה אויסגערופן, און משה איז אויפגעשפרונגען:

— וואַסיל דער פּאַסטוך?

— יאָ, וואַסיל, וואָס פלעגט די קי אַרויספירן אויף דער פּאַשע, די הרובע איינהייצן אין די ווינטערדיקע שבתים פאַר דיין מאַמען, די לייכ־טער אַרונטערנעמען פון דעם שבתדיקן טיש, דעם סאַמאָוואַר אויפשטעלן, — האָט דער אַלטער נישט אויפגעהערט צו דערמאָנען, און ווענדנדיק זיך צו אסתר מלכהן, האָט ער זיך געפרייט:

— דו הערסט, אסתר מלכהניו? דו הערסט? ער געדענקט דאָך?

משה איז געוואָרן זייער גערירט פון דעם אַלטנס פרייד און אים אויס־געשטרעקט די האַנט, און דער זקן וואַסיל האָט צוגעבויגן זיין באַבאָרדעט מויל צו משהס באַק, זי געקושט און נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן הויך אויפן קול:

— דערקאָנט אַן אַלטן פריינט! דערפרייט אַן אַלטן מענטשן! זאָל

גאָט דערפאַר זיין מיט דיר, עטיע ביילעס סיבאָטשעק!

בתיה האָט צוגערוקט פאַר דעם זקן אַ שטול און משה האָט לכבוד אים געעפנט אַ פלעשל פוילישע „וואודקאַ", בעטנדיק דערביי דער אַלטער אסתר מלכהן פאַרבייסן:

— עלטער געוואָרן, וואסיל! אַלט געוואָרן! — האָט דער זקן גע־מורמלט, ווי די צוואַנציק יאָר, וואָס משה האָט אים נישט געזען וואָלטן נישט געדאַרפט גענומען ווערן אין אַכט.

בתיה האָט צוגערוקט פאַר וואַסילן אַ גלעזל, און אסתר מלכה האָט געבראַכט אַ שטיק פון דער געפלאָכטענער חלה, וואָס איז געבליבן פון שבת.

וואַסיל האָט זיך איבערגעצלמט, אַ וואָרף געטאָן דאָס אָנגעפילטע גלעזל אין האַלדז אַריין מיט אַזאַ אימפעט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז עמיצער קאָן דאָס נאָך פּלוצלינג אינמיטן דערינען ביי אים אַרויסכאַפּן. ער האָט זיך שטאַרק פאַרקרימט נאָכן אַרונטערשלינגען. אַ טיפן זיפץ גע־טאָן, וואָס האָט זיך ביי אים פאַרענדיקט מיט אַ הילכיקן טשמאָק פון די ליפּן. באַלד האָט ער אַ וויש געטאָן דאָס מויל מיט דעם לייווענטענעם אַרבל פון זיין העמדה, און זיך בייז צעברומט:

— שלעכטער בראָנפן ביי די ליאַכעס! — האָט ער בייז געברומט און נעמענדיק זיך צו דער געפלאָכטענער חלה, האָט ער צוגעלייגט:

— די חלה איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש! עך, די חלה! זי דערמאָנט די אַלטע גוטע צייטן, אָבער דער בראָנפן? פע! כמע! אַזוי ווי די „ליאַכעס", אַזוי זייער בראָנפן!

ער האָט געקייט די חלה מיט אַ פול מויל, און די באָרד האָט ביי אים דערביי געציטערט, און קייענדיק האָט ער גערעדט מער צו זיך, ווי צו די אַרומיקע:

— אַמאָליקע יאָרן, אַז מען האָט אַ זופּ געטאָן פון אַ „קריטשקע סאָ־ראָקאָוואָי" איז דאָס געווען אַ זופּ, וואָס האָט דיך אַ נעם געטאָן. אַוודאי איז דער „זיבנאונפופציקער" געווען שטאַרקער, און דער „ניינציקער" איז גאָר געווען אַזוינס און אַזעלכעס. ער איז געווען, ווי פּריסיק וואָלט דיך אַ ברי געטאָן, אָבער אפילו דער פּראָסטער „סאָראָקאָוואָי" איז געווען גוט, און אָט דער „ליאַכישער?"

— פיו! — האָט ער אַ בלאָז געטאָן מיט די ליפּן אין דער לופט אַריין.

ער האָט אָנגעשטעלט זיינע אַלטע, פינטלדיקע בליקן אויף משהן און ווייטער גערעדט:

— שיינע צייטן האָבן מיר דערלעבט! ווער האָט זיך געריכט אין

יענע יאָרן, ווען דער „צאַר־באַטיושקאַ" איז אַ צאַר געווען. אמת, עס איז דעמאָלט אויך געווען פּאַסקודנע, אָבער „פּראַוואָסלאַוונע" איז מען גע־ווען, און איצט?

— פיו! — האָט ער נאָכאַמאָל אַ בלאָז געטאָן מיט די ליפּן, און זיך צעברומט:

— געקומען די „ליאַכעס" און...

משה האָט אים פונדעסטוועגן אָנגעגאָסן נאָך אַ גלעזל, און דערביי געפרעגט:

— און דו, זעט אויס, ביזט גאָרנישט צופרידן פון אָט די פּוילישע ליאַכעס, האַ?

— צופרידן? — האָט זיך דער זקן וואָסיל אַ קרום געטאָן, און אײ־בערקערנדיק דאָס צווייטע גלעזל אין האַלדז אַריין, האָט ער אַ בייזן מרוקע געטאָן:

— פּאַרשיווע, אָט וואָס זיי זיינען!

פּלוצלינג האָט ער אַן אומרואיקן קוק געטאָן אויף משהן, און גלייך נאָכדעם האָבן זיינע אויגן גענומען בלאָנדזשען אַרום זיך. אַפּנים, אַז דאָס איז ביי אים געקומען פון געוואוינהייט פאַרזיכטיק צו זיין מיט דער צונג, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער פּוילישער מאַכט. ער האָט פאַרשנ־דיק נאָכאַמאָל אָנגעשטעלט די בליקן אויף משהן, ווי ער וואָלט געוואָלט זיכער ווערן, אַז צו אים מעג מען רעדן פריי און אָפן, און דערמאָנענדיק זיך, אַז דער גאַסט פון אַמעריקע איז אַ ייד, האָט זיך זיין צונג ערשט אויף אַן אמתן פאַנאַנדערגעבונדן:

— איז ווער איז דאָ צופרידן מיט אָט די ליאַכעס, האַ?

ער האָט נאָכאַמאָל זיך איינגעביסן אין דער שטיק חלה אַריין, און קייענדיק גערעדט:

— מילא, איך! וואָס און ווער בין איך? אַן אַלטע, צעריסענע שמאַטע, אָט וואָס איך בין איצט! מיט מיר קאָנען זיי טאָן, וואָס זיי ווילן! מיך אַרט שוין נישט! אָבער דאָס, וואָס זיי טוען מיט מיין אַנדריושקען איז . . .

— אַנדריושקע! — איז משה נייגעריק געוואָרן.

— מיין מאַריסיאַס איינציקער „סינאָטשעק!" — האָט דער אַלטער וואָסיל אַ קרעכץ געטאָן:

— אַנדריושקאַ! דאָס אָדלערל מיינס! די קרוין פון מיין אַלטן קאָפּ!

אַ רגע איז דער אַלטער אַנטשוויגן. געקוקט פאַר זיך מיט די פינק־לענדיקע בליקן, און בשעת מעשה אפילו פאַרגעסן צו דערקייען דאָס שטיקל חלה אין זיין מויל. אָבער באַלד האָט ער זיך ווידער צעסיקעט:

— אַ כוואַראַבע זאָל אויף זיי קומען! — האָט ער געשיקט אַ קללה דורכן אָפענעם פענצטער אין דער ריכטונג פונעם פוילישן קלויסטער, און דערביי זיך שטיל צעכליפּעט.

— אַנדריושקאַ! אַדלערל מיינס! קרוין פון מיין אַלטן קאָפּ!

זיין מויל האָט פון זיך אַליין באַנייט דאָס קייען, אָבער דאָס איז שוין נישט געווען קיין קייען מיט הנאה, נאָר גלאַט אַזוי אַ קייען. איבער זיין ווייסער באָרד האָט זיך דורכגעיאָגט אַ ציטער, ווי אַ ווינטל וואָלט איר באַרירט, און ער האָט גענומען דערציילן:

— די הענט האָבן זיי ביי אַנדריושקען פאַרדרייט און זיי געבונדן מיט אַ שטריק. געשלאָגן אים איבערן קאָפּ. בלוט גערונען. איצט איז ער אין לויצק.

— יעקב הערשס, מאָטל יאַניס און ציפּע בריינדלס יינגלעך אויך קיין לויצק אָוועקגעשיקט, — האָט אסתר מלכה דערציילט, און דערביי זיך צעזיפצט.

— יאָ, יאָ, — האָט דער זקן וואַסיל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צו אסתר מלכהן.

— אייערע אויך, — האָט ער געזאָגט און דערביי איבערגעחזרט זיינע פריערדיקע ווערטער:

— אַדריושקאַ! אַדלערל מיינס!

משה עטיע ביילעס האָט געקוקט אויף דעם זקן וואַסיל און געזען פאַר די אויגן זיינע דעם אַמאָליקן פאַסטוך און שבת־גוי פון שטעטל.

— אַ געזונטער און גוטמוטיקער פויער געווען, — האָט ער זיך דער־מאָנט, און אין זיינע אויערן האָט אויך איצט אָפּגעהילכט דער עכאָ פון זיין בייטשן־קנאַלערייַ אין דער לופטן איבער די יידישע קי, וואָס ער פלעגט יעדן פרימאָרגן צונויפנעמען פונעם מאַרק און זיי אָפּפירן אויף דער געדונגענער לאָנקע מיט פאַשע, וואָס האָט געהערט צו דעם פּריץ.

עס זיינען אויפגעגאַנגען פאַר זיינע אויגן יענע קאַיאָרן און די פאַר־נאַכטן, ווען ער פלעגט זייער אייגן קיעלע ברענגען אויפן מאַרק און צוריקנעמען מיט אַ יאַמשאָווע שטעקעלע אין דער האַנט.

— אַ געזונטער און גוטמוטיקער פויער געווען, — האָט משה איבער־געחזרט די פריערדיקע ווערטער אין זיין געדאַנק.

איצט איז געזעסן פאַר אים אַ טיפער זקן און עס האָט זיך אים גע־טראַכט, אַז עס זיינען אפשר נישט נאָר די פאַרגאַנגענע צוואַנציק יאָר, וואָס האָבן יענעם געזונטן פויער אַזוי געבויגן, נאָר עס איז אויך די פּיין פון די ליאַכעס.

— אַנדריושאַ!

משהן איז געווען ביז גאָר מאָדנע צו טראַכטן, אַז אַט דער אַנדריושאַ, וועגן וועלכן עס איז אַזוי צעוויטאָגט דער זקן, איז דער זון פון זיין טאַכטער מאַרוסיאַ.

— אַ־הו! — האָט אויפגעקלונגען אין משהס אויערן מאַרוסיאַס געזונט, קלינגענדיק קול ביים טרייבן די ווייסע גענדז פון דער גרינער לאָנקע אין טייך אריין.

— אַ־הו!!!

משה האָט זיך שטיל צעשמייכלט, ווען ער האָט אפילו אויך איצט דערפילט אַ ציטער פון אָט־דעם קול, וואָס פלעגט אים אין זיינע יוגנטלעכע יאָרן נישט איין מאָל אַריינוואַרפן אין היץ און אין פיבער.

— אַ־הו!!!

עס זיינען אויפגעגאַנגען אין זיין זכרון די הייסע זומערדיקע טעג פון זיינע יוגנטלעכע יאָרן. ער האָט זיך געזען ביים טייך אַ פאַרקוקטער אויף מאַרוסיאַס געזונטע, גוט־פאַרמירטע ברוינע פיס, וואָס פלעגן זיך אַנטפלעקן מיט אַזוי פיל רייץ ווען אַ ווינטל פלעגט פאַרוואַנדלען די דינע, רויטלעכע קימאַנקע אויף איר גוף אין אַ ברייט־צעעפנטן זון־שירעם.

— אַ־הו!!!

נאָך איצט אפילו דערפילט ער אין זיין גוף יענעם ציטערדיקן פיבער.

אַן אָרעם לעבן האָט די יונגע, רייצנדיקע מאַרוסיאַ געהאַט ביי איר טאַטן וואַסיל, דעם פאַסטוך.

— אַזוי יונג פאַרלוירן די מאַמע, נעבעך, אָט דאָס ווילדע שיקסל, — פלעגט זיין מאַמע עטיע ביילע אַמאָל אַ זיפץ טאָן וועגן מאַרוסיאַן און פאַר אונטערהעלפן צונויפלייגן דאָס שטעלעכל מיט דעם געבעקס אויפן מאַרק געבן מאַרוסיאַן אַן אַלט־געבאַקן בולקעלע.

מאַרוסיאַ האָט געוואוינט מיט איר טאַטן, דעם פאַסטוך וואַסיל אין אַן איינגעפאַלן ליימיקן שטיבל, וואָס איז געווען געדעקט מיט מאָכיקן שטרוי ביים עק פונעם שטעטל.

אַ קליין גערטנדל פון פאָרנט אין וועלכן עס זיינען געוואַקסן אַביסל בעבלעך אין דעם זומער־סעזאָן. ער געדענקט נאָך, ווי די בעבלעך אין זייערע גרינע שאָלעכלעך האָבן זיך געוויגט פונעם ווינטל איבער די דינע טיטשקעלעך. צווישן די טיטשקעלעך האָבן זיך אויך געגאָלדיקט די גאָלדענע בלעטער פון רויזנקערלעך געוויקסן.

משה עטיע ביילעס דערמאָנט זיך, ווי ער פלעגט פונדעסטוועגן יינגלווייז פילן אַ קנאה צו מאַרוסיאַן און וואַסילן.

— פויערן זיינען גליקלעכע מענטשן, אפילו ווען זיי זיינען זייער אָרעם! — פלעגט ער אין יענע יאָרן טראַכטן וועגן מאַרוסיאַן און וואַסילין.

ער פלעגט פּרובירן פאַרגלייכן דאָס לעבן פון אים און זיין מוטער צו זייערס, און ביי אים איז אויסגעקומען, אַז זיי איז אַ סך לייכטער.

ער האָט געטראַכט פון וואַסילן, וואָס איז אין זיין גאַנצער אָרעמ־קייט דאָך אַ באַלעבאָס פאַר זיך. דורך די וואָכעדיקע טעג איז ער דער פאַסטוך פון די יידישע קי, שבת איז ער דער שבת־גוי, אָבער אַן אייגן שטיבל האָט ער און אַ חנעוודיק גערטנדל אַרום דעם שטיבל איז אויך דאָ. מאַרוסיאַ האַלט דאָס שטיבל אין אָרדענונג, פאַרעט זיך אַרום דעם גערטנדל און פון צייט צו צייט איז זי מיט אירע געענדז און געענדזעלעך אויף דער לאַנקע ביים טייך. מען שעמט זיך נישט מיט קיין שום אַר־בעט, וואָס ברענגט אויף צום לעבן, בשעת זיין מאַמע איז שטענדיק אָנ־געפילט מיט בושה הלמאי זי דאַרף באַקן געבעקסן און זיי פאַרקויפן אויפן מאַרק, און נישט נאָר די מאַמע אַליין. אויך ער פילט זיך פאַרשעמט מיט דער מאַמעס אַרבעט.

בשעת משה איז געווען פאַרנומען מיט די זכרונות פון זיינע יוגנט־לעכע יאָרן אינעם שטעטל, איז זיך וואַסיל געזעסן שטיל, געקייט די חלה און געפינטלט מיט די אויגן.

פּלוצלינג האָט זיך דער זקן צעכליפּעט, און משה האָט אויף אים אַ קוק געטאָן אַ טיף־געריהרטער.

— נו, נו, וואַסיל, — האָט משה אים געפּרובירט צו באַרואיקן, און אָנפילנדיק פאַר אים נאָך אַ גלעזל פון דער פוילישער „וואָודקאַ" אין דער פלאַש, האָט ער צו אים ווייך געזאָגט:

— אָט, נעם און טרינק אויס וועסטו זיך דערפילן גרינגער.

וואַסיל האָט זיך נאָך שטאַרקער צעכליפּעט, אָבער דאָס גלעזל האָט ער דאָך איבערגעקערט אין האַלדז אַריין, רעדנדיק דערביי צו משהן:

— ביסט אַ גוטע נשמה, מאַשקע... זייער אַ גוטע נשמה... דיין מאַ־טושקאַ עטיע ביילע איז געווען אַ גוטע נשמה... אָ, יאָ, איך געדענק זי זייער גוט, דיין מאַטושקאַ!... נישט איין מאָל אַ ווייסע בולקע געקראָגן פון איר... אַ גוטע נשמה געווען... אַ זייער גוטע נשמה...

— שיכור נאָר אים נישט אָן, — האָט אסתר מלכה באַמערקט צו משהן.

— סאַראַ ווערט אַ פּאָר גלעזלעך ביי וואַסילן, — האָט משה שמייכ־לענדיק געזאָגט, און בתיה האָט מיט אַ ווייכן שיין אין אירע אויגן נאָכ־געפאָלגט משהס אינטערעס אין דעם זקן וואַסיל.

גראָד האָט נאָך אָט דעם דריטן גלעזל דער זקן אויפגעלעבט, אַזוי אויפגעלעבט, אַז ער האָט אָנגעהויבן רעדן מיט אַ פאַרכלינערטער נע־בעכדיקייט אין זיין קול:

— אַט, עטיע ביילעס „סינאַטשעק״! אַזש פון אַמעריצע געקומען, דער טייערער עטיע ביילעס „סיאַנטשעק״!

ער האָט אַ פיר געטאָן מיטן אַרבל איבערן מויל און זיך אַזש פאַר־גאַנגען פון פרייד:

— דעם טאַטן דיינעם אויך געקאַנט. אַוודאי געקאַנט, און נאָך ווי געקאַנט!

ער האָט נאָכאַמאָל אַ פיר געטאָן מיטן אַרבל איבער זיין מויל און ווייטער גערעדט:

— אַ גוטער „זשידאָק״ געווען... נאָר „געמאַליעט״, שטענדיק „געמאַ־ליעט״. פאַר גאָט מורא געהאַט! זייער און זייער אַ גוטער „זשידאָק״ געווען דיין טאַטע...

אַט אַזוי האָט ער זיך צערעדט, און דערקייענדיק בשעת מעשה דעם לעצטן ביסן פון דער שבתדיקער חלה, האָט ער אויף אַ רגע אָנגעשטעלט די בליקן אויף משהן.

פלוצלינג האָט ער אויסגעדרייט דעם אַלטן קאָפּ צו אסתר מלכהן:

— נו, אסתר מלכהניו, האַ? אַ שיינער יונג אויסגעוואַקסן פון עטיע ביילעס פּיסקליאַטל! אַוועק קיין אַמעריצע, און צוריקגעקומען אַ גראַף! זאָל מיר אַזוי גאָט העלפן — אַ גראַף! און אַ גוטינקער אַזאַ! וואָסיל דער פאַסטוך? — האָט ער געפרעגט, כע, כע, — ער האָט נישט פאַרגעסן וואָסילן דעם פאַסטוך! פאַר מיר אַ פלעשל בראָנפן געעפנט. שלעכטער בראָנפן, — ליאַכישער, אָבער וואו זאָל ער פאַר מיר נעמען בעסערן, האַ? אַ קרענק אויף די ליאַכעס. זיין האָבן דען גוטן בראָנפן? מכות האָבן זיי! כע, כע, — עטיע ביילעס „סינאַטשעק״! זיין מאַמע אויך געווען אַ גוטע... נישט איין מאָל אַ ווייסע בולקע געגעבן וואָסילן! און שבת אויך, כע, כע, סאַבאַטנע חלה געגעבן... און איצט?... זע, דער „סינאַטשעק״ גע־קומען, אַזש פון אַמעריצע געקומען... אַ גראַף! זאָל מיר אַזוי גאָט העלפן, — אַן אמתער גראַף!

דאַ האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו משהן און ביי אים געפרעגט:

— נו, און אַ גראַפינע האָסטו דאָך אַוודאי אַ שיינע, נישט אפשר, האַ? און קלייניקע וויפל, האַ?

האָט אסתר מלכה געהאַט אַן אויסרעכענונג, וואָס זי האָט זיך אָנ־געכאַפּט אַן וואָסילס פראַגעס? עס קאָן זייער געמאָלט זיין, אַז זי האָט אַזאַ אויסרעכענונג בפירוש געהאַט, ווייל פלוצלינג איז זי זייער גוט גע־וואָרן צום זקן וואָסיל, אַזוי גוט געוואָרן, אַז זי האָט אים אַזש אַליין אָנ־געגאָסן נאָך אַ גלעזל בראָנפן, און אַ פריש שטיקל חלה אים צוגעטראָגן:

— אוי, וואָסיל, וואָסיל! אויך אין אַמעריקע איז דאָ גאָטס האַנט,

און זי גריכט אויך דאָרטן ווערן זי דאַרף!

אַזוי האָט אסתר מלכה געזאָגט און מיט אַ טיפן קרעכץ האָט זי צו־געגעבן:

— אָט איז ביי אים דאָרטן זיין יונג ווייבל געשטאָרבן, און ער איז מיט אַ קליין קינד געבליבן.

— אַזוי?

דער זקן האָט זיך פרום איבערגעצלמט, און מיט אַ טיפן קרעכץ זיך צעמורמלט:

— אַזוי, אַזוי, געבליבן אַליין מיט אַ פּיסקליאַטל. הם, אַזוי, אַזוי! ביי מיר אויך דאָס אייגענע געשען...

די זון האָט העל און וואַרעם געבלענדט דורך די אָפענע פענצטער, אָבער איבער דעם צימער האָט אַ וויג געטאָן מיט אַ קילקייט, וואָס האָט אַלעמען אויף אַ וויילע שטום געמאַכט.

פלוצלינג איז וואַסיל אויפגעלעבט געוואָרן, אַזוי אויפגעלעבט גע־וואָרן, אַז ער האָט זיך אַ הויב געטאָן פון דער שטול און אַ קלאַפּ געטאָן מיט זיין סענקעוואַטן שטעקן איבערן דיל:

— און איך זאָג, אַז אַ מענטש איז אַ מענטש, און אַ מענטש טאָר זיך נישט לאָזן נעמען, ווי אַן אָקס ביי די הערנער! איר הערט? אפילו פון גאָט אַליין טאָר זיך אַ מענטש נישט לאָזן נעמען ביים האַלדז!

זיינע געשרייען האָבן אַלעמען דערשטוינט, און מען האָט זיך איבער־געקוקט מיט אומרואיקע בליקן.

אסתר מלכהן האָט שוין אָפּנים באַנג געטאָן הלמאי זי האָט אים אָנ־געזאָגט אַן איבעריק גלעזל, — זי האָט זיך גענומען באַקלאָגן:

— זאָל איך אַזוי וויסן פון אים, צי איך ווייס, וואָס ער האָט זיך פלוצלינג אַזוי צערעוועט.

די צעשראָקענע אסתר מלכה האָט זיך אַזוי באַקלאָגט און דערביי צוגעלייגט:

— און איך, נאַר, נעם און גיב אים אַ גלעזל!

אָבער דאָ האָט זיך דער זקן וואַסיל צוריק אָנגעזעצט אויף זיין אָרט, און אָנגעהויבן צו רעדן דירעקט צו משהן אין אַ שטילן פאָטער־לעכן טאָן:

— דו, מאָשקע, פאָלג דעם אַלטן וואַסילן, און לאָז זיך נישט נעמען ביי די הערנער! דו הערסט? לאָז זיך נישט, און שוין! אפילו פון גאָט אַליין זאָלסטו זיך נישט לאָזן. פרעג ביי מיר! איך ווייס! מיט מיר האָט זיך דאָך אויך אַזוי געטראָפן! אַ נאַר בין איך געווען, אָט וואָס! געווען

גלייך זיך געדאַרפט נעמען אַ נייע ווייב, און נישט אָפּשלאָפן אַ לעבן, ווי איך האָב אָפּגעשלאָפן!

אַ ווייל איז ער שטיל געבליבן, געוויגט דעם אַלטן, צעפּאַטלטן קאָפּ אַהער און אַהין און שווער געשוויגן. אָבער באַלד האָט ער זיך ווידער צעלאָזט:

— יאָ, יאָ, אַ נאַר! אַ גרויסער נאַר! אַ בהמה אַ גרויסע! געווען באַבעס, וואָס האָבן געוואָלט וואָסילן! געווען! נאָך ווי געווען! אָט די גראָבע פּאַראַסקאַ אַליין! נו, און די שליוכע האַפּקאַ האָט דען נישט גע־וואָלט?

ווען ער האָט דערמאָנט די נעמען פון די „באַבעס", וואָס האָבן אים געוואָלט, האָבן זיינע אויגן זיך צעפינטלט, און ער איז אַ ווייל אַנטשוויגן געוואָרן, אָבער באַלד איז ער ווידער אַריינגעפאַלן אין אַ וויכן טאָן:

— איצט, איז וואָס? אַליין איז וואָסיל! אַנדריושקען, דאָס אַדלערל מיינס, האָבן די ליאַכעס אַ געבונדענעם אַוועקגעפירט, און מאַרוסיאַ מיינע, נאָר זי וויינט און וויינט.

רעדנדיק אָט די רייד האָט ער געקוקט אויף משהן מיט זיינע וואָ־סערדיקע בליקן:

— דו, מאָשקע, ביסט אַ יונגער בוים... נאָך אַ בליענדיקער בוים... דו דאַרפסט אָנהויבן נאָכאַמאָל!... דו הערסט? מסתמא גאָטס ווילן גע־ווען אַזוי, אַז זי... דיינע דאָרטן... זאָל... אָבער דו דאַרפסט אָנהויבן נאָכ־אַמאָל!...

די לעצטע ווערטער האָט ער אַרויסגערעדט צו משהן ממש ווי אַ באַפעל.

פּלוצלינג זיינען זיינע אויגן געפאַלן אויף בתיהן, וואָס איז געזעסן די גאַנצע צייט און געשוויגן.

— און ווער איז אָט די גראַפיניע? — האָט ער געפרעגט, ווי ער וואָלט זי דעם ערשטן מאָל דערזען.

— וואָס־זשע, דו דערקענסט גאָרנישט מיין שוועסטער סימעס טאָכ־טער פון קאָוולע? — האָט אסתר מלכה אים פאַרגעוואָרפן.

— סימאָטשקעס טאָכטער? — האָט זיך וואָסיל שטאַרק דערפרייט.

— הער נאַר, הער! — האָט ער אויסגערופן.

ער האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויף בתיהן, און ווענדנדיק זיך צו אסתר מלכהן, האָט ער געזאָגט אין אַ שטילן טאָן:

— דו ווייסט, אסתר מלכהניו? זי איז זייער ענלעך צו דיינער, וואָס איז דאָרטן אויף יענער זייט... זייער ענלעך...

— נו, יאָ, משפחה, — האָט אסתר מלכה מסכים געווען, און געוואָרפן אַן אומרואיקן בליק אַרום זיך.

— געקומען פון קאָולע אַהער? — האָט וואָסיל געפרעגט ביי בתיהן, און גלייך צוגעלייגט מיט נאָך אַ פראַגע:

— צום גאָסט? האָ? צום גאָסט? כע, כע!

דאָ האָבן זיינע אַלטע אויגן געגומען גלעטן בתיהס פנים, און ער האָט גענומען רעדן צו איר:

— אַ קלוגע זעסטו אויס צו זיין... און אויב דו ביסט טאַקע אַזוי, ווי דו זעסט אויס צו זיין, ווען שוין מאַשקען אַן אַ ווייב לאַנג נישט לאָזן זיין, כע, כע. ניין, דו וועסט נישט לאָזן...

בתיהס פנים האָט זיך פאַררויטלט און משה האָט געקאָנט שווערן, אַז די מומע זיינע, אסתר מלכה, שמייכלט אין איר פאַרטוך אַריין.

— אָט האָסטו דיר! — האָט אסתר מלכה אויסגערופן און זיך צע־לאַכט אויפן קול:

— וואָסיל איז פון אַ פאַסטוך און אַ שבת־גוי גאָר אַ שדכן געוואָרן!

— יאָ, יאָ, אַ שיין פאָרל! זאָל מיר אַזוי גאָט העלפן, ווי אַ שיין פאָרל, — האָט דער זקן וואָסיל נישט אָפגעלאָזט.

בתיה האָט גענומען אָפראַמען דעם טיש און משה האָט, פאַררויכערנ־דיק אַ פאַפּיראָס, זיך צעשמייכלט אין דעם אויפגייענדיקן רויך אַריין.

די זון האָט זיך העלער צעשיינט, און משה האָט געזאָגט גלאַט אַזוי פאַר זיך:

— אַ הייסער טאָג היינט.

זיין מאַמע עטיע ביילע

דער זקן וואַסיל איז נאָך אַלץ געזעסן אויף דער שטול, זיך גע־וויגט אַהין און צוריק, מורמלענדיק אומפאַרשטענדלעכע ווערטער צו זיך אין דער שטיל.

משה האָט דערפילט אַ מידקייט פון דער באַגעגעניש מיט אָט־דעם זקן און אַ מידקייט האָט אים אויך אַרומגעכאַפּט פון די זכרונות, וואָס אָט־דער פלוצלינגדיקער גאַסט האָט אין אים אַרויסגערופן, און ווען בתיה האָט זיך אומגעקערט פון קיך, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— מען דאַרף גאָר אַרויסגיין אַביסל אויפן מאַרק.

— גיי, גיי, משהלע, — האָט זי צו אים געזאָגט, און אַ גלעט־טועב־דיק מיט אירע בליקן אויף זיין פּנים, האָט זי שטיל און ווייך צוגעלייגט:

— איך וועל אַביסל צוהעלפן דער מומען, און דערנאָך וועל איך דיך באַגעגענען ביי דער קלייט.

ער האָט זיך געזעגנט מיט וואַסילן, און אַרונטערלאָזנדיק זיך פון דעם גאַניקל, האָט ער דערפילט אַ שטאַרקע ליכטיקייט נישט נאָר פאַר די אויגן פון דער צעבלענדטער זון, נאָר אויך אין זיין געמיט.

— „משהלע", האָט זי מיך גערופן, — האָט ער שטיל און גליקלעך צו זיך אַ מורמל געטאָן.

דער מאַרק, וואָס האָט זיך אַ שפּרייט געטאָן פאַר זיינע אויגן, איז איצט געווען גאָר אַן אַנדערער, ווי ער האָט אים געזען פאַר די פאַר טעג זינט ער איז געקומען אַהער אינעם שטעטל אַריין.

ער האָט זיך דערמאָנט אין די מאַרק־טעג פון זיינע פריע יוגנט־לעכע יאָרן.

— עס איז דאָס זעלבע, און דאָך עפּעס אַנדערש! — האָט ער ביי זיך געטראַכט.

ער האָט דערזען פאַר די אויגן יענע מאַנטיקדיקע מאַרק־טעג, ווען זיין מוטער פלעגט שטיין אָט דאָרטן ביים בריקל מיט איר ביסל געבעקס איבערן האָלצערנעם שטעלעכל, און זיך אויסרעדן דאָס האַרץ מיט די קונים.

— פרישע פּלעצלעך! פרישע בולקעלעך! געבייטלטע ברויטלעך!

— פלעגט זי מיט אַ האַלבן מויל אויסרופן.

יעדן זונטיק אַ גאַנצן טאָג האָט זי געבאַקן, און יעדן מאַנטיק אויפן מאַרק־טאָג פלעגט ביי איר זיין דער הויפּט־פאַרקויף פון איר געבעקס.

איז געווען אַ גוטער מאָנטיק זיינען די איבעריקע טעג פון דער וואָך שוין געווען נישט קיין שלעכטע. אַחוץ דעם עסן פאַר זיך און איר בן־יחידל, האָט זי זיך געקאָנט פאַרגינען אָפּשיקן דעם מלמד די פאַר גילדן פאַר שכר־לימוד, און נאָך אַזעלכע קליניקייטן, אָבער, אַז עס האָט גע־טראָפן און דאָס וועטער איז געווען שלעכט איז טאַקע געווען אָך און ווי.

— משטיינס־געזאָגט אַ מאַרק־טאָג! — פלעגט זי אַ קרעכץ טאָן ביים אַהיים קומען אַ פּיטש נאַסע פון רעגן, אָדער אַ דורכגעפרוירענע פון אַ זאווערוכע, און דעמאָלט האָבן שוין די איבערגעבליבענע געבעקסן אויס־געקוקט, ווי קינדערלעך, וואָס האָבן זיך געריכט אויף אַ שמחה, און זיי־נען געבליבן אין דרויסן פאַרשעמטע.

אין אַזאַ וואָך האָט מען שוין אַליין געגעסן דאָס אַלט־געבאַקענע גע־בעקס. בלויז פון צייט צו צייט פלעגט זיך אַמאָל טרעפן, אַז מען איז געקומען פון עפּעס אַ באַלעבאַטישער שטוב און מען האָט געפרעגט:

— עטיעביילע, איז עפּעס געבליבן ביי אייך?

דער אופן פון אַזאַ מין פרעגעניש איז געווען מיט אַ טאָפּלדיקן מיין: ערשטנס, האָט ער געמיינט צי עס איז עפּעס דאָ צו קריגן, און צווייטנס, האָט עס געמיינט, אַז אויב עס איז שוין יאָ איבערגעבליבנס, זאָל מען דאָס אוועקגעבן פאַר אַ שיבוש.

משה האָט זיך דערמאָנט, ווי אַזוי ער פלעגט אַמאָל וועלן מיט עפּעס העלפן דער מאַמען אין איר פּרנסה, אָבער שטענדיק האָט זי זיך אויף אים גוטמוטיק אָנגעבייזערט:

— גיי, גיי, דו נאַרעלע, איז דאָס אַן אַרבעט פאַר אַ ייִנגעלע, וואָס וועט מערצישעם אויסוואַקסן אַ תלמיד־חכם ביי ייִדן?

ווייניקער, ווי אַ תלמיד־חכם ביי ייִדן האָט זי זיך פאַר איר משהלען גאָרנישט געקאָנט פאַרשטעלן.

אַז עמיצער פון דער משפּחה, אָדער גלאַט אַ נאָענטער, גוטער פריינט פלעגט אַמאָל זיך מאַכן אַ הלצהלע אויף אירע חלומות, האָט זי יענעם אָפּגעענטפערט:

— וואָס־זשע, ער האָט חלילה ביי מיר נישט אָן ווען געראָטן צו זיין, האַ?

אָט אַזוי פלעגט זי יענעם אָפּענטפערן און דערביי אַ הויב טאָן די אויגן צום הימל, און פרום צוגעבן:

— אַז דער פאָטער זיינער, עליו השלום, פלעגט זיך זעצן ביי אַ ספר איז דאָך געווען מויל און אויערן צו עפענען.

און טאָמער איז אָט דער זאָג נאָך נישט געווען גענוג, פלעגט זי נאָך צוגעבן אַ פאַרבעסערונג:

— עס איז דאָך געווען, ווי גלעקער וואָלטן געקלונגען, ווי קלעזמער וואָלטן געשפּילט.

משה האָט זיך דערמאָנט, ווי אַלע יאָרן נאָכן פאָטערס טויט, פלעגט די מאַמע זיינע שטענדיק טראַכטן וועגן טאַטן, דערציילן פון זיינע דרכים מיט אַזאַ גדלות.

— ער, זאָל ער פאַר אונדז אַ גוטער מליץ זיין אין הימל, — פלעגט זי שטענדיק זאָגן, און דערביי זיינען אירע בלויע אויגן געוואָרן אַזוי העל.

אוודאי איז דאָס געווען אַ שטאַרקע צוגעבונדנקייט צום פאָטערס אָנדענק, וואָס האָט איר געשטערט נאָכאַמאָל חתונה צו האָבן.

פאַר מענטשן האָט זי געהאַט אַן אויסרייד, אַז זי וויל נישט געבן איר משהלען קיין שטיף־טאַטן. אָבער אין דער אמתן איז דאָס געווען דערפאַר, ווייל אָבי וועמען האָט זי נישט געוואָלט, און אַזאַ, ווי דער טאַטע איז געווען איז פאַר איר נישט געווען בנימצא.

משה האָט פאַמעלעך געשפּאַצירט איבערן שאָסיי ביים זייט פונעם מאַרק און איז געווען צופרידן, וואָס קיינער שטערט אים נישט, און שלאָגט נישט איבער זיינע מחשבות וועגן דער מאַמען, וואָס זיינען אים פּלוצלינג באַפאַלן אין יענעם פרימאָרגן. איבערן מאַרק האָבן יידן אַרומגעשמייעט אַרום די פויערשע פורלעך, זוכנדיק אַ גילדן פּרנסה פאַר ווייב און קינדער, און איבערן שאָסיי האָט אים קיינער נישט געשטערט.

עס איז געקומען אין זיין זכרון דאָס פריזיוו־יאָר, וואָס איז געווען אַ קוועך־שניט אין זיין לעבן.

פּלוצלינג האָט מען אים ביים נייננטן יאָר געקומען אויף אָפּצושאַצן די יאָרן. עפּעס איז זיין מעטריקע נישט געווען אין אָרדענונג, און „פּריסוסטטווע“ האָט געדאַרפט באַשטימען זיין עלטער.

ער האָט זיך דערמאָנט, ווי די מאַמע זיינע האָט דאָס דווקא געהאַלטן פאַר אַ גרויסן חסד פון גאָט.

— ער, עליו השלום, האָט זיך אוודאי געמיט אין הימל, — האָט זי געזאָגט מיט גרויס בטחון אין איר קול.

זי האָט עס אַזוי געזאָגט, ווייל געגאַנגען איז זי מיטן גאַנג, אַז פאַר אַ סאָלדאַט וועט מען דאָך סיי ווי איר משהלען נישט נעמען. ראשית, איז דאָך דאָ אַ גרויסער, דערבאַרעמדיקער גאָט אין הימל, וואָס קערט נישט אָפּ זיין גנעדיקלעך אויג פון יתומים און אלמנות. והשנית, האָט זי דאָך אין הימל אַן אייגענעם גרויסן צד, וואָס וועט זיך בפירוש מיען פאַר זיין קינד, והשלישית — — —

— משהלע איז דאָך ביי מיר אַ בן־יחיד, און דאָס מיינט ביי פאַניען אַ „פּערווע לגאָטנוק“!

דאָס לעצטע האָט זי אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ זיכערקייט, ווי דער בלויער בילעט וואָלט שוין געלעגן ביי איר אינעם האָלצערנעם קופערט, — אין דעם זעלבן קופערט מיט די מעשענע רייפן איבער זיך, און די אייזערנע רעדלעך אונטער אים, אין וועלכן זי האָט געהאַלטן אירע און משהלעס שבתדיקע מלבושים, דאָס איינציקע זילבערנע קידוש־בעכערל און די כתובה, וואָס ער, עליו השלום, האָט איר געגעבן.

זי איז געווען ביז גאָר צופרידן, וואָס מען רופט אים מיט אַ פּאָר יאָר פריער צום פריזיוו, און אַז מען האָט אים טאַקע געגעבן די פולע איין־און־צוואַנציק, איז דאָך שוין גאָרנישט געווען שייך צו רעדן.

— מען זעט דאָך באַשיינפּערלעך, אַז ער, עליו השלום, באַמיט זיך דאָרטן פון אויבן פאַר דעם בן־יחיד, כדי ער זאָל וואָס גיכער פריי ווערן חתונה צו האָבן און געבן דער מאַמען אַביסל נחת.

עטיע ביילע האָט אָוועקגעטראָגן אין בית־המדרש אַריין אַ פונט ליכט פאַר דער נשמה פון אים, עליו השלום.

— דאָס איז בלויז אַן אַדערויף, — האָט זי געזאָגט מיט פרומקייט אין איר קול.

— מערצישעם, אַז מען וועט איבערקומען בשלום, וועל איך אוודאי פאַרבעסערן, — האָט זי צוגעלייגט.

אַט די ווערטער „איבערקומען בשלום", האָט זי געמיינט דאָס איבערקומען פונעם פריזיוו און שוין אָנקוקן מיט די אייגענע אויגן דעם בלויען בילעט, וואָס איר זון וועט מערצישעם זיכער קריגן אַדאַנק דעם טאַטנס מי און דער „פּערווע לגאָטע".

געטראָפן האָט אָבער אַזוינס אויף וואָס קיינער האָט זיך נישט געריכט, און אַז עס האָט געטראָפן האָט משה פשוט מורא געהאַט פאַר דער מאַמעס לעבן.

— רבונו של עולם! — האָט זי געשריגן און געבראָכן די הענט, זיך וואַלגערנדיק אויפן דיל און איר מויל האָט זיך נישט צוגעמאַכט אויף קיין מינוט:

— און וואו איז ער, עליו השלום, געווען, וואָס ער האָט נישט געקאָנט אָפּשרייען אַט דעם גזר, האַ?

— טאַטע, זיסער! ווי אַזוי האָסטו דאָס דערלאָזט?

— ווי אַזוי וועל איך, אַ צעבראָכענע אלמנה, דאָס גאָר קאָנען איבערטראָגן?

— פאַרוואָס אַזאַ גרויסער צער אויף מיין אָרעמען קאָפּ?

אַט אַזוי איז דאָס געווען דורך די ערשטע עטלעכע טעג און נעכט נאָכן פריזיוו, ביי וועלכן עס איז אין יענעם יאָר פאָרגעקומען אַ שחיטה,

און וואו עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז משה דאַרף אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער אָנטאָן פּאַניעס אַ מונדיר. דאָס נעמען אויך די „פּערוועַ לגאַט־ביקעס" איז געקומען, ווי אַ דונער פּאַר יעדן ווער עס איז געטראָפן געוואָרן פון דעם, אָבער קיינעם האָט דאָס נישט אַזוי צעבראָכן, ווי עטיע ביילען. ביסלעכווייז איז זי פונדעסטוועגן רואיקער געוואָרן, אָבער איר רו האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ גלייכגילטיקייט צום לעבן, וואָס איז געווען נאָך געפערלעכער. זי איז געלעגן אין בעט און געשוויגן, און עס איז געווען אומזיסט דאָס בעטן זיך ביי איר צו נעמען עפּעס אין מויל אַריין. עס איז געקומען אסתר מלכה און זיך ביי איר געבעטן, זי געפּרובירט טרייסטן, אַז אַזוי איז מסתמא דער ווילן פון גאָט, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. עטיעביילע איז געלעגן מיט די אויגן צו דער סטעליע און געשוויגן. עס איז געקומען דער פעטער חיים, געקוקט אויף איר, געהויבן די אַקסל, געוואָלט עפּעס זאָגן, און נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט פון מויל. אפשר וואָלט ער שפּעטער יאָ געווען עפּעס געזאָגט, איז אָבער דעמאָלט אַריינגעקומען נאָטל שייעס מיט זיין ווייב ריילען און זיך צעטענהט, האָט ער זיך שוין שטילערהייט אַרויסגעשאַרט.

נאָטע שייעס האָט גערעדט מער צו זיך, ווי צו איר, אַז מען האָט נאָך אפשר היינטיקס יאָר נישט געדאַרפט פאַרלאָזן זיך אויף דער „פּערוועַ לעגאָטע", וואָרום ער האָט געהערט אין בית־המדרש דערציילן, אַז מען גרייט זיך אויף אַ מלחמה מיטן דייטש און מיט קירע.

— נו, יאָ, אַז עס האַלט ביי אַ מלחמה, איז שוין נישט שייך קיין „פּערוועַ לעגאָטעס".

אָט אַזוי האָט נאָטל שייעס גערעדט, און דערביי גענומען דערציילן:

— אין מאַציעוו האָט שמואל קצבס בן־יחיד זיך טאַקע נישט פאַרלאָזט אויף זיין „פּערוועַ לגאָטע", און זיך דורכגעלעכערט דעם לינקן אויער, איז וואָס־זשע פּרעגסטו? האָט אים טאַקע גאָט געהאָלפן!

— מיין משהלע אַ קאַליקע? — האָט זיך פּלוצלינג געטאָן אַ ריס אַרויס פון עטיע ביילעס מויל, און גלייך נאָכדעם האָט זי אַ שיק געטאָן אַ קללה:

— אַ קרענק אים אין די ביינער!

וועמען זי האָט געמיינט מיט דער קללה איז געווען קלאָר, און נאָטל שייעס האָט געוואָרנט עטיע ביילען, אַז זי זאָל מער אַזוינס נישט זאָגן ברבים, ווייל מען קאָן נאָך אָפּטראָגן דעם פּריסטאַוו, און דעמאָלט...

משה געדענקט, אַז אין יענעם שפּעטן אָוונט האָט ער זיך געזעצט לעבן דער מאַמען אויפן בעט. אַ ווינטיקער רעגן האָט געקלאַפּט אין די שויבן, און די טראָפּנס, וואָס זיינען געריגען שנירלעכווייז האָבן געגעבן דעם

איינדרוק, ווי דער דרויסנדיקער אָונט וואָלט געווײנט אויף דעם ביטערן מזל פון אים און זיין מוטער.

און עס איז געווען פונקט דעמאָלט, ווען ער האָט צוגעדריקט זיין קאָפּ צו דער מאַמעס און זיך שטיל און ציטערדיק צעוויינט.

— אוי, מאַמע!

— משהלע, מיין זון!

— איך וויל נישט זיין קיין סאָלדאַט ביי פּאַניען, — האָט ער שטיל געכליפּעט.

— זון מיינער! אוצר מיינער! — האָט זי שטיל געפּליסטערט צו אים.

— איך וויל נישט זיין קיין סאָלדאַט ביי פּאַניען, מאַמע! — האָט ער נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן.

זי האָט געגלעט זיין פּנים מיט אירע קילע פינגער און עקשנותדיק געשוויגן.

— יונה מרדכי יאָסיעס פּאַרט מאָרגן מיט זיין געשפּאַן קיין מיליאַטין, וואָס איז ביי דער קירעשער גרענעץ, — האָט ער גערעדט צו איר, און מיט געבעט אין זיין קול צוגעלייגט:

— ער וואָלט מיך אַריבערגעפירט, און איך וואָלט געווען אויף מיין וועג קיין אַמעריקע.

ער האָט אַזוי אין יענעם אָונט גערעדט צו איר, און זי האָט אים שטיל געגלעט דאָס פּנים און געשוויגן.

— אַ סך יידן פאָרן היינטיקע צייטן קיין אַמעריקע. עס וואוינען שוין איצט דאָרטן אַזוי פיל יידן, ווי אין אונדזער מדינה, איז וואָס־זשע זאָגסטו, מאַמע?

זי האָט אַלץ געגלעט זיין פּנים, און קוקנדיק אין דעם טונקל־באַלויכטענעם חלל פונעם אלקער, האָט זי געשוויגן.

— שפּעטער וועל איך דיך אַריבערנעמען צו זיך, מאַמע. דו וועסט מער נישט דאַרפן באַקן קיין ברויט פאַרן מאַרק... איך בין שוין אַ דער־וואַקסענער. נישקשה, איך מעג שוין נעמען מיין מאַמען אויף זיך.

דאָ האָט זי אויסגעדרייט איר פּנים צו אים און ציטערדיק געפרעגט:

— דו, קיין אַמעריקע?

זי האָט געפרעגט אָט די פראַגע, און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט זי צוריק זיך איינגעבורעט אין דער קישן, און לאַנג ווידער געשוויגן.

ער איז געלעגן לעבן איר און מיטגעשוויגן מיט איר שווייגעניש, און פּלוצלינג האָט זיך היציק אַ ריס געטאָן פון איר מויל:

— אַ קרענק וועל איך אים געבן מיין זון פאַר אַ סאָלדאַט!

ער האָט זיך דערפרייט מיט איר אויסברוך, און דעמאָלט האָט זיך אים ענדלעך איינגעגעבן, אַז זי זאָל עפּעס נעמען אין מויל אַריין.

אויף מאָרגן אין דער פרי האָט זי פּאַרקויפט איר האַלבע שטוב צו נאָטל שייעס און געגעבן משהן דאָס געלט איינגעבונדן אין אַ פּאַטשיילעכל.

— אַ קרענק וועל איך אים געבן מיין זון פאַר אַ סאָלדאַט, — האָט זי דערביי איבערגעחזרט איר געכטיקע קללה.

משה האָט געשפּאַנט איבערן שאָסיי און פאַר זיינע אויגן איז אויפגעשטאַנען דער מאָמענט, ווען ער איז אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע. ער האָט זיך געזען אויפן בריטשקעלע מיט יונה מרדכי יאָסיעס, דערנאָך אין דעם האַלב־באַלויכטענעם שטיבל אין דעם דערפל מיליאַטין, וואָס ער האָט פאַרלאָזט שפּעט נאָך האַלבע נאַכט, געפירט פון אַ רוסישן סאָלדאַט מיט אַ פוטערנע פּאַפּאַכע אויפן קאָפּ און אַ ביקס אונטערן אָרעם.

די זון האָט געשיינט איבערן שאָסיי. די קרעמער ביי די אָפענע טירן פון די קלייטלעך, אָבער משה האָט געשפּאַנט איבערן שאָסיי אויפן וועג, וואָס האָט געפירט צום טייך פּאַרזונקען אין זיך.

— ווי לאַנג איז דאָס שוין, אַז דער סאָלדאַט האָט אים אַריינגעפירט אין דער פויערשע כאַטע פונעם דערפל סטעפּאַנציע, וואָס איז געלעגן אויף יענער זייט גרענעץ?

פּלוצלינג איז אים איינגעפאַלן, אַז סוף כל סוף איז דאָך געווען אַ גרויסער נס, וואָס מען האָט אים גערופן מיט צוויי יאָר פריער צום פּריזיוו.

— אין איין יאָר שפּעטער נאָך מיין אָפּפאָרן האָט דאָך אויסגעבראָכן די מלחמה, און וואו וואָלט איך איצט געווען?

— אַ שאָד, וואָס די מאַמע איז מער נישטאָ. זי וואָלט דאָך איצט טאַקע געזען באַשיינפּערלעך, אַז דאָס איז געווען אַ חסד.

ער האָט געשפּאַנט און געטראַכט וועגן דעם, וואָס די צוואַנציק יאָר אין אַמעריקע זיינען עפּעס אַזוי גיך אַריבערגעגאַנגען פאַר אים.

— די ערשטע פאַר יאָר האָבן זיך דווקא געצויגן אַזוי לאַנגזאַם!

ער האָט זיך דערמאָנט די לאַנגזאַמקייט פון די ערשטע עטלעכע יאָרן, ספּעציעל די יאָרן פון דער מלחמה.

ווען מען האָט אים גענומען אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי, כאָטש ער האָט בלויז געהאַט די ערשטע בירגער־פּאַפּירן, האָט ער ביי זיך געטראַכט:

— דו זעסט, מאַמע? אַז עס איז באַשערט צו זיין אַ סאָלדאַט איז דאָך נישט שייך!

אַזוי האָט ער דאַן ביי זיך געטראַכט, און אין זיינע מחשבות געטרייסט דער מאַמען:

— אַ סאָלדאַט בין איך טאַקע, אָבער אַנקל סעם, מאַמע, איז דאָך נישט פּאַניע!

ווען ער האָט אָנגעטאָן אויף זיך די אוניפאָרם, האָט ער שוין די זעלבע ווערטער געזאָגט צו זיך אויך:

— נו, נו, עס איז דאָך נישט פּאַניע, עס איז דאָך אונדזער אַנקל סעם!

צו זיין גליק איז איידער מען האָט אים געדאַרפט איבערשיקן צום שלאַכטפעלד קיין פראַנקרייך געקומען דער וואַפנשטילשטאַנד, און ער האָט שוין ווידער געהאַט האָפענונגען:

— באַלד, באַלד, מאַמע! — האָט ער זי געטרייסט פונדערווייטנס דורך אַ בריוו.

אָבער נאָך דער מלחמה האָט זיך אויסגעלאָזט פאַר אים גאָר עפּעס אַנדערש.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ וואַרטעניש אויף דער קוואָטע, און אַז ער האָט שוין דערלעבט, האָט ער געקראָגן אַ בריוו פון דער מאַמען, אַז די אויגן אירע זיינען קאַליע.

— פון צופיל וויינען, — האָט ער זיך דעמאָלט געטראַכט, און וואָס צו טאָן האָט ער נישט געוואוסט.

פאַרוואָס ער האָט דעמאָלט נישט געכאַפּט אַ שיף און איז נישט געקומען צו פאָרן צו דער מאַמען קאָן ער זיך נישט פאַרגעבן.

— איך האָב דאָך דאָס געקאָנט באַוויזן, און דאָך האָב איך דאָס נישט געטאָן, — האָט ער זיך איצט פאַרגעוואָרפן.

דאָס פאַרוואָרפן זיך האָט אים פאַרשאַפט אַ טיפן ווייטיק, און ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין.

— איצט בין איך געקומען צולויפן, און ווייסט דער גוטער יאָר צוליב וואָס?

ער האָט זיך געפרעגט די פראַגע, און זיך נאָך שטאַרקער פאַרגעוואָרפן:

— אַ געוואַלטיקע זאַך! וואָס די מאַמע וועט שוין דאָרטן האָבן פונעם בלעכענעם דעכל איבער איר „ציון"!...

דער פעטער חיים האָט אים דערזען פונדערווייטנס און אויסגערופן:

— משה! הא, משה!

ער האָט זיך פאַרקערעוועט דורכן האַלצערנעם בריקל צום מאַרק, און זיך געלאָזט מיט פאַמעלעכדיקע טריט צום פעטער אין דער אייזנקראַם אַריין.

מיט יידן אויפן מאַרק

— נו, ווי גייען עפּעס די מסחרים? — האָט משה געפרעגט ביים פּעטער הימען, צוקומענדיק צו דער שוועל פון דער קראָם.

— עך! — האָט דער פּעטער חיים אַ שפּרייט געטאָן די הענט, און ציענדיק דאָס ציגאַרל צווישן די ליפּן, אַרויסגעברומט:

— ערשטנס, איז שניט־צייט איצט, און די פּויערן קומען נישט אין דער צייט אין שטעטל אַריין, ווי זיי קומען געוויינלעך, און צווייטנס...

דאָ האָט ער אַ נעם געטאָן דאָס ציגאַרל מיט די צוויי פינגער פון דער רעכטער האַנט און טייטלענדיק מיטן ציגאַרל אויף דער געמויערטער קלייט, וואָס איז געשטאַנען צווישן די צוויי קלויסטערס, האָט ער געלייענט אין דער הויך די פּוילישע ווערטער אויף דער שילד:

— „סוואָי דאָ סוואָיעגאָ!"

ער האָט אַ הוסטל געטאָן און גענומען מיטן צונג נאָס מאַכן דאָס ציגאַרל, אַז עס זאָל זיך בעסער האַלטן, און דערביי אַרויסגעשפּיגן פון־נעם מויל:

— אַז די פינצטערסטע כאָליערע זאָל זיי נעמען!

— נו, און די אוקראַינער פּויערן? — האָט משה געפרעגט מיט זאָרג אין זיין קול.

— נישט אַלע גייען אַהין, אָבער מען גייט דאָך! — האָט חיים גע־ענטפערט, און אָפּשווייגנדיק אַ רגע, האָט ער שטיל צוגעלייגט:

— גוים זיינען דאָך גוים!

משה האָט געקוקט אויפן מאַרק, וואָס איז געווען זייער שיטערלעך באַשטעלט מיט די פּויערשע פורלעך, און דאָס אויך בלויז אויף דער רעכטער זייט, בשעת אויף לינקער איז געווען אינגאַנצן ליידיק, ווי דאָרטן וואָלט גאָר קיין מאַרק־טאָג נישט געווען.

— איז דאָס בלויז איבער דער שניט־צייט? — האָט ער געפרעגט מיט חידוש אין זיין קול.

די זון האָט עפּעס אַזוי שטיל און שווייגנדיק געבלענדט, און אַזאַ יתומדיקייט האָט זיך געשפּרייט איבער דער לינקער זייט פון דעם מאַרק.

— נו, אַ מאַנטיק! — האָט שמחה שלמהס, וואָס האָט געהאַט זיין שפּייז־קרעמל דערביי, זיך צעקרעכצט אויפן קול.

— נו, דערפאַר וועסטו האָבן מערצישעם אַ בעסערן דאָנערשטיק, — האָט אים חיים געטרייסט.

— משטיינס געזאָגט אויך אויף דעם דאָנערשטיק, — האָט שמחה שלמהס זיך גענומען באַקלאָגן.

— ביי דיר איז דאָך שפּייז, און אַז עס קומט דער ערב־שבת, קויפן דאָך יידן, וואָס סע נישט איז, — האָט אים חיים אויסגערעדט דאָס האַרץ.

— וואָס דען? עס איז דאָך נישט קיין איזן!

מיט די לעצטע ווערטער האָט ער באַטאַנט, אַז מיט זיין אייזנקראָם איז נאָך פיל ערגער.

שמחה שלמהס האָט אויסגעצויגן זיין האַנט צו משהס צעעפנטער פּאַפּיראָסן־פּושקע:

— מסתמא אַמעריקאַנער, האַ?

— אמתע אַמעריקאַנער, — האָט אים משה פאַרזיכערט.

ער האָט גענומען אַ פּאַפּיראָס, אים פריער גוט אַרומגעקוקט און אַרומגעשמעקט מיט די ברייטע נאָזלעכער פון זיין פאַרריסענער נאָז, ווי ער וואָלט געוואָלט זיין זיכער, אַז מען נאַרט אים נישט אָפּ, און פאַררויכערנדיק פונעם אָנגעצונדענעם שוועבעלע אין משהס האַנט, האָט ער גענומען פאַרציען אַ שמועס מיט חיימען וועגן זיין שפּייז־קראָם.

— אַנטקעגן די יידישע קונים, וואָס איר זאָגט, — האָט ער אָנגעהויבן, און אַרויסלאָזנדיק אַ קנוילעכל רויך פון זיין מויל, האָט ער זיך צערעדט:

— נו, יאָ, מען קאָן נישט זאָגן, אַז עס קומט דער ערב־שבת זיינען דאָ קונים, קיין עין־הרע, אָבער וואו נעמט מען אַזוי פיל כוחות צו געבן אויף באָרג?

— מען דאַרף דאָך האָבן קורחס אוצרות! — האָט ער זיך גענומען באַקלאָגן, אָבער חיים האָט אים איבערגעשלאָגן:

— נישקשה, נישקשה, יידן באַצאָלן.

— נו, יאָ, אַוודאי באַצאָלן זיי. וואָס־זשע, איך זאָג דען, אַז יידן זענען, חלילה, אַנזעצערס? — האָט שמחה שלמהס זיך פאַרענטפערט, און ציענדיק מיטן מויל דאָס אַמעריקאַנער פּאַפּיראָסל מיט אַ מינע פון אַ מענטשן, וואָס באַטעמט אַ נייעם מין מאכל, און ווייסט נישט צי עס געפעלט אים, אָדער נישט, האָט ער גענומען דערציילן באַריכות וועגן זיינע קונים:

— אָט קומט מיר שוין ציפּע די אלמנה אָן אייגנס. איר קאָנט דאָך זי, אָן אשה, אַ צדיקת, אָבער...

חיים האָט אים נישט געלאָזט דערערעדן דאָס איבעריקע. ער האָט בייזלעך אַ הויב געטאָן די אַקסל און אים שאַרף איבערגעשלאָגן די רייד:

— אָט האָסטו דיר אַ נייעס! — האָט ער אַ ברום געטאָן, און ווענדנדיק זיך צו משהן האָט ער גערעדט:

— ציפּע די אלמנה! אַ קלייניקייט, ציפּע! אַלע ווייסן גאַנץ גוט, אַז זי קריגט צוויי מאָל אין יאָר פון איר זון, ביי איך אין אַמעריקע דאָרטן, צו גאַנצע פופציקערס, און טאַקע אין אמתע דאָלאַרן!

— יאָ, יאָ! — האָט שמחה שלמהס מסכים געווען, אָבער חיים האָט אים נישט געלאָזט קומען צום וואָרט, און ווייטער גערעדט צו משהן:

— און אַז זי דערהאַלט, ברענגט זי גלייך צו אַלע פון אירע בעלי־חובות און זי באַצאָלט ביז אַ פּרוטה.

חיים האָט דאָס אַלץ דערציילט, און הויבנדיק בייזלעך די אַקסל זיינע, עטלעכע מאָל איבערגעחזרט:

— הער אַ מעשה, ציפּע די אלמנה!

קיינער האָט נישט באַמערקט, ווי עס האָט זיך צוגערוקט צו דער שוועל ביי דער אָפענער טיר פון דער קראָם נחום דער מעל־קרעמער, מען האָט אים ערשט דערזען, און מען האָט דערהערט זיין קול:

— נו, האָט בעריש מאכליעס זיך היינט אַ קו געקויפט! שוין איין מאָל אַ קו! — האָט ער געלאָזט וויסן, און בליצנדיק מיט אַ היפּש ביסל קנאה אין זיינע טונקעלע אויגן, האָט ער צוגעלייגט:

— גאַנצע דריי הונדערט גילדן באַצאָלט!

— נו, יאָ, אַז מען האָט קיין עין־הרע צוויי גוטע זין אין אַמעריקע, וואָס שיקן הונדערטער דאָלאַרן, קאָן מען זיך טאַקע גאַנץ פיין פאַרגינען, — האָט שמחה שלמהס זיך גלייך אָנגעשלאָסן אָן נחום דעם מעל־קרעמערס קנאה.

— און נישט קיין גילדן, חלילה, שיקן זיי, נאָר טאַקע אמתע דאָ־לאַרן, וואָס אַז מען בייט זיי אויס...

נחום דער מעל־קרעמער האָט אַ לעק געטאָן מיטן צונג די וואָנצעס איבער זיין בערדל, ווי ער וואָלט איבער זיי דערפילט דעם טעם פון צע־ביטענע אַמעריקאַנער דאָלאַרן, און דערביי אַרויסגעלאָזט אַ דין קרעכצעלע:

— אוי, אָך, עך!

אַ פויערטע מיט אַ געבלימלטע פאַטשיילע אויפן קאָפּ האָט זיך גע־לאָזט אין דער ריכטונג פון שמחה שלמהס קלייטל, און ער איז איר אַנט־קעגן געלאָפן:

— „מילאָ מניע טרעבאַ‟, — האָט זיך געהערט, ווי די פויערטע האָט אים געלאָזט וויסן.

— אַ שטשאָ? מילאָ? מאָיע מילאָ, יאַק זאָלאָטאָ!‟ — האָט שמחה שלמהס קול זיך אָזש פאַרכלינעט.

— נאָר ער קלאָגט זיך, — האָט חיים אַ בייזן ברום געטאָן אין דער ריכטונג פון דעם אַוועקגעגאַנגענעם.

— אַ קראַם פון אַלדאָס גוטס, — האָט נחום מיט אַ קרעכצעלע מסכים געווען מיט חיימס בייזקייט, און דערביי זיך גענומען קלאָגן אויף זיין אייגענעם מזל:

— וואָס דען? אַזוי ווי איך מיט דעם בלויזן ביסל מעל, מעשטיינס געזאָגט!

— אָט האָסטו דיר די צווייטע טעג יום־טוב! — האָט חיים נאָכגע־וואָרפן נחומען, ווען יענער איז אַוועקגעגאַנגען.

— נאָר מען קלאָגט זיך!

— משטיינס געזאָגט, זייערע מסחרים! — האָט משה געפּרובירט פאַר־ענטפערן זייער קלאָגעניש.

— נו, יאָ, — האָט חיים מסכים געווען, און קוקנדיק אויף משהן שוין אַ באַרואיקטער געפרעגט:

— אָבער וואָס האָט מען אַזוינס פון דעם שטענדיקן אָכצעניש און קרעכצעניש?

משהס בליקן זיינען געפאַלן אויף די האַלב־ליידיקע פּאָליצעס פון זיין פעטערס קראָם, און ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אַמאָל זיינען זיי גע־ווען איבערגעפּולט מיט אַלערליי אייזערנע און מעשענע מכשירים, ווי שלעסער, שלעסלעך, קליאַמקעס, זאַוויסיעס, קייטן און קייטעלעך, אָפּגע־רעדט פון די לאַנגע פאַרענטעס אייזן פאַר די קאָוואַליעס און די פערד־שמידן, און איצט האָב אים די האַלב־ליידיקע פּאָלעס אויסגעקוקט, ווי צעעפנטע מיילער מיט אויסגעשלאָגענע ציין.

— אַ שטייפער ייד, — האָט ער געטראַכט וועגן זיין פעטער חיימען, און ער האָט זיך נישט געוואונדערט פאַרוואָס ביי אים אין האַרצן איז דאָ אַזאַ דרך ארץ דווקא צו אָט דער שטייפקייט.

— עס איז דאָ עפּעס אייזנדיקס אין אָט דעם יידן, — איז אים דורכ־געלאָפן אין געדאַנק.

עס איז אים געקומען פאַר די אויגן די שיינע טאָכטער זיינע, וואָס האָט געהאַט אין זיך עפּעס פון דעם טאַטנס אייזנדיקע שטייפקייט. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי זי האָט נאָך דער חתונה אירער זיך בשום אופן נישט געלאָזט אָפּשערן די האָר פון קאָפּ, און אַזוי שאַרף אַריינגעזאָגט דעם טאַטן אין פּנים אַריין:

— אומזיסט דיינע רייד. איך וועל קיין שייטל מיט פרעמדע האָר אויף מיין קאָפּ נישט אָנטאָן!

עס האָט נישט געהאָלפן זיינע געשרייען, אַז ער איז איר קיין טאַטע נישט מער, און אַז זיין פוס וועט נישט אַריבערטרעטן די שוועל פון איר שטוב. זי איז געבליבן ביי איריקן.

— אינגאַנצן, ווי דער טאַטע! — פלעגט די מומע אסתר מלכה אויף איר זאָגן.

איצט, אַז אַט די טאָכטער מיט איר מאַן און קינדער לעבן אינעם ראַטנפאַרבאַנד, קרעכצט נישט איין מאָל אסתר מלכה, וואָס עס קומען נישט אַפֿט קיין ידיעות, און ער בייזערט זיך אויף איר דערפאַר:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ קרעכצעניש, האַ?

בייזערט זיך חיים אויף איר, און לאָזט דערביי אַרויס אַ שטילן ברום:

— אַז מען שרייבט נישט, קאָן מען מסתמא נישט שרייבן!

— אַ שטייפער ייד, — האָט משה ווידער אַ טראַכט געטאָן וועגן זיין פעטער.

עס האָט זיך דערהערט אַ קלינגענדיק געלעכטער פון מיידלשע קולות, און משה האָט דערזען, ווי עס דערנעענטערן צו דער קראָם בתיה און מיט איר די טונקל־הויטיקע פייעלע, און ביידע האָבן געטראָגן פרישע, ווייסע האַנטוכער אין די הענט.

— וואוהין איז? — האָט משה געפרעגט, גייענדיק די צוויי מיידלעך אַנטקעגן.

בתיהס פנים האָט אויפגעלויכטן, און אַ פריידיקע האָט זי אים געלאָזט וויסן, אַז דאָס גייט מען צום טייך זיך באָדן.

— דו קאָנסט דאָך פייעלען? — האָט בתיה אַ פריילעכע ביי אים אַ פרעג געטאָן.

— נו, יאָ, אוודאי, זי איז דאָך זעליג וויינבערגס שוועסטערס טאָכטערל, — האָט ער געוויזן, אַז ער געדענקט זי און דערביי געפרעגט:

— איז הייסט עס, אַז מען גייט זיך באָדן, האַ?

— דו גייסט אויך מיט אונדז, — האָט בתיה אַרויסגערעדט אין אַ באַפעלערישן טאָן, און האָט אים טאַקע דערצו דערלאַנגט אַ צונויפגעלייגטן האַנטוך אין דער האַנט אַריין.

— פאַרליר נישט דאָס זייפל, — האָט זי געצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט.

— עס איז אינעם האַנטוך.

אין דעם מאָמענט איז צווישן אַ רעדל יידן, וואָס איז געשטאַנען קעגנאיבער חיים אייזנקרעמערס קלייט, איבערגעריסן געוואָרן דער שמועס וועגן מסחר, וואָס איז אַזוי געשלאָגן, און מען האָט זיך איבערגעקוקט אין די אויגן:

— איר הערט, יידן? — האָט איינער פונעם רעדל אַ צי געטאָן, ווייזנדיק מיט די בליקן אויף משהן און בתיהן, וואָס זיינען געשטאַנען

לאַכנדיק אין דרויסן פון חיים אײַזנקרעמערס קראָם.

— איר הערט, יידן?

— נו, נו, מען וויסט, מען ווייסט, — האָט אַ צווייטער געענטפערט אין דער שטיל, און אַ דריטער האָט צוגעלייגט:

— אַז גאָט וועט וועלן, וועלן מיר נאָך גאָר האָבן אַ חתונה אין שטעטל.

— אַ וואויל פּאָרל, — האָט זיך געהערט עמיצנס אַ פאַרגינערישע באַמערקונג.

נאָטל שייעס, וואָס איז אויך געשטאַנען אינעם רעדל, האָט זיך אומבאַמערקט פאַר די איבעריקע געטאָן אַ שאַר אַוועק, און איבערשפּאַנענדיק די שוועל פונעם קליטל, האָט ער בײַז אַ מרוקע געטאָן אויף זיין טאָכטער, וואָס האָט געהאַלטן אין דער מיט פון צונויפלייגן אַ שטיקל ציץ, כדי דערנאָכדעם דאָס צוריק אַרויפלייגן אויף פּאָליצע.

— סטויב! — האָט ער אַ מרוקע געטאָן מיט ווייטאָג אין זיין קול צו זיין רייזלען, און גענומען קלאַפּן מיט די פינגער אויף דעם דעקל פונעם טישל.

רייזל, ביי וועלכער עס איז קיין נייעס נישט געווען צו הערן פון איר פאָטער אַזעלכע אויסרופן, איז פונדעסטוועגן דאָס מאָל געווען באַזונדערס געפּלעפט:

— איך האָב געלייזט פאַר זעקס אַרשין! — מיינענדיק אפנים, אַז דעם טאַטנס בייזקייט האָט אַ שייכות מיט דעם שלעכטן מאַרק־טאָג.

— סטויב! — האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעחזרט דעם פריערדיקן אויסרוף.

רייזל האָט איבערגעלאָזט דאָס שטיקל ציץ, און פאַרשאַרנדיק די געלבלעכע האָר, וואָס האָבן זיך געוויקלט צו איר נידעריקן שטערן, האָט זי געפרעגט:

— וואָס איז, טאַטע?

— וואָס איז טאַטע? וואָס איז טאַטע? — האָט ער איבערגעקרימט דער טאָכטערס פראַגע, און אויסדרייענדיק זיך צו איר מיטן רוקן, האָט ער אָנגעשטעלט די אויגן צום האַלצערנעם בריקל, וואָס האָט געפירט צום שאָסיי צו, איבער וועלכן משה איז געגאַנגען אַ פריילעכער און אַ לאַכנדיקער צווישן בתיהן און פייעלען:

— קומט אפילו נישט אַריין אין קלייט אַריין, ווי איך וואָלט אים אַ פרעמדער געווען, — האָט ער מיט גרויס ווייטיק אין זיין קול אַ ברום געטאָן.

— ווער? — האָט רייזל אומשולדיק געפרעגט.

— ווער?! ווער?! — האָט נאָטל שייעס זיך שוין צעשריגן אויפן

קול, און אויסדרייענדיק דאָס פּנים צו זיין טאָכטער, האָט ער גענומען נאָכקרימען איר פראַגע צו אים:

— ווער? ווער?

— נו, טאַקע ווער? — האָט רייזל נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען דעם טאַטנס אויפרעגונג.

— לעקיש בער! — האָט ער איר בייז געענטפערט, און איז אַרויס אין דרויסן.

אויפֿן וועג צום טייך

משה האָט זיך פּלוצלינג דערפֿילט אַזוי גרינג און גוט צווישן די צווײ מײדלעך, אַז ער האָט אַזש אונטערגעטענצלט אין זײַן גאַנג, ווי ער פֿלעגט דאָס טאָן אין זײַנע פֿריִע, ייִנגלשע יאָרן אין מאָמענטן פֿון גרויס פֿאַרגעניגן.

אים איז געוואָרן ביז גאָר גוט סײַ פֿון דעם, וואָס בתיה איז בײַ זײַן זײַט, סײַ פֿון דעם, וואָס זײַנע טריט פֿירן אים צום טייך. עס איז אים געווען גוט צו פֿילן זײַנע טריט איבערן וועג גופֿא. עס איז דאָך געווען דער זעלבער וועג איבער וועלכן ער פֿלעגט זיך טראָגן הענדום־פֿענדום ייִנגלוויז בײַם אַרויסגנבֿענען זיך פֿון חדר אין די הייסע, זומערדיקע טעג. ער האָט דערפֿילט אַ טיפֿע, אויפֿגעלויכטענע פֿרייד אין זיך, וואָס באַלד, באַלד וועט ער דערפֿילן די קילע, פֿרישע וואַסער־כוואַליעס, וואָס האָבן אים געוואַשן, ווען ער איז נאָך גאָר אַ ייִנגל געווען.

ער האָט שפּאַנענדיק אַ פֿריידיקער אַרומגענומען זעליג ווײַנבערגס יונגינקער פּלימעניצע:

— אַזוי, אַזוי, ביסטו דאָס טאַקע פּײַעלע? די אמתע פּײַעלע, וועגן וועלכער מײַן זעליג רעדט אַזוי פֿיל?

ער האָט זיך געפֿרייט מיט דעם יונגן, ליבן, שוואַרץ־חנעוודיקן מײדעלע, און דערבײַ נישט אויפֿגעהערט פּלאַפּלען מיט אויפֿגעלויכטענע ווערטער:

— פּײַעלע! נו, יאָ, אַוודאי! ווי דען? נישט פּײַעלע?

ער האָט זיך הילכיק צעלאַכט, און קוקנדיק אויף בתיהן דערציילט:

— איר פֿעטער זעליג לאָזט זי דאָך קיינמאָל פֿון זײַן מויל נישט אַרויס!

דער וועג, וואָס האָט זיך געצויגן צווישן די צווײ רייען דעמבענע ביימער, האָט איצט אויסגעקוקט אַזוי אַנדערש, ווי אין יענעם שפּעטן אָוונט, ווען ער האָט איבער אים אַרומגעשפּאַצירט מיט זײַנע זכרונות.

דעמאָלט, אין דער אָוונטיקער טונקלקייט, האָט אים אַרומגענומען בלויז די פֿאַרגאַנגענהייט, און איצט איז אַלצדינג פֿאַר אים געווען אַזאַ ליכטיקע און פֿריידיקע געגנוואַרט.

— וואונדער איבער וואונדער! — האָט ער אויסגערופֿן, און קוקנדיק פֿאַר זיך צוגעלייגט:

— די ביימער האָבן זיך דאָ גאָרנישט געענדערט!

אין יענעם מאָמענט האָט זיך פון אים איבגאַנצן אָפּגערוקט די צווישנ־צייט, וואָס האָט אָפּגעטיילט זיין יינגלקייט פון זיין רייפקייט דורך די יאָרן, וואָס ער האָט געלעבט אין אַמעריקע.

עס איז געווען, ווי די צוויי יונגע מיידלעך צווישן וועלכע ער האָט געשפּאַנט האָבן אומגעקערט די יינגלשקייט צוריק אין זיינע גלידער אַריין, און אים איז אויסגעקומען, אַז נישט ער שפּאַנט מיט זיינע טריט, נאָר אַז ער שוועבט אין דער לופטן.

אַ סטייע פייגעלעך איז אַנגעפלויגן איבער אים אין דער הויך, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער פליט צוזאַמען מיט זיי:

— אַהו! — האָט ער אויסגעשריגן אויפן קול, פאַררייסנדיק דעם קאָפּ צו זיי, ווי ער פלעגט דאָס טאָן אין זיינע פריע, יינגלשע יאָרן.

בתיה האָט פריילעך געלאַכט, אויך פייעלע האָט געלאָזט הערן אין דער הויך איר לאַכנדיק קולכל, און ער צווישן זיי בײדע האָט מיטגעלאַכט:

— איר זעט, אָט דאָס שמאָלע, גראַזיקע שטעגעלע צווישן די ווערבעס?

משה האָט זיך אָפּגעשטעלט, און ווייזנדיק מיט אַ פינגער אויף אַ שמאָלער, אויסגעטראָטענער סטעזשקע, האָט ער זיי דערציילט:

— אָט דאָ פלעגן זעליג און איך שפּאַצירן, און נישט איין מאָל האָבן מיר זיך דאָ אָנגעשלאָגן אויף פויגל־נעסטן.

— מיין פעטער זעליג, אָט דאָ? — האָט פייעלע זיך געוואונדערט, און ברייט צעעפנט אירע בלוי־גרויע אויגן.

— יאָ, דיין פעטער זעליג, — האָט משה פאַרזיכערט, און אָנגעמענדיק זי ביים קין, האָט ער ביי איר געפרעגט:

— ווייסטו כאָטש, פייעלע, וואָס פאַר אַ פעטער זעליגן דו פאַרמאָגסט?

פייעלע האָט געקוקט אויף משהן מיט אַ סך אויפגעלויכטנקייט אין אירע אויגן:

— דערציילט מיר נאָך וועגן מיין פעטער, — האָט זי זיך ביי אים געבעטן.

משה האָט געקוקט אויף איר, און זיך גענומען ווינצלען וועגן איר אויסזען:

— דו ווייסט, פייעלע, אַז דו קוקסט אויס זייער מאָדנע?

— מאָדנע?

— נו, יאָ, זייער און זייער מאָדנע, — האָט ער זיך גענומען רייצן מיט איר, און ווענדנדיק זיך צו בתיהן, האָט ער אויסגערופן מיט אַ געמאַכטן ערנסט:

— מען מוז עפּעס טאָן פאַר פייעלען.

— טאָן? — איז פייעלע געוואָרן נייגעריק.

— נו, יאָ, אַודאי, — האָט משה זיך אַלץ געדרייצט מיט איר און אַ קרעכץ געטאָן.

פייעלע איז שוין געוואָרן ביז גאָר נייגעריק, און געוואָלט, אַז ער זאָל איר דערקלערן:

— ווי האָט עס אַ מיידעלע מיט אַזאַ טונקל־הויטיק פּנים, אַזעלכע ליכטיק בלוי־גרויע אויגן, האַ?

פייעלע און בתיה האָבן זיך צעלאַכט, אָבער באַלד האָט פייעלע זיך דערמאָנט און איז צוגעשטאַנען:

— דערציילט מיר נאָך וועגן מיין פעטער זעליגן!

משה האָט געקוקט אויף איר מיט אַ סך וואַרעמקייט אין זיינע אויגן:

— דעם פעטער זעליגס ביכער לייענסטו?

— אַודאי לייען איך! — האָט פייעלע פאַרזיכערט מיט אַ טאָן, וואָס האָט געהאַט אין זיך גרויס חידוש הלמאי מען פרעגט ביי איר גאָר אַט אַזוינס.

— וואָס זאָגסטו צו זיין לעצטן בוך? — האָט ער אומבאַדינגט געוואָלט וויסן.

— אַ גוט בוך, אָבער . . .

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מיט ברייט אויפגעעפנטע אויגן און געפרעגט:

— אָבער וואָס?

דאָ האָט זיך אַ צי געטאָן אַ גרויס ערנסט אויף איר יונג־מיידלשן פּנים און זי האָט געזאָגט:

— ער האָט געדאַרפט שרייבן אָט דאָס בוך אויף העברייאיש.

— אויף העברייאיש?

— אַודאי אויף העברייאיש, — האָט זי נאָך שטאַרקער באַטאָנט, און קוקנדיק אויף אים, האָט זי געפרעגט:

— וואָס־זשע, איר דענקט דען נישט, אַז יעדער גוטער שרייבער ביי יידן וואָלט געדאַרפט שרייבן אויף העברייאיש?

משה האָט דערפילט, ווי עפּעס הויבט זיך אָן צו בייטן אין זיין געמיט, ער האָט זיך אָבער אָנגעשטרענגט נישט אַרויסצופאַלן פון זיין גוטער שטימונג, און ער האָט אין אַ שפּאַסיקן טאָן ביי איר געפרעגט:

— זיינען דעם פעטער זעליגס ביכער ערגער בלויז דערפאַר, ווייל זיי זיינען געשריבן אויף יידיש?

— ערגער נישט, אָבער, ווי לאַנג וועלן עס יידן נאָך דען לייענען אויף יידיש?

פייעלע האָט געפרעגט די פראַגע מיט אַזאַ זיכערקייט אין איר קול,

אַז משהן איז אַזש געוואָרן ענג צו אָטעמען:

— דעם איינדרוק, אַז מען וועט אויפגעבן יידיש קריגסטו אוודאי אין דיין תרבות־שול, נישט אפשר?

פייעלעס פנים האָט זיך אַנגעצונדן, ווי משהס באַמערקונג וואָלט גע־ווען אַ ברענענדיק שוועבעלע אויף איר לייב, און זי האָט אויסגערופן:

— איך בין זייער שטאָלץ מיט מיין תרבות־שול! — האָט זי אויס־געריפן, און אַנווייזנדיק אויף בתיהן, האָט זי אים אַ שטעכל געטאָן:

— אויך זי איז אַ תרבותניצע!

משה האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער אין דעם מאָמענט האָט בתיה אָנגעוויזן אויף צוויי שמאָלע שטעגעלעך, וואָס האָבן זיך פאַנאַנדערגע־טיילט פונעם וועג צו דער לאָנקע, ווי אַ צעעפנטע שער:

— אָט־דאָ צעשיידן מיר זיך.

משה האָט אַ קוק געטאָן אויף די צוויי אויסגעטראָטענע שטעגעלעך, און זיך דערמאָנט, אַז נאָך אין זיין צייט פלעגן אָט די צוויי שטעגעלעך פירן די מענער אויף רעכטס און די פרויען אויף לינקס.

— הם, יאָ, דאָ צעשיידן מיר זיך, — האָט ער פאַרטראַכט נאָכגעזאָגט בתיהן, און ער האָט זיך פאַרנומען אויפן שטעגעלע, וואָס איז געווען אויף רעכטס.

— זוים זיך נישט לאַנג! — האָט ער געהערט בתיהס קול הינטער זיך אים נאָכשרייען.

באַלד האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע פאַרלוירן צווישן די געדיכטע קוסטעס און משה האָט געטראָטן אַליין, פילנדיק די שמעקנדיקע גראָזן, וואָס האָט זיך געבויגן אונטער זיינע טריט.

— אָט דאָ צעשיידן מיר זיך, — האָט ער געמורמלט צו זיך און דער־פילט, ווי אַ טרויער נעמט אים אַרום.

— נו, אַן אומה מיר זיינען דאָס! — האָט ער בייז אַ ברום געטאָן צו זיך, שפּאַנענדיק מיט די אויגן אַרונטער.

— קאַרג צרות האָבן מיר, דאַרפן מיר נאָך האָבן אויף זיך צוויי לשונות?

פּלוצלינג איז אויסגעוואַקסן אַ באַרוועסע פרוי פאַר זיינע אויגן. זי איז געגאַנגען אַנטקעגן אים איבער דעם זעלבן שמאָלן, גראָזיקן שטעגעלע מיט צוויי עמער אין אירע הענט. אויפן ערשטן בליק, האָט זי אים אויס־געקוקט, ווי אַ פּויערטע, וואָס גייט מסתמא צו אירער אַ סטייע גענדז ערגעץ דאָ דערנעבן, אָבער ווען זי איז אַנגעקומען נעענטער, האָט זי אַרונ־טערגעלאָזט די צוויי עמער, וואָס זיינען געווען אָנגעפילט מיט גרינם גראָ־זיקן שליים, און געפרעגט ביי אים אויף אַ זאַפטיקן יידיש:

— חבר, משה פינקעלשטיין?
ער איז געבליבן שטיין אַן איבערראַשטער און זי שווייגנדיק אָנגעקוקט:
— זייט מוחל פאַרן אויסזען, — האָט זי זיך גענומען פאַרענטפערן, און פילנדיק אַפּנים, אַז זי דאַרף געבן אַ דערקלערונג, האָט זי געזאָגט:
— דער שליים פון אַט דער ריטשקע, וואָס ליגט ביים זייט פונעם טייך איז זייער גוט פאַר יונגע גענדזעלעך און קאַטשקעלעך.
— פאַר יונגע גענדזעלעך און קאַטשקעלעך?
— יאָ, ביי מיר האָדעווען זיך יונגע גענדזעלעך און קאַטשקעלעך, און איך ברענג זיי אָט דעם מאכל, — האָט זי דערקלערט, און איז באַלד איבערגעגאַנגען צו עפּעס אַנדערש:
— מיינע קינדער האָבן מיר איבערגעגעבן וועגן אייער באַזוך אין אונדזער שול, — האָט זי דערציילט, און דערביי אויסגעדריקט איר טיפסטן באַדויער, וואָס זי האָט בשום אופן נישט געקאָנט זיין דערביי.
— אַזאַ שאָד, — האָט זי געזאָגט, און געוואָלט וויסן, צי ער וועט נאָכאַמאָל באַזוכן די שול.
— מען הערט דאָך אַזוי זעלטן אַ פריש וואָרט ביי אונדז אין דעם פאַרוואָרפענעם מקום.
זי האָט אויפגעהויבן די אָנגעפילטע עמער מיט דעם שליים, און געבעטן מוחל זיין, הלמאי זי האָט דאָ אים אָפּגעשטעלט מיט אירע פראַגן:
— אַ גוטן טאָג, — האָט זי אים געוואונטשן און זיך געלאָזט מיט די צוויי עמער און אירע באָרוועסע פיס אין איר וועג אַריין.
— אַ גוטן טאָג, — האָט ער איר געענטפערט, און זיך דערפילט צוריק אַן אויפגעלויכטענער.
— איך בין אייך אַלענפאַלס איבערגעגאַנגען מיט פולן, — האָט זי, אויסדרייענדיק צו אים איר פנים, אויסגערופן אין אַ פריילעכן טאָן.
— יאָ, יאָ, — האָט ער צו איר אַ שמייכל געטאָן פון דערווייטנס, און ווינטשנדיק איר נאָכאַמאָל אַ גוטן טאָג, האָט ער זיך מיט פריילעכע טריט אַ לאָז געטאָן צום טייך, וואָס האָט אויפגעגלאַנצט מיט דעם גאָלדענעם אָפּגלאַנץ פון דער זון פאַר זיינע בליקן.
— אַ יידישע פרוי, — האָט ער זיך געפרייט, און בשעת מעשה דערפילט, אַז עס איז געווען אַ נאַרישקייט פון זיין זייט נישט צו פרעגן איר נאָמען.
— נו, מילא, — האָט ער זיך גענומען באַרואיקן.
— וואָס איז דער חילוק ווער זי איז?
ער האָט דערפילט אַ ווייכקייט אין געמיט צו אָט דער יידישער, אָרע־

מער פרוי, וואָס האָדעוועט אין אירן אַ גאָרטנדל מסתמא די געגדזעלעך און קאַטשקעלעך, און לאָזט זיך פון צייט צו צייט מיט די עמער נאָכן פעטן שליים, וואָס איז דאָרטן אינעם ריטשקעלע.

— ס'אַראַ מחיהדיקער יידיש אין איר מויל!

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, געמאַכט אַ דעכעלע מיט דער האַנט איבער די אויגן, וואָס האָבן אָנגעשטרענגט געקוקט אויף דער אַנדערער זייט פונעם טייך, ווי ער וואָלט געזוכט בתיהן און פייעלען, און ווען אים האָט זיך גענומען אויסדאַכטן, אַז ער זעט זיי, האָט ער צעעפנט דאָס מויל, און אויסגעשריגן הויך אויפן קול:

— סאַראַ מחיהדיקער יידיש אין איר מויל!

אין אַ קלאַפּטער־געוועט מיט פּייוול בילּיצקין

וואָס האָט איר אַזוי געשריען? — האָט משה דערהערט אַ קול פון אונטער אַ קוסט אַרויס.

אַ רגע האָט ער זיך דערפילט אַן איבערגעשראָקענער, אָבער באַלד האָט ער דערזען פאַר זיינע אויגן די ליגנדיקע פיגור פון פייוול ביליצקין.

— ביליצקי! — האָט משה אויסגערופן אַ דערפרייטער און איבער־ראַשטער.

משה האָט זיך צעלאַכט אויפן קול. עס איז אים ווידער געוואָרן זייער גוט אויפן האַרצן, דערזעענדיק פאַר זיך פייוול ביליצקין.

— איר האָט דאָך צוגעזאָגט קומען צו מיר, — האָט ער אויסגערעדט פייוולען, און אַרונטערגעלאָזט זיך אויפן גראָז לעבן אים.

— אַוודאי וועל איך קומען, וואָס דען, איך וועל נישט קומען?

פייוול ביליצקי האָט געוואָלט וויסן, ווען משה קלייבט זיך צוריק אין וועג אַריין און משה האָט געענטפערט:

— דאַנערשטיק שטעלט מען דעם „ציון", וועל איך שוין מסתמא אי־בערשבתן דאָ אין שטעטל.

— און דערנאָך גלייך צוריק קיין אַמעריקע, האָ?

— איך וועל נאָך אַריינכאַפּן עטלעכע טעג אין וואַרשע, וואָרים אויפן וועג אַהער בין איך געווען בלויז געציילטע טעג דאָרטן.

— איך גלויב, אַז איר וועט נאָך פאַרכאַפּן זעליג וויינבערגן אין וואַרשע, — האָט פּייוול ביליצקי באַמערקט.

— אפשר יאָ, און אפשר נישט.

— איר מיינט, אַז ער וועט שוין זיין דאָ די קומענדיקע וואָך? — האָט פּייוול ביליצקי געפרעגט, און דערביי צוגעלייגט:

— אויף וויפל איך ווייס, וועט ער...

— איך ווייס, איך ווייס, — האָט אים משה איבערגעשלאָגן און דערקלערט:

— אויפן וועג אַהער וועט ער זיך אָפּשטעלן אין לובלין.

— אין לובלין?

— מען האָט אים אַהין פאַרבעטן.

משה האָט געוואָלט, אַז פּייוול ביליצקי זאָל אים דערציילן, ווי אַזוי עס לעבט זיך אַ יידישן שרייבער אין שטעטל:

— בענקט זיך אײַך גאָרנישט אין קײן צענטער, וואו עס געפינט זיך אַ ליטעראַרישע סביבה?

— איר זעט דאָך, — האָט פּיוול ביליצקי געענטפערט, און דערבײַ נערוועז פאַררוקט די ברילן אויף דער נאָז.

— איז דאָס שטעטל גופא געגוג פאַר אײַך שרײַבן? — האָט משה געוואָלט וויסן.

— גענוג איז דאָס. עס איז אומעטום גענוג, — האָט פּיוול ביליצקי געענטפערט, — אָבער.

— און וואָס איז דער אָבער?

— עס וואָלט זיך געשריבן בעסער פון אָט־דעם שטעטל, ווען איך וואָלט איצט געווען ווײַט פון דעם.

— איך פאַרשטײ, איך פאַרשטײ, — האָט משה געזאָגט, און דערבײַ בײַ אים געפרעגט:

— איז פאַרוואָס נישט זוכן זיך צו באַזעצן אין וואַרשע?

— שוין פּרובירט עטלעכע מאָל. דעם האַרבסט וועל איך מסתמא פּרובירן נאָכאַמאָל.

פּיוול ביליצקי האָט אָנגעשטרענגט געקוקט צום טײַך, וואָס האָט זיך דין געריגצלט און אויסגעקוקט, ווי אַ גלאַטער שטערן בײַ אַ יונגנמאַן, וואָס שטרענגט זיך אָן צו ריגצלען, כדי צו מאַכן אַן אײַנדרוק פון פאַר־טיפטקייט.

— איך בין שטאַרק מקנא זעליג ווײַנבערגן, — האָט פּיוול ביליצקי שטיל אַ מורמל געטאָן.

— מיט דעם, וואָס ער לעבט אין ניו־יאָרק?

— מיט דעם אויך, אָבער דאָס איז נישט דאָס אײנציקע, — האָט ער געזאָגט, און האַלטנדיק נאָך אַלץ די בליקן איבערן טײַך, האָט ער גע־נומען אויפקלערן זײַן קנאה צו זעליג ווײַנבערגן.

— בײַ אים אין זײַנע ווערק איז אונדזער שטעטל אַזאַ ליכטיקס, אַזאַ בלענדנדיקס, בשעת בײַ מיר...

— איך ווײס, איך ווײס, זעליג ווײַנבערג האָט נישט אײן מאָל גערעדט צו מיר וועגן דעם, — האָט משה איבערגעריסן.

— ער רעדט אַמאָל וועגן מיר?

משה האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל און געפרעגט:

— שרײַבערישער נײַגער?

— נישט שרײַבערישע נײַגעריקײט, נאָר שרײַבערישע אײנזאַמקײט, — האָט פּיוול ביליצקי אויסגערופן.

ער האָט אָט־די ווערטער כמעט ווי אויסגעשריען און נישט וועלנדיק, אַפּנים, אַז משה זאָל אים איבערשלאָגן, האָט ער אָנגעהויבן ממש כלינען מיט רייד פון זיך, און געווען זיינען אָט־די רייד, ווי לעבעדיקע וועזנס, וואָס זיינען אַ ציט לאַנג געווען איינגעשלאָסן אין דער פינצטער, און האָבן פּלוצלינג באַשלאָסן אַרויסצורייסן זיך אויף דער ליכטיקייט צום דרויסן.

— איך האָב פריער דערמאָנט דאָס בלענדיקע אין זעליג וויינבערגס ווערק פונעם שטעטל... נו, יאָ... אַוודאי... אַז מען לעבט אין דער גרויסער, ברייטער וועלט, — ווייט, ווייט אַוועק פון דאָנען איז דאָ די בענקשאַפט אַהער. און בענקשאַפט איז ליכט, שטענדיק ליכט. די בענקשאַפט אַליין איז דאָך אַ פּראָזשעקטאָר, וואָס וואַרפט פון זיך מיט ליכט. ווער בענקט עס נאָך שאָטנס? אַז מען בענקט, בענקט מען נישט נאָך קיין שאָטנס. פון שאָטנס אַנטלויפט מען, מען זוכט צו באַפרייען דעם זכרון פון זיי. אין דער בענקשאַפט ווערט דאָך אַ קליין חלבן ליכטל אין אַ חלל פון אַ פּראָסטער קאַרטאָפליע די לויטערסטע שיין פון שבת־שבתון אין אַ גאָלדענע מנורה.

— איר פאַרשטייט מיך, משה? — האָט ער זיך געווענדט מיט געבעט אין טאָן.

— איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי, — האָט משה אַ טיף געריריטער אים פאַרזיכערט.

פּיזול ביליצקי האָט געקוקט אויף אים מיט טיפן דאַנק אין זיינע בליקן.

— אָט פון וואַנען עס נעמט זיך מיין טיפע קנאה צו זעליג וויינבערגן, און פון דאַנען אויך מיין נייגער צי ער רעדט אַמאָל דאָרטן ביי אייך אין אַמעריקע פון מיר.

— זעליג וויינבערג רעדט פון אייך זייער אָפט און ער אינטערעסירט זיך זייער שטאַרק מיט אייער שרייבן, — האָט משה אים געזוכט צו באַרואיקן.

אויף פּיזול ביליצקיס פּנים האָט זיך אַ שפּרייט געטאָן אַ דינער וואַרעמער שמייכל:

— מיט אַ ציט צוריק האָב איך פון אים דערהאַלטן אַ בריוו אין וועלכער ער גיט מיר אַ היפּשן גאָב פאַר דער שאָטנדיקייט אין מיין לעצטן בוך.

— אויב איך האָב קיין טעות נישט, האָט ער וועגן אייער לעצטן בוך דאָך געשריבן אַ זייער וואַרעמען אַרטיקל.

— אָט וועגן דעם האַנדלט זיך דאָס, — האָט פּיזול ביליצקי אים איבערגעשלאָגן:

— אין דעם אַרטיקל וועגן מיר איז ער געווען געטריי זיין טיפע בענקשאַפט צום שטעטל פון זיין געבורט, און אַזוי ווי איך בין אַ טייל פון זיין בענקשאַפט, איז אַרויסגעקומען אַ סך וואַרעמקייט, אָבער אין זיין פּערזענלעכן בריוו צו מיר.

— כאַ, כאַ, כאַ! — האָט זיך משה צעלאַכט אויפן קול און איבער־געפרעגט:

— אינעם אַרטיקל געלויבט און דערמוטיקט, און אין דעם בריוו צו אייך דערלאַנגט אַ גאַב?

— נאָך וואָס פאַר אַ גאַב!

— אָט דאָס איז זעליג! — האָט משה אויסגערופן מיט אַ סך ליב־שאַפט אין זיין קול.

פלוצלינג האָט משה זיך אַ כאַפּ געטאָן און צעוויקלט דעם האַנטוך:

— הער אַ מעשה, זיי וועלן דאָך וואַרטן!

— ווער?

— בתיה מיט זעליגס פלימעניצע פייעלע.

— זיי באָדן זיך איצט אויך?

— יאָ, דאָרטן, — האָט משה אָנגעוויזן מיט אַ פינגער צו דער אַנ־דערער זייט.

— נו, וואַרפט אַראָפּ די בגדים, וועלן מיר צוזאַמען אַ שווים טאָן אַנטקעגן די כוואַליעס, — האָט אים פּיוול ביליצקי אונטערגעטריבן, און אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָבן שוין ביידע געשניטן דאָס וואַסער מיט זייערע געצויגענע הענט.

— אַך, דער אַלטער, גוטער „ספּיסט“! — האָט זיך משה אַזש פאַר־כלינעט פון פאַרגעניגן.

זיי האָבן גענומען לייגן קלאַפּטער צו דעם פלוס, וואָס איז רוישנדיק און זילבערדיק געפלאַלן דורך די ברייט־צעעפנטע „זאַסטאַווקעס“ פון אונ־טער דעם בריקל.

— נאָך נישט פאַרגעסן שווימען? — האָט פּיוול אַ פאַרכלינעטער געפרעגט מיט אַ שרייענדיקן קול.

— ביי אונדז אין ניו־יאָרק באָדט מען זיך אין ים! — האָט משה אים געענטפערט.

— אינעם אמתן אַטלאַנטיק, האַ?

— יאָ, אָבער דאָ שווימט זיך גרינגער, — האָט משה זיך געפרייט מיט דער פריידיקייט פון אַ יינגל.

זיי האָבן זיך אומגעקערט צוריק, שווימענדיק אויף די רוקנס מיט די פּנימער צו דעם צעלויכטענעם הימל, און די שווימיקע שפּריצן פון

זייערע באַוועגלעכע הענט און פיס האָבן זיך געהויבן, ווי אַ געשייערטער זילבערנער רעגן.

— נאָך נישט איינגעמאַטערט? — האָט פּיוול לאַכנדיק געפרעגט ביי משהן.

— איך מיד?

משה האָט זיך פריידיק צעלאַכט, און אַ קערעווע טוענדיק זיך אויף צוריק, האָט ער אָנגעהויבן גאַר אויפסניי צו לייגן ריטמישע קלאַפּטער מיט די אויסגעצויגענע אָרעמס.

פּיוול האָט אים גלייך נאָכגעטאָן דאָס אייגענע, און פון זיך אַליין איז דאָס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קלאַפּטער־געוועט ביז אַרויף צו די „פּאַליעס", וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פונעם וואַסער מיט זייערע טונקעלע קיילעכדיקע שפּיצן, ווי צוגעברוינטע דיניעס צווישן מאַכיקע בלעטער.

פּיוול ביליצקי האָט דערגרייכט זיין „פּאַליע" צוערשט, און אַ הויב טוענדיק זיך פלינק איבער איר האָט ער טריאומפירנדיק זיך צעלאַכט הויך אויפן קול און אויסגעשריגן:

— הוראַ, טריסק האָט באַזיגט ניו־יאָרק!

— אָהו!!! — האָט פּלוצלינג אַ קול געריפן, און משה האָט זשמורנדיק די אויגן געקוקט אַהין פון וואַנען דאָס קול האָט זיך געטראָגן.

— אַהו!!! — האָט ער געענטפערט, און לאַכנדיק געזאָגט צו פּיוולען:

— דאָס רופט אַזוי בתיה.

— בתיה?

— נו, יאָ, איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז זי און פּייעליע באָדן זיך דאָרטן.

— אָ, יאָ, — האָט זיך פּיוול ביליצקי דערמאָנט, און פון זיין זייט אויך אָפּגעענטפערט דעם רוף:

— אַהו!!!

— איך גלויב, אַז מיר זאָלן זיך אומקערן, — האָט משה געזאָגט, און דערביי טאָקע זיך אַ וואָרף געטאָן צוריק אין וואַסער אַריין.

— זיך אָפּגערעדט צו טרעפן ביים שייד־וועג, — האָט ער שוין שווימענדיק דערקלערט.

פּיוול איז אים נאָכגעשוואומען, און ווען זיי זיינען אַרויס, האָט ער געזאָגט:

— אַ וואויל מיידל, בתיה.

משה האָט שטיל אַ שמייכל געטאָן און, קוקנדיק אויף פּיוולען, געפרעגט:

— פאַרוואָס האָט איר נישט חתונה?

— חתונה?

— נו, יאָ, חתונה. מען האָט דאָך חתונה אין פּוילן אויך, נישט אפשר?

— נו, יאָ, נו, יאָ. אַוודאי האָט מען חתונה אין פּוילן אויך, — האָט פּיוול געזאָגט, און דערביי צוגעלייגט אין אַ שטילן קול:

— אָבער...

— אָבער די מורא פאַר פּרנסה? — האָט משה געוואָלט ביי אים וויסן.

— דאָס אויך, אָבער עס איז דאָ נאָך אַ גרעסערע מורא, ווי פּרנסה.

— אַ גרעסערע?

פּיוול בּיליצקי, וואָס האָט שוין געהאַלטן אין אָנטאָן דאָס רעקל אויף זיך, האָט, ווי זיין טבע איז געווען, אַלע וויל פאַרריכט די ברילן אויף דער נאָז און דערביי שטיל גערעדט:

— מען טראַכט זייער אַ סך, וואָס דער מאָרגן וועט אונדז ברענגען אָט־דאָ.

משה, וואָס האָט געהאַלטן אין אויסבינדן דעם שניפּס אונטערן קאָל־נער פונעם העמד, האָט אַ קרעכץ געטאָן:

— מיט אונדז יידן איז נישט גוט אין אַנדערע לענדער אויך.

— נישט גוט צו נישט גוט איז נישט גלייך, — האָט אים פּיוול בּיליצקי איבערגעריסן.

זיי האָבן שטיל און פאַרטראַכט געשפּאַנט אויף צוריקוועגס צווישן די געדיכטע קוסטעס, און פּיוול האָט גערעדט:

— אויפן מערב ליגט דאָס היטלער־דייטשלאַנד, וואָס וויל איינשלינ־גען די גאַנצע וועלט, און די ערשטע, וואָס וועלן צעקייט ווערן דורך אירע גיפטיקע ציין איז דאָס יידישע פאָלק.

— אָבער אויפן מזרח ליגט דאָך מיט וואַכיקע אויגן דער גרויסער און מעכטיקער ראַטנפאַרבאַנד, וואָס איז אונדזער פריינט!

— איך וויס, איך וויס, — האָט פּיוול בּיליצקי אים איבערגע־ריסן, און מיט ווייטיק אין זיין קול, האָט ער ווייטער גערעדט:

— אינעם ראַטנפאַרבאַנד גופא זיינען די יידן אַוודאי זיכער מיט זייערע לעבנס, אָבער אינעם גרויסן געראַנגל וועלן מיר זיין אין דער מיט און...

פּיוול איז שטיל געבליבן. אַ וויל האָט ער געשפּאַנט אַ שווייגנדיקער, און דערנאָך געגומען לאָזן פון זיך אויסגעצויגענע ווערטער:

— מיר האָפן אַלע, אַז דאָרטן איז מען גוט צוגעגרייט. מיר מוזן האָפן אויף דעם, ווייל קיין אַנדער האָפענונג האָבן מיר נישט. דאָס איז

אונדזער איינציקער אָנהאַלט. אָן אים זיינען מיר יידן פאַרמשפּט צום געַנצלעכן אונטערגאַנג!

— מיר וועלן איבערלעבן! מיר וועלן איבערלעבן! מיר וועלן איבערלעבן! — האָט זיך אַ ריס געטאָן פון משהס מויל.

— איבערלעבן? — האָט פּיזיול געפרעגט, נישט קוקנדיק אויף משהן, און פּלוצלינג האָט ער זיך היסטעריש צעשריִען:

— איבערלעבן! איבערלעבן! שוין צוויי טויזנט יאָר, אַז מיר האַלטן אין איין איבערלעבן! שוין צייט פּראָסט און פּשוט צו לעבן, און נישט איבערלעבן!

— מיר וועלן איבערלעבן! איבערלעבן! — האָט משה נישט אויפֿגעהערט צו מורמלען און דערביי צוגעלייגט מיט זיכערקייט אין טאָן:

— מיין לאַנד אַמעריקע וועט אויך שטיין אויף דער וואַך!

איצט האָבן זיי געשפּאַנט איבערן וועג צווישן די צעצוויַיגטע און באַבלעטערטע דעמבעס, וואָס האָבן זיך נישט באַוואויגן און נישט גערירט, ווי זיי וואָלטן געוועזן פאַרנומען מיט איינהערן זיך צו דעם שמועס פון אָט די צוויי יונגע אָנגעשרויפטע יידן.

פּלוצלינג איז פּיזיול ביליצקי געבליבן שטיין און מיט אַ פאַרכמורעטן בליק אַ קוק געטאָן אויף משהן:

— זאָגט מיר, איך בעט איַיך, וואָס זיינען דאָס פאַר אַ סאָרט יידן ביי איַיך אין אַמעריקע?

משה האָט אים אָנגעקוקט דערשטוינט, נישט באַנעמענדיק אַפּנים אויפן מאָמענט די פראַגע, וואָס איז אים געשטעלט געוואָרן, אָבער פּיזיול האָט נישט געוואַרט, אַז משה זאָל אים ענטפערן, און צעשפּאַנענדיק זיך פאַראויס, האָט ער זיך געבייזערט:

— אַ מאָדנע יידנטום ביי איַיך אין אַמעריקע? — האָט ער זיך צעשריִען אויפן קול, און פאַרריכטנדיק אין זיין גאַנג די ברילן אויף דער נאָז, האָט ער רוגזהדיק געטענהט:

— אויפגעקליבן זיך אין אַ ניי לאַנד גאַנצע פינף מיליאָן יידן, און וואָס?

— זיינען מיר אין אַמעריקע חלילה אַזעלכע שלעכטע יידן? — האָט משה געוואָלט וויסן.

— עס וווּנדערט זיך, ווי מען קוקט! — האָט פּיזיול זיך צערעדט, און רעדנדיק מער צו זיך, ווי צו משהן, האָט ער געטענהט:

— אַמעריקאַנער יידן זיינען גוט־האַרציק... זיי זיינען היינט די גרעסטע מנדבים... אַ קלייניקייט זייער הילף פאַר די יידן אין איראָפּע! זייער

צושטייער צום אויפבוי אין דעם ארץ־ישׂראלדיקן ישוב, אָבער, וואָס טוען זיי פאַר זיך? ביי זיך?

ער האָט אינעם גאַנג אָנגעשטעלט זיינע בליקן אויף משהן, און גע־נומען רעגענען אויף אים מיט פראַגן:

— פאַרוואָס זיינען די יידישע קינדער־שולן ביי אייך אין לאַנד אין אַזאַ קלאָגנדיקן מצב? פאַרוואָס לעבן ביי אייך אין דעם רייכן לאַנד די יידישע שרייבער אין נויט? פאַרוואָס גייט ביי אייך דאָס בעסערע יידישע טעאַטער כסדר באַרג אַרונטער? איבער פינף מיליאָן יידן אין אַ לאַנד פון אַזאַ הויכן סטאַנדאַרד, און?

משה האָט זיך דערפילט אונטער פּיוולס פראַגן, ווי אונטער אַ רעגן פון שטיינער, און ער האָט קוים באַוויזן אַרויסצומורמלען צווישן די ציין:

— הם, יאָ, וועגן דעם האָט מען טאַקע אַ סך גערעדט אויפן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז.

— אין פּאַריז! אין פּאַריז! — האָט פּיוול זיך צעקרעכצט, און דער־ביי געפרעגט:

— ווי הייסט עס דאָרטן, דאָס נייע קינד, וואָס דער קאָנגרעס האָט געבוירן?

— איקוף! — האָט משה געענטפערט.

— איקוף! נו, יאָ, אַ שיינער נאָמען! עס קלינגט זייער שיין אָט דאָס וואָרט. מסתמא ראשי־תיבות, האַ?

— פאַרקירצט פון „אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־פאַרבאַנד", — האָט משה מסביר געווען.

— יאָ, יאָ, געלייענט. שיינע רעדעס און רעפעראַטן זיינען דאָרטן געהאַלטן געוואָרן געגנוג פון די פאַרשטייער. יאָ, יאָ. וויפל לענדער זיינען עס געווען דאָרטן פאַרטראָטן?

— דריי און צוואַנציק לענדער! אַ קלייניקייט, דריי און צוואַנציק לענדער! דאָס איז דאָך כמעט דער גאַנצער ערד־קיילעך! פון אומעטום יידישע קינסטלער! יידישע בויער! און אונדזער זעליג וויינבערג אויך דאָרטן געווען!

פּיוול ביליצקי האָט געשפּאַנט אַ ווייל אַ באַרוישטער, און דערנאָך אַ מורמל געטאָן:

— הלוואַי, הלוואַי זאָל דאָס עפּעס ברענגען!

דאָ האָט ער נאָכאַמאָל אָנגעשטעלט די בליקן אויף משהן און אין דעם בליק איז געווען אַזוי פיל געבעט:

— וועט איר כאָטש איצט זיך פאַראייניקן דאָרטן ביי אייך אין אַמע־ריקע, און טאַקע אָנהויבן עפּעס צו טאָן, האַ?

פיוול האָט אַזוי אַפּעלירט צו משהן אין אַ טיף בעטנדיקן טאָן, און באַלד האָט ער זיך ווידער צעשריען:

— זאָל חלילה קומען דער שטורעם, וואָס קלויבט זיך, וועלן מיר, די יידן אין אייראָפּע, זיין אויף אַ פייער־שפּייענדיקן וואולקאַן! איר הערט? אויף אַ פייער־שפּייענדיקן וואולקאַן וועלן מיר זיין, און ווער ווייסט?

ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, און ווייטער געשריגן אויפן קול:

— די געשיכטע האָט אַריבערגעוואָרפן צו אייך קיין אַמעריקע אי־בער אַ דריטל פון אונדזער פאָלק, און עס ליגט אויף דעם אַ גרויסע אחריות! איר הערט? אַ גרויסע אחריות!

משה האָט דערפילט, ווי עס גייט איבער זיין לייב אַ טיפער שוידער. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער מען איז שוין געווען ביים שייד־וועג, און דאָרטן זיינען געשטאַנען בתיה און פייגעלע, וואַרטנדיק אויף זיי.

נתן ולקח

אויפן שאַסיי לעבן מאַרק איז פייעלע געווען די ערשטע, וואָס האָט זיך געזעגנט.

— להתראות, — האָט זי געזאָגט אין אַ קלינגנדיקן העברייאיש אויס־שטרעקנדיק איר האַנט צו אַלעמען.

— זיי געזונט, פייעלע, — האָט משה געדריקט איר האַנט מיט אַ שטילן, שמייכלענדיקן אומעט אין זיין טאָן.

— אַזעלכע טייערע יידישע קינדערלעך, — האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיינע ליפּן, ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען.

— נו, יאָ, — האָט פּייזול ביליצקי אַ ברום געטאָן און זיך אויך גע־נומען געזעגענען.

— ווען מיר זיך נאָך זען? — האָט משה געוואָלט וויסן.

— איך גלויב אַזוי, — האָט פּייזול ביליצקי געזאָגט, און דערביי צו־געלייגט:

— מען דאַרף זיך אומבאַדינגט נאָך זען!

בתיה האָט זיך געלאָזט פאַראויס דורכן בריקל און משה נאָך איר.

— מיר גייען אין שטוב אַריין? — האָט ער געפרעגט, און זי האָט גע־שאָקלט דעם קאָפּ:

— מוזט שוין אַוודאי זיין הונגעריק.

די זון אַן אָנגעגליטע און אַ פלאַמיק רויטע האָט זיך געצויגן צום מערב, און די צלמים פון ביידע קלויסטערס האָבן געגליט מיט אַזאַ אַפּע־טיט, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אַריינכאַפּן וואָס מער פונעם גאָלדענעם גלי אין וועלכן זיי האָבן פון קאַיאָר זיך געבאָדן.

דער מאַרק האָט זיך געהאַלטן אין אויסליידיקן. דאָ און דאָרטן האָט אַ פויער פאַרצויגן די שלייעס איבער די העלדזער פון זיינע פערדלעך, אַן אַנדערער האָט זיך שוין געלאָזט מיט זיין פורל צום שאָסיי, פאָכעדיק אין דער לופטן מיט זיין בייטש. איבער אַלע פורלעך האָבן פויערן זיך גע־פּאָרעט. ווער עס האָט איינגעפּאַקט דאָס געקויפטע, און ווער עס האָט צוגעפּרעסט די שטרוי, אַז עס זאָל אים זיין בעסער צו זיצן.

דורכגייענדיק די קלייט, האָט חיים אַ רוף געטאָן אויפן קול צו משהן:

— געווען דאָ שמחה שמעלקעס מיטן בוך, האָב איך אים געשיקט אין שטוב אַריין!

אויף דער לינקער זייט פונעם מאַרק איז געשטאַנען אַן אָנגעדרודלטער

דער קאָמענדאַנט און באַטראַכט דעם מאַרק מיט אַ בליק פון אַ באַלעבאָס, וואָס האַלט אַן אָריג איבער זיין פאַרמעגן. דערזעענדיק משהן, האָט ער אַ הויב געטאָן צוויי פינגער צום מעשענעם רייפעלע איבער זיין שפּיציקן ראַשעק פונעם היטל.

— פאַרט אַן אַמעריקאַנער, — האָט ער אַוודאי ביי זיך געטראַכט, און משה האָט אים אָפּגעענטפערט מיט אַ הויב פון זיין קאַפּעלוש.

ביי דער טיר פונעם גאַניקל איז זיי אַנטקעגן געקומען די אַלטע אסתר מלכה מיט אַ פולער שיסל וואַסער, וואָס זי האָט זיך געקליבן אויסצוגיסן:

— אָט גיי איך איך איבער מיט פולן, — האָט זי געזאָגט, און דער־ביי געלאָזט וויסן:

— שמחה זיצט אין שטוב מיטן בוך.

שמחה שמעלקעס איז געזעסן ביים טיש און געדרימלט אין זיין וויי־סער באָרד אַריין, האַלטנדיק אין די הענט, ווי אַ טייערן אוצר, אַ שמאָלן, לאַנגן בוך איבער וועלכן די טאָוולען האָבן זיך שוין היפש געשיילט פון אַלטקייט.

דערהערנדיק די טריט פון די אַריינגעקומענע, האָט זיך זיין באָרד אַ טרייסל געטאָן:

— האַ? מען איז שוין געקומען?

— געקומען, געקומען, — האָט אים משה פאַרזיכערט און זיך גע־זעצט לעבן אים.

משה האָט זיך נאָך אַלץ נישט געהאַט באַפרייט פון דער שווערער שטימונג אין וועלכער ער איז אַריינגעפאַלן פון פּיוול ביליצקיס רייד, און קוקנדיק אויף שמחהן מיט דעם בוך אין זיינע דאַרע הענט, האָט ער געזען פאַר זיך דאָס גאַנצע, צעבראָכענע יידנטום פון מדינת־פּוילן. דאָס אַלטע, אָפּגעריבענע בוך אין וועלכן עס זיינען געווען פאַרשריבן אַלטע חובות, האָט געקוקט אויף אים, און גערעדט אַזעלכע שווער־וואָגיקע ווערטער.

— קוק מיך אָן, משה, און וויס, אַז אין מיר איז פאַרשריבן אַלצדינג, וואָס האָט אַמאָל געלעבט.

שמחה שמעלקעס האָט צו אים גערעדט, און דערביי שטאַרק באַ־טאָנט:

— דו אויך, משה! דו אויך!

משה האָט טרויעריק אַ שמייכל געטאָן און שטיל זיך איבערגעפרעגט:

— איך אויך?

ער האָט זיך געפרעגט אָט די פראַגע, ווייל אין זיינע אויערן האָט נאָך

געקלונגען פּיוּול ביליצקיס וואָרנונג, אַז די ייִדן פון אַמעריקע דאַרפן טאָן עפּעס פאַר זיך אויך.

— דאָס אַמעריקאַנער יידנטום קומט אַ גרויסן חוב, — האָט גע־קלונגען אין משהס אויערן פּיוּול ביליצקיס אויסרוף.

— פאַר זיך, מיינט סיי ווי פאַר אַלעמען, — האָט משה געזאָגט צו זיך אין זיינע מחשבות.

שמחה שמעלקעס איז אָבער אַפּנים נישט געגאַנגען אַזוי טיף. ער האָט צעעפנט דאָס בוך און געוואָרט, אַז משה זאָל אַריינקוקן צוזאַמען מיט אים.

— יאָ, יאָ, מען דאַרף באַצאָלן דעם חוב, — האָט משה געמורמלט אַ פאַרטראַכטער.

— אַ קליניקייט, זייער אַ קליניקייט, — האָט שמחה אים איבער־געשלאָגן.

— אַ קליניקייט? — האָט משה געפרעגט, און זעצנדיק זיך צום בוך, האָט ער געמורמלט:

— עס איז שוין גאָרנישט קיין קליניקייט!

— סיידן דו מיינסט אפשר פּראָצענט? — האָט שמחה געפרעגט אַ שמייכלענדיקער, און אַ גלעט טוענדיק זיך איבער דער באָרד, האָט ער גענומען פאַרזיכערן, אַז אַזוינס פאַרלאַנגט ער בשום אופן נישט.

— קיין פּראָצענטניק בין איך חלילה קיינמאָל נישט געווען, און וועל שוין נישט זיין, — האָט ער פאַרזיכערט.

משה איז ענדלעך געקומען צו זיך, און גענומען מישן די בלעטער, וואָס האָבן זיך שוין געבראָכן פון אַלטקייט. דאָס כתב, וואָס איז געווען געשריבן מיט אַ בלייפעדער איז געווען היפּש אָפּגעבליאַקעוועט, און ער־טערוויז כמעט, ווי אָפּגעקראָכן.

שמחה האָט אָנגעטאָן די שפּאַקולן אויף דער נאָז, און אים געהאָלפן מיטן מישן. מען האָט געמישט און געמישט. אין דער מישעניש פון די בלעטער זיינען געקומען פאַר משהס בליקן נאָך נעמען פון יידן אין ניו־יאָרק. אפילו זעליג וויינבערגס נאָמען האָט ער דאָרטן אויך באַגעגנט.

— עס איז דאָך אַ פאַרמעגן! — האָט משה אויסגערופן מיט אַ ברייטן שמייכל אויפן פּנים.

הכלל, מען האָט געמישט און געמישט ביז מען האָט זיך דערמישט און פאַר די אויגן האָט זיך באַוויזן דאָס געזוכטע.

— חשבון של משה עטיע ביילעס! — האָט שמחה אויסגערופן אַ דערפרייטער.

דער חשבון האָט זיך געצויגן אויף זייטן און זייטן, און משה האָט אָנגעהויבן לייענען אויפן קול:

— ביום חמישי פרשה „צו" לקח אַ פּאָר פּאַפּירענע מאַנזשעטן בעד חמישה קאָפּיקעס ולא נתן אפילו פרוטה אחת, — האָט משה געלייענט אויפן קול מיטן ניגון פון דער גמרא, און דערביי זיך אויסגערעדט:

— אַזוי, אַזוי, לקחתי אַ פּאָר פּאַפּירענע מאַנזשעטן ולא נתתי אפילו פרוטה אחת!

— ווי דו זעסט, משהלע, עס שטייט בפירוש פאַרשריבן, און איך האָב חלילה —

— זאָל גאָט אָפּהיטן, ר' שמחה! — האָט אים משה באַרואיקט, אַז ער איז אים חלילה נישט חושד, און שמחה האָט געשמייכלט און פאַרזיכערט:

— אַז מען וויל ביסטו מער גאָרנישט שולדיק, וואָרום עס שטייט געשריבן „עבר זמנו בטל קרבנו".

— חס ושלום! — האָט משה פּראָטעסטירט, און אָנגעהויבן לייענען ווייטער.

— ביום שישי פרשה „תרומה" לקח פּאַפּירענעם קאָלנער „סטאָיאַנצע" וגם שניפּסל של משהי בעד חמישה־עשר קאָפּיקעס ונתן גילדן כסף.

— איר זעט, — האָט זיך משה דערפרייט, ווי אַ קליין יינגל:

— איך האָב געגעבן אַ גילדן כסף!

— וואַרט זשע, וואַרט זשע, — איז שמחה אַריינגעפאַלן אין די רייד, און ער האָט גענומען גיין פון בלעטל צו בלעטל פאַמעלעך, נישט געאיילט, און עס איז אַוועק אַ גאַנג פון איין יום חמישי צו אַ צווייטן יום חמישי, און שפּעטער זיינען געקומען אַ היפּשע צאָל יום־השישיס אויך, און עס איז געגאַנגען אַ גאַנג פון לקח ונתנס, און אַז עס איז געקומען צום לעצטן סך־הכל, האָט אפילו בתיה, וואָס איז געזעסן די גאַנצע צייט אַ פאַראינטערעסירטע געמוזט צוגעבן, אַז משה איז אַוועק קיין אַמעריקע אַן אַנזעצער צו שמחהן אויף גאַנצע דריי קאָפּיקעס.

— ביסט אַן אַנזעצער, משה, אַן אַנזעצער! — האָט בתיה לאַכנדיק זיך מיט אים גערייצט.

— אַן אַנזעצער? — האָט שמחה זיך דערשראָקן, און גענומען דרייען מיטן קאָפּ.

— חס ושלום, — האָט ער אויסגערופן, און גלעטנדיק זיך די באָרד איבערגעחזרט:

— חס ושלום, אַן אַנזעצער גאָר?

— אַוודאי אַן אַנזועצער! וואָס דען נישט קיין אַנזועצער? — האָט בתיה נישט אָפּגעלאָזט.

— גיי שוין, גיי! — האָט שמחה אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט בתיהס רייצן זיך, וואָס ער האָט אָפּנים אָנגענומען פאַר ערנסט, און ער האָט גענומען פאַרענטפערן משהן.

— אַ יינגל האָט געמוזט אַנטלויפן פון „פּאַניען", האָט ער נעבעך פאַרגעסן.

משה האָט געדאַנקט שמחה שמעלקעס פאַר דן זיין אים לכף־זכות, אָבער דערביי האָט ער אים פונדעסטוועגן אויסגערעדט:

— איר האָט געוועז מיר געדאַרפט שרייבן אַ בריוול קיין אַמעריקע און דערמאָנען, ר' שמחה.

משה האָט אַזוי אויסגערעדט ר' שמחהן, און דערביי באַטאָנט:

— ווען איר וואָלט געוועז געשריבן.

— ווייס איך וואָס, — האָט משה אַ מורמל געטאָן און ווידער אַמאָל באַטאָנט:

— אַ קליינִיקייט... זייער אַ קליינִיקייט... נישטאָ וועגן וואָס צו מאַכן קיין ווענז...

— וואָס־זשע, דריי קאָפּיקעס איז ביי אייך אַ קליינִיקייט? — האָט משה געפרעגט מיט געמאַכטן ערנסט.

— אַז מען זאָל דאָס אויסרעכענען אויף איצטיקן פּוילישן געלט, וויפל וואָלט דאָס געמיינט? — האָט שמחה גענומען חשבונען.

משה האָט זיך גענומען צו דער קעשענע, און שמחה האָט זיך נאָך אַלץ פאַרענטפערט:

— זיי מוחל, משהניו, עס איז נישט קיין גרויסער חוב, אָבער, כדי אויסצומעקן פונעם בוך, האָב איך געטראַכט.

— אמת, אמת, ר' שמחה, — האָט משה מסכים געוועז מיט אים און דערביי באַטאָנט:

— אַזוי פירן זיך אַלע געשעפטן, אַ חשבון האָט ליב, אַז מען שליסט אים אָפּ.

דאָ האָט משה איבערגעלאָזט אויף אַ וויל די קעשענע און געבעטן אסתר מלכהן, אַז זי זאָל געבן אַביסל ווישניאַק און קיכלעך צום טיש.

— אַז מען פאַרשליסט אַ געשעפט, טרינקט מען ביי אונדז אין אַמעריקע אַ לחיים, — האָט ער געזאָגט אין אַ זייער ערנסטן טאָן.

ווען דאָס פלעשל מיט די גלעזלעך זיינען אויסגעוואַקסן אויפן טיש, האָט שמחה שמעלקעס פּנים זיך צעשיינט, און מיט שמייכלענדיקער פריי־דיקייט האָט ער אַ מורמל געטאָן:

— זע נאָר, זע, עס איז דאָך עפּעס ווי אויף אַ תנאים.

דאָס וואָרט „תנאים" איז אַפּנים זייער שטאַרק געווען צום האַרצן דער אַלטער אסתר מלכהן און זי האָט פאַר זיך אַליין אויך אָנגעגאָסן אַבי־סעלע אין אַ גלעזל.

— נו, לחיים, — האָט משה אָנגעהויבן אין אַ דערהויבענעם טאָן, און ווינטשנדיק שמחהן, אַז ער זאָל אויפמאָנען אַלע זיינע חובות, האָט ער אים דערלאַנגט אין האַנט אַריין דריי נייע, קנאַקעדיקע פּאַפּירענע אַמע־ריקאַנער דאָלאַרס.

— נעמט, ר' שמחה, און זאָל דער חוב זיין אַן אָפּגעצאָלטער און אַ געשלאָסענער, — האָט משה געזאָגט.

ווען שמחה האָט גענומען די פּאַפּירלעך אין דער האַנט, האָט ער קוקנ־דיק אויף זיי זיך אַזש צעציטערט:

— אוי ווי איז מיר, דאָס איז דאָך...

שמחה האָט נישט אַרויסגערעדט דאָס איבעריקע, ווייל די ווערטער זיינען אים געבליבן אין האַלדז.

— נעם, שמחה, נעם, — האָט אים די אַלטע אסתר מלכה אונטער־געמונטערט, און ער האָט געקוקט אויף איר מיט געפּלעפטע בליקן, ווי ביי אַ קינד, ווען מען דערלאַנגט אים עפּעס זייער אַ שיינע און איבער־ראַשנדיקע מתנה.

— אסתר מלכהניו, איר זאָלט מיר דערלעבן... הער נאָר, הער, עס איז דאָך...

— נעם, שמחה, נעם, — האָט זי איבערגעחזרט, און אים אָנגעגאָסן אַ פרישע גלעזל.

— עס איז דאָך טאַקע עפּעס, ווי אויף אַ שמחה, — האָט שמחה גע־מורמלט מיט ציטער אין קול.

— זאָלן זיין שמחות ביי יידן, — האָט משה געזאָגט, וואַרפנדיק אַ בליק אויף בתיהן.

— אמן, — האָט אסתר מלכהה אויסגערופן מיט אַ פרומער מינע אויף איר פּנים.

האָט זי אויפגעכאַפּט משהס בליק אויף בתיהן? אַפּנים, אַז יאָ, ווייל אין דעם זעלבן מאָמענט, האָט זי אַרויפגעלייגט אירע הענט אויף בתיהס קאָפּ.

שמחה האָט אין דער זעלבער צייט צעעפנט דאָס בוך און אָנגעהויבן אַריינשרייבן: ביום ה' . . .

זעליג וויינבערג גיט סמיכה

דעם זעלבן אָוונט ביי דער וועטשערע האָט חיים זיך אַ כאַפּ געטאָן און געזאָגט:

— זיי מוחל, משה, פון אינדערפרי אָן ליגט ביי מיר אין קעשענע אַ בריוו פאַר דיר, און איך האָב גאָר פאַרגעסן!

ווען משה האָט גענומען דעם בריוו פון זיין פעטער חיימס האַנט איז זיין פּנים שטאַרק אויפגערודערט געוואָרן. עס איז געווען צו זען אויף אים, אַז ער האָט געוואַרט אויף דעם אָנקומען פון אָט־דעם בריוו מיט גרויס אומגעדולד.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ בריוו? — האָט בתיה געפרעגט ביי אים מיט אומרו אין איר קול.

— פון זעליג וויינבערגן, — האָט ער געענטפערט, און זיך באַמיט צו קאָנטראָלירן זיין אייגענעם אומרו.

די באַמיאונג איז געווען אַזוי שטאַרק קענטיק אויף זיין פּנים, אַז בתיה האָט זי אויפגעכאַפּט, און אים מער וועגן דעם גאָרנישט געפרעגט. געוואונדערט האָט זי זיך פונדעסטוועגן זייער שטאַרק אויף דעם, וואָס מיט דער גאַנצער אומרו, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן ביים איבערנעמען דעם בריוו פון פעטער חיימס הענט, האָט ער אים פונדעסטוועגן נישט געעפנט ביים טיש, ווי ער פלעגט דאָס טאָן מיט אַנדערע, נאָר אים אַריינגעלייגט אין בוזעם־קעשענע.

פאַר בתיהן איז קלאָר געוואָרן, אַז אָט־דער בריוו מוז זיין שטרענג פּריוואַט, און זי האָט אָנגעצויגן אויף איר פּנים אַ מינע, ווי זי וואָלט וועגן דעם גאָרנישט געטראַכט.

און עס איז געווען, אַז סיי משה און סיי בתיה האָבן די גאַנצע צייט, וואָס מען איז געזעסן ביים טיש, געטראַכט מיט גרויס נייגער וועגן אָט דעם בריוו פון זעליג וויינבערגן, און דאָך האָבן זיי ביידע זיך באַמיט נישט אַרויסצורעדן קיין וואָרט וועגן אים.

כאָטש משה האָט אַזוי שטאַרק געוואַרט אויף אָט דעם בריוו, איז ער דאָך געווען איבערראַשט, וואָס ער איז אַזוי גיך געקומען, ווייל לויט זיין אויסחשבונען האָט ער געדאַרפט אָנקומען ערשט מיט אַ צוויי טעג שפּעטער. אומרואיק איז ער געווען, ווייל דאָס וואָס ער האָט צו זעליג וויינבערגן געשריבן מיט אַ פאַר טעג פריער איז שוין איצט אָן אַלטע געשיכטע. ער האָט געטראַכט אין זיך מיט הנאה וועגן דעם, וואָס די בתיה

פון אַ פּאָר טעג פריער איז שוין איצט גאָר אַן אַנדערע, ווי די בתיה, וואָס איז געזעסן מיט אים ביים טיש.

אויך בתיהס אומרו האָט זיך גענומען פון דעם נאַר־וואָס דערהאַל־טענעם בריוו. נישט וויסנדיק גאָרנישט, האָט זי דאָך געאַנט, אַז אָט דער בריוו האָט אַ שייכות מיט איר. זי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם בריוו, וואָס זי האָט לעצטן פרייטיק אָפּגעשיקט פאַר משהן צו זעליג וויינבערגן. ספּע־ציעל האָט זי זיך דערמאָנט אָן דעם וואָרט „ספּעציעל“, וואָס איז געווען אויפגעשריבן אויפן קאָנווערט, און איצט האָט זי געאַנט, אַז אויך יענער בריוו האָט געהאַט אַ שייכות מיט איר.

— וואָס האָט משה געשריבן צו זיין פריינט וועגן איר, און וואָס איז איצט דער ענטפער פון יענעם?

ווען מען איז פאַרטיק געוואָרן מיטן עסן, האָט בתיה זיך געמאַכט ווי זי איז זייער שטאַרק פאַרנומען מיט דער הילף, וואָס זי האָט געגעבן דער מומען אָפּצוראַמען דעם טיש און אויסוואַשן דאָס געפעס, און אַז אין קאָפּ ליגט איר איצט נישט קיין שום אַנדער זאַך. זיך געמאַכט, כדי נישט אַרויסצורופן אויף זיך קיין שום חשד. בלויז ווען זי האָט געזען, ווי משה איז פאַרטיפט אין די שורות אויפן פּאַפּיר, האָט זי געפאָרשט פון אַ זייט דעם אויסדרוק אויף זיין פּנים.

ווען זי האָט אַזוי־אַרום אויפגעכאַפּט אַ צעשיינטן שמייכל אויף זיין פּנים, האָט זי דערפילט, ווי אַ טיפע פרייד גייט אויף אין איר. עס איז געווען, אַז דעמאָלט האָבן זיך שוין אירע בליקן באַגעגנט מיט זיינע, און ביידע זיינען שוין געווען אויפגעשיינט.

— וואָס־זשע האָט טאַקע זעליג וויינבערג געשריבן? — האָט זי זיך געהאַלטן אין איין פרעגן.

ווען משה האָט ענדלעך זי איינגעלאַדן אַרויסצוגיין מיט אים אויף אַ שפּאַציר, האָט איר האַרץ געקלאַפּט פון גרויס נייגעריקייט.

אָבער, ווען מען איז אַריבער דאָס האַלצערנע בריקל, און זי האָט דערפילט משהס אָרעם אַרום איר טאַליע, איז שוין פאַר איר נישט נייטיק געווען צו וויסן דעם אינהאַלט פון דעם בריוו, ווייל דער אינהאַלט איז געווען אין משהס צערטלעכן אָרעם.

— מיר וועלן היינט שפּאַצירן אויף דעם מאַציעווער וועג, — האָט ער פאָרגעשלאָגן.

— אויף דעם מאַציעווער?

— דאָרטן איז שטילער, און מען וועט אונדז נישט שטערן.

זיי האָבן געשפּאַצירט אַ היפּשע ווילע שווייגנדיק. גערעדט האָבן דעמאָלט צווישן זיך — בלויז זייערע געשלאָסענע אָרעמס.

ווען זיי האָבן דערגרייכט די אַנדערע זייט פֿון דעם אַלטן שטעטל־דיקן בית־עולם איז די לבֿנה אַרויס פֿון אונטער אַ וואָלקן און עס איז געווען, ווי זי וואָלט ספּעציעל איצט אַרויסגעקומען, כּדי מיט איר שײַן אָנצואווייזן דעם ברייטן שטאָם פֿון אַן אָפּגעזעגטן בוים, אַז זיי זאָלן זיך אויף אים אָוועקזעצן. און אַז זיי האָבן טאַקע אויפֿגעכאַפּט די אָנווייזונג און זיך געזעצט, איז די לבֿנה עפּעס, ווי נאָך גרעסער געוואָרן, ווי זי וואָלט אין איר אָנשטרענגונג אַלץ צו זען און צו הערן זיך אויסגעצויגן.

משה האָט אַ ווײַל געקוקט אויף בתיהס שווײַגנדיק און דערנאָך דער־ציילט אין אַ שפּאַסיקן טאָן:

— אין מײַנע יונגע יאָרן, ווען איך פֿלעג אין אַזאַ אָוונט אַרויסגיין אויף אַ שפּאַציר מיט אַ מיידל, זײַנען מיר ביידע געווען דם־שונאים דער לבֿנה הלמאי זי שײַנט.

— מען האָט מורא געהאַט דערזען צו ווערן פֿון פֿאַרבײַגייער אויפֿן וועג? — האָט בתיה לאַכנדיק געפֿרעגט.

— יאָ, מען האָט געציטערט פֿאַר אַט אַזוינס, — האָט ער באַשטע־טיקט, און מיט אַ שטילן קול צוגעלייגט:

— און איצט האָב איך מורא, אַז די זעלבע לבֿנה זאָל חלילה נישט צוריק פֿאַרקריכן אונטער אַ וואָלקן.

— פֿאַרוואָס? — האָט זי געפֿרעגט.

— ווײַל איך וויל זען דײַן פּנים, ווען איך וועל דיר זאָגן, וואָס איך קלייב זיך דיר צו זאָגן.

זי האָט שווײַגנדיק געקוקט אויף אים און געוואַרט, און געקומען איז אַ פֿראַגע פֿון זײַן מויל:

— ווילסט פֿאָרן מיט מיר קיין אַמעריקע, בתיה?

— אַז דו וועסט מיך נעמען וועל איך גערן פֿאָרן, — האָט זי רויִק געענטפֿערט, און זיך געוואונדערט הלמאי זי איז אַזוי רויִק.

— און זײַן אַ חבֿרטע צו מיר?

— און זײַן אַ חבֿרטע צו דיר.

— און זײַן אַ ווײַב צו מיר?

— און זײַן אַ ווײַב צו דיר.

ווידער אַ שטילשווײַגעניש אויף אַ רגע, און באַלד האָט ער אָנגעהויבן:

— איך טראַכט וועגן מײַן קינד...

— דײַן קינד וועט אויך מײַנס זײַן, — האָט זי אים איבערגעשלאָגן און אַ קוש געטאָן זײַן מויל.

ער האָט שטיל געצערטלט אירע ווײַכע האָר, און גערעדט מער צו זיך, ווי צו איר:

— איך בין פיל עלטער פון דיר, אָבער . . .

— אָט־די פראַגע איז געשטאַנען פאַר מיר אײדער איך האָב דיך גע־קאָנט, — האָט זי אים נאָכאַמאָל איבערגעריסן, און ער האָט אָנגעשטעלט זײַנע אויגן אין גרויס פאַרוואונדערונג אויף איר:

— אײדער דו האָסט מיך געקאָנט?

— הער, משהלע, — האָט זי זיך געווענדט צו אים, און קושנדיק זײַן פּנים, האָט זי געזאָגט:

— איך וויל זיך פאַר דיר מתוודה זײַן.

— מתוודה זײַן? — האָט ער זיך געוואונדערט.

— יאָ, מתוודה זײַן, — האָט זי געזאָגט אין אַ רואיקן טאָן און אים גענומען דערצײַלן אָפנהאַרציק, אַז געקומען איז זי אין שטעטל צו דער מומען מיטן פעטער מיט אַ קלאָרער אויסרעכענונג חתונה צו האָבן מיט אים ווער און וואָס ער זאָל נישט זײַן.

— בתיה! — האָט ער אויסגערופן אַ דערציטערטער, אָבער זי האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זײַן מויל, און אים נישט געלאָזט זי אי־בערשלאָגן.

— שוויַיג, משהלע, און הער מיך אויס ביזן סוף!

זי האָט אָט־די ווערטער כמעט, ווי אויסגעשריגן, און זיך האָבן אַ קלינג געטאָן פון איר מויל, ווי אַ באַפעל. זי האָט אַ ציַ געטאָן די לופט אין זיך אַריין, און אַז זי האָט ווייטער אָנגעהויבן צו דערצײַלן איז אויפ־געגאַנגען פאַר זײַנע אויגן אַ בילד פון אַ קראַנקן פאָטער און אַ הילפ־לאָזער מוטער, וואָס לעבן מערסטנס דערפון, וואָס די מומע אסתר מלכה שיקט.

— וואָלט געווען מעגלעך עפּעס צו טאָן, וואָלט איך געטאָן יעדע מין אַרבעט, אָבער ביי אונדז אין קאָוולע אונטער דעם איצטיקן פּוילישן רע־זשים איז פאַר אַ יידיש מיידל נישטאָ וואָס צו טאָן.

— אפילו אַ דינסט־מיידל איז נישטאָ ביי וועמען צו ווערן ביי אונדז אין שטאָט! — האָט זי אויסגעשריגן.

— איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי, — האָט ער איבערגעריסן אירע ווערטער.

זי האָט ווייטער דערציילט, און דאָס בילד איז וואָס ווייטער און ווייטער אַלץ קלאָרער געוואָרן פאַר משהן:

— טאַטע־מאַמע קריגן אַ בריוול פון דער מומע אסתר מלכהן, אַז פון אַמעריקע קומט צו פאָרן עטיע ביילעס זון, און דערביי איז שטאַרק באַ־טאָנט דאָס וואָרט „אלמן“. זי עצהט דערביי, אַז בתיה זאָל אַריבערקומען צו גאַסט אויף שבת. דער טאַטע קרעכצט, און די מאַמע חשבונט, אַז

עטיע ביילעס זון, וואָס קומט פון אַמעריקע איז יינגער פון איר מיט אַ יאָר צען אָדער אפשר טאַקע מיט גאַנצע צוועלף יאָר.

— דו פּאַרשטייסט, משהלע, דו פּאַרשטייסט ? — פרעגט זי ביי אים, און זי דערציילט ווייטער :

— די מאַמע חשבונט דיינע יאָרן און דער טאַטע, אַן אויסגעבליי־טער, קנייטשט צווישן זיינע פּאַרטריקנטע פינגער דאָס בריוול. ער זאָגט גאָרנישט, אָבער זיין שווייגן ווינט און קלאָגט :

— נו, יאָ, אויסגעהאָדעוועט אַ שיינע און גרעאַטענע טאָכטער, גע־חלומט זיך צו באַזעצן אין ארץ־ישראל און אַט גאָרנישט... איצט איז זי שוין אַ דערוואַקסענע, און... גאָרנישט... די שוועגערין אסתר מלכה איז אַ גוטע, אַ געטריייע... נו, יאָ, אַוודאי איז זי... שיקט הילף פון צייט צו צייט... אַביסל מיטן וויסן פונעם שוואָגער חיים, און מער אָן זיין וויסן. איצט בעט זי בתיהן אַריבערקומען... אַ משפחהניק פון אַמעריקע... טאַקע אַן עלטערער, אָבער אַן אַמעריקאַנער... ווי, ווי, וואָס איך האָב דער־לעבט... מיין אייגן קינד שיק איך אויפן מאַרק...

בתיה האָט דערציילט דעם טאַטנס ווייטערדיקע רייד, און פאַר משהן איז אויפגעשטאַנען אַ קלאָר בילד פון איר לעבן מיט אירע עלטערן.

זי האָט געגלעט מיט אירע פינגער זיינע האָר, און אָפנהאַרציק גע־זאָגט :

— פאַרשטייסט, משהלע ? איך האָב באַשלאָסן אַריבערצוקומען אַהער און חתונה האָבן מיט דעם אַמעריקאַנער אלמן, ווער און וואָס ער זאָל נישט זיין !

— בתיה ! — האָט משה אויסגערופן מיט ציטער אין זיין קול, אָבער זי האָט אַ קוש געטאָן זיין מויל און איבערגעחזרט :

— יאָ, ווער און וואָס ער זאָל נישט זיין !

איצט איז פּלוצלינג משהס קול געוואָרן אַן אַנדערס. דער ציטער איז איבערגעגאַנגען אין איראָניע :

— נו, אַט זיצט איצט דער אלמן פאַר דיר, און בעט דיך, אַז דו זאָלסט . . .

— שווייג, משהלע, שווייג ! — האָט זי אים באַפוילן, און באַלד מיט ווייכקייט :

— איך בין נאָך נישט פאַרטיק, משהלע, נאָך נישט פאַרטיק איב־גאַנצן, — האָט זי זיך געבעטן.

זי האָט אַ וויל אויף אים געקוקט מיט פאַרטראַכטע אויגן, און באַלד אים דערמאָנט :

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז איך וועל זיך פאַר דיר מתוודה זיין, משהלע.

— נו, גוט, גוט, בתיהלע, איך שוויג, — האָט ער זי באַרואיקט, און זיך צוגעהערט צו איר וויטערדיקן דערציילן:

— מיין חשבון איז געווען אַ קלאָרער. דער חלום צו פאָרן זיך באַזעצן קיין ארץ־ישׂראל איז צערונען געוואָרן. איך האָב געזען, אַז איך האָב נישט קיין שום מעגלעכקייטן אים צו רעאַליזירן. אַ קראַנקער טאַטע, אַ הילפלאָזע מאַמע, איז ווי־זשע? און ווי אַזוי־זשע? איך האָב דערפאַר זיך אָנגעכאַפּט חתונה צו האָבן מיט אַן אַמעריקאַנער, און אַזוי־אַרום קאָנען העלפן מיינע עלטערן.

פלוצלינג האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אים מיט פאַרשנדיקע בליקן:

— קאָנסטו זיך אפשר דערמאָנען, משהלע, ווי אַזוי מיין פּנים האָט אויסגעקוקט, ווען דו האָסט מיך צום ערשטן מאָל דערזען אין שטוב? נייך? דו קאָנסט נישט? נו, וועל איך דיר זאָגן, ווי אַזוי איך האָב זיך דערשראָקן, ווען איך האָב דיך דערזען.

— דערשראָקן?

— יאָ, זייער שטאַרק זיך דערשראָקן, ווייל ווען איך האָב דיך דערזען, האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז מיין קומען איז אומזיסט.

משה האָט געקוקט אויף איר מיט נייגעריקע בליקן און געפרעגט:

— וואָס־זשע האָט דיך אַזוי איבערגעשראָקן?

זי האָט אַראָפּגעלאָזט אירע אויגן, און געזאָגט שטיל מער צו זיך, ווי צו אים:

— דו האָסט אויסגעקוקט נישט קיין אַלמן, נישט קיין עלטערער, און איך בין אַזוי געפלעפּט געוואָרן פון דיין אויסזען, אַז איך בין זיך געוואָרן גאָר קאָמיש אין מיינע אויגן.

זי האָט זיך צוגעדריקט באַענגט צו אים, און לאַכנדיק מיט אַ שטילן, פריידיקן געלעכטער, האָט זי געזאָגט:

— אין דיר איז דאָ אַזוי פיל שיינקייט, וואָס קיין שום מיידל וואָלט זיך דערפון נישט אָפּגעזאָגט אפילו, ווען דו ביסט נישט קיין אַמעריקאַנער.

— און וואָס באַשטייט עס אַזוי די שיינקייט אין מיר? — איז ער נייגעריק געוואָרן.

— פרעג נישט ביי מיר איצט, — האָט זי זיך געבעטן ביי אים, און גלעטנדיק זיין האַנט, האָט זי געזאָגט:

— איך וועל דאָס דיר זאָגן ביסלעכווייז...

— ביסלעכווייז?

— יאָ, ביסלעכווייז, — האָט זי אים פאַרזיכערט.

ער האָט שטיל און צערטלעך זי צוגעדריקט צו זיך, און געמורמלט אין שטילער גליקלעכער אויפרעגונג:

— נו, יאָ, מיר האָבן דאָך אַזוי פיל יאָרן אונדז פאַראויס, און איך וועל נישט מיד ווערן דאָס צו הערן.

ער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ קלינגענדיק, יינגליש געלעכטער, און גלאַט אַזוי געפרעגט:

— ביסלעכווייז?

— נו, יאָ, ביסלעכווייז... פאַר אַ לאַנגער, לאַנגער צייט ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, — האָט זי געפליסטערט צווישן איין קוש און דעם אַנדערן.

איצט האָט זיך משה נאָך הילכיקער צעלאַכט, ווי פריער און לאַכנדיק אויסגערופן:

— אָ, דער זעליג ווייַנבערג!

דאָ האָט זיך בתיה דערמאָנט אָן דעם בריוו, וואָס איז היינט אָנגעקומען, און זי איז באַשטאַנען, אַז משה זאָל איר דערציילן דעם אינהאַלט:

— דערצייל, משהלע, דערצייל מיר, וואָס ער שרייבט.

— ער האָט מיר געגעבן סמיכה פאַר אייביקער יוגנט און רשות חתונה צו האָבן מיט דיר, — האָט ער איר לאַכנדיק דערציילט:

— געדענקט דעם בריוו, וואָס דו האָסט פאַר מיר אָפּגעשיקט לעצטן פרייטיק אויף דער פּאָטשט?

— איך געדענק.

— אין יענעם בריוו האָב איך אים דערציילט, ווי שטאַרק דו געפעלסט מיר, און ביי אים געפרעגט צי מיין עלטער גיט מיר די מאָראַלע רעכט...

— און וואָס האָט ער געענטפערט? — איז זי שטאַרק נייגעריק געוואָרן צו וויסן.

— כאַ! כאַ! כאַ! — האָט ער זיך ווידער פריידיק און הילכיק צעלאַכט, און לאַכנדיק אויסגערופן:

— עס איז מאָדנע!

— וואָס איז מאָדנע?

— זיין ענטפער איז זייער ענלעך צו דעם, וואָס דו האָסט דערזען אין מיר ביים ערשטן אויגנבליק.

— דיין שיינקייט?

— יאָ, עפּעס אַזוינס שרייבט ער.

— ווירקלעך?

— ווען מיר וועלן קומען אַהיים, וועל איך דיר געבן דעם בריוו, וועסטו לייענען.

אויפן וועג אַהיים זיינען זיי געגאַנגען מיט געקלאַמערטע פינגער, און די לבנה איז זיי נאָכגעגאַנגען, ווי זי וואָלט זיי געהערט, און באַהיט, אַז עס זאָל זיי קיין שום שלעכטס נישט געשען, און נישט צעשטערן זייער פרייד.

און כדי עס זאָל טאַקע קיין שום שלעכטס נישט געשען, האָט משה באַשלאָסן, אַז איידער ער וועט געבן בתיהן צו לייענען דעם בריוו, וועט ער אויסמעקן דעם זאַץ, אַז עס איז בכלל אַ גרויסע מצווה צו ראַטעווען אַ יידיש מיידל פון דעם איצטיקן פוילן.

— זאָל זי אויף קיין איין מינוט נישט טראַכטן, אַז ער האָט מיט איר חתונה, כדי זי צו ראַטעווען פון פוילן! — האָט ער אַ טיף גליקלעכער געטראַכט און צערטלעך געדריקט אירע פינגער אין זיינע.

די לבנה איז נאָך זילבערדיקער געוואָרן, — אַפנים זי האָט דער־הערט זיינע מחשבות.

■ סוף ■

ביישטייערער פאַר די ז. וויינפּער יובליי־ביכער

ניו־יאָרק

באַרוכאָוויטש איקוף־קלוב
ברענטש 139 א. א. א.
וואַרשעווער ברענטש 9 א. א. א.
גאָלדע און אברהם דוביצקי
יעקב דאַראָשקין
טאָניאַ און מענדל פּראַגער
אסתר און זאַקי זאַכאַריע
פרענק און ראָזע קווירק
רבקה און וואָלף ווייס,
לזכרון זייער שוועסטער און ברודער
אומגעקומענע —

מרים און ראובן

ראַשי און יוסף שאַפּיראָ
ש. דעמבוס
דר. מאַקס סילווער
רעי און מאָריס פּאוסט
אסתר גרינבערג
ל. יאַבקאָ
אהרן און אדעלא שעק
אברהם עסטערזאָן
דאָראַ און שמעון לייב שאַפּיראָ
ה. ב. מענדלסאָן
לייבל כהן
לאה און באָריס ווייַנער
יעקב און פייגל קוואַט
א. ליכטענשטיין
ש. ווינער
ב. ריפין
א. פּרעסבערג
הערשל קעסלער
ידל גאָלדשטיין
עלסי און דוד מינץ
חבר טשערנאָווער
שרה און חיים אָקון

דוד שקליאַר
דר. ל. שאַצאָוו
יעקב אָלשאַנסקי
עטקע פינק
ש. בודין
ד. נייבערג
הערי שערמאַן
סעם טוכמאַן
פּאול קאָרעל
ה. רייבינס
א. מאַגידסאָן
ליובאַ און דוד שעפּקאָוויטש
חיים פּלאטקין
ישראל לעווין
חוה און ישראל שורעק
מאַלי גאַרדנער
מאַניאַ קליינבערג
שרה און יעקב מעסטל
סעם ליפּצין
מאיר כאַריטאָן
טוביה וועגדי
יאַנקל גאָלדמאַן
קלאַראַ און ה. דוליצקי
בעלאַ און בנימין גאָלדווירט
וועלוול און באַלטשי וואולקאַן
שמחה און שרה סלאַווסקי
מיני און איזידאָר שאַפּיראָ
יעקב און שרה העבער
סעם און מרים וואָרטסקי
אברהם און פעלא באנדעל
נחום און בעטי וואָלטער
א. פריינט
העלען ראָזעמאַן
אברהם און חנה בלאַט
ראָזע זשעליאַזע
משה פעדער
כיעניע און נחמן מייזיל
בעסי שיינהויז

דוד יאַנושעווסקי
משפּחה שאולזאָן
משה גראָס
זשוליוס בארנבוים
מאַניא סוראַט
משה און רחל סאָליאַרטשיק
סאל און בעסי סטאר
שמואל און דבורה בעקער
טייבל און משה גראַזול
פּערל און מישאַ ראַזמאַן
חבר קליינמאַן
חיים שלמה און בראָניאַ נאַגאָשינער
אידל מאַרקוס
נ. הייקין
אַדעלאַ און קלמן פרידמאַן
פּאָלי און אברהם גאָלדבערג
סאַלאַ גאַרדנער
פייגל און ב. קאַהן
ש. מענדעלסאָן
חנה מעלצער
יאַנקל שפּיגל
רבקה פּאול
יודל און חנה שאַפּיראָ
אברהם שענאַק
דינה קיטאַיניק
משה שאַפּיראָ
סאָפיע בובריק
דאָראַ ריטש
היימאַן סילווער
רחל האלטמאַן
דר. מאַקס שיין
בערטאַ האָרן
דוד זאַסלאוו
מאלי און דוד קאַפּלאַן
משה מילער
היימאַן סוקאָוו
י. זעלדין
רעי קאַפּלאַן

דעטראָיט

איקוף לייען־קרייזן
אייזיק און פּלאָראַ קעסלער
שפרה און שיע קעסלער
נעלי און אב. בערניקער
ריסי און מאָטל שניידערמאַן
חיה גאָלדע און מענדל עסטערין
לאה האַנדלמאַן
רבקה און ישראל האַנדלמאַן
רבקה שויכעט
חיה און משה אַקרענט
שרה און רפאל בלומער
חברים פּ. סיגאל
גאָסי און אהרן דיסטעל
ס. קראַפּט

מעקסיקע

לייען־קרייזן
פּראָגרעסיווע פרויען
פּראָגרעסיווע יוגנט
בנציון גאידזינסקי
צבי קעסל
סוני סיגאַל
משה ביאַלאָס
ש. און חיים מעלצער
אברהם העלפּאַנד
סוני מושינסקי
דר. איסאַק און סאָניאַ אויניק
לעאָן און בעטי ראַבינאָוויטש
איסאַק און בערטאַ סטאָליאַר
בערל און אסתר בערקאָוויטש
סעמועל און אידאַ סטאָליאַר
סעמועל און שרה מאַגידין
פאַניע ראַבעל
כאַיקאָבאָ פּליאַשנער
חיים און מאניע פּערעצמאַן
יוסף פּשישווע
שמעון בילד
מאַקס האַס
איזאַק און כעליאַ וואַרמאַן
לעאָן און געניאַ לובינסקי
איסאַק פּופּקאָ
משה און סימע קאַווע

הערמאַן און ראַ פאַגעל
איסאַק און בערטאַ קוטשיק
אהרן פישביין
די סעוואַרערס
אברהם גאָלדפעדער
אברהם און מלכה גרי
סאָלאָמאָן מאַרקוס־האַמער
משה און עטל מאַרקוס־האַמער
דוד און רות גאָלדבערג
משה און רבקה הייבלום
ראובן און ראָזע נורקאָ
כאַיקאָבא און מאַשאַ האָראָוויץ
לייזער מאָזאיקאָ
בריינע לעווין
ז. נאַכלין
ליטמאַן און זאַשע קאַווע
יוסף לאַנגענויער
הערש און פאַניאַ רעמבא
נאָטאַן געבעל
בעריש ראָזען
אסתר וואָרמאַן
שרה וואָרנאַוויצקי
הערשל און עדנאַ יאַגאָדאַ
לאה און ישראל מאָרגאַן

לאָס־אַנגעלעס

אברהם רייזען לייען־קרייז
ל. גרינשפאַן
ליובא און נייטן האָראָוויץ
ראָז און סעם סטעפקין
גאָלדע און יעקב טשערניצקי
הערי זאַרבין
לאה און זלמן קלאַפּערמאַן
קלארא און אַל. ראָער
מ. ראַטינאָף
רעגינא און חבר גאָלדראַט
חיים קאָטיליאנסקי
מעימי יאשאָן
די לערמאַנס
אַנאַ גאַרקער
בוזי און ש. סעקולער

קלמן מרמר
יוסף קאַראבעלאָ
אדעל און יהושע אַלקאָן
ל. נאָוויקאָוו
מ. רעלין
אסתר און חבר מילער
חברטע און חבר יודצי מארדען
משה קאַפּלאַן
ב. באטלער
וויליאַם קעסנער
חברים רובין
חברים בעדרין
ר. שטיינפעלד
שרה און עד. האהן
נאדיא און יעקב לון
ביטריס און חבר דעגלין
בעקי און מענדל קאַנטאָר
דאָראַ פאַינס
נייטן קרעמער
חברטע און חבר רפאל פאָזנער
מאלי און סעם ראָסין
א. ראָטבלאַט
יוסף און בערטא גאָלדין
ב. פרימאַק
אייב און ליזאַ בערנשטיין
הערי גאָלדשטיין
שייע בראון

שיקאַגע

סידני, בראָניע און מאָטל גאָלדין
מאָריס און סאָניאָ פליישמאַן
מאַקס טאָרג
דר. י. טאלמי
די משפחה מעלניקאָוו
כייקע קאָטלער
קונצי וואָרשאָ
דר. ה. לובין
קאַרל סעדאָוו
שרה פאָט
לזכרון אברהם פאַט
ביילע יאַשאָן

פילאַדעלפיע

לאהקע און יאָסל בראָנשטיין
כייקע און ש. דאַווידזאָן
סאָניאַ און יאָסל טראַכטנבערג
מיני סילווערמאַן

קליוולאַנד

די לייען־קרייזן
יוסף מאָרגענשטערן
משפּחה נ. גאָגאַליק

פאָל־ריווער

די משפּחה קאַנאָוויץ

באָסטאָן

נעמי און ס. בער
אברהם בראָנשטיין
ביילע ליאָן
כאסיע שאַפּיראָ
אידאַ קאָהן

פּאַסייק

יעקב און שרה גאַרבער
דוד און דאָראַ סעלאָף
וועלוול און שו׳ה קוטטין
משה ראָזאָף און פרוי

טשעלסי

פאַניע און נחום וויינשטיין
דר. ה. סטעלער
לזכרון זיין זון יוסף

מיאַמי ביטש

י. ל. פּרץ איקוף־קלוב
לאהקע און יצחק סטענדער
יעקב און אסתר פעלדמאַן

וואנקואווער

לייען־קרייז
ערנבערג, סעקרעטאר

וויניפּעג

לייען־קרייזן
וויקטאָר און שעימס

אוקלאַנד

די חברים פרידמאַן
חבר מישעל

מינעאפּאָלים

די משפּחה סופּאַק

טאָראָנטאָ

שרה און דוד וואַלאַס

מאָנטרעאָל

דער איקוף
שלום און שפרה קרישטאַלקאָ
סאָניאַ און שלום שטערן
נחמן און ליזע רעזניק
רחל און חבר פּרעסמאַן
י. בעקער

פיניקס

פרידאַ נעלסאָן
חברטע רעמרעז

וואקיגאן

זכריה גאָלדמאַן

קאַלגאַרי

י. סטיין און פרוי
זיסל שיינין און פרוי
חברים שווייצער
ב. סמעכאָוו

מער נעמען פון ביישטייערער
אין די קומענדיקע 2 יובליי־ביכער.